STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07639

IN ONHOYB

Jacob Zerubavel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז ר ב ב ל

אין אנהויב

ארטיקלען־זכרונות

זרובבל

אין אנהויב

ארטיקלען־זכרונות

פארלאג „נייע קולטור"
תל־אביב 1938

IN ONHOJB by ZERUBAVEL
Copyright 1938, by J. Witkin, Tel Aviv
Prmted in Palestine

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקערײַ „ליגאָ", רמת־גן — ארץ־ישראל

א י נ ה א ל ט :

פון די ארויסגעבער =

25 יאר־פועלי ציון וועלט־פארבאנד

בלעטער פועלי־ציון־געשיכטע

1. רוסלאַנד :

דער „פּאָלטאַווער פּעריאָד"
די קאָנסטיטואירונג פון דער פּאַרטיי
דער אַריבערפאָר קיין ווילנע
די גראָדנער קאָנפערענץ
דער ווילנער פּעריאָד
דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין קראָקע

2. גאַליציע :

די געזעלשאַפטלעכע כוואַליע שטייגט
די ווינער באַראַטונג
צייטונג, אינטעליגענץ, פּאַרטיי
איך באַקום דעמיסיע
די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע
אַ פּאָר כאַראַקטעריסטיקעס
אויפן ברייטן שליאַך

3. ארץ־ישראל :

איך פאָר צו „האַחדות"
צווישן אַרבעטער (פּועלי־ציון און „הפּועל־הצעיר")
אָנהויבן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע
אין קאַמף פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד
קולטור און שפּראַך
„השומר" און די פּאַרטיי „פּועלי־ציון"

4. אַמעריקע :

אין שליחות פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם
אינעם לאַנד, וווּ „מען מאַכט אַ לעבן"
עפּיזאָדן און באַגעגענישן
אַב. קאַהאַן, ארץ־ישראל און יידיש
דער „זיידע" ווינטשעווסקי
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און די פּאַרטיי „פּועלי־ציון"
כ׳באַגריס אַ שטרייק־פאַרזאַמלונג
ד"ר נחמן סירקינס השפּעה
סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון
זיי וועלן נאָך קומען

פונעם מחבר:

אינעם פאַרליגנדיקן בוך האָט דער מחבר געוואָלט שילדערן, ספּעציעל פאַרן יונגערן דור יידישע אַרבעטער, דעם אָ נ ה ו י ב פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער, אַריינפירן זיי אין דער אַטמאָספער פון די אידעישע, פּרינציפּיעלע און טאַקטיק־קאַמפן, וואָס האָבן אַנומלטן צעטיילט און צעריסן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט און אין ארץ־ישראל.

דער מחבר האָט באַרירט כמעט אויסשליסלעך מאָמענטן, וואָס ער האָט פּ ע ר ז ע נ ל ע ך מיטגעלעבט; דערמיט דערקלערט זיך דער ז כ ר ו נ ו ת־נוסח פון די אַרטיקלען.

דאָ איז געגעבן געוואָרן בלויז דער סאַמע אָ נ ה ו י ב, אין די קומענדיקע בענדער האָפט דער מחבר אַרויסברענגען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין די שפּעטערע יאָרן אויך אין אַנדערע לענדער, וועלכע ער האָט באַזוכט, ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוואַי, רומעניע, שוועדן, מעקסיקע, קובאַ, ראַטנפאַרבאַנד און דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן.

דער מחבר האָט, חוצן זכרון, אויסגענוצט פאַר דער אַרבעט מאַטעריאַלן פון לעמבערגער „יידישן אַרבעטער” און ירושלימער „האַחדות”, וועלכע ער האָט באַקומען אין „אַרכיון העבודה„ ביי דער הסתדרות אין תל־אָביב, כ׳נוץ אויס די געלעגנהייט צו דאַנקען די אָנפירער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע און דעם חבר זאב אַ ש ו ר פאַר זייער פריינטלעכן אַנטקעגנקומען מיינע וועגן דונגען וועגן מאַטעריאַל. די ציטאַטן, וואָס זענען געבראַכט אין די אַרטיקלען וועגן ארץ־ישראל, זענען גענומען פון „האַחדות”

תל־אָביב, אָקטאָבער 1938.

פון די ארויסגעבער

דאָס בוך אַרטיקלען־זכרונות פון חבר זרבבל, וואָס מיר גיבן איצט איבער דער יידישער אַרבעטער־עפנטלעכקייט, איז אַן ערשטער טייל פון דער סעריע שריפטן פון חבר זרבבל, וואָס מיר האָבן זיך פאָרגענומען אַרויסצוגעבן. און דער ערשטער אָפּשניט פון זיינע העכסט־אינטערעסאַנטע „בלעטער צו דער פּועלי־ציון־געשיכטע”. ווייטער האָבן מיר בדעה אַרויסצוגעבן דעם המשך פון די איצטיקע „בלעטער”, אַן אויסוואַל פון חבר זרבבלס צוואָרפענע פּאַרטיי־פּאָליטישע, ליטעראַטור־קריטישע און קולטור־פּאָליטישע אַרטיקלען, ווי אויך זיינע מער פּערזענלעכע זכרונות, וואָס זענען שוין טיילווייז געשריבן און וועלן זיין אַ צירונג פון דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור.

די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן די שריפטן — מיט דער חברישער מיטהילף ביים אַרויסגעבן דעם דאָזיקן ערשטן באַנד — פאַרדאַנקען מיר דעם „זרבבל־קאָמיטעט”, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בוענאָס־איירעס, בשעתן באַזוך פון חבר זרבבל אין אַרגענטינע, כדי צו באַערן דעם 50־יאָריקן יובל פון דעם אויסגעפּרוווטן אַרבעטער־קעמפער און פּועלי־ציון־פירער. דאָס גלייכן האָבן מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן דעם איצטיקן באַנד די חברים פון מאָנטעווידעאָ און פּאַריז, און זיי אַלעמען קומט אַ האַרציקער יישר־כוח.

קיין פּועלי־ציון־פירער ביז איצט איז נישט געוועזן אַזוי ענג און אַזוי פּערזענלעך פאַרבונדן מיט די אויסערלעכע קאַמפן און אינעווייניקסטע ראַנג־לענישן פון דער באַוועגונג אין אַלע אירע לענדער, ווי חבר זרבבל. פון די ערשטע יאָרן אָן, ביי דער זייט פון אונזער גרויסן געניאַלן בער באָראָכאָוו, אין פּאָלטאַווע, מינסק, ווילנע, ביז היינט־צו־טאָג, אין ארץ־ישראל, איז איינ־געבאַקן אין לעבן פון חבר זרבבל, ממש פּיזיש, די פּועלי־ציוניסטישע אַלוועלטלעכקייט, נישט ווי סתם אַ טעאָריע, נאָר ווי אַן עיקרדיקער לעבנס־עלעמענט, ווי גורל. אַזוי יאָר־איין יאָר־אויס, אָן אַן איבעררייס שוין קרוב 35 יאָר, אַ טעטיק לעבן אין שליחות פון אַן אידייע, אָן דער מחיצה פון זייטיקייט און צייטווייליקייט, וואָס צייכנט אויס אַ שליח.

און דעריבער זענען אויך די זכרונות פון חבר זרבבל אַ ברייט שפּיגל־בילד פאַר דער געשיכטע פון פּועלי־ציון כמעט אין אַלע לענדער, הגם אויסערלעך גרופּירט אַרום איבערלעבונגען פון דעם מחבר אין דער באַוועגונג און אַרום איר.

דער טייל פון די זכרונות, וואָס ווערט געגעבן אין איצטיקן באַנד, נעמט

אַרום בלויז „אָנהויבן״: צוערשט דער אָנהויב אין רוסלאַנד, ווייטער אַ שפּאַן אין די ערשטע יאָרן פון פּועלי־ציון אין גאַליציע, שפּעטער — די ערשטע קאַמפּס־יאָרן פון פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל, דערנאָך אַמעריקע... עס איז די ערשטע תקופה פון דער באַוועגונג ביז נאָענט פאַר דער וועלט־מלחמה, און פאַרן חבר זרבבל — די ערשטע הקפה פון זיין פּועלי־ציוניסטישן מאַרשרוט. כמעט אַלע עלעמענטן פון פּועלי־ציון, אויב נישט אַלע, ווייזן זיך שוין דאָ אין לעבן גופא, ווי קערנער, וואָס גרייטן זיך אויפצושפּראָצן און אַרויפבּרענגען נייע פראַגן, נייע פּראָבּלעמען.

נישט בלויז דער יינגערער עולם, וואָס האָט נישט מיטגעמאַכט יענע צייטן, און זיי זענען אים צום גרעסטן טייל געבליבן אומבאַקאַנט, צוליב דער בערך שוואַך אַנטוויקלטער פּועלי־ציוניסטישער ליטעראַטור פון זכרונות און פּאַרטיי־געשיכטע — וועלן אין דעם בוך געפינען אַן אויסערסט נוצלעכן, באַ־לעבטן אינטערעסאַנט און פּאָפּולער געשריבענעם אַריינפיר צו דער געשיכטע פון פּועלי־ציוניזם און זיינע פּראָבּלעמען אין דער אָנהויב־תקופה — נאָר אַפילו יענע חברים פון עלטערן דור, וואָס זענען אַליין געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די געשעענישן, וועלן דאָ געפינען גענוג אומבאַקאַנטע פאַקטן, נייע שטריכן און כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס וועלן זיי העלפן אויפלעבן אין זכרון די פאַרגאַנגענע צייטן. עס איז, אמת, נישט געשיכט־שרייבונג, אָבער געשיכטע. ניי איז באַזונדערס דאָס קאַפּיטל וועגן ארץ־ישראל, וואָס דעקט־אויף פּרטים און זאַכן, וועלכע מען פאַרשטעלט און פאַרווישט ביי אונז זייער גערן.

ווי אַ הקדמה צום בוך זכרונות האָט חבר זרבבל אַוועקגעשטעלט זיין בראַשור וועגן „25 יאָר פּועלי־ציון״, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1931 אין פאַר־לאַג פון דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־פּאַרטיי — עס איז אין גרונט אַ געשיכ־טע פון פּועלי־ציוניזם אין אַ מער טעאָרעטישער פאָרמולירונג. באַוווסטזיניק אַוועקגעשטעלט די אידייע בראש — די פאָן פון באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם איבערן בוך, וואָס איז מיט אים אויסגעפילט פון ברעג צו ברעג.

תל־אָביב, אָקטאָבער 1938.

25 יאָר פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד

I.

די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער אין דער גאַרער וועלט פייערן איצט דעם 25־יאָריקן יובילײ פון דער ערשטער אַלוועלטלעכער יידישער פּראָלעטאַרישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין האַג (האָלאַנד) איז אין יאָר 1907 פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע לענדער און דאָרט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דעם פּועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד.

מען האָט שוין מיט אַ צייט פאַר דער קאָנפערענץ ביי די פּועלי־ציון גערעדט שטאַרק וועגן דעם פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט אין שייכות מיט דער יידנפראַגע; מען האָט אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק, אַז הגם די יידישע מאַסן וווינען אין פאַרשידענע לענדער און פירן אין יעדן אָרט אַן אַנדער אַרט לעבן, פונדעסטוועגן שטעלן זיי מיט זיך פאָר אײן אײנהײטלעכן אָרגאַניזם, וועלכער האָט ענלעכע כאַראַקטער־שטריכן אומעטום, וווּ זײנע טײלן זאָלן נישט זײן צעוואָרפן. פון דאַנען האָבן די פּועלי־ציון פּיאָנערן געדרונגען, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע עיקרדיקע קאַמפּס־אויפגאַבן, וועלכע מוזן זײן אײנהײטלעכע פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין דער גאַרער וועלט. אָבער די אַלע רייד וועגן אַלוועלטלעכקייט זענען געווען בלויז טעאָריע. מען האָט דיסקוטירט וועגן אַזאַ פּרינציפּ, זיך געחקרנט און געבליבן ביי אַבסטראַקטע געדאַנקען. ערשט אין האַג האָט דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט פון יידישע אַרבעטער אַנגענומען אַ קאָנקרעטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם און דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די אײנהײטלעכע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געזאָלט אין דער פּראַקטיק פאַראײנהײטלעכן די האַנדלונגען און טאַטן פון די יידישע אַרבעטער אין די פאַרשידנסטע לענדער פון דער וועלט.

דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט איז נישט געווען דער אײנציקער

מאָטיוו פאַר שאַפן אַן איינהייטלעכן וועלט-פאַרבאַנד. דער עיקר יסוד פאַר דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער איינהייטלעכער צוגאַנג צו די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, די אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע לגבי דעם אַרבעטער-קלאַס און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט די פעסטשטעלונג פון דעם קאַמפּס-פּראָגראַם פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, נעמענדיק אין אַכט זיינע אייגנאַרטיקע נויטן און באַדערפענישן.

דער טראָפּ איז גלייך לכתחילה געשטעלט געוואָרן אויף די נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דעם קלאַסן-פּראָגראַם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער סאָציאַליזם בכלל איז ביי די פועלי-ציון אָנגענומען געוואָרן נאַטירלעך, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וועלכע מען דאַרף גאָר נישט דערווייזן און באַגרינדן. ס'האָבן שוין עקזיסטירט ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ יענע באַוועגונגען, וועלכע האָבן פּראָפּאַגאַנדירט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דער יידישער סביבה. זיי האָבן אַפּעלירט צום יידישן פּראָלעטאַריער ווייל ער איז דאָך אויך אַ פּראָלעטאַריער גלייך ווי יעדער אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. זיי האָבן נישט געזען דאָס אייגנאַרטיקע אין לעבן פון יידישן פּראָלעטאַריער, איז די גאַנצע סאָציאַליסטישע טעאָריע פאַרן יידישן אַרבעטער געווען נישט מער, ווי אַ שפּראַכלעכע איבערזעצונג פון דער סאָציאַליסטישער תורה ביי דעם אַרבעטער-קלאַס פון אַנדערע נאַציעס.

די פועלי-ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען די יעניקע, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער מאַרקסיסטישער פאָרשונג פון די אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען פון דער יידישער סביבה; אַדאַנק איר האָט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם ספּעציפישן יידישן לעבן, איינגעזאַפּט אין זיך אַלע זיינע אייגנטימלעכקייטן און באַוויזן צו געבן דעם איינציקן ענטפער אויף אַלע פאַרוויקלטע פראַגן און אין משך פון דורות אָנגערייפטע נויטן פון דער אויפגייענדיקער יידישער פּראָלעטאַרישער ווירקלעכקייט.

אין וואָס זשע איז באַשטאַנען דער היסטאָרישער אויפטו פון דער פועלי ציוניסטישער באַוועגונג, און ווי זעט ער אויס אין ליכט פון דער איצטיקער עפּאָכע?

II.

פועלי-ציון האָבן אויסגעלערנט די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג צו טראַכטן וועגן פּראָבלעמען. נעמען פאַקטן, נישט ווי זיי שטייען, נאָר אין זייער גאַנג, דערגרונטעווען זיך זייערע סיבות, אויסגעפינען זייער אָפּשטאַמונג און, לויט דעם, פעסטשטעלן זייער ווייטערדיקן לויף.

אויב אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־גאַס האָט זיך שוין געהאַט איינגעע־בירגערט דער מאַרקסיזם, און ווער ס׳האָט געוואָלט נעמען אַ שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן, האָט זיך געמוזט ווענדן צו זייער עקאָנאָמישן אור־שפּרונג, איז אָבער דאָס יידישע פאַרשונגס־פעלד געווען אינגאַנצן פאַרוואָר־לאָזט און פאַרמיסטיקט. די ערשטע פּאַרטיי פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, דער „בונד", האָט זיך נישט געגעבן די טירחה אַריינצובליקן טיפער אין די דערשיינונגען פון יידישן לעבן און פאַרשטיין פון וואַנען זיי נעמען זיך. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ שוין פאַרטיקן שאַבלאָן, מיטן טראַפאַרעט פון גאַנגבאַרער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן פינצטער־ניש, קעגן פאַרשקלאַפונג. ער האָט אַפילו נישט געפּרוווט צופּאַסן דעם שאַבלאָן צום יידישן לעבן, צו זיין ספּעציפישן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקן פּרצוף. אין דעם באַשטייט דאָך דאָס שאַבלאָנאַרטיקע, וואָס עס וויל נישט וויסן פון אייגנאַרטיקייטן, און אַלע יונים האָבן ביי אים איין פּנים.

דער „בונד" האָט געזען דאָס ספּעציפישע אין יידישן אַרבעטער־לעבן בלויז אין זיין באַזונדער שפּראַך, אין דעם „זשאַרגאָן", וועלכער איז אָבער נישט מער ווי אַ טעכניש מיטל ביים פאַרשפּרייטן די אַלגעמיינע סאָציאַ־ליסטישע לערע. דער טעכנישער מאָמענט איז, פאַרשטייט זיך, נישט דער דע־צידירנדיקער — דער „בונד" האָט דעריבער נישט געזען קיין שום אייגנאַר־טיקע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיי האָבן צו לייזן.

פּועלי־ציון האָבן איינגעפירט דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אין דער פאָרשונג פון יידישן לעבן. זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאָרשן די יידישע סביבה לויט אַ באַשטימטן, מאַרקסיסטישן אופן. דאָס איז געווען אַ נייער צוגאַנג צו פאַקטן און דערשיינונגען, און צו יענער צייט האָט עס באַדייט ממש אַ רעוואָלוציע אין דעם וועלט־באַנעם נישט נאָר פון די יידישע מאַסן, נאָר אויך פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער מעכטיקער השפּעה פון אַחד העם און זיין „גייסט"־פילאָזאָפיע.

די „יידישקייט" האָט זיך עפּעס נישט אַריינגעפּאַסט אינעם אָנגענומענעם מאַטעריאַליסטישן געשיכטס־באַנעם. ביי דער שוועל פון יידישן געטאָ האָט מען זיך אויסגעטאָן פון מאָדערנע אייראָפּעישע באַגריפן און צוריק אָנגעטאָן די צעלעכערטע פאַנטאַפל פון אַלטפרענקישע, רעליגיעזע אַבסאָלוטן. „יידישקייט" איז אַן אייביקע סובסטאַנץ, „נצח ישראל לא ישקר". דער איינציקער מיטל, ווי צו באַקעמפן אָט די „יידישקייט" איז געווען: אויסצודרייען זיך מיטן

רוקן צו דער יידישער ווירקלעכקייט, אַנטלויפן פון איר, איבעררייסן מיט איר יעדע פאַרבינדונג. ס׳איז געווען פעסט דאָס געפיל, אַז קוים בלייבט ווייטער עקזיסטירן די יידישע סביבה, מוז זי בלייבן אַלס אינטעגראַלער טייל פון דער דריי־איינִיקייט: גאָט, יידיש פאָלק און תורה — ס׳איז איינס, אַ גאַנצע, אומ־צעטיילבאַרע איינהייט. ווער ס׳נעמט אָן איין טייל, מוז לאָגישערהייט אָנער־קענען אויך די אַנדערע טיילן, דאָס גאַנצע.

סאָציאַליזם איז געווען אויך יענער זייט פון יידישן פאָלק, מזוק פון יידישער געשיכטע. ס׳איז געווען די באַגינען־צייט, ווען סאָציאַליזם האָט באַהערשט די מוחות און הערצער, ווי אַ ווייטער חלום, ווי אַ צוקונפט־טרוים, וועלכער וועט פאַרווירקלעכט ווערן פאַר קינדס קינדער און וועט שאַפן איין פאָלק פון דער גאַנצער מענטשהייט. געבוירן אין שויס פון אויפגייענדיקן קאַפּיטאַליזם, גענערט פון אויפפלאַקערנדיקן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַ־פּיטאַל, די צוויי מעכטיקע אַנטיפּאָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, האָט דער יונגער סאָציאַליזם נישט געוואָלט וויסן און הערן פון נאַציאָנאַלע מאָמענטן; ער האָט איגנאָרירט די סאָציאַלע קאָנפליקטן צווישן שווך־עק־זיסטירנדיקע פעלקער, אין וועלכע ס׳ווערן אַריינגעצויגן אומגערן אויך די אַרבעטער־מאַסן, ווייל זיי קאָנען נישט באַשטימען זייער אייגנטלעכן קלאַסן־אינטערעס אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן און לויט דעם פעסטשטעלן זייער באַציונג צו די סאָציאַלע קאַמפן פון זייער „נאַציאָנאַלער" בורזשואַזיע.

III.

דער פּועלי־ציוניזם האָט דער ערשטער געגעבן אַ מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פונעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. מאַרקס האָט נישט באַוויזן קלאָר צו פאָרמולירן דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די ערשטע צייט איז דעריבער דער סאָציאַליזם אויפגעפאַסט געוואָרן, ווי אַ קאָסמאָפּאָליטישע וועלט־אַנשויונג, וועלכע נעגירט און לייקנט דעם עצם פאַקט פון דער נאַציע און דעם באַדייט פון דער נאַציאָנאַלער סביבה פאַרן קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט די ערשטע צייט געהאַט צו טאָן מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון מערהייטס־נאַציעס, מיט דעם אַרבעטער־קלאַס פון טעריי־טאָריאַלע פעלקער. דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם איז אין לעצטן סך־הכל דער קאַמף פאַר מאַכט, וועלכע דער אַרבעטער־קלאַס קאָן געווינען, ווען ער וועט געווינען די מאַכט־פּאָזיציעס אין דער מלוכה. פאַרן פּראָלעטאַריער פון דער מלוכהשער מערהייטס־נאַציע זענען די באַגריפן נאַציע און מלוכה צונויפגעפאַלן, געווען איינס און דאָסזעלבע. האָט אים דער סאָציאַליזם גערופן

צו קעמפן קעגן דער עקזיסטירנדיקער מלוכה־אָרדנונג, — האָט עס געמיינט אַ קאַמף קעגן זיין בורזשואַזיע, קעגן די הערשנדיקע קלאַסן פון זיין פאָלק. ער האָט מיט זיי נישט געזוכט זיך צו פאַרשטענדיקן צוליבן אינערלעכן קאַמף. דאָ זענען זיי געשטאַנען אין פולער באַוואָפנונג איינער קעגן צווייטן: קלאַס קעגן קלאַס. איז נישט געווען קיין אָרט און קיין פאַרשטענדעניש פאַרן נאַציאָנאַלן מאָמענט אינעם קלאַסן־קאַמף. ריכטיקער: פאַרן פּראָלעטאַרישן אינטערעס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אָט דעם בלויז אין דער סאָציאַליסטישער לערע האָבן אינגיכן דערפילט די פּראָלעטאַריער פון די מינדערהייטס־פעלקער. דאָס פאָלק איז געדריקט געוואָרן פון די הערשנדיקע מערהייטס־פעלקער, און פון דעם נאַציאָנאַלן דרוק האָבן געליטן אַלע קלאַסן פון דער אונטערדריקטער נאַציע; אויך דער אַרבעטער־קלאַס. צוליבן געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן דרוק האָט זיך איין קלאַס געטוליעט צום צווייטן און ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט אַ געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער פראָנט, כדי אָפּוועֶרן די געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע סכנה. האָט זיך געשאַפן אינעם באַוווסטזיין פון דעם אַרבעטער אַ קאָנפליקט צווישן זיין נאַציאָנאַלן אינטערעס, וועלכער האָט אים דיקטירט נאַציאָנאַלע אחדות מיט זיין בורזשואַזיע, און דעם קלאַסן־אינטערעס, וועלכער האָט פון אים געפאָדערט צו שפּאַלטן די נאַציע און פירן אַ קלאַסן־קאַמף מיט דער זעלבער בורזשואַזיע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָוועקגעקוקט פון אָט דעם פּראָבלעם און אַ צייט לאַנג נישט געגעבן קיין שום ענטפער דעם אַרבעטער, וואָס ער זאָל טאָן בנוגע זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. על פּי רוב איז עס אָבער פאַרשטאַנען געוואָרן אַזוי, אַז דער אַרבעטער דאַרף אין זיך דערשטיקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, ווייל ס׳איז נישט מער, ווי אַ רודימענט, אַן איבערבלייבעניש פון דער אַלטער פאַרגאַנגענער געשיכטלעכער תקופה, ווען די נאַציע האָט נאָך אַלס גאַנצע איינהייט באַאיינפלוסט דאָס לעבן און די פסיכיק פון יעדן מיטגליד אירן. איצט איז עס נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מיטל ביי דער בורזשואַזיע צו פאַרטונקלען דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און פאַנגען אים אין די נעצן פון נאַציאָנאַליסטישן שגעון, פון שאָוויניזם. דער סאָציאַליזם האָט נישט צו טאָן מיטן נאַציאָנאַליזם. זיי זענען זיך דם־שונאים און דערקלערן איינער דעם צווייטן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

כל־זמן די נאַציאָנאַלע סכנה פון דרויסן איז נישט געווען גענוג שאַרף און צייטיק, האָט די איבערהאַנט געהאַט דאָס סאָציאַליסטישע באַוווסטזיין, וועלכער האָט זיך געשפּייזט פון טאָג־טעגלעכע צוזאַמענשטויסן אויפן אינער־

לעכן פראָנט פון סאָציאַלע פּאַרהעלטענישן, און דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט געבליט און געפּירט די גרענדע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער בראָך איז געקומען שפּעטער, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און דאָס „פאָטערלאַנד" איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין געפאַר. מיליאָנען פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען דערציוגן געוואָרן אין דער לערע, אַז זיי האָבן נישט קיין שום פאָטערלאַנד, האָבן פּלוצים דערפילט אַ מעכטיקן שטויס אין האַרצן און נישט געקענט ביישטיין דעם אור־אינסטינקט, וואָס האָט זיי דיקטירט צו פאַרטיידיקן זייער נאַקעט לעבן, זייער פיזישע עקזיסטענץ; זיי האָבן זיך נישט געלערנט, ווי צו טאָן דאָס אָן דעם נאַציאָנאַלן פראָנט מיט דער אייגענער בורזשואַזיע, — האָבן זיי זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס.

די איגנאָרירונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אָן ספק געווען איינע פון די וויכטיקסטע הויפּט־סיבות, פאַרוואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געליטן אַזאַ שענדלעכע מפּלה אין יאָר 1914 און מיליאָנען סאָציאַליסטן זענען אַרויס מיט געווער אין האַנט איינער קעגן דעם צווייטן צו פאַרטיידיקן יעדערער זיין, פּלוצים פון פינצטערניש אויפגעטויכטן, פאָטערלאַנד.

אָבער שוין אין 1903—1904 האָבן פּועלי־ציון דורך באַראָכאָוון אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער דרינגלעכקייט און אין פולן פאַרנעם די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין אויסטראַכטעניש פון דער בורזשואַזיע, נאָר אַ פּראָדוקט פון רעאַלע לעבנס־באַדינגונגען. פּונקט ווי די קאָנפליקטן צווישן דעם וווקס פון די פּראָדוקטיווע כוחות און דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציע־באַציונגען בילדן דעם תוך פונעם סאָציאַלן פּראָבלעם און דעם סטימול צום קלאַסן־קאַמף, בילדן־אויס די קאָנפליקטן צווישן דעם וווקס פון די זעלבע פּראָדוקטיווע כוחות און דעם סכום פּראָדוקציע־באַדינגונגען דעם תוך פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און דעם טרייב־מאָטיוו צום נאַציאָנאַלן קאַמף.

טריי דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, ווי צו אַנאַליזירן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, דעקן־אויף די פּועלי־ציון דעם מאַטעריעלן אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און אין שייכות דערמיט דעם באַזונדערן קלאַסן־אינטערעס פון יעדן טייל פון פאָלק צו דעם אויסערלעך איינהייטלעכן, בשותפותדיקן, נאַציאָנאַלן גורל. דער נאַציאָנאַלער קאַמף ווערט געפירט פאַר מאַטעריעלע ווערטן, פאַרן גאַנצן סכום פּראָדוקציע־באַדינגונגען, וועלכע ווערן צונויפגענומען און איינגעשלאָסן אין דעם הויפּט־רעזערוואַר פונעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן — אין דער טעריטאָריע. איז טאַקע די שאַרף פונעם נאַציאָנאַלן קאַמף געווענדעט צו דעם טעריטאָריאַלן באַזיץ פון דער

נאַציע. אָבער נישט נאָר צו איר. אַזוי ווי די קלאַסן אין דער נאַציע געפינען זיך אין אַ פאַרשידענער, צווישן זיך קעגנזעצלעכער, שייכות צו דער טעריטאָריע און צו אַלע אַנדערע מאַטעריעלע קנינים פון פאָלק, וואַקסן אויס ביי יעדן קלאַס, אַנדערע, פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט זענען די אינטערעסן פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ און זיין קאַמפּס־באַזע, פּונקט ווי די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אַגראַריער און גרויס־בורזשואַזיע זענען די אינטערעסן פון ערד־אייגנטום, פון רענטע, פּאָליטישער מאַכט, און פון דער מיטל־בורזשואַזיע — די אינטערעסן פון געברויכס־מאַרק און ד. גל.

דער נאַציאָנאַליזם פון פּראָלעטאַריאַט איז נישט אין סתירה צו זיינע קלאַסן־אינטערעסן; אַדרבא, ער ציט זיין יניקה פון זיי און ווערט דורך זיי געקרעפטיקט. אומנאָרמאַלע פּראָדוקציע־באַדינגונגען פון דער נאַציע פאַרשמעלערן דעם אַרבעטספּלאַץ פון אירע אַרבעטער־מאַסן, שאַפן די אילוזיע פון האַרמאָניע און סטימולירן אַחדות־געפילן ביי אַלע אירע מיטגלידער, טעמפּן אָפּ די קלאַסן־קעגנזאַצן און רופן זיך אָפּ שעדלעך אויף דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־קאַמף.

ממילא ווייזט זיך אַרויס אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט די קלאַסן־סטרוקטור פון דער נאַציע: יעדער קלאַס שטעלט זיך אַנדערע צילן, לויט זיין קלאַסן־לאַגע און קלאַסן־אינטערעס. איז שוין דערפון קלאָר, אַז אויך דער וועג צו דער נאַציאָנאַלער פרייהייט איז ביי יעדן קלאַס אַן אַנדערער, זיינער, אַן אייגענער קלאַסן־וועג.

די פּועלי־ציון האָבן די ערשטע אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געשטעלט מאַרקסיסטיש דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און געגעבן אויף אים אַ מאַרקסיסטישן ענטפער.

IV.

די איינציקע ריכטיקע מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל האָבן די פּועלי־ציון אָנגעווענדעט אויך בנוגע דער יידנפראַגע.

נישטאָ קיין יידנפראַגע סתם, וועלכע איז איינגעוויקלט אין שמות פון מיסטיק, און פון וועלכער מען קאָן פּטור ווערן דורך געלונגענע סאָציאַליסטישע שפּרוכן. ס'איז נישט די פראַגע פון סתם פּלאָגן, פּורעניותן, וועלכע שיטן זיך אָן אויפהער אויף יידישע קעפּ פון דעם אַנטיסעמיטישן אַרבל פון הערשנדיקן רעזשים. די אייגנאַרטיקע יידישע לאַגע איז אַ פּראָדוקט פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, און איר כאַראַקטעריסטישער שטריך איז די ספּעציפי־

שע עקאָנאָמישע סטרוקטור, דער אומגעזונטער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער מאַסע: די אָפּגעריסנקייט פון דער אורפּראָדוקציע פון דער גרויס־אינדוסטריע, דער צו־גרויסער פּראָצענט פונעם האַנדלס־עלעמענט און די ממש פאַרפּלייצנדיקע כוואַליע פון אומפּראָדוקטיווע, פּאַראַזיטישע שיכטן אין דעם יידישן פאָלק. דאָס אַלץ איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון ביזאַהעריקער אַנטוויקלונג אַלס עקסטעריטאָריאַלע מינדערהייט; אין דער זעלבער צייט איז עס אויך גורם צו אַלע ווייטערדיקע אומנאָרמאַלע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן, צו אָפּטער אַרבעטסלאָזיקייט, צו עמיגראַציע א. ד. גל.

פּועלי־ציון האָבן מאַרקסיסטיש אויפגענומען דאָס יידישע פּראָבלעם, ווי אַ סאָציאַל ־ עקאָנאָמיש פּראָבלעם און האָבן זיך גלייך פון אָנהויב געשטעלט פעסט אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט. אַוודאי עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק און דער יידישער אַרבעטער קאָן זיך נישט אַרויסדרייען פון די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון גאַנצן פאָלק. ער פאַסט זיי אָבער אויף אויף זיין אייגענעם קלאַסן ־ שטייגער. זיין אויסגאַנגס־פּונקט איז נישט דער אינטערעס פונעם כלומרשט גאַנצן פאָלק, נאָר דער אייגענער קלאַסן־אינטערעס פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער נאַציאָנאַלער דרוק לייגט זיך מיט זיין הויפּט־לאַסט אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטער, — ווערט בכן דער אַרבעטער־קלאַס דער טרייעסטער קעמפער זויך פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט. ביים אַרבעטער איז עס אָבער נישט קיין באַזונדערער נאַציאָנאַלער קאַמף, נאָר די ראַם און פאָרם פון זיין אַלגעמיינעם קלאַסן ־ קאַמף.

וויבאַלד מיר האָבן בנוגע דער יידנפראַגע צו טאָן מיט דערשיינונגען פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער, איז קלאָר, אַז די פּאָליטישע גרענעצן פון די עקזיסטירנדיקע מלוכות שפּילן דאָ נישט קיין אַנטשיידנדיקע ראָל. די יידישע מאַסן זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער זיבן ימען און דורך די עמיגראַציע־שטראָמען ווערן זיי אַריבערגעוואָרפן הונדערטער טויזנטערווייז אין נייע לענדער, ווו עס בילדן זיך אויס נייע יידישע ישובים. דיזעלבע סיבות פירן אומעטום אין דיזעלבע באַדינגונגען, צו דיזעלבע רעזולטאַטן, און די יידנפראַגע ווערט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אויף ווי ווייט די יידישע מאַסן באַמיען זיך אומעטום אויסצופילן די פאָרן און שפּאַלטן אין דעם אַנאַרכישן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

די יידן־פראַגע באַקומט וואָס ווייטער אַלץ מער און דייטלעכער דעם כאַראַקטער פון אַן אַלוועלטלעכן פּראָבלעם.

V.

אויף דעם באָדן פון דער אומעטומיקער ענלעכקייט און אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור וואַקסן אויס ענלעכע און אייגנאַרטיקע נויטן און באַדערפעניש בײַ די יידישע אַרבעטער און ס'ווערן רייף די באַדינגונגען פאַר דער אַנטשטייונג פון אַן **אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער באַוועגונג.**

דער יידישער אַרבעטער איז היינט אין איין לאַנד, און מאָרגן איז ער געצוואונגען אַריבערצוואַנדערן אין אַ צווייטן לאַנד. אויך דאָרט איז ער נישט איינגאַנצן פאַרזיכערט מיט זיין אַרבעטס־פּלאַץ און אומעטום פאָלגט אים נאָך די אייגנאַרטיקייט פון יידישןווירטשאַפטלעכן לעבן. מוז די אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער געבויט ווערן ווי אַן אַלוועלטלעכע **אינטער־טעריטאָריאַלע** באַוועגונג, וועלכע באַגלייט דעם יידישן אַרבעטער זיין גאַנצן לעבנסוועג און פירט אַן דעם קאַמף פאַר זיינע נויטן אומעטום, ווו ער שלאָגט־אויף זיינע געצעלטן, ווו ער פעסטיקט זיך איין אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שעפּט אָבער די באַגייסטערונג פאַר זיין קאַמף, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס, נישט פון זיין איצטיקער נויט און קוועלנדיקער פּיין. דערמיט וואָלט ער העכסטנס געקאָנט שפּייזן זיין געפיל פון צאָרן און פאַרביטערונג קעגן די הערשער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דאָס איז צו קנאַפּ און ווינציק, כדי צו באַפליגלען זיין גייסט און דערהויבן אים צום מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

דעם פּאַטאָס פאַרן קאַמף געווינט דער אַרבעטער־קלאַס פון דעם, וואָס ער דערקענט די טענדענץ פון די סטיכישע פּראָצעסן, וועלכע פירן צו ווירטשאַפטלעכער איבעראַנדערשונג. זיי ווייזן זיך שוואַכע און בלאַסע נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, זיי מוזן זיך אָבער אומפאַרמיידלעך אַנטוויקלען מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט אַלץ מער ביז צום אומברענגען די היינטיקע וועלט און דעם אויפבוי פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַזוי האָבן אויך די פּועלי־ציון געבויט די קאַמפּס־פּראָגראַם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אויפן **פּראָגנאָז** פון די סטיכישע איבעראַנדערשונגס־פּראָצעסן אין יידישן לעבן, וועלכע מוזן מיט אייזערנער נויטווענדיקייט נאָרמאַליזירן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון יידישן פאָלק און שאַפן די געזונטע סטראַטעגישע באַזיס פאַרן קלאַסן־קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער עיקר פאַרדינסט פון דעם מאַרקסיזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דורך זיין פּראָגנאָז אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג, מיט וועלכן ס'איז פאַרשלייערט די צוקונפט, און געוויזן דעם פּראָלעטאַריאַט דעם **זיכערן וועג**

צו זיין באַפרייונג. קעמפן פאַר די טאָג־נויטן פון איינצלנע אַרבעטער קאָן מען אויך אָן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; אָבער כדי צו קעמפן פאַרן גורל פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס אַלס קאָלעקטיוו, מוז מען דורכויס פאַרמאָגן די איבערצייגונג אין דער זיכערקייט און אומפאַרמיידלעכ־קייט פון דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. די טאָג־נויט איז דער טרייב־מאָטיוו פון קאַמף; די סאָציאַליסטישע פערספּעקטיוו פאַרשאַפט די זיכערקייט אינעם ניצחון.

פועלי־ציון האָבן אויפגעוויקלט פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן די פערספּעקטיוו פון זייער ניצחון אין קאַמף פאַר זייער סאָציאַלער און נאַ־ציאָנאַלער באַפרייונג און דערמיט האָבן זיי געגעבן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אַן אידייע, אַ קאָלעקטיווע נשמה, אַ דאַנק וועלכער די מיליאָנען יידישע פּראָלעטאַריער זענען צעמענטירט געוואָרן ווי איין אַלוועלטלע־כער קאַמפס־קאָלעקטיוו מיט איינהייטלעכע אויפגאַבן.

VI.

די אידייע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַלס קאָלעקטיוו האָבן פּועלי־ציון נישט אויסגעטראַכט, נאָר דערקענט און אויפגענומען אין די סטי־כישע פּראָצעסן פון ווירטשאַפטלעכער איבעראַנדערשונג פון יידישן לעבן. דאָס זענען די פּראָצעסן, וועלכע פירן צו סאָציאַלער אומשיכטונג און פּראָדוקטי־וויזירונג פון די יידישע מאַסן, צו זייער אַגראַריזירונג און אינדוסטריאַליזירונג אין די פאַרשידנסטע לענדער פון זייער ביזאַיצטיקער קאָנצענטרירונג און אין די ניי־אַנטשטייענדיקע קאָמפּאַקטע יידישע ישובים. מיט זייער פּאָזיטיווער באַציונג צו די קאַמפס־אויסזיכטן אין די לענדער פון יידישן מאַסן־ישוב, האָבן פּועלי־ציון זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון די אַנדערע סאָציאַליסטיש־טעריטאָ־ריאַליסטישע גרופּן, וועלכע האָבן זייער טעריטאָריאַליזם געבויט אויסשליסלעך אויף דער נעגירונג פון „גלות". פּועלי־ציון זענען אַרויס מיט דער גאַנצער קראַפט קעגן אַלע מינים טעאָריעס, וועלכע האָבן געלייקנט יעדע אויפלעב־מעגלעכקייט פאַר די יידישע מאַסן אין די אַזוי גערופענע „גלות"־לענדער און געלייגט די האָפנונג נאָר אויף דער נייער טעריטאָריע, אויפן יידישן „פרייל־אַנד". פאַרקערט, פּועלי־ציון האָבן איינגעזען די אויפבוי־טענדענץ פון יידישן מאַסן־לעבן אין „גלות" און אויפגעשטעלט אַ ברייטן פּראָגראַם פון סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע פאָדערונגען, פאַר וועלכע דער יידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קעמפן, און וועלכע ער וועט פאַרווירקלעכן דאָ, אויף די ערטער, וווּ ער גע־פינט זיך שוין.

פּועלי־ציון האָבן זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיטן בונדישן לאָזונג

פון נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע; אַלס מאַרקסיסטן האָבן זיי באַטראַכט די דערשיינונגען פון גייסטיקער קולטור, פון פסיכישן כאַראַקטער, ווי פּראָדוקטן פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אוודאי האָבן זיי געוווּסט דעם ווערט און באַדייטונג פון שפּראַך פאַרן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס. אָבער פונקט אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז די באַזונדערע יידישע שפּראַך איז אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל די יידישע מאַסן וועלן אויפהיטן אויך אויף ווייטער אַ בערך זעלבשטענדיקן ווירטשאַפטלעכן לעבן, אויף וויפל זיי וועלן זיך געפינען אין קאָמפּאַקטע צענטרען. די פאָדערונגען פון רעכט און פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך זענען פון פּועלי־ציון דעריבער אַרויסגעשטעלט געוואָרן נישט ווי איינציקע און אַפילו נישט ווי דאָמינירנדיקע, נאָר ווי אָרגאַנישע אברים פון דער גאַנצער פּלאַטפאָרם פון נאַציאָנאַל ־ פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע מאַסן. די דאָזיקע פּלאַטפאָרם האָט איז זיך כולל געווען אין פולן אומפאַנג אַלע נויטן און באַדערפענישן, וועלכע שטאַמען פון דער ספּעציפישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יידישן מאַסן־לעבן.

VII.

אַנאַליזירנדיק מאַרקסיסטיש די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, די דינאַמיק פון דער יידישער אומעטומיקער ווירקלעכקייט, האָבן פּועלי־ציון דערקענט די טענדענצן אויך פון יענעם סטיכישן פּראָצעס, וועלכער פירט צו דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע, צו איר איינוואָרצלונג דאָרט אין אַלע גרונט־צווייגן פון דער פּראָדוקציע און קאָנצענטרירטער קאָמפּאַקטער קאָלאָניזאַציע, וועלכע באַקומט דעם העכסטן אויסדרוק אין דער טעריטאָריאַליזירונג פון דעם יידישן לעבן.

נישט ווייל ארץ־ישראל איז געווען דאָס לאַנד פון נאַציאָנאַלן יידישן עבר, און אויך נישט ווייל פּאַלעסטינע איז די בעסטע טעריטאָריע פון אַלע טעריטאָריעס, וווהין יידן פאָרן, האָבן פּועלי־ציון פאַרפיקסירט די אויפמערקזאַמקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אויפן דאָזיקן לאַנד; זיי האָבן אויפגענומען דעם לאָזונג פון טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזען פּאַלעסטינע אינעם פּראָגנאָז פון דער יידישער ווירטשאַפטלעכער דינאַמיק און זי איז געווען איינגעוועבט אין דער פּערספּעקטיוו פון יידישער סאָציאַלער אומשיכטונג אַלס דער איינציקער פונקט, ווו ס'קומט פאַר די טעריטאָריאַליזירונג.

שטייענדיק אויפן באָדן פון סטיכישן פּראָצעס, האָבן פּועלי־ציון לייכט פאַרענטפערט די פראַגע, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט געעגבערט די מוחות פון

ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן, וועגן „דאָ" און „דאָרט". ווער איז בילכער — די אַרבעט אין „גלות", צי די אַרבעט אויף דער טעריטאָריע? אָדער, ווי די דעניאַלטיקע „סיימיסטן" האָבן זי געשטעלט: וועלכע אַרבעט דאַרף פריער, צו ערשט געטאָן ווערן — די אַרבעט דאָ, צי די אַרבעט אינעם פרייַלאַנד? ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז כדי צו פאַרווירקלעכן דעם טעריטאָריאַליזם, מוז מען צוערשט אַנזאַמלען דאָ די נויטיקע כוחות, פּאָליטישע און פינאַנציעלע, און דערנאָך זיך אַנעם טאָן צו דער אויפבוי־אַרבעט אויף דער טעריטאָריע.

דערויף האָבן די פועלי־ציון געענטפערט, ווי מאַרקסיסטן: ביידע בילכער. ביידע אַרבעטן ווערן געפירט גלייכצייטיק, ווייל דאָס זענען נישט קיין צוויי באַזונדערע, פּאַראַלעלע פּראָצעסן, נאָר צוויי זייטן פון דערזעלבער מטבע, צוויי אויסדרוקן פונעם זעלבן איינהייטלעכן אומשיכטונגס־פּראָצעס, וועלכער אַנטוויקלט זיך גלייכצייטיק אי דאָרט, אי דאָ. פאַרן גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס האָט אָ ווערט יעדע דערגרייכונג סיי דאָ, סיי דאָרטן, ווייל דאָס העלפט דעם קאַמף פון דעם יידישן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו־אומעטום.

נישט פּאַלעסטינע קעגן אַנדערע לענדער, נישט ארץ־ישראל אַנשטאָט דעם „גלות", אָדער אָפּגעזונדערט און איזאָלירט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט די מיליאָנען יידישע האַרעפּאַשניקעס אין דער גאָרער וועלט. די טעריטאָריאַליזירונג פון יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע, ווי אַן אָרגאַנישער רינג פון דעם אומעטומיקן סאָציאַלן אומשיכטונגס־ און פּראָדוקטיוויזירונגס־פּראָצעס אינעם יידישן לעבן — אַזוי האָבן פועלי־ציון גלייך פון דער ערשטער מינוט אויפגעפאַסט דעם פּאַלעסטינע־פּראָבלעם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

איז דער טעריטאָריאַלער יידישער אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע דעריבער נישט די זאַך בלויז פון דעם באַשטימטן טייל יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכער געפינט זיך צו אַ באַשטימטער צייט, אַדאַנק באַשטימטע אומשטענדן, אין יענעם לאַנד. פועלי־ציון האָבן אויפגענומען דעם פּאַלעסטינע־פּונקט אינעם קאַמפּס־פּראָגראַם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט נאָך דאַן, ווען פּאַלעסטינע האָט געציילט קוים עטלעכע הונדערט יידישע פּראָלעטאַריער. פּאַלעסטינע איז די זאַך פון אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס — דאָס האָבן פּראָקלאַמירט פועלי־ציון נאָך מיט 25 יאָר צוריק — קאָן דער יידישער אַרבעטער־קלאַס בנוגע פּאַלעסטינע האָבן נאָר אַ קלאַסן־אינטערעס און זיין וועג צו דער באַפרידיקונג פונעם דאָזיקן אינטערעס קאָן זיין, ווי בנוגע

אַלע אַנדערע קלאַסן־אינטערעסן זיינע, נאָר און אויסשליסטלעך דער וועג פון קלאַסן־קאַמף.

געוויס זענען אין דעם טעריטאָריאַלן יידישן צענטער אין ארץ־ישראל פאַר־אינטערעסירט אויך אַנדערע קלאַסן פונעם יידישן פאָלק. פונקט אַזוי קאָנען פאָרמעל זיך צונויפטרעפן די אינטערעסן פון פאַרשידענע טיילן פון יידישן פאָלק אין זייערע איצטיקע וווין־ערטער ביי פאַרשידענע פעלן. אָבער אין תוך זענען עס תמיד פאַרשידענע, קעגנזעצלעכע אינטערעסן, און דער פּראָלעטאַ־ריאַט מוז קאָנען אויסגעפינען דעם קלאַסן־קערן אין יעדן כלומרשט אַלגעמיי־נעם נאַציאָנאַלן ענין. אויף דעם דאָזיקן קלאַסן־אינטערעס מוז דער יידי־שער אַרבעטער זיין וואַכזאַם גראָד בנוגע פּאַלעסטינע, וועלכע איז מסוגל מיט דעם שטאַרקן וויין פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק צו פאַרשיכורן די שוואַכע מוחות ספּעציעל פון יענע מאַסן, וועלכע ווערן פּראָלעטאַריזירט ערשט אין ארץ־ישראל גופא און גרייטן זיך באַוווסטזיניק צו אומברענגען זייער לעבן אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלער גאולה.

די אַנטשידענע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־איינשטעלונג בנוגע אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם אויפבוי פון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע און די קלאָרע פאָרמולירונג פון דער פּאָליטישער קאַמפּס־ראָל פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אינעם פּאַלעסטיניזם — דערמיט האָבן פּועלי־ציון ענדגילטיק זיך אָפּגעגרענעצט פונעם בירגערלעכן ציוניזם.

VIII.

די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס זענען אויפגע־פאַסט געוואָרן ווי פּאָליטישע קאַמפּס־אויפגאַבן, כל זמן די אַר־בעטערשאַפט איז נישט ביי דער מאַכט. איז צוזאַמען דערמיט בולט געקומען צום ליכט, אַז די פּועלי־ציון אָריענטירן זיך אין זייער קאַמף נישט אויף די כּוחות פון דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, נאָר אינגאַנצן אויף די נייע כּוחות פון דער אויפגייענדיקער סאָציאַליסטישער וועלט.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג געפינט זיך די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע און די רעגולירונג פון דער ווירטשאַפט אינגאַנצן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. די אַרבעטערשאַפט באַנוגנט זיך מיט דעם קאַמף פאַר באַפרייען די פּראָדוקטיווע כּוחות פון די פּענטעס, וועלכע דער קאַפּי־טאַליסטישער ווירטשאַפטס־סדר לייגט אויף זיי אַרויף, דורך דעם, וואָס ער האָ־מעוועט און פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט בכלל. ערשט ווען דער אַרבעטער וועט קומען צו דער פּאָליטישער מאַכט, וועט ער קריגן די מעגלעכ־קייט צו רעגולירן אויך די ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן.

נאַטירלעך איז אויך היינט צו טאָג דער אַרבעטער פּ אַ ר י נ ט ע ר ע ס י ר ט אין דער עקזיסטענץ און אין דער אויסברייטערונג פון דער ווירטשאַפט, הגם זי איז אַ קאַפּיטאַליסטישע, איז אויסגערעכנט אויף זיין עקספּלואַטאַציע און אויף צו ברענגען פּראָפיטן דער בורזשואַזיע. ער איז אין איר פאַרינטערעסירט צוליבן אַרבעטס־פּלאַץ, ווי אויך כדי צו האָבן די סטראַטעגישע באַזע פאַר זיין דערפאָלגרייכן קאַמף. די אַנטוויקלונג און אויפשטייג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט זענען דער י ס ו ד פאַרן אויפשטייג פונעם פּראָלעטאַריאַט. פון דעם דרינגט אָבער להלוטין נישט, אַז דער אַרבעטער איז מסוגל אַלס קאָלעקטיוו צו אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן אַט די ווירטשאַפט, כל זמן ביי איר רודער געפינט זיך די בורזשואַזיע, וועלכע האָט די מאַכט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט צו בויען אויפן חשבון פון דעם אַרבעטער.

דעמזעלבן פּרינציפּ, וועלכער גילט אין אַלע לענדער פון קאַפּיטאַליזם, און ביי וועלכן עס האַלטן זיך אומעטום די אַרבעטער, האָבן פּועלי ציון אויפגעשטעלט אויך בנוגע דער ראָל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אינעם פּאַלעסטינע־אויפבוי. אַוודאי זענען די יידישע אַרבעטער פאַרינטערעסירט אין דעם דאָזיקן אויפבוי. יעדע נייע קאָלאָניע און יעדע נייע פאַבריק שאַפן נייע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר די יידישע אַרבעטער איינוואַנדערער און פאַרגרעסערן די אויסזיכטן פון דער רעאַליזירונג פונעם טעריטאָריאַלן אַרבעטס־צענטער. פונדעסטוועגן מיינט דאָס נישט, אַז גראָד אין פּאַלעסטינע דאַרפן די יידישע אַרבעטער איבערנעמען די ראָל פון דער בורזשואַזיע אויפצובויען די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט. פאַר דאָס לעצטע וועט שוין זאָרגן די בורזשואַזיע אַליין. די יידישע אַרבעטערשאַפט דאַרף נאָר אַכטונג געבן, אַז אין דעם פּראָצעס פון אויפבוי זאָלן די יידישע אַרבעטער וואָס ווינציקער באַרויבט ווערן פון זייערע רעכט און אויסגענוצט ווערן אין נאָמען פון כלומרשטער „נאַציאָנאַלער" באַפרייונג פאַר די דירעקטע קלאַסן־אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואַזיע.

דערצו איז נויטיק אַ זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע קלאַסן אַרבעט אין און פאַר פּאַלעסטינע. אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט אויפן יסוד פון זייער פּאַלעסטינע־אינטערעס; אָרגאַניזירן זייער פּאָליטישע און פינאַנציעלע הילף פאַר דער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע; שאַפן אין פּאַלעסטינע גופא די פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטערשאַפט אויפן יסוד פון קלאַסן־קאַמף און פירן זיי אין גייסט און אין וועג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

IX.

פועלי־ציון זענען געווען די ערשטע אַרויסצוטרעטן פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט דאָס פּראָבלעם פון יידיש־אַראַבישער אַרבעטער סאָלידאַריטעט. די ציוניסטן האָבן אין בעסטן פאַל גערעדט וועגן אַן „אַראַבער־פראַגע", אַ פאַרשאָלטענער, פון וועלכער מען האָט געזוכט פּטור צו ווערן, ווייל מען האָט נישט געזען קיין שום וועג צו איר פאַרענטפערונג. און מיט רעכט. ווייל ס'איז נישטאָ און קאָן נישט זיין קיין וועג פאַר פאַרשטענדיקונג צווישן יידישע און אַראַבישע קאַפּיטאַליסטן סיידן אויף אַ געוויסן מאָמענט, ווען עס זעט זיך פאַר'ן אַ מעגלעכקייט אָפּצוווענדן די געפאַר מצדן אַרבעטער־קלאַס, וועלכע דראָט ביידן גלייכצייטיק. די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטן מוזן פירן צו אייביקער קאָנקורענץ און רייסענישן צווישן דער בורזשואַזיע פוןביידע נאַציעס, ממילא אויך צווישן דער אינטעליגענץ, וועלכע דינט ביי יעדן פאָלק די אינטערעסן פון דער אייגענער בורזשואַזיע. אויפן יסוד פון אייגענעם אויפגעבלאָזענעם נאַציאָנאַליזם איז נישטאָ קיין אויסזיכט צונויפצובריינגען יידן און אַראַבער סתם צו איין געמיינזאַמען טיש.

דאָ זענען נישט גענוג די אַלע דעקלאַראַציעס וועגן די טובות, וואָס דער יידישער קאָלאָניסט ברענגט דעם אַראַבער דערמיט, וואָס ער גיט אים אַרבעט, פּונקט ווי עס העלפן־אויף צו ווירקן די דעקלאַראַציעס פון דער זעלבער יידישער בורזשואַזיע וועגן אירע טובות פאַרן י י ד י ש ן אַרבעטער; עס מערן זיך די קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל סיי אינעם יידישן און סיי אינעם אַראַבישן לעבן. וועלן זיך די דאָזיקע קאָנפליקטן אַלץ מער אויסשפּרייטן, פאַר־כאַפּן ברייטערע סאָציאַלע שטרעקעס און אַריינציען די מאַסן פון ביידע פעל־קער. פּונקט ווי די ציוניסטן וועלן נישט איינהאַלטן אייביק דעם שלום־בית מיט דער אייגענער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַזוי וועט אויך דער אַראַבישער בורזשואַזיע נישט געלינגען איינצוהאַלטן אויף שטענדיק די איצטיקע אַחדות צווישן עפענדי און פויער אין שנאה צו דער יידישער איינוואַנדערונג.

פועלי־ציוניזם זעט די מעגלעכקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון יידיש־אַראַבישן אַרבעטער־בונד אין קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע, פון וועלכער נאַציאָ־נאַלער אָפּשטאַמונג דער עקספּלואַטאַטאָר זאָל נישט זיין, און אויף אָט דעם יסוד דאַרף געבויט ווערן די פאַראייניקטע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער ג אַ נ־צ ע ר אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע. צווישן די ק ל אַ ס ן ־ אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע אַראַבער און יידן זענען קיין קעגנזאַצן אין תוך נישטאָ און קאָנען נישט זיין דאָרט, ווו די פראַגן פון אַרבעט ווערן רעגולירט דורך די אַרבעטנדיקע גופא. דעם שאָוויניסטיש דערצויגענעם חלוץ קאָן אויסקומען

נאַטירלעך, אַז אין די יידישע קאָלאָניעס דאַרף זיין אָרט נאָר פאַר יידישער אַרבעט, אָבער דער מאַרקסיסטיק באַוווסטזיניקער אַרבעטער וועט באַגרייפן, אַז אויב יידן פּרובירן צו בויען זייערע אויסזיכטן אויף „היסטאָרישע רעכט", איז פאַראַן אַ סאַך מער האַפּט אין די רעאַלע רעכט פון יענע אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע פאַרגיסן זייער שווייס און בלוט ביים אויפשטעלן דאָס היינטיקע פּאַלעסטינע, אַפילו אַזעלכע בליענדיקע יידישע נאַציאָנאַלע ישובים, ווי פּתח־תקוה, רחובות און ראשון לציון. געוויס האָבן זיי רעכט און ווילן נאָך פאָדערן זייערע רעכט אויף די רייכטימער, וועלכע זענען דורך זיי געשאַפן געוואָרן, ווען אַפילו דער קאַפּיטאַל דערצו איז צוגעפּגעשטעלט געוואָרן פון יידיש־נאַציאָנאַלע פאָנדן, צי יידיש־רעליגיעזע צדקה־פּושקעס.

דאָ ליגט אויך דער טעות און דער פאַרברעך פון די בונדיסטן און קאָמוניסטן, וועלכע כאַפּן זיך יאָ אָן דער אַראַבער־פראַגע, אָבער זעען ווידער בלויז איין זייט פון דער מטבע: זיי זעען דעם יידישן קאַפּיטאַליסט און ווילן נישט זען דעם יידישן אַרבעטער. זעען זיי דעם סאָציאַלן קאָנפליקט צווישן אַראַבישע אַרבעטער און יידישן קאַפּיטאַל און זעען נישט די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט צווישן יידישן און אַראַבישן אַרבעטער־קלאַס.

שטיצן זיי דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם קעגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם: דאָס אַליין וואָלט אויך געווען נישט נאָרמאַל און פאַלש פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. ביידע מוזן באַקעמפט ווערן! זיי טוען אָבער ערגערס: זיי שטיצן דעם אַראַבישן עפענדיש־מופטישן נאַציאָנאַליזם קעגן דער יידיש־אַראַבישער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, און דאָס איז שוין אַ פאַרברעך!

דער מאַרקסיסטישער פּועלי־ציוניזם נעמט־אויף די פראַגע וועגן יידיש־אַראַבישע באַציונגען און באַטראַכט זיי נאָר אין דער ליכט פון קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־קאַמף.

די יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערונג ברייטערט אויס די מעגלעכקייטן פאַר דערווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע, דערמיט ווערט פאַרזיכערט דער אויפבלי פון אַלע פּראָדוקטיווע כוחות פון לאַנד. אין דעם זענען גלייך פאַרינטערעסירט די מאַסן אַרבעטנדיקע יידן און אַראַבער. זיי האָבן דעם געמיינזאַמען אינטערעס צו באַפרייען די אויפשטייגנדיקע פּראָדוקטיווע כוחות פון אַלע פּענטעס און צוימען, וואָס פאַרהאַלטן זייער אַנטוויקלונג: די פעאָדאַלע ווירטשאַפטס־פאָרמען אין דער אַראַבישער סביבה, פּונקט ווי די פרעמדע בריטישע אימפּעריאַליסטישע אָקופּאַציע, פּונקט ווי די אָנגרייפנדיקע אַפּעטיטן פון דער יידישער בורזשואַזיע. דאָס איז די שותּפותדיקע פּלאַטפאָרם פאַר געמיינ־

זאַמער אָרגאַניזאַציע און קאַמף פון יידיש־אַראַבישע אַרבעטער־מאַסן, דאָס איז די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דער באַפרייונג פון אַלע שאַפנדיקע כוחות אין לאַנד, דאָס איז די איינציקע ערבות פאַר דער פולער רעאַליזירונג פון דעם פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם.

X.

פאַרן מאַרקסיסטישן פועלי־ציוניזם איז דער טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס אין פּאַלעסטינע נישט קיין אָפּגעזונדערטער ענין, וועלכער האָט אויפצושטעלן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרלייקענען אַלע אַנדערע פּאָזיטיווע דערשיינונגען און פּראָצעסן אין יידישן לעבן אומעטום, מחוץ פּאַלעסטינע. דעריבער איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס פועלי־ציון טרעטן אויף מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט קעגן דעם אַגרעסיוון קעמפנדיקן העבראַיזם סיי אין פּאַלעסטינע און סיי אין דער גאַרער יידישער וועלט.

גייסטיקע קולטור איז אַ פּראָדוקט פון מאַטעריעלער קולטור. די אייגענע באַזונדערע יידישע שפּראַך ביי די יידישע מאַסן שעפּט איר זאַפט און קריגט איר גבורה אין דער קאָמפּאַקטקייט פון יידישן ווירטשאַפטלעכן לעבן, אין דער אומעטום צעזייטער קאָנצענטרירטקייט. דער אויפקום פון דער יידישער שפּראַך איז נישט קיין אויפטו פון „ליבהאָבער קרייזלעך“, פון ספּעציעלע אידעאַליסטן: דאָס איז דער אויסדרוק פון דעם פּראָצעס, דורך וועלכן די יידישע מאַסן זענען אויפגעקומען און אַרויסגעטרעטן אויף דער לעבנס־אַרענע, ווי שאַפנדיקע אַנטשיידנדיקע פאַקטאָרן. די יידישע שפּראַך לעבט אין וואַרשטאַט, אין פאַבריק, אין קראָם, אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אין שול, אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אויפן מיטינג, אין טעאַטער און אויף דער דעמאָנסטראַציע. מיליאָנען ברענגען צום אויסדרוק זייער אויפגעוואַקסטע לעבנס־דורשט און קראַפט דורך דער יידישער שפּראַך. אָבער אויך דער פּאַלעסטיניזם איז אַן אויסדרוק פון אָט דעם אויפגעוואַכטן און אַלץ שטייגנדיקן אויפלעבונגס־פּראָצעס; טאָר מען נישט אויפשטעלן קיין קינסטלעכע וואַנט צווישן דעם אויפבליענדיקן יידישן מאַסן־לעבן אין אַלע לענדער פון דער וועלט און דעם מאַסן־לעבן אין דעם פּאַלעסטינער טעריטאָריאַלן צענטער. מען טאָר נישט אויפשטעלן קיין מחיצה צווישן דער קולטור־שאַפונג פון די יידישע מאַסן אין דער גאַרער וועלט, ווייל ס'איז קעגן די טענדענצן, וועלכע ווירקן אין לעבן פון אַלוועלטלעכן איינהייטלעכן יידישן מאַסן־קאָלעקטיוו.

די יידישיסטן פון פאַרשידענע לענדער שטעלן זיך אָפּ ביי די טויערן פון פּאַלעסטינע: זיי ציטערן פאַר דעם „הייליקן לאַנד“, זיי מיינען, אַז דערמיט פּטרן זיי און זענען מבטל דעם ציוניזם. פאַראַן אָבער יענער שטאַרקער

כוח פון טעריטאָריאַליסטישער איבערגעשטאַלטונג פון יידישן לעבן אין פּאַ־לעסטינע, וועלכער ווערט נישט אָפּגעהאַלטן און איבערגעריסן צוליבן ברוגז פון די קולטור־יידישיסטן. זיי שטעלן זיך נאָר דערמיט אַוועק אָן אַ זייט פון לעבן און בלייבן איינגעשרומפּן אין די אייגענע ענגע דלת־אמות. דער יידי־שער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאַר אויפן קולטור־געביט אין ארץ־ישראל, פּונקט ווי אים גייען אָן בלוטיק יענע איבעראַנדערשונגס־פּראָצעסן, וועלכע וויקלען זיך פונאַנדער אומעטום, אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויך אין פּאַלעסטינע. נעמט ער אויף דעם קאַמף קעגן דער העברעישער איזאָלאַציע פון פּאַלעסטינער יידישן לעבן און זוכט צו שטאַרקן די פּאָזיציעס פון די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, וועל־כע זעצן דאָרט פאָר דעם קאַמף פאַר דער אַלוועלטלעכקייט פון יידישן פּראָ־לעטאַרישן קאָלעקטיוו, פאַר זיינע אידעאַלן, גייענדיק אין זיינע אומעטומיקע קלאַסן־דרכים, באַנוצנדיק אויך אין ארץ־ישראל דעם אומעטום גילטיקן און אויסגעפּרוווטן מיטל פון קלאַסן־געווער.

קאַמף פאַר די טאָג־נויטן, מאַטעריעלע און גייסטיקע פון די יידישע מאַסן אומעטום, דער זעלבער קאַמף אויך אין פּאַלעסטינע. אומעטום די זעלבע פּער־ספּעקטיוו — פון דאַנען אויך די איינהייטלעכקייט פונעם אומעטומיקן קאַמף.

XI.

דורכן טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס אין פּאַלעסטינע ווערן פאַרפולקומט די קאַמפּס־אויפגאַבן פון אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס. נישט נאָר ע נ ל ע כ ע אינטערעסן אין פאַרשידענע ל ע נ ד ע ר, נאָר אויך אַ געמיינזאַמע בשותּפותדיקע קאַמפּס־ א ו י פ ג אַ ב ע אין איין לאַנד, אין פּאַלעסטינע, בילדן־אויס צוזאַמען די קאַמפּס־פּלאַטפאָרם פון דער איינהייטלעכער אינטער־טערי־טאָריאַלער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער אַלוועלטלעכער כאַראַקטער פון דעם יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם און דער אַלוועלטלעכער שטח פאַר די קאַמפּס־אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט שאַפן דעם נאַטירלעכן באָדן פאַר דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. וואָלטן עס געווען בלויז פּאַראיינצלטע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון אַ באַשטימטן לאָקאַלן רעזשים, וואָלט מען זיך געקאָנט פאַרלייגן אויפן קאַמף אין געגעבענעם לאַנד און פאַרבינדן אַלע האָפ־נונגען מיטן אויסגאַנג פון אָט דעם לאָקאַלן קאַמף.

צוליב דעם אינטערטעריטאָריאַלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון יידישן פּראָבלעם האָט געמוזט געבוירן ווערן נאַטירלעכערהייט די אויסגעהאַל־

טענע מאַרקסיסטישע אָריענטאַציע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות און אויף זייער אומעטומיקן קאַמף און ניצחון.

ס'איז דאָך נישט די פראַגע פון בלויז דערשלאָגן זיך רעכט פאַר די יידישע מאַסן, נאָר דער עיקר טאַקע, ווי אַזוי צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַר זייער סאָציאַלער אומשיכטונג, פאַר זייער פראָדוקטיוויזירונג. דאָ פאָדערט זיך פלאַנמעסיקע אריינמישונג אין דעם פראָצעס פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דאָ איז נויטיק די באַוווסטזיניקע רעגולירונג פון די פראָצעסן, וועלכע ווירקן אין דער יידישער סביבה און אויך אינעם אַרום.

קען דאָס געשען פול און גאַנץ נאָר דאָרט, ווו דער אַרבעטער וועט איבערנעמען די מאַכט און אָנהויבן בויען דעם סאָציאַליזם. דער פועלי־ציוניזם מוז, לויט זיין עצם מהות, אויפגענומען ווערן דורך די כוחות פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי נאָר זיי וועלן זיך אָנטרעפן פנים אל פנים מיט די פראָצעסן פון יידישן לעבן. האָבן טאַקע פועלי־ציון די ערשטע אַוועקגעשטעלט דאָס יידישע פראָבלעם פאָרן פאָרום פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט נישט ווי אַ ספּעציפישע „יידישע" פראַגע, נאָר ווי אַן אָרגאַניש פראָבלעם פון דער רעוואָלוציע אין דער יידישער סביבה. נישטאָ קיין אַנדער וועג צו דער רעוואָלוציע פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן, ווי נאָר דער וועג, וועלכער איז געצייכנט דורך פועלי־ציון — אַגראַריזירונג און אינדוסטריאַליזירונג אומעטום און דאָס זעלבע פלוס טעריטאָריאַליזירונג אין פאַלעסטינע.

XII.

מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט די וויכטיקסטע אויפטוען פון פועלי־ציון ביים פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן פראָבלעם און ביים פאָרמולירן די קאַמפּס־אויפגאַבן פון יידישן פראָלעטאַריאַט. ציגל צו דעם דאָזיקן טעאָרעטישן בנין האָבן צוגעטראָגן אויך אַנדערע טיילן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס; אָבער יענע פאַרטייען, ווי ס. ס. און סיימיסטן, זענען שוין לאַנג פאַרשווונדן פון דער פראָלעטאַרישער קאַמפּס־אַרענע. פועלי־ציון האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטעלן די גאַנצע געביידע, פון פונדאַמענט און ביז צום דאַך; ס'איז די איינציקע באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעהאַנגען איבערן אויפגעשטעלטן בנין איר רויטע פאָן, וועלכע פלאַטערט איבער די קעפּ פון יידישן פראָלעטאַריאַט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר.

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק זענען די פועלי־ציון אַרויס אין דער אַרבעטער־גאַס מיט די אויסגערעכנטע פרינציפּן און לאָזונגען, און זיי האָט באַגעגנט **חוזק און ביטול מצדן גרעסטן טייל יידישע פראָלעטאַריער, פרעמד־**

קייט און קעגנערשאַפט מצד דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרנעמען די פועלי־ציוניסטישע „חקירות", און זעלטן ווער האָט זיך געוואָלט אָפּגעבן מיט זייערע „חלומות" און „פאַנטאַזיעס". פאַר די ברייטע מאַסן פון דער אַרבעטערשאַפט איז די פועלי־ציוניסטישע פּראָגראַם געווען אַ צו אַבסטראַקטע, האַרבע תורה, וועלכע שוועבט אין די הויכע עולמות, און זיי האָבן שווער באַנומען, וועגן וואָס עס גייט.

עס איז לייכט געווען צו זיין אַ סאָציאַליסט סתם, עס איז לייכט געווען אויך צו זיין אַ בונדיסט. ביי יענע איז אַלץ געווען אַזוי צוגעגלעדט, און דער פּרימיטיווער שכל האָט זיך געקאָנט זייער לייכט פונאַנדערקלייבן אין דער איינפאַכער קאָנסטרוקציע פון די פראַגן, וועלכע זענען געווען אויבן־אויף און איבער וועלכע מען האָט נישט געברויכט אָנצושטרענגען דעם מוח.

פועלי־ציוניזם האָט געשטעלט פּראָבלעמען, געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער פאַרוויקלטקייט, אויף דער קאָמפּליצירטקייט פון די אין פלוג איינפאַכע דערשיינונגען, נישט געלאָזט זיך באַגנוגענען מיט דער סטאַטיק, מיט דעם, וואָס ליגט אויף דער האַנט, נאָר געצויגן אין דער טיף, געצוואונגען זיך דערגרונטעווען צום יסוד, צום וואָרצל פון די פּראָבלעמען, געלערנט צו דערקענען די אַנטוויקלונג פון דער דערשיינונג, די דינאַמיק פונעם פּראָצעס. האָבן פועלי־ציון נישט נאָר געשטעלט דעם דיאַגנאָז פונעם יידישן פּראָבלעם, נאָר אויף דעם יסוד פון זייער מאַרקסיסטישן פּראָגנאָז האָבן זיי אויך אָנגעוויזן דעם רעוואָלוציאָנערן וועג צו דער לעזונג פונעם פּראָבלעם.

לכתחילה איז אויסגעקומען, אַז זיי שלעפן זייערע טעאָריעס פון אַרבל, ווייל זיי האָבן כסדר זיך פאַררופן בלויז אויף טענדענצן פון פּראָצעסן; נישט יעדער איינער, און אַוודאי נישט די מאַסן, זענען געווען מסוגל איינצוזען די טענדענצן אין זייער עמבריאָנאַלן צושטאַנד, ווען זיי זענען נאָך געווען שוואַכע און בלאַסע, קוים, קוים צו דערקענען. האָט מען דען געקאָנט נעמען ערנסט די פועלי ציוניסטישע באַהויפּטונג, אַז דורך דעם פאַלן פון צאַריזם און דער ענדערונג פונעם פּאָליטישן רעזשים ווערט נאָך כלל נישט געלעזט די יידנפראַגע, נאָר זי מוז ווערן שאַרפער און דרינגלעכער גראַד אין דער פרייער אַטמאָספער פון אַ דעמאָקראַטישער וועלט?!

ס'איז געווען די צייט, ווען צום ברעג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן געיאָגט די הויכע כוואַליעס פון רעוואָלוציע און פּאַטאָס־פולע קעמפנדיקע מחנות האָבן געבענקט נאָך דער באַלדיקער פולער גאולה, וועלכע וועט מיט

אַמאָל, ווי דורך אַ ריר מיט אַ צויבער־שטעקל, פאַרענטפערן אַלע קשיות און אַראָפּווישן פון סדר־היום אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגן און פּראָבלעמען. האָט מען זיך אַליין און אַנדערע אויפגעשרויפט ביז דעם העכסטן זיד־פּונקט פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלע ספקות און „קלאַץ־קשיות", וועלכע זענען כלומרשט אויסן נאָר אָפּצוציען דעם אינטערעס און די אויפמערקזאַמקייט פונעם דירעקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

ווער האָט צו יענער צייט געקענט זיך רעכענען מיטן פּאַלעסטינע־פּונקט אינעם פּועלי ציון פּראָגראַם, וויבאַלד פּאַלעסטינע איז געווען וויסט און פּוסט, נישט פאַראַקערט און נישט פאַרזייט?! בלויז נאַציאָנאַלע מקוננים האָבן צוזאַמען מיט די שאַקאַלן אין די פּאַלעסטינע־וויסטענישן געקלאָגט איבערן חורבן פון לאַנד און אַפּעלירט צום נאַציאָנאַלן געוויסן, גיין זיך „מקריב זיין פאַר דער אויפלעבונג פון גאַנצן פאָלק", צו וואָס עס פאָדערט זיך אַוועקוואַרפן אויף אַ צייט לאַנג אַלע אינערלעכע סאָציאַלע רייבונגען און קלאַסן־מחלוקתן, וועלכע האָבן נאָך זייער באַרעכטיקונג אין „גלות", קאָנען אָבער גלייך אין וואָרצל אונטערגראָבן דעם בנין פון דער „נאַציאָנאַלער היים" אין ארץ ישראל.

האָט מען דען געקענט זיך באַציען ערנסט צו דער פּועלי ציוניסטישער באַהויפּטונג וועגן סטיכישער יידישער מאַסן־אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע, אַ פּשיטא וועגן פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף אינעם לאַנד פון כותל־מערבי און מוטער רחלס קבר, וויבאַלד וועגן ארץ ישראל האָבן געקלונגען בלויז די אַלטע צדקה־פּושקע פון ר' מאיר בעל הנס און די מאָדערנע פּושקע פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וויבאַלד יעדער ייד, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט זיך באַטראַכט און אויך אַנדערע האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלן בעל־צדקה, וועלכער טוט אַ טובה דעם יידישן פאָלק דערמיט, וואָס ער גייט פאַרשוואַרצט ווערן אונטער דער ברענענדיקער זון פון וויסטן לאַנד?

פּועלי־ציון זענען ווי פּיאָנערן אַרויס אין אָפענעם ים פון שטורמישן יידישן לעבן און מיט אויפגעשטעלטע זעגלען זיך געלאָזט שווימען קעגן שטראָם. אַנדערע פאַרטייען האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צום ברעג און שטאָלצירט מיט זייער פּראַקטישן חוש, מיט זייער „געפיל פאַר ווירקלעכקייט".

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט אָבער באַוויזן, ווער ס'איז געווען פּראַקטיש, קרעמעריש אויסגערעכנט, און ווער האָט באמת געהאַט אַ חוש פאַר ווירקלעכקייט. פאַר דער ווירקלעכקייט, נישט ווי זי איז פאַרגליווערט און קאָנסערווירט, נאָר ווי זי בייט זיך און ענדערט זיך אַדאַנק די שטראָמען ענערגיע,

וועלכע ברויזן אין איר אָן אויפהער, און וועלכע מוזן כסדר שאַפן געהעריקע ראַמען און וועגן פאַר דער אַנטוויקלונג און פונאַנדערבלי פון די אַלץ־נייע רייך־ווערנדיקע פּראָדוקטיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות.

XIII.

איצט, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט געשיכטע, אין משך פון וועלכע עס זענען ממש אויפגעטרייסלט געוואָרן די פונדאַמענטן פון דער ביז־אַהעריקער מענטשלעכער עקזיסטענץ און ס'האָבן אויפגעהעלט נייע הימלען איבערן קאַמף פון דער קעמפנדיקער אַרבעטער־געזעלשאַפט, — איצט קאָנען פועלי־ציון זיך שטעלן צום געריכט פון דער גאַנצער אַרבעטער־עפנטלעכקייט. מען זאָל זיי משפּטן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואַגט אָוועקצוגיין פון דער טראַדיציע, פון שאַבלאָן און אויפנעמען דעם קאַמף אין נאָמען פון דעם, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן. איצט קאָן מען זיך איבערצייגן, ווער עס האָט, ווי אַגעטרייער שקלאַף צו דער שוין עקזיסטירנדיקער פּראַקטישקייט, זיך געקלאַמערט מיט ציין און נעגל פאַר די סלופּעס פון דער אַלטער וועלט, און ווער איז געווען טריי דער יונגדיקער ווירקלעכקייט, געפילט איר פולסירנדיק בלוט און מיט איר זיך באַהאָפטן צו באַנייען זי און באַנייען זיך אין רעוואָלוציאָנערן אויפברויז.

אין ים פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און ליידן האָט אויפגעפלאַקערט מלחמה און ס'איז אויפגעגאַנגען רעוואָלוציע. אין לאַנד פון גרעסטן יידישן געטאָ־ישוב איז די אַרבעטערשאַפט געקומען צו דער מאַכט אין קאַמף קעגן בלוטיקן אַבסאָלוטיזם. פועלי־ציון זענען געווען די איינציקע פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָט נישט בלויז געקעמפט קעגן צאַריזם, נאָר די ערשטע אויסגעשטרעקט איר ברוסט קעגן די פיילן, וואָס האָבן געצילט צו טרעפן אין האַרץ פון דער אַרבעטער־מאַכט. בונד, ס.־ס. און סיימיסטן האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם אויפברויז פון די רעוואָלוציע־כוחות און זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די רעשטן פון דער אַלטער וועלט; פועלי־ציון האָבן איצט גרייליך געוואונען נייע לעבנס־ענערגיע, ווייל עס זענען געשאַפן געוואָרן באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע לאָזונגען בנוגע דעם יידישן אַרבעטער־לעבן.

אויך צום פּאַלעסטינע־ברעג האָבן גענומען שלאָגן עמיגראַציע־שטראָמען פון יידישע אַרבעטס־מענטשן, און מיט דעם אויפשטייג פון אַ ברייט־פאַרצווייגטן ווירטשאַפטס־לעבן אין לאַנד האָבן גענומען זיך צייכענען אַלץ שאַרפער קאָנטורן פון יענע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וועלכע בילדן אויס פון דעם איינהייטלעכן, כלומרשט געאייניקט צו גאולה שטרעבנדיקן כלל־ישראל באַזונדערע קלאַסן מיט קעגנזעצלעכע אינטערעסן, און ס'רייפן אָן וואָס ווייטער אַלץ מער

די קלאַסן־קאָנפליקטן אויפן אויפגעפרישטן באָדן פון נאַציאָנאַלן לאַנד. דער זעלבער אַקער, וואָס האָט אויפגעאַקערט דעם נאַטור־באָדן פון אַלטן היים־לאַנד, האָט אויך פאַר איין וועג אויפגעאַקערט דעם סאָציאַלן באָדן פון דעם נייעם היים־לאַנד, און דער קלאַסן־קאַמף פון יידישן פראָלעטאַריאַט איז געוואָרן דאָס געבאָט פון די זיך אויפבויענדיקן פאַלעסטינע.

אין דער אַרבעטער־מלוכה, ווו דער פראָלעטאַריאַט איז צוגעטרעטן צו בויען סאָציאַליזם, האָט ער געמוזט אין קאַמף קעגן פועלי־ציון אַלס פּאַרטיי, אויפנעמען גאַנצע טיילן פון פועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם. די יידסעקציע, וועלכע האָט געהאַט צו איר רשות דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט און דעם אומ־בויגזאַמען ווילן פון דער סאָציאַליסטישער מאַכט צו געבן אַן ענטפער אויף די ווירקלעכע נויטן פון די יידישע מאַסן, האָט געמוזט, אויף צו להכעיס איר גאַנצער אייגענער אַסימילאַטאָרישער איינשטעלונג, נאָכשלעפּן זיך נאָך די יידישע מאַסן און לעגאַליזירן דאָס, וואָס יענע האָבן אָנגעהויבן דורכ־צופירן אין לעבן אויף אייגענער אחריות.

דאָס זענען צו דער צייט רייף געוואָרן יענע טענדענצן, וועלכע פועלי־ציון האָבן אויפגענומען אין זייער עמבריאָנאַלן צושטאַנד; איצט זענען עס גע־וואָרן פולבלוטיקע, ממשותדיקע פּראָצעסן פון דער קאָנקרעטער רעאַלער ווירקלעכקייט, מיט וועלכע יעדער איינער האָט זיך געמוזט רעכענען פּראַק־טיש, אויב אַפילו ער האָט זיך נאָך געבערעקלט און געבליבן איינגעשפּאַרט ביי זיין טעאָרעטישער קעגנערשאַפט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוגעשטאַלטן די נייע רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק, די דינאַמיש אויפגענומענע נייע ווירקלעכקייט, און די פועלי־ציון־לאָזונגען זענען, צוליב זייער קאָנקרעטקייט און פולבלוטיקייט, גע־וואָרן צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך אויך פאַר די ברייטע מאַסן.

דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַלס אַן אַלוועלטלעך פּראָבלעם, ווי אַ פּראָבלעם פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַ־ריאַט, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום פונעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס און וועט שוין נישט פאַרשווינדן ביז עס וועט נישט קריגן זיין איינציק מעגלעכע רעוואָלוציאָנערע לעזונג, ווי זי איז פאָרמולירט דורך פועלי־ציון.

די בלוטיקע געשעענישן אין פאַלעסטינע אין יאָר 1929 און די אַלגעמיינע פאַלעסטינע־פּאָליטיק פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם האָבן געצוווּנגען אַפילו די פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענסטע עלעמענטן אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט איינצוזען די ריכטיקייט און אומבאַדינגטקייט פון דער פועלי־ציוניסטישער אָריענטאַציע בנוגע פאַלעסטינע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע־כוחות.

פונקט ווי די אומשיכטונגס־פּראָצעסן פון יידישן לעבן אומעטום ווערן אויפגעבונדן און באַקומען זייער פולן שוווּנג אין לאַנד פון אַרבעטער־מאַכט, — פונקט אַזוי וועט אויך דער טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס פון יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע באַקומען זיין שוווּנג און פאַרווירקלעכט ווערן אין גאַנצן אומפאַנג אין אַ פרייען אומאָפּהענגיקן פּאַלעסטינע פון אַרבעטער און פּויערים.

XIV.

כל זמן די פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך מער פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע און זיי האָבן מער אַכט געלייגט אויף דער קריטיק פון אַנדערע פּאַרטייען, האָט מען זיך געקענט איינלעבן בשלום אונטער איין דאַך, מיט די מיינונגס־פאַרשידנקייטן אין דעם וועלט־פאַרבאַנד גופא און אַפילו מיט די פרייע אויטאָנאָמע האַנדלונגען פון יעדער אָרגאַניזאַציע אין געוויסע פאַלן.

אָבער די יאָרן זענען געגאַנגען. די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט אַלץ מער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם אויפשטייג און זעלבסט־דערקענטעניש פון די פּראָלעטאַרישע כוחות, די סתירות אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט האָבן זיך פאַרטיפט און געבראַכט צו דער וועלט־מלחמה. עס זענען רייף געוואָרן די באַדינגונגען און ס'איז געוואָרן דרינגענדיק דער אויפטריט פון דעם נייעם אויפגייענדיקן כוח פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. ס'איז געקומען די צייט פון טאַט אַנשטאָט ווערטער, דער רעאַלער ממשותדיקער קאַמף פאַר סאָציאַליזם האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ דירעקטע טאָג־אויפגאַבע פון די פּראָלעטאַרישע מחנות און יעדער טייל פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געמוזט אַנטשיידן אומצווייַדייטיק אויף וועלכער זייט פון דער קלאַסן־באַריקאַדע ער שטעלט זיך אַוועק אין דעם היסטאָרישן צוזאַמענשטויס צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

דאָס איז געווען דער אבן־נגף, אַן וועלכן עס האָט זיך צעשלאָגן די ביז דאַן רואיק שווימענדיקע שיף פון פּועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד. נאָך איידער ס'איז געקומען די פאָרמעלע שפּאַלטונג אויף דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין אין 1920, איז בולט אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט די אינערלעכע צעריסנקייט פון פאַרבאַנד. בעת איין טייל זיינער האָט מאַרשירט אין יידישן לעגיאָן צו העלפן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם צו שאַפן זיך אַ נייע באַזע אין מזרח דורך דעראָבערן דאָס הייליקע לאַנד, ארץ־ישראל, האָט דער צווייטער טייל, אונטער די פאָנען פון באָראָכאָוו־באַטאַליאָנען געהאָלפן אויפשטעלן די ערשטע אין דער גאַנצער וועלט פעסטונג פון פּראָלעטאַרישער הערשאַפט און מאַכט אויף די חורבות פון צאַרישן רוסלאַנד.

בעת איין טייל האָט געיובלט לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע אַנערקענט די היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף ארץ־ישראל, האָבן די פועלי־ציוניסטישע מאַסן־פּאַרטייען אין גאַנץ אייראָפּע זיך געשטעלט אומצווייידייטיק און אַנטשידן אויפן באָדן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און איבערגעריסן אַלע פעדים, וואָס האָבן זיי געבונדן צו דער אַלטער, אונטערגייענדיקער וועלט.

איצט אָבער איז עס שוין נישט מער געווען קיין מיינונגס־אונטערשיד, וואָס מ׳קאָן זיך שפּאַרן און טייטשן אַזוי און אַנדערש דעם זעלבן פּסוק; ס׳איז געגאַנגען אום לעבן, אום דעם אייגענעם לעבן און אום דעם לעבן פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ס׳איז געגאַנגען אום דעם, אויף וועמען און אויף וואָס אָריענטירט מען זיך בנוגע דער צוקונפט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, פון גאַנצן יידישן פאָלק.

זענען אַרויסגעקומען אויף דער אויבערפלאַך יענע טיפע קעגנזאַצן, וועלכע האָבן פון תמיד אָן עקזיסטירט ביי די פאַרשידענע טיילן פון דעם פאַרבאַנד. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז ווינציק צו שטיין אויפן פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט. מען מוז אָט דעם פּרינציפּ אָנפילן מיט רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. זענען דאָך די אַלגעמיינע בירגערלעכע ציוניסטן אויך פאַר אַלוועלטלעכקייט, אַנערקענען דאָך די פּרומאַקעס אויך די גאַנצקייט און איינהייט פון יידישן פאָלק אומעטום און שטענדיק. און די אַלע ציוניסטישע שפּראַצונגען, ווי די צעירי־ציון און התאחדות, האַלטן דאָך אויך אַ וועלט פון אָט דער אַלוועלטלעכקייט: „וואָס מיר זענען, זענען מיר — אָבער יידן זענען מיר". מיר אַלע, אָרעם און רייך, פאַבריקאַנט און אַרבעטער, עקספּלואַטאַטאָר און עקספּלואַטירטער.

אין ווין, אויף דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, אין יאָר 1920, איז פאָרמולירט געוואָרן צום ערשטן מאָל די אַלגעמיינע פּאָליטישע באַזע פאַר דער איינשטעלונג און האַנדלונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אַלס איינהייטלעכער פּראָלעטאַרישער קאָלעקטיוו, און ס׳איז נאַטירלעכערהייט געקומען די שפּאַלטונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד. מען איז אַפילו נישט דערגאַנגען צו די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, צו די פראַגן פון פּאַלעסטינע. דאָס האָט אָן איבעריקס מאָל אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז ביי דער מאַרקסיסטישער פועלי־ציון באַוועגונג האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַנדלט וועגן פּאַלעסטינע סתם און אויך נישט וועגן אַן איזאָלירטער, אין זיך איינגעשרומפּענער יידן־פראַגע. סיי דאָס פּראָבלעם טערריטאָריאַליזירונג פונעם יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע און סיי די פראַגן וועגן אומשיכטונג און פּראָדוקטיווירונג פון די יידישע מאַסן אומעטום האָבן פועלי־ציון שטענדיק באַטראַכט אין אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג מיט אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונ־

זער צייט, אין ליכט פון יענע היסטארישע פראצעסן, וועלכע מוזן מיטרייסן אלע שאפנדיקע כוחות פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

אין 1920 האבן די רעכטע, זענענדיק אין א מינדערהייט, פארלאזן די רייען פון דער ארגאניזירטער אלוועלטלעכער פועלי־ציון־ארמיי, וועלכע האט זיך אנטשידן אוועקגעשטעלט אויף דעם באדן פון דער אנגעפאנגענער עפאכע פון סאציאלער רעוואלוציע און פארפליכטעט אלע אנגעשלאסענע פארטייען און מיטגלידער צו אן איינהייטלעכער האנדלונג און דיסציפלין.

די וועגן זענען זיך פון דאן אן שארף פאנאנדערגעגאנגען. די רעכטע האבן געהאט א לייכטערן וועג: בארג־אראפ. פאריייניקונג מיט הפועל־הצעיר, מיט צעירי־ציון און ענדלעך, צום 25־יאריקן יובל, די פאריייניקונג מיט „התאחדות": אלץ טיפער אין זומפ פון קלייןבירגערלעכקייט, פון כלל־ישראל, פון ארבעטער־פארראט. ארץ־ישראל, דאס גאנצע יידישע פאלק פאר ארץ־ישראל און די איינציקע העברעישע שפראך — דאס זענען געווארן די טרייב־כוחות פון די רעכטע אין ארץ־ישראל און דערפאר אויך אין דער גארער וועלט. זענען זיי געווארן אביעקטיוו דינער און אונטערהעלפער פון ענגלישן אימפעריאליזם. דערווארטנדיק די ישועה פון זיינע הויך־קאמיסארן, גראבן זיי מיט זייער שאוויניסטישער, אנטי־פראלעטארישער פאליטיק אין לאנד א תהום צווישן די יידישע ארבעטער און ארא־בישע פראלעטאריער און אויך צווישן דעם קאמף פון יידישע ארבעטער אין דער גארער וועלט און דעם ארבעטנדיקן פאלעסטינע.

די איינציקע צו פייערן דעם יובל פון דער רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע פון אלוועלטלעכן פועלי־ציון פארבאנד זענען געבליבן די מארקסיסטישע לינקע פועלי־ציון, די טריע יורשים פון דעם בארא־כאוויזם אין דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. נישט נאר אין דער טעאריע, נאר דורך זייער פראקטיק אין אלע לענדער פון יידישן מאסן־ישוב, אין ראטן־פארבאנד און אין פאלע־סטינע, האבן די לינקע פועלי־ציון דערוויזן דעם רעוואלוציאנערן אינהאלט פון פראלעטארישן פאלעסטיניזם. תמיד און אומעטום זענען זיי געווען אין אוואנגארד, אין די פאדערשטע רייען פון די, וואס נעמען אויף מיט דער גאנצער אנטשלאסנקייט דעם קאמף פאר די סאציאלע און נאציאנאלע רעכט פון די יידישע ארבעטער, נישט ווי צעשטויבטע און צעשרויפטע טיילן פון ארטיקן לאנד־פראלעטאריאט, נאר ווי אן איינהייטלעכער און אלוועלטלעכער קאלעק־טיוו. זיי האבן אומעטום געפירט די יידישע פראלעטאריער אין די וועגן פון רעוואלוציע, אבער אויפגעטראטן מיט די שארפסטע מיטלען קעגן דעם רויטן „מה־יפית" און „מאשקיזם" פון די ייד־עקלעך, וועלכע האבן מורא געהאט צו אנערקענען די אייגנארטיקייט פון יידישן סאציאל עקאנאמישן פראבלעם, און ארגאניזירן די מאסן־אקטיוויטעט און זעלבסטעטיקייט פון יידישן ארבעטנדיקן

פאָלק אומעטום; זיי האָבן געוועקט ביי די יידישע אַרבעטער די פאַרשטענדניש פאַרן פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם און מאָביליזירט זיין ענערגיע פאַר דעראָבערן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאַמפּס־פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע, אָבער באַקעמפט אויפן שאַרפסטן אופן די פּאָליטיק פון די רעכטע, וועלכע זענען גרייט דעם יידישן אַרבעטער מקריב זיין אויפן מזבח פון די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן ביר־גערטום; זיי האָבן געפירט אומדערמידלעך דעם קאַמף פאַר יידיש־אַראַבישער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט אין פּאַלעסטינע און געזען די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דער פולער רעאַליזירונג פון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם אין דער אויפריכ־טונג פון אַן אומאָפּהענגיקער פּאַלעסטינע פון אַרבעטער און פויערים, אָבער אַן שום פאַרבאַהאַלט אַרויסגעטראָטן מיט געווער אין האַנט קעגן די כוליגאַנישע איבערפאַלער אויפן יידישן ישוב, וועלכע זענען געצויגן געוואָרן אויפן שטריקל פון אַראַבישע עקספּלואַטאַטאָרן און בריטישע אָקופּאַנטן.

די מאַרקסיסטישע לינקע פּועלי־ציון האָבן געפירט דעם קאַמף פאַר די טאָג־טעגלעכע נויטן פון די יידישע אַרבעטער אומעטום, אין אַלע לענדער און זיי פאַרבונדן מיט די ווייטסטע פּערספּעקטיוון פון פּראָלעטאַרישן ניצחון, אַריינ־פלעכטנדיק אין דעם דאָזיקן זיג די דערפילונג פון אַלע קאַמפּס־לאָזונגען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

* * *

דער 25־יאָריקער יובל פון וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון פאַלט אויס אין אַ צייט, ווען די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז אויפגעטרייסלט אין איר יסוד, ווען דער קריזיס און הונגער דעקן־אויף פאַר מיליאָנען דעם גרויל פון דער אונטערגייענדיקער אָרדנונג און פלאַקערן אין זיי אויף דעם הייסן באַגער צו אַ נייער סאָציאַליסטישער וועלט, וועלכע האָט שוין אָנגעצונדן דעם ראַטנ־פאַרבאַנדישן שטערן אין דער פינצטערער נאַכט פון קאַפּיטאַליסטישן אומקום.

דער 25־יאָריקער יובל פאַלט־אויס אין אַ צייט, ווען אויך אין יידישן לעבן זענען בולט געוואָרן די אַלע פּראָצעסן, אויף וועלכע פּועלי־ציון האָבן זיך אָריענטירט ביי דעם באַגינען פון אונזער באַוועגונג. מיט אורקראַפט ווערן די יידישע מאַסן געצוווּנגען אויפצונעמען די דרינגלעכקייט פון די אויפגאַבן, וואָס זענען אויסן איבעראַנדערשן זייער לעבן אויף נייע יסודות; בפרט דיווירקלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד און אין פּאַלעסטינע האָט באַשטע־טיקט די ריכטיקייט פון פּועלי־ציוניסטישן פּראָגנאָז און אַזוי אַרום פאַר־פליכטעט צו פּועלי־ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין דער ערנסטער אַחריותפולער צייט.

רופן מיר די יידישע אַרבעטער צו פאַרלאָזן דעם זומפּ פון אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט, אָפּקערן זיך פון די, וואָס פירעדיקן פאַרראַט און מיט פרייד

און באַגייסטערונג אויפנעמען די לאָזונגען פון מאַרקסיסטישן לינקן פּועלי־ציוניזם.

אייניק איז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט אין זיין שווערן לעבן און אייניק מוז ער אויפטרעטן אין זיין רעוואָלוציאָנערן באַפרייונגס־קאַמף. אייניק איז דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער אין זיין מאַרטירער־לעבן, אייניק מוז ער אויפטרעטן אין זיין רעוואָלוציאָנערן באַפרייונגס־קאַמף

נישטאָ קיין אַנדער וועג פאַר אים, ווי דער וועג פון אומעטומיקער פּראָדוקטיוויזירונג און טעריטאָריאַליזירונג אין פּאַלעסטינע. נישטאָ קיין אַנדער מיטל און געווער דערצו, ווי דער געווער פון קלאַסן־קאַמף.

דער יובל פון פּועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד דאַרף דינען ווי אַ רוף צו די יידישע פּראָלעטאַריער אין דער גאַרער וועלט אויפצוטרעטן אייניק און געשלאָסן צום רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף פאַר דער פולער אייגענער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג, וועלכע איז איינגעגלידערט אָרגאַניש אין דעם קאַמף און אין ניצחון פון דער נייער סאָציאַליסטישער וועלט.

קומען מיר אין יובל־יאָר פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג מיט אונזער תּביעה צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן: באַנוגנט זיך נישט מיט קיין אויסגעפּליקטע שטיקער פון אונזער פּראָגראַם; זיי זענען אברים פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. דער כּוח פון פּועלי־ציוניזם איז אינעם גאַנצן ס י ס ט ע ם, אין זיין סינטעטישקייט, אין זיין א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע ר און פּ ר אַ ק ט י ש ע ר ד י ס צ י פּ ל י ן, צעבראָקלט נישט און צעשטויבט נישט די אידייע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווייל זי איז איינע און אַן איינהייטלעכע פאַרן יידישן און אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאַרער וועלט.

נעמט־אויף דעם פּועלי־ציוניזם אין זיין גאַנצקייט, אין זיין פולער אַנטפּלעקונג, ווייל דאָס איז די מעכטיקע אַנטפּלעקונג פון די אויפשטייג־כּוחות פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. וויקלט־אויף די ג אַ נ צ ע פאָן, ווייל דאָס איז די איינציקע פאָן פון רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, כאָטש־אונטער אַלע זיין רעוואָלוציאָנערן הימן, ווייל דאָס איז דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער הימן פון באַפרייונג און באַנייונג ביים יידישן אַרבעטער־פאָלק.

וואַרשע—מעקסיקאָ־סיטי, 1931.

בלעטער
צו דער פּועלי־ציון־געשיכטע

1. רוסלאַנד

דער „פּאָלטאַווער פּעריאָד"

דער דיפערענצירונגס־פּראָצעס ביי די פּועלי־ציון־גרופּן אין רוסלאַנד האָט אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער ערשט סוף 1904 אין פאַרבינדונג מיטן אויפגעשווומענעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. ביז דאַן האָבן געלעבט בשלום אונטער איין דאַך פאַרשידענע ריכטונגען און שטרעמונגען, אָפט בפירוש קעגנזעצלעכע אין אַ סך פּרטים פון סאָציאַליסטישער פּראַקטיק און פּאָליטישן געדאַנק. ס׳האָט זיי פאַראייניקט, אין קעגנערשאַפט צום „בונד", דער אַנאַליז פון דער אייגנאַרטיקער יידישער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור, די אָנערקענונג פון צווישן־מלוכהשן כאַראַקטער פון דעם יידישן פּראָבלעם און דער טעריטאָריאַליסטישער פּראָגנאָז פון די עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע־פּראָצעסן אין יידישן לעבן. ווייטער אָבער האָט מען שוין געקאָנט טרעפן אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער פון דער אידעאַליסטישער וועלט־אָנשויונג צוזאַמען מיט אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ קוצו של יוד פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם; אָנהענגער פון פּאָליטישן פּאָזיטיוון קאַמף אויף די ערטער און פאַרצווייפלטע פּעסימיסטן בנוגע דעם „גלות", פאַרברענטע העברעיסטן און פּראַקטישע אָנהענגער פון „זשאַרגאָן".

דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט האָט אויפגערודערט די בשלומדיקע היימישע סביבה. תחילת אַ פּלוגתא וועגן דער קאָנקרעטער טעריטאָריע, אוגאַנדאַ, איז זיך גיך פונאַנדערגעוואַקסן דער קריג צווישן טריטאָריאַליזם ב כ ל ל אַלס פּאָליטישע שיטה אין קעגנזאַץ צום אַגרעסיוון ציוני־ציוניזם, אַלס וועלט־אָנשויונג, וועלכע פּרעטענדירט אויף אַליינהערשאַפט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

צום 7־טן ציוניסטן־קאָנגרעס (1905) אין באַזעל זענען שוין געקומען צוויי באַזונדערע פאַרטרעטונגען פון פּועלי־ציון, פּאַלעסטינצעס און ציוניסטן־

סאָציאַליסטן (ס. ס.). די לעצטע האָבן זיך אָנהייב 1905 קאָנסטיטואירט אַלס זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי.

די פּועלי־ציוניסטישע דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס זענען אויך נישט גע־ווען אָרגאַניזירט און צונויפגעבונדן צווישן זיך. יעדער איינער האָט געטראָגן זעלבשטענדיק די אַחריות פאַר זיך און ס׳זענען געווען אַפילו עטלעכע דעלע־גאַטן, וואָס האָבן נישט געהערט צו דער פּועלי־ציון־פראַקציע, וועלכע האָט זיך געבילדעט אויפן קאָנגרעס גופא

בעתן קאָנגרעס איז אין צירך פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציוניסטישע דעלעגאַטן און ס׳איז געווילט געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צונויפרופן און צוגרייטן דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד. אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך אָנגעמערקט די חילוקי־דעות צווישן צווי הויפּט־גרופּן; בראש פון איינער איז געשטאַנען דער „באַטקאָ״ מ אַ ט ע ס ל ע וו ק אָ וו ס ק י פון יעקאַטערינאָסלאַוו מיט אויס־געשפּראָכענע סימפּאַטיעס צו „וואָזראָזשדעניע״, וועלכע איז צו יענער צייט שטאַרק פּאָפּולער געווען, דערהויפּט אין דרום־רוסלאַנד; די צווייטע גרופּע פון אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן־פּועלי־ציון איז גייסטיק געפירט געוואָרן פון דעם יונגן ב ע ר ב אָ ר אָ כ אָ וו פון פּאָלטאַווע.

די גרעסטע צאָל „באָראָכאָוויסטן״ זענען אַ געוויסע צייט נאָכן קאָנגרעס פאַרבליבן אין אויסלאַנד, בערלין, וווּ זיי האָבן ברייט פּראָפּאַגאַנדירט די אידייען פון פּועלי־ציוניזם. די מיטגלידער פון אָ. ק., ווידער, זענען אַריבער קיין רוסלאַנד, אויפגענומען דעם ערשט פאָרמולירטן „סיימיזם״ און אין דער ריכטונג אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע אויף די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס, אויסנוצנדיק דערביי די אָרגאַניזאַציע־פאַרבינדונגען און דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון אָ. ק.

ס׳האָבן זיך אָנגערוקט די אָקטאָבער־טעג. אַ רגע האָט אויפגעשיינט די זון פון פּאָליטישער פרייהייט און באַלד האָט אַ פלייץ געטאָן די פּאָגראָם־כוואַליע איבער שטעט און שטעטלעך. די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, בפרט די פּאַר־טייאישע, האָט זיך אַ לאָז געגעבן פון אויסלאַנד „אַהיים״, צו הילף דער פאַר־וואָרלאָזטער און מאַרטירערישער יידישער גאַס. באָראָכאָוו און זיינע נאָענטע חברים קומען אויך קיין רוסלאַנד. דאָ טרעפט זיי דער סיימיסטישער „אָנגריף״. באַלד קאָנסטיטואירט זיך אַן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ נ ס־ב י ו ר אָ, מיט דער אויפ־גאַבע צו ראַטעווען די פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פונעם פאַרראַט פון אָ.ק.

ווי ווייט איך געדענק, זענען אין אָ. ב. אַריין די חברים באָראָכאָוו, באָ־רוכסאָן (באַקאַנט שפּעטער אונטער די נעמען וויטעבסקי, אַלכסנדר כאַשין) און מאָטעס (פון וויטעבסק). די גרעסטע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דאַן

געפונען אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אין וויטעבסק. אין אַט די ערטער האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דער ברודער־קאַמף אינעווייניק אין די אָרגאַניזאַציעס. צו דער צייט זענען שוין געווען אָרגאַניזירט ווי זעלבשטענדיקע אויטאָנאָמע קערפּערשאַפטן דער פּוילישער פאַרבאַנד און דער קרימער פאַרבאַנד. די „סי־מיסטן" האָבן זיך געוועסט אַ רוק געטאָן קיין פּוילן. אַהער האָבן זיי אַראָפּ־געשיקט ירמיהון (יהודה באָוואַקאָווסקין). די חברים פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט האָבן זיך תיכף אַנטשלאָסן, אים געגעבן אויף הוצאות־הדרך און ער איז צוריקגעפאָרן מיט גאָרנישט. אין קרים האָט דער קאַמף געדויערט לאַנג, דאָ זענען די פּאָזיציעס אויסגעקעמפט געוואָרן שטאָט נאָך שטאָט און ענדלעך איז דער פאַרבאַנד, אויסשליסנדיק אַ פּאָר חברים פאַר זייער „דיסציפּלין־ברוך", אַריבערגעגאַנגען אינגאַנצן אויף דער זייט פונעם „אָרטאָדאָקסאַלן" פּועלי־ציוניזם. אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן האָבן די „סיימיסטן" „אַטאַקירט" ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק — אָן דערפאָלג.

אָבער דעם שטאַרקסטן אָנשפאַר האָט דער אַ. ב. געפונען אין דעם פּאָלטאַוועער ראַיאָן, וווּ די „סיימיסטן" האָבן לחלוטין קיין דריסת־הרגל נישט געהאַט. דעם דאָזיקן ראַיאָן איז אויך אויסגעקומען צו שפּילן אַ צענטראַלע ראָל אין דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי. לוינט זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף אים לענגער.

די פּאָלטאַוועער אָרגאַניזאַציע פּועלי־ציון איז אַנטשטאַנען בערך סוף 1904 יאָר. די גרינדער זענען געווען עטלעכע גימנאַזיסטן פון די העכערע קלאַסן: יצחק שימשעלעוויטש (שפּעטער עובדיה, אבנר, איצט בן־צבי אין ארץ־ישראל), אַראָן אָרשאַנסקי (אַדאָלף, אַ. אַראָנאָוו), אַ פּאָר לערער: אליעזר גרינשפּאַן (פלטיאל) און ש. קאָפּעליאַנסקי (רפאל) און עטלעכע אַרבעטער, צווישן זיי אַ שוסטער ליאָווקע כאַזאַצקי (פון ליבאַווע) און עטוואָס שפּעטער — דער שרייבער פון די שורות.

ביז די פּועלי־ציון האָבן אין פּאָלטאַווע נישט עקזיסטירט קיין זעלבשטענדיקע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, הגם די שטאָט האָט פאַרמאָגט גרייליך אַ גרויסע יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. איז אָבער די יוגנט געווען אָרגאַניזירט אין די „אַלגעמיינע" פּאַרטייען, ווי „איסקראַ", סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אַ פּאָר יידן האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער גאַנצער געגנט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישן און רעדנער־טאַלאַנט דער „פּאָלטאַוועער בעבעל" (חבר אַנטאָן, ניל, איצט אַ באַקאַנטער קאָאָפּעראַטאָר אין רוסלאַנד, אונטער זיין אמתן נאָמען סאַנדאָמירסקי). פּאָלטאַווע האָט געהאַט דאָס גליק צו ווערן דער מקום מקלט פאַר אַ סאַך סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע

טוער. אַהער האָט די צאַרישע מאַכט אַרויסגעשיקט אויף „אַפּרו״ אַזעלכע מענטשן, ווי קאָראָלענקאָ, מאַרטאָוו און אַנד. דאָ האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער „איסקראָוועץ״ ברוך סטאָלפּנער (עמדין). איז די שטילע באַחנטע אוקראַינישע שטאָט, וועלכע פאַרמאָגט נישט קיין פאַבריקן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן פּראָלע־טאַריאַט און נישט קיין אוניווערסיטעטן מיט דער שטורעמדיקער לערן־יוגנט, געבענטשט געוואָרן מיט פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע „עמיגראַנטן״, וועלכע האָבן געהאַט אַן אומגעהויערע השפּעה אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט.

ס׳פלעגן כסדר איינגעאָרדנט ווערן רעפעראַטן פאַר אָרטיקע און אָנגע־פאָרענע רעדנער און גאַנצע אויפדערנאַכטן פלעגן אַוועקגיין אויף הייסע לייד־שאַפטלעכע דיסקוסיעס. אין די רייכע הייזער פון דער פּאָלטאַווער ליבעראַלער אינטעליגענץ, יידן און קריסטן, איז אָנגעגאַנגען דער גייסטיקער טורניר, און דאָ זענען דערצויגן געוואָרן אַ סאַך פון די שפּעטער אָנגעזעענע טוער אויף פאַר־שידענע געביטן פון וויסנשאַפט און פּאָליטיק. אין די דאָזיקע דיסקוסיעס האָט זיך אַרויסגערוקט דער יונגער גימנאַזיסט באָראָכאָוו, וועלכער איז גיך געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור ביי דער אָרטיקער שטודירנדיקער יוגנט, צוליב זיינע גאָו־נישע פעיקייטן און אַלס אומדערשראָקענער צעשטערער פון איינגעזעסענע אָבער אָפּגעלעבטע אידעאָלאָגישע געטשקעס. דאָ האָט זיך געשליפן דער שכל פון וולאַדימיר פאַבריקאַנט (לכתחילה אַ ציוניסט, שפּעטער אַ סיימאָוויעץ וו. דאָל־מאַן און צום סוף דער פּערזענלעכער סעקרעטאַר פון קערענסקי), דאָ זענען אויך דערצויגן געוואָרן אליהו טשעריקאָווער (באַקאַנטער היסטאָריקער), דער יונג אומגעקומענער טאַלאַנטפולער וויקטאָר זעלענסקי (געפאַלן אַלס פּראָב־צוויזישער וואָלאָנטער אָנהויב מלחמה), י. בן־צבי (י. שימשעלעוויטש) און פיל אַנדערע.

פּאָלטאַווע איז אויך געווען אַ וויכטיקער צענטער פון חובבי־ציון און שפּעטער פּאָליטישע ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם באַקאַנטן דעמאָקראַטישן העברעישן שריפטשטעלער אַלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש (איצט אין ארץ־ישראל), דעם באַוווסטן העברעישן פּעדאַגאָג מרדכי קריטשעוו־סקי (ארץ ישראל), מ. ב. באָראָכאָוו (אַ העברעישער לערער, דער פאָטער פון ב. באָראָכאָוו) און די ייִנגערע נתן וואַסילעווסקי (סטודענט, דעלעגאַט צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס) און לעאָן רובינאָוו (אַ רוסיש־ייִדישער בעלעטריסט און טעמפּעראַמענטפולער ציוניסטישער מטיף).

אין שייכות צו דער ייִדנפראַגע פלעגט אויף די רעפעראַטן פאָרקומען דער קאַמף צווישן „ציוניזם״ און „איסקראַ״, דער בונדיזם האָט דאָ נישט געשפּילט

קיין ראָל. בלויז אַ פּאָר מאָל זענען אויפגעטראָטן אָנגעפּאָרענע בונדישע אָפּאָ־נענטן. אויפן אָרט זענען געווען ווינציקע סימפּאַטיקער פון „בונד". מ'האָט אָבער געוווסט, אַז אין ליטע און פּוילן איז דער „בונד" דער „איינציקער פאָרשטייער", און וואָס ווייטער איז זיין אידעאָלאָגיע געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַר דער פּאָלעמיק פון ביידע הויפּט־צדדים.

די ערשטע פּועלי־ציון־גרופּע אין פּאָלטאַווע איז געבוירן געוואָרן אינעם טעאָרעטישן קאַמף צווישן ציוניזם און „איסקראַ". באָראָכאָוו איז נאָך דאָ אויפ־געטראָטן ביז צום יאָר 1905 אַלס אַלגעמיינער ציוניסט. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט ער שוין באַוויזן צו אַרבעטן אַלס מיטגליד פון דער אַלגעמיינער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע צווישן דעם גרויס־אינדוסטריעלן פאַבריקס־פּראָלעטאַריאַט. ער האָט זיך אָבער געפילט אומבאַפרידיקט. בפרט נאָכן קע־שענעווער פּאָגראָם זענען פאַר אים אויפגעשטאַנען די ברענענדיקע טאָג־פראַגן פון יידישן לעבן. „איסקראַ" האָט אויף זיי קיין ענטפער נישט געהאַט. זי האָט זיך בכלל באַצויגן מיט ביטול צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. באָראָכאָוו איז אַריבער צום אַלגעמיינעם ציוניזם, אָפּהיטנדיק זיין אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע וועלט־אָנשויונג. ער האָט זי איצט געזוכט אָנווענדן אויף די קאָנקרעטע דערשיינונגען פון יידישן לעבן. אַלס שליח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרט ער אַרום איבער פאַרשידענע יידישע שטעט און שטעטלעך. צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע אַרבעטן איבער יידישע פראַגן (געדרוקט אין דער ציוניסטישער „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" פאַר פעברואַר און פאַר די חדשים יוני, יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1905). ס'האָט זיך פונקט אונטער־געדרוקט דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט און ער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו געבן אַ ברייטע אומפאַסנדיקע באַגרינדונג פונעם פּאַלעסטיניזם. אַ גרויסער טייל פון זיין דעמאָלטיקער פּאַלעסטינע־פאָרשונג איז דערנאָך אַריין אויך אין זיין פּועלי־ציוניסטישער אַגיטאַציע. אַלס ציוניסט באַציט ער זיך אָבער די ערשטע צייט פעסימיסטיש צום „גלות", וועלכן מ'וועט מוזן אינגאַנצן פאַרלאָזן, גלויבט ווינציק אין דער ווירקונג פונעם „פּראָגרעס" אויף דער פאַרענטפערונג פון דער יידנפראַגע. דאָס דויערט נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער זעט נישט פאַר זיך דעם יידישן אַרבעטער אין זיינע קאַמפּאַקטע מאַסן און דערשפירט נישט דעם אָטעם פון זייער קאַמף.

אויף זיינע נסיעות איבערן תחום טרעפט ער אָן די גרויסע יידישע פּראָ־לעטאַרישע מאַסן, דאָ באַגעגנט ער זיך אויך סיי מיטן „בונד" און סיי מיט די טעאָרעטיקער און טוער פון „פּועלי־ציון". ס'קומט ביי אים פאָר אַ לאַנגע דויערנדיקע איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן, ביז עס אַרבעט זיך ביי אים אויס זיין קאָנצעפּציע פון פּועלי־ציוניזם, וואָס אין איר יסוד איז אָוועקגעלייגט די

נייע סאָציאַליסטישע אויפפאַסונג פונעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. דאָס לעצטע באַאַרבעט ער און פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1905 אין זיין אַרטיקל „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע (יעוור. זשיזן, דעצעמבער 1905).

זיינע ערשטע פועלי־ציוניסטישע אַרויסטרעטונגען מאַכט ער אין ליטע. אין זיין היימשטאָט, פּאָלטאַווע, אַנטוויקלט זיך די אָרגאַניזאַציע זעלבשטענדיק. איך בין צו איר צוגעשטאַנען שוין נאָכדעם, ווי זי האָט עקזיסטירט אַ פּאָר חדשים. מיר איז שווער געווען צו פועלן ביי זיך, כ׳זאָל צושטיין צו דער נייער גרופּע. אַליין אַן אַרבעטער, אַ סטאָלער, דורכגעמאַכט גאַנצע 4 יאָר אין דער לער׳, שפּעטער געאַרבעט ביי פאַרשידענע באַלעבאַטים, האָב איך שוין פון דער פּערזענלעכער פּראַקטיק אַרויסגעבראַכט דעם גרונט־געדאַנק פון קלאַסן־קאַמף און ס׳איז פאַר מיר נאַטירלעך געווען די נייטיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע. די אַגיטאַציע פון מיינע חברים „איסקראָווצעס" האָט מיך אָבער נישט איבערצייגט. געבוירן אין אַן עכט־יידישער חסידישער הויז, בין איך פון קליינווייז אָן געווען אַריינגעוואַקסן אין דער יידישער קולטור־אַטמאָספער. פריער משניות, עין־יעקב און זוהר, שפּעטער מעשיות פון אַר״י הקדוש, שבחי בעש״ט און ענדלעך מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ, זיי האָבן דורך טויזנטער אינטימע, אומזיכטבאַרע פעדים מיך פאַרבונדן מיט דער יידישער גאַס און כ׳האָב געמוזט האָבן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מיך נעמען אָט אַזאַ, ווי איך בין, אַלס יידישן אַרבעטער. דער ציוניזם האָט מיך באַצויבערט מיט זיין אידעאַל פון יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. ער האָט מיך אָבער איגנאָרירט אַלס אַרבעטער מיט מיינע טאָג־טעגלעכע נויטן. „איסקראַ" האָט געווירקט אויף מיר מיטן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און קאַמפּס־אינהאַלט, זי האָט מיך אָבער פאַרזען און פאַרלייקנט אַלס ייד.

די פועלי־ציוניסטישע אַגיטאַציע האָט מיר צוגעטראָפן. ס׳האָט אָבער גענומען אַ געוויסע צייט, ביז איך האָב מיר קלאָר געמאַכט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קאַמף „דאָ" און דער אַרבעט „דאָרט".

די טעטיקייט אונזערע איז באַשטאַנען קודם כל אין אַגיטאַציע. דאָס איז געווען זייער שווער, ווייל מיר האָבן לחלוטין קיין שום ליטעראַטור נישט פאַרמאָגט. פלעגט מען דער עיקר לייענען באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע. פאַר די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזן האָט מען באַנוצט זשעלעזנאָוון און קאַרישאָוון. ספּעציעל אָבער האָט מען געשוויצט אויף דער הקדמה צו מאַרקס בוך „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע". אין דער דאָזיקער הקדמה איז קאָנצענטרירט אין ווינציקע פסוקים דער תמצית פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג. האָט מען געוואָלט וואָס גיכער אַריינקומען אין

„פרדס", בפרט יענע, וועלכע האָבן געוואָלט שוין באַטייליקן זיך אינעם פּאָליטישן קאַמף מיט די קעגנער. אַביסל האָט מען זיך באַשעפטיקט מיט פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, געזוכט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין פאַרשידענע פאַריינען לויט זייערע פאַכן. צוליבן דערמאָנטן ליאָוּקע כאַזאַצקי האָבן מיר געהאַט אַ ווירקונג בײַ די שוסטערס; אונזער איינפלוס האָט אויך אַרומגענומען די זעצערס, איינבינדערס, סטאָלערס און אָנגעשטעלטע. מיר האָבן געהאַט גוט אָרגאַניזירטע גרופּן צווישן די שילער. פון זיי האָבן מיר דערנאָך געהאַט עטלעכע טוער; מאַניע עפּשטיין (די פרוי פון דניאל אַוּוערבוך) סוניע קאָלוזשסקי (י. קלוגאי אין פּאַלעסטינע) און בפרט נ ח ב א ר ו (ענגלאַנד).

די וויכטיקסטע אַרבעט איז אָבער בײַ אונז צו יענער צייט געווען די אָרגאַניזירונג פון דער זעלבסטשוץ און פון אַן אייגענער דרוקערײַ.

מיר האָבן שוין געהאַט די דערפאַרונג פון קעשענעוו, און דער געדאַנק וועגן זעלבסטשוץ איז געווען זייער פּאָפּולער. אַ גרויסע השפּעה אויף די געמיטער האָט געהאַט די אומלעגאַלע אויסגאַבע פון דער גרופּע „וואָזראָזשדעניע", דער „אָרגאַן פון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק". פון אים האָט געווייט מיט אַן אומגעווײַנלעכער מונטערקייט און קאַמפּס־שטימונג. ס'איז געווען אַזוי ניי, פריש און אינטים, אַז ס'האָט געווירקט אי אויפן מוח, אי אויפן האַרץ. דאָס גלייכן האָט אַ גרויסן רושם בײַ אונז געמאַכט די רוסישע איבערזעצונג פון ביאַליקס „משא נעמיראָוו" מיט זשאַבאָטינסקיס הקדמה, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער רוף צו זעלבסטשוץ. ס'איז נאָך נישט געווען געדרוקט און איז אומגעגאַנגען אַלס כתב־יד...

אין פרט פון זעלבסטשוץ האָט די פּאָלטאַוער אָרגאַניזאַציע אויפגעטאָן אַ סאַך. מיר האָבן פאַרמאָגט געווער, אַפילו דינאַמיט און צוגעגרייט באָמבעס. עטלעכע מאָל זענען אין פּאָלטאַווע געווען פּרווון אָנצוהויבן אַ פּאָגראָם, — מ'האָט עס אָפּגעווענדט. אין ערשטער שורה אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער, אָפּפערוויליקער אַרבעט פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, וועלכער איז אומגעגאַנגען פערזענלעך צווישן די פויערים פון גרופּע צו גרופּע, פון מאַן צו מאַן און זיי אַגיטירט. דאָס נעמלעכע האָט מען געוווסט, אַז די „וואָקזאַלצעס" (די אייזנבאַנער), וועלכע זענען אָרגאַניזירט בײַ ר. ס. ד. וועלן גלייך קומען אין שטאָט קעגן די כוליגאַנעס. ס'האָט אָבער אויך נישט ווינציק געווירקט די זעלבסטשוץ, וואָס בײַ איר זענען געווען באַזונדערס אַקטיוו אַלס „טעכניקער" עובדיה, אלי ראַבינאָוויטש (אַ זון פון פונעם שריפטשטעלער אז"ר), יעקב פּלאָטקין (אַ סוחר, שפּעטער געהרגעט אין סעדזשעראַ, אין פּאַלעסטינע) און עזריאל קובריק

(אַן אַרטילעריסט, איצט אַרבעט ער אין פּאַלעסטינע). מיר האָבן אונזער עולם געלערנט שיסן, אייניקע — אויך צו וואַרפן באָמבעס.

די דרוקערײַ האָבן מיר געוואָלט אַוועקשטעלן, כדי פון צייט צו צייט האָבן די מעגלעכקייט אַרויסגעבן אַן אייגן בלעטל און טאַקע אויך אַן אָרגאַן. עטלעכע חברים זעצער האָבן מיר געהאַט, — האָט מען אָנגעהויבן ביסלעכווייז זאַמלען שריפט, באַשטעלט אַ ספּעציעלע קאַסע, וואָס האָט אויסגעזען אויס־געזען ווי אַ טיש, צוגעגרייט די „טעכניק", דעם „וואַליק" אָפּצוציען די בלעט־לעך און געזוכט אַ פּאַסיקע דירה.

מ'האָט געמוזט אויסגעפינען אַ וואָס מער כשרע דירה, בײַ חשובע אָנ־געזעענע מענטשן, כדי מ'זאָל נישט דערוועקן קיין חשד בײַ פּאָליציי. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר און כ'האָב געדונגען אַ צימער בײַ איינעם ש ו ר. תחילת איז אים אַפילו אויסגעקומען פריקרע, וואָס איך, אַ היגער — צי זיך פּלוצים אַרויס פון דער היים. איך האָב אים דערקלערט, אַז כ'וויל זיך האַלבע טעג לערנען, „צוגרייטן" אַלס עקסטערן — און מיר זענען מושווה געוואָרן. ביסלעכווייז האָט מען די „טעכניק" אַריבערגעשלעפּט צו מיר און יעדן טאָג פלעגט קומען דער חבר מאָטקע געצאָוויטש (איצט אין א"י) און אַרבעטן. איז אָבער נישט באַשערט געווען. טרעפט זיך אַ מעשה, און בעת כ'בין נישט געווען אין דער היים, איז אַריין די דינסט צוקלויבן און אָפּוואַשן די פּאַדלאָגע. געמט זי מיין טשעמאָדאַן פון אונטערן טיש און וויל אים אַריבערשטעלן אויף אַן אַנדער אָרט ביז זי וועט דאָ אָפּוואַשן. איז עס אָבער נישט פאַר אירע כוחות, זי קאָן דעם טשעמאָדאַן נישט רירן פון אָרט. איז איר די זאַך געוואָרן פאַר־דעכטיק. האָט זי אַריינגערופן דעם באַלעבאָס; משמעות איז ער אויך נישט געווען קיין גיבור און האָט נישט בייגעקומען דעם טשעמאָדאַן, וועלכער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שריפט. ערשט איצט האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן אין צימער בכלל. האָט מען שוין פאַר איין וועג דערזען, אַז דער טיש איז עפּעס אויך שלא כדרך הטבע און נאָך קלייניקייטן. הקיצור, מען האָט צו מיר געשיקט שליחים און כ'האָב זיך געמוזט תיכף אַרויסציען. מען האָט מיך נאָך גמוסרט: ס'טייטש, איר, ר' אפרים אהרן דעם מלמדס אַ זון, זאָלט אונז אַזוי אָפּטאָן, באשר מיר האָבן אייך געטרויט און אייך נישט נאָכגעקוקט...

אַזוי האָבן מיר פון דער ערשטער אומלעגאַלער דרוקערײַ קיין נחת נישט דערלעבט, און די ערשטע־מאַי־בלעטלעך האָבן מיר געמוזט אַרויסגעבן העק־טאָגראַפירט.

די פּאָלטאַוור אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפילט מחויב צו זאָרגן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון ראַיאָן. מיט אייניקע ערטער האָבן מיר אָנגעקניפּט באַציונגען

דורך די חברים, וועלכע האָבן געלערנט אין פּאָלטאַווע און אויף יום־טוב גע־פאָרן אַהיים. אין אַ פּאָר ערטער האָבן מיר אָראָפּגעשיקט רעדנער ספּעציעל און אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר שוין געהאַט אָרגאַניזאַציעס אין אַ גאַנצער ריי פּונקטן, ווי קרעמענטשוג, פּרילוקי, קאָנסטאַנטינאָגראַד, מירגאָראָד, לובען, ראָמען, כאָראָל, פּיריאַטין, קאָבעליאַקי, אַלעקסנדריע און אַנד. אין קאָבעליאַקי איז, אַגב, געווען מיין ערשטער אויפטריט אַלס פּועלי־ציוניסטישער אַגיטאַטאָר. כ׳האָב עפּעס נישט געהאַט די העזה מיטאַמאָל אַרויסטרעטן אין פּאָלטאַווע. זענען מיר אין צווייען מיטן ח׳ אָסאַרקאַן אַראָפּגעפאָרן קיין קאָבע־ליאַקי, ווו מ׳האָט פאַר אונז פאַר בײַ נאַכט אָרגאַניזירט אין וואַלד אַ „מאַסוווקע”. אָסאַרקאַן האָט גערעדט וועגן פּאָליטישן מאָמענט און איך האָב געהאַלטן אַן אַגיטאַציע־רעדע וועגן פּועלי־ציוניזם. זעענדיק, אַז אונזערע רעדעס האָבן „אויס־געגומען”, זענען מיר שוין שפּעטער אויפגעטרעטן אויך אין פּאָלטאַווע צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג פון אַלע באַקאַנטע.

יאָ, נאָך אַ קלייניקייט. צוגעגרייט זיך צו קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, האָבן מיר אַמאָל אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג זיך צונויפגערעדט וועגן פּאַרטייאישע פּסעוודאָנימען, כדי מ׳זאָל נישט אַזוי שנעל „דורכפאַלן”. אין דעם זעלבן אויפ־דערנאַכט בײַ ח׳ שימשעלעוויטש אין צימער זענען אַנטשטאַנען די פּסעוודאָ־נימען: ע ו ב ד י ה (שימשעלעוויטש), פּ ל ט י א ל (גרינשפּאַן), ד נ י א ל (אָסאַר־קאַן), ר פ אַ ל (קאָפּעליאַנסקי) און ז ר ו ב ב ל. כאַראַקטעריסטיש איז געווען, וואָס אַלע האָבן זיך אויסגעקליבן יידישע, ריכטיקער ה ע ב ר ע י ש ע פּסעוו־דאָנימען, מיט אַ געוויסן היסטאָרישן ניואַנס. בלויז איינער איז געווען אַ יוצא מן הכלל און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן אַ ד אַ ל ף (א. ארשאַווסקי). פון די אַלע איז בײַ זיין דענסטמאָל אָנגענומענעם פּסעוודאָנים געבליבן בלויז דער מחבר פון די שורות.

צו אונז זענען געקומען באָראָכאָוו און באָרוכסאָן שוין אַלס פאָרשטייער פון אָ. ב., און די פּאָלטאַוועער חברים האָבן זיך גלייך דערקלערט קאָמפּס־פּאַר־טיק. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפרופן וואָס גיכער אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ, כדי אַזוי אַרום צו פאַרפעסטיקן זיך אינעם גאַנצן ראַיאָן.

אָנהויב דעצעמבער 1905 איז אין פּאָלטאַווע פאָרגעקומען די ערשטע פּאָלטאַוועער ראַיאָן־קאָנפערענץ. אין נאָמען פון אָ. ב. האָט זיך אין איר באַטיי־ליקט אויך באָראָכאָוו. די אינטערעסאַנטסטע און ליידנשאַפטלעכסטע וויכוחים האָט אַרויסגערופן באָראָכאָווס פאָרטראָג איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע און די אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אָט די זעלבע כללים, וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט אין זיין אַרבעט

וועגן די „קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע״ *בכלל*, האָט ער געפּרווט איצט אָנצווענדן אויף דער יידישער ווירקלעכקייט און אַזוי אַרום אַרויסדרינגען די קאַמפּס־ליניע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט בנוגע דער לעזונג פון זיין נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. די רעזאָלוציע, וואָס איז נאָכן רעפעראַט אָנגעגימען איינשטימיק, שטעלט מיט זיך פאָר דעם קאַטעכיזיס פון פּועלי־ציוניזם און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם, וואָס האָבן געהערשט אויף דער קאָנפערענץ בעת דעם דערמאָנטן פאָרטראָג און די וויכוחים אַרום אים. ס'איז באמת געווען, ווי אַ מין גלוי־שכינה פאַר אונז. ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, איז דאָס געווען דער ערשטער פּרווו צו פאָרמולירן דעם פּועלי־ציוניסטישן בליק אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אויף די אַנאָמאַליעס פון יידישן לעבן און דעם טעריטאָריאַליסטישן פּראָגנאָז פון זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. דאָרט איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער *סטראַטעגישער באַזע*, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער פּועלי־ציוניסטישער אַגיטאַציע. דאָס גלייכן איז דאָרטן צום ערשטן מאָל געגעבן געוואָרן די דעפיניציע פון דער דערשיינונג פון נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ און איר שייכות צום קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף ווערט תמיד געפירט צוליב די מאַטעריעלע קנינים, וואָס זענען צונויפגענומען און קאָנצענטרירט אין דער טעריטאָריע. אָפּהענגיק פון זייער ראָל און אָנטייל אין דעם אופן פון דער פּראָדוקציע, האָט יעדער געזעלשאַפטלעכער קלאַס אַן אַנדער אינטערעס אין דער טעריטאָריע, ס'הייסט, אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע. זענען, בכן ,אויך זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן לגמרי אַנדערע, ווי ביי די איבעריקע קלאַסן. לגבי דעם גרויס־אַגראַריער איז עס דער שטיץ־פּונקט פאַר פּאָליטישער מאַכט און אַ קוואַל פון ערד־רענטע. פאַר דער קליינער בורזשואַזיע איז עס דער געברויך־מאַרק. פאַר דעם גרויס־קאַפּיטאַל איז די טעריטאָריע נאָר אַ שטיץ־פּונקט צו פאַרכאַפּן דעם וועלט־מאַרק .איז ער, אַגב, טאַקע נישט נאַציאָנאַל, נאָר אימפּעריאַליסטיש. פאַר די מאַסן, וואָס האַלטן זיך אין פּראָלעטאַריזירן, איז עס דער אינטערעס צו אַן אַרבעטס־פּלאַץ. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז, אייגנטלעך, אַן עמיגראַציע־פראַגע, ווי אַזוי צו געפינען אַרבעט. פאַרן פּראָלעטאַריאַט קריגט אָבער דער אַרבעטס־פּלאַץ נאָך אַ באַדייטונג — פון אַ *סטראַטעגישער באַזע* פאַרן אָרגאַניזירטן קאַמף מיטן קאַפּיטאַל.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף דריקט זיך אויס אין די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלער *קאָנקורענץ*. די דאָזיקע קאָנקורענץ איז אויך פאַראַן ביים *אַרבע*־

טער, כל־זמן ער איז נישט באַוואָרנט מיט אַרבעט. צווי אַרבעטער אַלס יחידים, וועלכע פּרעטענדירן אויף דעם זעלבן אַרבעטס־פּלאַץ, קאָנקורירן צווישן זיך. זענען זיי אָבער ביי דער אַרבעט, הערט אויף צווישן זיי די קאָנ־קורענץ, קומט דער קלאַסן־באַוווסטזיין, טרעט־אויף די באַדערפעניש פון קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. די אַרבעטס־זוכעניש צעשיידט די אַרבעטער, דער קאַמף ביי דער אַרבעט סאָלידאַריזירט זיי. דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס קלאַס, ווייסט נישט פון קיין קאָנקורענץ און פירט נישט דעריבער קיין נאַציאָנאַלן קאַמף. דער קאַמף אָבער קעגן קאַפּיטאַל איז נאַציאָנאַל באַפּאַרבט. דער קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט ביי אונטערדריקטע נאַציעס פירט מיט היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט דערצו, אַז אין זיין פּראָגראַם זאָלן אַריינגענומען ווערן פּונקטן, וועלכע זענען שייך צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס אין סך־הכל מייַנט עס די פאַרבעסערונג פון זיין סטראַטעגישער באַזע.

בנוגע „איסקראַ" און „בונד" ווערט שוין אויף דער קאָנפערענץ אָנגע־וויזן, אַז אין דער יידישער ווירקלעכקייט וואַקסט כסדר דער „קאָנפליקט צווישן דער באַדערפעניש און דער אוממעגלעכקייט זי צו באַפרידיקן". — תחילת איז סיי מצד דעם פּראָלעטאַריאַט, סיי מצד די נאָענטע צו אים פּראָלעטאַריער־מאַסן, פאַראַן דער פּרווו צו באַפרידיקן די באַדערפעניש אין די זעלבע באַ־דינגונגען, אין וועלכע זי איז אַנטשטאַנען. דאָס איז דער פּרימיטיווער רעפלעקס, די איינפאַכע רעאַגירונג. אויף דעם יסוד אַנטשטייען די אַסימילאַטאָרישע און האַלב־אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען. מיטן וווקס פונעם קאָנפליקט ווערט אַלץ רייפער די באַדערפעניש אַריבערצוטראָגן סיי דעם אַרבעטס־פּלאַץ און סיי די סטראַטעגישע באַזע אין גאָר נייע קאָמפּלעקסן און באַדינגונגען. דאָס איז דער ראַדיקאַלער רעוואָלוציאָנערער וועג.

אַזוי ווי דאָס „אינטענסיווע" און „אַלזייטיקע" אַרויסשטופן גרייפט אָן די יידן אויף אַלץ אַ גרעסערן שטח פון ערד־קוגל, ווערט רייפער די טענדענץ צו „שאַפן נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר פרייער אַנטוויקלונג אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, וועלכע דאַרף דינען פאַר דער בורזשואַזיע — אַלס מאַרק, פאַר די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן — אַלס אַרבעטס־פּלאַץ, און פאַרן פּראָ־לעטאַריאַט — אַלס סטראַטעגישער פּלאַץ".

ס'ווערט אונטערגעשטראָכן די קאָנסאָלידירונג פון די יידישע פראַגן אין איין אַלוועלטלעכער יידנפראַגע, סיי לגבי די יידן גופא, סיי לגבי די אַרומיקע פעלקער. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגנדיקער געדאַנק בנוגע דער רעאַ־ליזירונג פונעם טעריטאָריאַליזם. אַלס אַוואַנגאַרד ווערט באַטראַכט דער באַ־וווסטזיניקער אָרגאַניזירטער יידישער פּראָלעטאַריאַט. אָבער „די באַוועגונג

ווערט פאַרווירקלעכט ביי דער מיטהילף פון אַלע באַוווסטזיניקע עלעמענטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווי פון דער בורזשואַזיע, אַזוי אויך בפרט פונעם פּראָלעטאַריאַט פון די אַרומיקע פעלקער. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, „אין די אינטערעסן פון זיין באַפרייונג, נוצט אויס, לויט דער מעגלעכקייט, אויך די כוחות און אינטערעסן, וואָס ווערן רייף ביי אַנדערע קלאַסן און גרופּן סיי פון זיין אייגן פאָלק, סיי ביי די נישט־יידן, אויף וויפל די דאָזיקע כוחות און אינטערעסן העלפן־מיט אַריבערצוטראָגן די פּראָלעטאַרישע יידישע סטראַטעגישע באַזע אויף אַ באַזונדער טעריטאָריע מיט אַן אויטאָנאָמען יידישן ישוב".

די וויכוחים זענען געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אין דער פּאָלעמיק מיט די „וואָזראָזשדענצעס" איז מען געווען געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך אויף אַ גאַנצן סכום דערשיינונגען, וועלכע מ'האָט פריער נישט געזען אָדער באַוווסטזיניק איגנאָרירט. מען האָט נויטיק געהאַט צו געבן די חברים אַ געווער אין קאַמף קעגן די סיימיסטן און אַ דאַנק דעם האָט מען זיך געמוזט נאָך מער פאַרטיפן אין די טעאָרעטישע ענינים.

צוליבן זעלבן טעם האָט אויף יענער ערשטער פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ די פראַגע וועגן אונזערע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פאָדערונגען אין גלות. אין קעגנזאַץ צום ס.־ס.ישן גלות־פּעסימיזם זענען די „וואָזראָזשדענצעס" אויפגעטרעטן מיט אַ גוזמאדיקן גלות־אָפּטימיזם, וועלכער האָט ווייט איבערגעשטיגן אַפילו דעם בפירוש גלותיסטישן „בונד". אויב די ס.־ס. האָבן געמאָלט לגמרי שוואַרץ, ציוניסטיש דעם גלות, און געזען דאָ בלויז גסיסה, אַנטאַרטונג, אויב דער בונד האָט יוצא געווען מיט פּראָקלאַמירן דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע, איז די נייע גרופּע געקומען מיטן לאָזונג פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן „סיים", מיט ברייטע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פונקציעס און קאָמפּעטענצן. מיטן דאָזיקן לאָזונג האָט זי אויך פאַרבונדן אָרגאַניש דעם לאָזונג פון טעריטאָריאַליזם. זי האָט ביי זיך אויך ווייטער פאַררייניקט סתם טעריטאָריאַליסטן און קאָנקרעטע פּאַלעסטינצעס. אַלס אַזעלכער האָט זיך דאַן אָנגעגעבן ש מ ע ו נ י (שמעון דאָבין). זי האָט אָבער געזאָגט, אַז היינט צו טאָג איז דער טעריטאָריאַליזם נאָך נישט רייף צו דער פאַרווירקלעכדיקער אַקציע. מען מוז צוערשט זאַמלען, מאָביליזירן די נאַציאָנאַלע כוחות און דערנאָך וועט מען זיי קאָנען פאַרווענדן „דאָרט און דאַן, ווו און ווען" ס'וועט זיך אַרויסווייזן די מעגלעכקייט דערצו.

באַראָכאָוו און די איבעריקע חברים האָבן בשעת דער פּאָלעמיק מיט די „סיימיסטן" זיך איבערצייגט, אַז דער לאָזונג פון סיים, פאַר זיך גענומען, איז

אַ פּרוכטבאַרער, אַנטשפּרעכט די באַדערפעניש פון פּראָלעטאַריאַט און ביי א געוויסער פּאָליטישער קאָניונקטור קאָן ער אויך רעאַליזירט ווערן. דער חסרון איז נאָר, וואָס מ׳וויל דערפון מאַכן אָפּהענגיק די רעאַליזירונג פון ציוניזם. אויב אַזאַ איינשטעלונג האָט נאָך אַ זין לגבי סתם טעריטאָריאַליסטן, ווייל סיי ווי סיי איז די אַבסטראַקטע אידייע צו גאָרנישט פּראַקטיש מחייב, איז עס אָבער לחלוטין אַבסורדיש בנוגע די פּאַלעסטינצעס. קאָנקרעטער פּאַלעסטיניזם מיינט טאַקע אויך באַלדיקע ממשותדיקע אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע. דאָס לעבן דריקט זיך נישט אויס אין צוויי באַזונדערע, גאַנץ פאַרענדיקטע פּראָצעסן פון פריער בלויז אָנזאַמלען און שפּעטער דורכויס פאַרווענדן ענערגיע; די ענערגיע ווערט כסדר געזאַמלט און גלייכצייטיק פאַרווענדעט. די זעלבע פאַרהעלטעניש דאַרף, בכן, עקזיסטירן אויך צווישן דעם גלות און דער טעריטאָריע. אין ביידע ערטער ווערט געזאַמלט נאַציאָנאַלע ענערגיע. אין ביידע ערטער — פאַרווענדעט. מען קאָן נישט באַשטימען קיין טערמין, קיין דאַטע פאַרן פּראָצעס, ווען ער זאָל זיך אָנהייבן און ווען ער זאָל זיך אויסלאָזן.

אין רעזולטאַט האָט די פּאַלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ פּאַקטיש אָנגענומען דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אין דער אָנגעוויזענער באַלויכטונג פון זיין שייכות צום טעריטאָריאַליזם, לויט וועלכער ס׳קומט אויס, אַז ס׳קאָן זיך גריילעך מאַכן, אַז די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע זאָל גאָר רעאַליזירט ווערן פריער, ווי די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע. איז, הייסט עס, צווישן זיי פאַראַן אַ קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונג, אָבער בשום אופן נישט קיין אָפּהענגיקייט, אַפּיציעל האָט מען, צוליב טאַקטישע טעמים, געלאָזט פונדעסטוועגן די פראַגע אַלס דיסקוסיע־פראַגע ביז צום אַלרוסלענדישן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אויף דער קאָנפערענץ איז, אַגב, אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח אַרום דעם פונקט וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פון דער יידנפראַגע. אַלע דעלעגאַטן האָבן אָנערקענט דעם פּאַקט, ווי ער איז, אַז אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר צו טון אומעטום מיט אַן ענלעכער, נאָכמער, מיט דער זעלבער יידנפראַגע. פון וואַנען שטאַמט זי אָבער, אָט די יידנפראַגע, וועלכע כוחות און פאַקטאָרן רופן זי אַרויס? צי זענען עס אומעטום די זעלבע סיבות, אָדער אין יעדער קאָנקרעטער טביבה ווירקן אויף איר אַנטשטיין אָרטיקע, ספּעציעלע און אפשר צייטווייליקע, ממילא פאַריבערגייענדיקע פאַקטאָרן?

דער דעלעגאַט פון קרעמענטשוג, באָריס ריאַבטשינסקי, האָט פאַרטראָטן אַ באַזונדערן, אָריגינעלן שטאַנדפּונקט, נעמלעך, ער האָט געהאַלטן, אַז די יידנפראַגע איז ענג־פאַרבונדן מיט דער אַגראַר־פראַגע און אַז אין אַלע יענע לענדער פון יידישן מאַסן־ישוב, וווּ ס׳איז נישט געלייזט די אַגראַר־פראַגע, מוז אויך

אַנטשטייען אין אַ באַזונדערס שאַרפער און קאָמפּליצירטער פאָרם די יידנפראַגע. פון דאַנען האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז מ׳קאָן נישט רעדן פּרינציפּיעל פון אַן אַ ל ו ו ע ל ט ל ע כ ע ר יידנפראַגע. פון זיך און זעלבשטענדיק וואַקסט־אויס און רייפט־אָן די יידנפראַגע נאָר אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, ווי רוסלאַנד, רומעניע, גאַליציע, טאָקע צוליב זייערע אייגנאַרטיקע אַגראַר־פאַר־העלטענישן. אין אַלע אַנדערע לענדער איז קיין יידנפראַגע נישט פאַראַן; זי ווערט נאָר אַהין פאַרשלעפּט דורך דער א י י נ וו אַ נ ד ע ר ו נ ג און ד ו ר כ־ וו אַ נ ד ע ר ו נ ג פון די יידישע מאַסן.

אָט דער וויכוח איז נישט געווען קיין סתם טעאָרעטישער; פון אים איז אַרויס־געדרונגען די באַשטימונג פון די וועגן צו דער לעזונג פון דער יידנפראַגע בכלל און אויך פון דער טאַקטיק, וועלכע עס איז נייטיק אָנצוווענדן אין קאַמף פאַר די לאָזונגען פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

דער וויכוח איז געווען אַ געננג שאַרפער און ערנסטער. באָריס ריאַב־טשינסקי האָט אַרויסגערוקט גאַנץ וואָגיקע אַרגומענטן צו פאַרטיידיקן זיין שטאַנד־פּונקט און ער האָט דערגרייכט דאָס, אַז צו דער אָנגענומענער רעזאָלוציע איז צוגעגעבן געוואָרן אַ הערה וועגן דעם, אַז „איין דעלעגאַט איז געבליבן ביי אַן אַנדער מיינונג מכוח דער אַלוועלטלעכקייט פון דער יידנפראַגע און א. וו.״

פּונקט אַזוי האָבן זיך אַרויסגעוויזן מיינונגס־פאַרשידנקייטן ביי נאָך עט־לעכע פראַגן. נישט אַזוי ביים פאָרמולירן דעם תוך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און ביים אָנצייכענען די פּערספּעקטיוון פון באַפרייונגס־קאַמף פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָ איז מער געגאַנגען וועגן אָפּשאַצן די באַדייטונג און וויכטי־קייט פון געוויסע דערשיינונגען, וועלכע פאַרשאַרפן דעם נאַציאָנאַלן קאָנפליקט פונעם יידישן אַרבעטער און פון די יידישע זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן. אַ שטייגער, דער העכערער קולטור־ניוואָ פון דער יידישער באַפעלקערונג, די גרעסערע רעוואָלוציאָנערישקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און ד. גל. צי זע־נען די מאָמענטן נאָר צייטווייליקע, אָדער זייער ווירקונג וועט אָנהאַלטן לענגער?

אויך אויף די חילוקי־דעות האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט אין אַ ספּע־ציעלער הערה.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט עטלעכע טעג. זי האָט זיך געמוזט פאַרענ־דיקן, ווען מ׳האָט זיך דערוווסט, אַז אין בערדיטשעוו רופט צונויף דער אָ. ק. אַ דרום־מערבדיקע קאָנפערענץ מיט באַשטימטע פון אויבן דעלעגאַטן, כדי אויף אַזאַ אופן אָנצושליסן די אָרגאַניזאַציעס צו די „סיימיסטן״. די פּאָלטאַוווער קאָנ־

פּערענץ האָט באַשלאָסן שיקן אַהין צוויי דעלעגאַטן מיט איר מאַנדאַט אויפֿן פֿאַל, אויב מ׳וועט נישט צולאָזן די פאַרשטייער פון אָ. ב.

האָט מען נישט באַוויזן צו באַטראַכטן ברייט דעם פונקט וועגן פּאַלעסטינע. ס׳איז אָבער נישט נויטיק געווען, ווייל דער ברען־פונקט איז דאָס מאָל געווען דער „סיימיזם״ און די אויפפאַסונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

מכוח פּאַלעסטינע האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען בלויז אַ קורצע דעקלאַראַציע בזה הלשון: „דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט פּאַלעסטינע אַלס די איינציקע טעריטאָריע, ווו דורכן קלאַסנקאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קאָן דערוואָרבן ווערן די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פאַרן יידישן פאָלק און פאָדערט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן קאָנגרעס תיכּפדיקע רעאַלע אַרבעט אין פּאַלעסטינע״.

מ׳האָט נאָך באַטראַכט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציע־פראַגן, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ראַיאָן־אָרגאַן מיטן נאָמען „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ״ (יידישע אַרבעטער־כראָניק) און אויסגעקליבן אַ ראַיאָן־קאָמיטעט.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זענען די רעפעראַטן און די וויכוחים געווען אין רוסיש. באָראָכאָוו האָט קיין יידיש לחלוטין נישט געקענט און אידעאָלאָגיש געווען פאַר העברעיש. יידיש איז, דאַכט זיך מיר, כמעט ווי גאַרנישט גערעדט געוואָרן. אַוודאי איז נישט געשטאַנען אויפֿן סדר־היום קיין פראַגע וועגן קולטור־אַרבעט אין יידיש. ס׳איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די שריפטלעכע, ווי די מינדלעכע אַגיטאַציע דאַרף געפירט ווערן אין רוסיש, די שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט און פאַרשטאַנען דורך די יידישע אַרבעטער אין דרום.

אויף דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ (אין מיטן דעצעמבער 1905) איז פאָרגעקומען די גענעראַל־שלאַכט צווישן דעם „סיימיזם״ און אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיסטישן פּועלי־ציוניזם. בערך צוויי וואָכן האָט זי גדויערט. פון די פּועלי־ציון זענען חוץ די פּאָלטאַווער דעלעגאַטן, באָראָכאָוו און עובדיה, נאָך געווען נ י ס ן (וול. לוריע, שפּעטער אַ פאַריינינקטער, איצט אין קיעוו), ג אָ ל ד ע (שפּעטער באַקאַנט אַלס חברטע רחל, איצט אַלס רחל ינאית אין ארץ־ישראל), פּ אַ ו ו ע ל פּ אַ ל ע ס ט י נ ע ץ (טראַצעוויצקי, איצט אין ראָסטאָוו אויפֿן דאָן), פּ י נ י ע ק אַ ה אַ נ אָ ו ו י ט ש (דער נסתר), נ אָ ס י ן (גרינבערג, אין פּאַריז), ד ו ד (ראַפּאָפּאָרט) און נאָך אייניקע.

מ׳האָט דורכגעלופטערט אַלע פּראָבלעמען און פראַגן, אַלע באַגריפן און דעפיניציעס און אויך די קעגנער האָבן געמוזט צוגעבן, אַז באָראָכאָוו (פון

דעם צד האָט ער פּאַקטיש געטראָגן די גאַנצע משא פון קאַמף אויף זיינע פּלייצעס) האָט אויפגעטאָן אַ ריזיקע אַרבעט, אָפּשלאָגנדיק נאָכאַנאַנד די קלעפּ פון די קעגנער אין די נאָך שוואַכע וועגט פונעם יונגן פּועלי־ציוניזם און זייענדיק געצוווּנגען אויפן אָרט, תוך כדי דיבור, אויפצושטעלן נייע פעסטערע יסודות פאַר זיין בנין.

פאַקטיש איז דאָ, אין בערדיטשעוו, פאָרגעקומען די ווירקלעכע צעשיידונג פון „סיימיסטן״ און „פּועלי־ציון״. אויף דער קאָנפערענץ האָבן די לעצטע געהאַט די מערהייט און דאָך האָבן זיי אָרגאַניזאַציאָנעל געליטן אַ מפּלה, ווייל די קאָמיטעטן זענען געווען „געכאַפּט״. זיי האָבן געוווּנען בלויז דאָס, וואָס אַ דאַנק דער קאָנפערענץ האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרענדיקן די אַרבעטן פון דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ בנוגע די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטער־פּאָליטיק.

ערשט איצט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער דרינגלעכקייט די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ קאָנסטיטואירנדיקן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. דאָס אָרג.־ביוראָ מיט דער הילף פון פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָמיטעט שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט די פאַרשידנסטע פונקטן און געגנטן. ס׳ווערן ענערגיש גע־פירט די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון פּוילישן פאַרבאַנד, וועלכע פאָדערן פאַר זיך אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין דער איינהייטלעכער פּאַרטיי.

הויפּטזאַכלעך שטאַמט עס דערפון, וואָס דער פּוילישער פאַרבאַנד אָנערקענט דעם פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם אין קעגנזאַץ צו די „באָראָכאָוויסטן״, וועלכע האַלטן זיך פאַר „פּראַגמאַטישע״ פּאַלעסטינצעס. ס׳הייסט, ביי זיי איז דווקא פּאַלעסטינע נישט צוליב פּרינציפּיעל אידעאָלאָגישע טעמים, און נישט בלויז צוליב פּראַקטישע טעמים, נאָר דערפאַר, וואָס דער פּראָגנאָז פון דער ווייטע־רער אַנטוויקלונג ווייזט אָן אויף דער קאָנצענטרירטער יידישער עמיגראַציע אין פּאַלעסטינע, וועלכע וועט פאָרקומען סטיכיש, צוליב באַשטימטע אָביעק־טיווע באַדינגונגען.

די אונטערהאַנדלונגען ווערן מצד דעם פּוילישן פאַרבאַנד געפירט דורך שמעון „פייגעלע״ (פּרושיצקי פון טשענסטאָכאָוו), וועלכער מאַכט אויף אונז אַלעמען אַן איינדרוק פון אַן אויסגעצייכנטן געשיקטן און קלוגן פּאָליטיקער.

אין דער זעלבער צייט ווערן אויך אין גאַנץ דרום־רוסלאַנד און אין קרים אָרגאַניזירט גרופּן פון נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער יוגנט אונטערן נאָמען „מאָ־לאַדאָיאַ יודעאָ״ („יונג־יהודה״). אייניקע חברים אונזערע, סטודענטן, האָבן אַ

גרויסע השפּעה אויף די דאָזיקע קרייזן און זוכן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע צו געווינען פאַרן פּועלי־ציוניזם.

אין דעם אָרגאַן פון אַט דער אָרגאַניזאַציע (מיטן זעלבן נאָמען), וואָס איז אַ לענגערע צייט דערשינען אין קרים איז אויך געדרוקט געווען אַן אַרטיקל פון ה׳ אַדאָלף (א. אָרשאַווסקי)) „די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם״, געחתמעט א. אַראַנאָוו.

די קאָנסטיטואירונג פון דער פּאַרטיי

מ׳האָט באַשטימט, אַז דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען וואָס גיכער אין אַלס פּאַסיקע צייט איז אויסגעפונען געוואָרן די וואָך פון פּורים, פעברואר 1906. מען האָט געוואָלט האָבן צייט זיך צוגרייטן ווי געהעריק צום 1־טן מאַי. און די נייע פּאַרטיי זאָל שוין דאַן קאָנען אויפטרעטן עפנטלעך.

אַלס אָרט האָט מען באַשטימט פּ אָ ל ט אַ ו ו ע. קודם כל, ווייל דאָ האָט מען געהאַט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און אַ גרויסע צאָל טוער, וועלכע מוזן זיין אויפן צוזאַמענפאָר. מען האָט זיך אויך גערעכנט דערמיט, וואָס דער „אָכראַנקע״ וועט ניט אַזוי שנעל געפינען אַז מען זאָל אין פּאָלטאַווע גאָר אָפּהאַלטן אַ יידישן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר, בשעת ס׳איז באַקאַנט, אַז די יידישע אַרבעטער־צענטרען געפינען זיך אין ליטע און אין פּוילן.

ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט און ביי אונז אין פּאָלטאַווע איז געוואָרן לעבעדיק. ס׳האָבן אונז אָפּט באַזוכט חברים פון ליטע. דאַן איז ביי אונז צום ערשטן מאָל געווען ה׳ ק י ו י ן (פון וויטעבסק). אַ הויכער, שלאַנקער, אויסגעפּוצטער, האָט ער ביי אונז געמאַכט אַן איינדרוק, ספּעציעל, אַלס דער ערשטער רעדנער אין יידיש. אַ שטאַרקע געמבע, אַ הייסער טעמפּעראַמענט מיט אַ פעסטער זשעסטיקולאַציע האָט ער „גענומען״ דעם עולם. כ׳דערמאָן זיך אַפילו, אַז זיין יידיש איז כלל נישט געווען אַזאַ גלענצנדיקער און מ׳האָט אָפּט געקאָנט אָנטרעפן אויף רוסיציזמען, ווי „אַבשטשעסטווענאַיע ראַזוויטיע״, „איסטאָריטשעסקי״ מאַטעריאַליזם. ער האָט אויך ליב געהאַט צו באַפּוצן זיין רעדע מיט „הויכע״ אויסרופן: „נאַלענס וואָלענס״, „האַריבילע דיקטום״, „פּער־פּעטואום מאָבילע״״, „מעמענטאָ מאָרי״, — פלעגן די אַרבעטער אויפשטעלן מויל און אויערן: אַזאַ רעדנער, אַזאַ רעדנער!

אין „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״ האָבן זיך דאַן באַוויזן אַרטיקלען, אונטערגע־שריבן פון איינעם ז אַ ר וועגן דער „סטאַטיק און דינאַמיק פון יידישן פּראָ־לעטאַריאַט״. די שפּראַך און די הסברה אפילו אַ שווערע, אָבער מ׳האָט געזען,

אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענטש, וואָס דענקט זעלבשטענדיק, אָריגינעל און טיף. פון די ערשטע אַרטיקלען האָט מען שוין געקענט אַרויסדרינגען, אַז דער מחבר איז אַ פּועלי־ציוניסט. מ׳האָט זיך פאַראינטערעסירט און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ חבר, וואָס אַרבעט אין מינסק, זעליק אַבראַמאָוויטש ראַבינאָוויטש (פון דאַנען — דער ראשי תיבות „ז. אַ. ר.״). דאָס אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ האָט זיך געשטעלט מיט אים תיכף אין פאַרבינדונג און מ׳האָט זיך אמתדיק דערפריייט, וואָס עס קומט צו נאָך אַ וויכטיקע טעאָרעטישע קראַפט.

דערוויל האָט מען זיך דער עיקר געשטיצט אויף דעם איין באָראָכאָוו. מ׳האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון ניסן און באָרוכסאָן, מ׳האָט געלייגט אַ סאַך האָפענונגען אויף עובדיהן און אַדאָלפן. בשעת דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין אָריגינעלן דענקען און באַדייטנדיקער ערודיציע אַ חבר פון קרעמענטשוג, באָריס ריאַבטשינסקי (מ׳האָט אים גערופן „דער קליי־נער״ באָריאַ, אין אונטערשיד פון „גרויסן״ באָריא באָראָכאָוו). ס׳זענען אָבער נאָך כמעט אַלע געווען מענטשן אָן אַ נאָמען, וואָס האָבן נישט אימפּאָנירט דער דרויסנדיקער וועלט. פאַרקערט, ביי די „סיימיסטן״ זענען אַלע געווען קאָרפּן־קעפּ, ועל כולם דער באַקאַנטער מאַרק באָריסאָוויטש ראַטנער און ד״ר זשיט־לאָווסקי. אויך ביי די ס. ס. זענען חוץ סירקינען שוין געווען פּאָפּולער די לעשציבסקיס, ליטוואַקאָוו, שמואל טשאַרני (ש. ניגער), בערטאַלדי.

מ׳האָט ביי אונז אַ געוויסע צייט געשמועסט, אַז צו אונז וועלן צושטיין צבי אַברהמי (מ. פאַרבמאַן) און שמעון דאָבין (שמעוני). דערפון האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזט.

די אינטענסיווע אָרגאַניזאַטאָרישע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין משך פון אַ פּאָר חדשים האָט געבראַכט רעזולטאַטן, וואָס האָבן איבערגעשטיגן די דער־וואַרטונגען. צום צוזאַמענפאָר זענען געקומען העכער 20 דעלעגאַטן, צווישן זיי: באָראָכאָוו, באָרוכסאָן (כאַשין), מאַטעס, עובדיה (בן־צבי), ניסן (וול. לוריע) גאָלדע און פּאַוועל (פון קיעוו און דעמיעווקע), נתן (אַ סטודענט פון כאַרקאָוו), גרשון, אַ שוסטער, שוין אַן עלטערער מענטש מיט אַן אייגענער פּועלי־ציו־ניסטישער „קאָנצעפּציע״ (געקומען אַ שטיק צו פוס פון אָדעס), ברוך טשיזשיק (אַ לאַנד־אַרבעטער פון סאַראַקי, איצט אין ארץ־ישראל. אים האָט מען אַ נאָמען געגעבן קאָוטסקי, ווייל יעדעס מאָל, ווען באָראָכאָוו פלעגט עפּעס זאָגן, האָט ברוך געפונען פאַר נייטיק צו האַלטן אַ דרשה און פּאָפּולאַריזירן פאַר אונז, וואָס „באָריאַ האָט געמיינט צו זאָגן״), לייב חייט (ווילנע), משה בעסאַראַבער (אַ סטודענט פון אָדעס), שמעון „פייגעלע״, פּנחס און שלמה שולמאַן פון לאָדזש (אַלע דריי פון פּוילישן פאַרבאַנד), פעליקס מענטשיקאָווסקי (וו. אָדים פון

קרימער פאַרבאַנד), אַדאָלף (א. אַראָנאָוו), קיווין (ס. קאַפּעליוש), יענקל יאַנאָוו־סקי (פון ביאַליסטאָק) און דער מחבר פון די שורות.

די פייערלעכע דערעפנונג פון צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אַ שבת צו נאַכטס אין דער „אומזיסטער יידישער מיידל־שול" אויף קאַבעליאַקער גאַס. לעבן יידישן שפּיטאָל, ווו אַלס פאַרוואַלטערין האָט געאַרבעט אונזער חברטע וויערא האַלעמבאַ. דער שיינער גרויסער ליכטיקער און ריינער צימער האָט צו־געגעבן אַ סאַך צו דער אמת יום־טובדיקער שטימונג פון די דעלעגאַטן.

די אייגנטלעכע אַרבעט פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אויף מאָרגן אין אַ געדונגען הויז ביי אַ בייגל־בעקער אין דעם ווייטן אָפּגעלעגענעם געגנט פון שטאָט־צענטער, „קאָביעשצאַני". אַ האַלב־איינגעפאַלענע מאַלאַראַסישע כאַטע איז דאָס געווען, ווו די הויך־וווקסיקע חברים פלעגן זיך ממש אין דרייען איינבייגן, כדי אַריינצוקומען אין טיר. פאַר די זיצונגען האָבן מיר פאַרמאָגט איין גרעסערן צימער, ווו מיר זענען אויך געווען ענג צונויפגעדריקט אַרום דעם טיש. אַ צווייט שמאָל צימער, דאָס שלאָף־צימער, ווו ס'איז געשטאַנען אַ בעט, אַ זעקל מעל, האָט אונז געדינט אַלס „קולואַרן" און אַרבעטס־אָרט פאַר די קאָמיסיעס. ענדלעך איז אויך געווען דאָס גרויסע קיך־צימער, ווו מ'האָט געבאַקן די בייגל. וועגן באַקוועמלעכקייט איז נישט געווען צו רעדן. דערפאַר אָבער איז עס געווען אַן איינזאַם הויז, אין הויף, אָן שכנים, אויף אַ שטיל זייטיק געסל און קוים האָט מען זיך שוין אַהער אַריינגעפּאַקט, איז שווער געווען דורכצו־פאַלן. זענען מיר טאַקע געלעגן אין הויז אַ קאַרגע וואָך, כמעט ווי נישט אַרויס, אַ חוץ די אַרטיקע, וואָס האָבן אונז באַדאַרפט באַזאָרגן מיט ברויט, וווּרשט און אייער צום עסן. אמת הנאה געהאַט האָבן מיר אויך פון די פרישע בייגל און פון די געבאַקטע קאַרטאָפל און פלעצלעך, וואָס מיר פלעגן זיך אָפּט פאַרגינען.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען געשמאַק. פון די באַריכטן האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אין די וויכטיקסטע יידישע אַרבעטער־צענטרען און אַז אין די מערסטע ערטער האָט זיך איינגעגעבן זיי אויס־היטן פון דער סיימיסטישער „מגפה". פולשטענדיק זענען געווען „אונזערע" דער פוילישער פאַרבאַנד, פאָלטאַווער ראַיאָן, דרום־ליטווישער ראַיאָן מיט ביאַלי־סטאָק אין דער שפּיץ, די ליטוויש־ווייסרוסישע געגנט מיט מינסק אין צענטער, אין דרום־מערב האָבן מיר געהאַט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע אין דעמיעווקע ביי קיעוו. אין בערדיטשעוו זענען, שיינט מיר, דאַן אויך געווען נאָסין (גרינבערג) און דוד (ראַפּאָפּאָרט). אין טשערקאַס און אין סמילע האָט נאָך געדאַרפט פאָרקומען די

אַנטשיידונג. אין צענטראַל־רוסלאַנד זענען נאָך געווען צוזאַמען פּועלי־ציון־ פּאַלעסטינצעס און ציוניסטן־סאָציאַליסטן. קיין סכנה מצדן „סיים" איז אָבער נישט געווען. מיטן קרימער פאַרבאַנד זענען מיר געווען זיכער. אין בעסאַראַביע זענען די וויכטיקסטע צענטרען, ווי קעשענעוו, קאַלאַראַש געווען אויף אונזער זייט. דאָרטן האָבן געאַרבעט צוויי פעיקע חברים, אַפּאַלאָן (זיין אמתן נאָמען געדענק איך נישט) און שלום (ש. גאָלדעלמאַן, שפּעטערדיקער אָנגעזעענער טוער ביי די פּועלי־ציון אין אוקראַינע). אין יעקאַטערינאָסלאַווער געגנט האָבן מיר געהאַט גוטע גרופּן אין בערדיאַנסק, טאַגאַנראָג, ראָסטאָוו. אין וויטעבסק זענען אויך געווען גוט־אָרגאַניזירטע גרופּן אַרום זאַקהיים און באָרוכסאָן. מיט קאַווקאַז (סטאַווראָפּאָל, באַקו, טעמיר כאַן־שורא) זענען מיר שוין אויך געווען פאַרבונדן. דער צוזאַמענפאָר האָט פּאַקטיש רעפּרעזענטירט די גרעסטע צאָל אָרגאַניזירטע פּועלי־ציון אין רוסלאַנד און זיך געפילט באַרעכטיקט צו קאָנ־ סטיטואירן די פּאַרטיי.

די וויכטיקסטע אַרבעט איז אָבער נאַטירלעך געווען די טעאָרעטישע. רע־ פעראַטן זענען געווען לאַנגע, אויספירלעכע, אומפּאַסנדיקע, די וויכוחים — אומבאַגרענעצטע. אַלס רעפערענטן זענען הויפּזאַכלעך אויפגעטרעטן באָראָכאָוו און ניסן (וועגן די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּאָדערונגען), אין די דעבאַטן האָבן זיך באַזונדערס אַקטיוו באַטייליקט עובדיה, אַדאָלף, גאָלדע, פּאַוועל און פעליקס.

אַלס יסוד פאַר די רעפעראַטן זענען גענומען געוואָרן די גרונט־געדאַנקען פון דער פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ און די פּרינציפּן, וואָס מ'האָט מחדש געווען בעת דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ. דאָ איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן דער פּועלי־ציוניזם אַלס זעלבשטענדיקע קלאַסן־באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אַלס אויסגאַנגס־פּונקט זענען גענומען געוואָרן די קלאַסן־אינ־ טערעסן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. דאָ איז אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך באָראָכאָוון דער געדאַנק וועגן סטיכישן פּראָצעס. נאָך ביזן היינטיקן טאָג זענען פאַראַן אַ סאַך באָראָכאָווס קעגנער, וואָס טייטשן אויס די דאָזיקע „אידייע" זיינע (וועגן סטיכישן פּראָצעס, וואָס פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם) אַלס ריין מעכאַנישע באַציונג צו דער רעאַליזירונג פונעם אידעאַל. דאָס איז אָבער לחלוטין פאַלש. נישט נאָר שפּעטער אין זיינע אַרויס־ טרעטונגען און אין „אונזער פּלאַטפאָרם", נאָר שוין אויפן צוזאַמענפאָר גופא האָט באָראָכאָוו גאַנץ אויספירלעך גערעדט וועגן דעם אָרגאַנישן רעאַלי־ זירונגס־פּראָצעס. מיט דער „סטיכישקייט" האָט ער געוואָלט באַזונדערס אונ־ טערשטרייכן די אָביעקטיווע אומפאַרמיידלעכקייט, די היסטאָרישע

אומבאַדינגטקייט פון דעם פּראָצעס. וואָס האָט אָבער בשום אופן נישט געמיינט, אַז אַלץ וועט קומען פון זיך אַליין, ממילא, אַן אונזער באַוווּסטזיניקער אַריינ־מישונג און באַטייליקונג. אַדרבא, באַראָכאָוו האָט שוין דעמאָלט אָנגעוויזן אויף די באַזונדערע ראָלן פון דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט אין דעם פּראָ־דוקציע־פּראָצעס פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער תקופה. די בורזשואַזיע דערפילט די ראָל פון אָ ר ג אַ נ י ז אַ ט אָ ר, בעת דער פּראָלעטאַריאַט האָט די אויפגאַבע צו ב אַ פ ר י י ע ן די פּראָדוקטיווע כוחות פון די פּאַר זיי ענגע פּראָדוק־ציע־פאַרהעלטענישן. די בורזשואַזיע רעגולירט די אָרגאַניזירנדיקע מאָמענטן, דער פּראָלעטאַריאַט — די באַפרייענדיקע. אינעם פּראָצעס פון רעאַליזירן דעם ציוניזם פירט דער פּראָלעטאַריאַט דעם קאַמף צו באַפרייען די יידישע פּראָדוק־טיוו־כוחות סיי דורכן רעגולירן די עמיגראַציע, סיי דורכן אָרגאַניזירן די אַר־בעטער אין פּאַלעסטינע גופא. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ער דעמאָלט אויך באַגרינדעט דעם אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס, כדי צו קעמפן פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער ציוניסטישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע.

די „סטיכישקייט" איז ווייט נישט אַלץ, זי איז בלויז דער אָ ב י ע ק ט י־וו ע ר יסוד פאַר ס ו ב י ע ק ט י וו ע ר אַקטיוויטעט. זי גיט אונז די גאַראַנטיע, אַז אונזערע אָנשטרענגונגען וועלן נישט זיין אומזיסט, נאָר וועלן ברענגען דעם געוווּנטשענעם רעזולטאַט.

מיט אָט דער „סטיכישקייט" און „אָרגאַנישקייט" פון רעאַליזירונגס־פּראָ־צעס האָט מען אויפן צוזאַמענפאַר אויך פאַרענטפערט די פראַגע וועגן דער בריק צווישן „דאָ" און „דאָרט", צווישן גלות און פּאַלעסטינע. ס'איז איין פּראָ־צעס, וואָס ציט זיך אויס אויף פאַרשידענע געאָגראַפישע שטחים. איז נישטאָ קיין שאלה פון „דאָ" און „דאָרט", פון „ווער איז בילכער" — דער גלות צי ארץ־ישראל. ביידע זענען בילכער. דער קאַמף ווערט געפירט גלייכצייטיק אומעטום און דער דערפאָלג אין איין אָרט רופט זיך תיכף אָפּ צום גוטן אויפן גאַנג פון קאַמף אין צווייטן אָרט.

די נשמה פון צוזאַמענפאַר, איר פרישער באַפרוכטנדיקער גייסט איז געווען באַראָכאָוו. אינגאַנצן אַ 26־יאָריקער בחור האָט ער שוין צו יענער צייט באַזעסן אַ געוואַלטיקע ערודיציע אין פאַרשידענע וויסנשאַפטן, זיך גוט אויסגעקענט אין 8—9 עלטערע און מאָדערנע שפּראַכן ועל כולם — פאַרמאָגט אַ פענאָמע־נאַלע אַרבעטסזאַמקייט. די הויפּט־רעפעראַטן האָט ער געלייענט. צוליב ענווות און כדי צוצוגעבן מער גלאַנץ און אָנזען דעם צוזאַמענפאַר, האָט ער געצווּנ־גען אויך אַנדערע חברים צו רעפערירן. ער פלעגט אָבער נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע, און די ווייטערדיקע וויכוחים פלעגן שוין אַוועקגיין אויף

זיין ליניע. כסדר איז ער געווען אויף זיין פּאָסטן, נישט דערלאָזט קיין פאַלשן געדאַנק, קיין שעדלעכן פאָרשלאַג. אויף די פּלענאַר־זיצונגען און אין די קאָמיסיעס, בשעת די רעפעראַטן און ביים צונויפשטעלן רעזאָלוציעס איז ער געווען דער אַקטיוויסטער און וואַכנדיקסטער גייסט. ער האָט גערעדט כסדר אין זיין מיטער־שפּראַך — לאַנג, אָבער טרעפלעך, שאַרף, קלאָר, און כסדר באַלערנדיק. אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, ס׳ציטערן נערוועז די מוסקולן פון אויג. די שטימע — הייזעריק, און דער גאַנצער צוזאַמענפּאַר שלינגט ממש זיין „תורה״. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע, ריין „פּראַקטישע״ ענינים און אַ סאַך באַאיינפלוסט דעם אָרגאַניזאַציע־אויסבוי פון דער פּאַרטיי.

באַרוכסאָן איז געווען בערך אין איינע יאָרן מיט באַראַכאָוון. להיפּוך צום לעצטן, וואָס איז אין עצם דאַן ווייט געווען פון יידישן לעבן און קולטור, איז באַרוכסאָן געקומען פון דער עכטער יידישער גאַס אין ליטע, מיטגעבראַכט אַ סאַך באַקאַנטשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר יידישער קולטור, חריפות פון אַן עילוי, אַ רייכע זאַפטיקע יידישע שפּראַך און שאַרפן געפעפערטן פּאָלעמישן וויץ. ער איז אין תוך געווען אַ דילעטאַנט אין די אַלע פילאָזאָפישע און האָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ קלאָרן קאָפּ, אַ גראַדן שכל און אַ געזונטע לאָגיק. פלעגט ער גיך תופס זיין דעם ענין און אין אַ רגע אַרום, אַז ער האָט גענומען דאָס וואָרט, האָט ער שוין באַוויזן אריינצוברענגען אין אים עפּעס אייגנס, צוגעגעבן עפּעס אַ נייעם שטריך, אַ ניואַנס. זיין כוח־הסברה איז זייער צונוץ געקומען אויפן צוזאַמענפאַר און האָט אים שפּעטער אויך פּאָפּולער געמאַכט ביי די חברים. ער איז, אַגב, געווען פון די איינציקע גלענצנדיקע יידיש־רעדנער אויפן צוזאַמענפאָר, ווי בכלל אין דער פּאַרטיי.

ניסן האָט שוין יאָ פאַרמאָגט אַ רייכע ערודיציע, ער האָט כסדר געגראָבן אין דער טיף. ס׳איז שווער געווען נאָכצופאָלגן זיין געדאַנק און אים אַליין איז שיוער געווען אויסצודריקן קלאָר, וואָס ער וויל. האָט ער אָבער נאָר צייט געהאַט אַרומצורעדן די זאַך אויספירלעך פון אַלע זייטן, פלעגט ער זיין בכוח צו איבערצייגן דעם קעגנער. דאָך איז זיין כוח באַשטאַנען מער אין שטעלן קשיות, ווי אין געבן תשובות. דערפאַר האָט ער זיך אויסגעצייכנט געוויינטלעך אַלס אָפּאָנענט.

עובדיה איז נאָך דאַן געווען יונג, עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ערשט אָנגעקומען אין קיעווער אוניווערזיטעט. אַ זון פון אַ פאַרמעגלעך משכיליש־חובב־ציוניסטיש הויז, איז ער געווען גוט באַהאַוונט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס צו יידישער געשיכטע. צו יענער צייט שוין געהאַט באַזוכט אַלס טוריסט ארץ־ישראל און אָפּגעדרוקט אַ פּאָר

קאָרעספּאָנדענציעס אין „הצופה", אונטערן פּסעוודאָנים יצחק השמשי (שימשע־לעוויטש). פון דער יוגנט אָן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גראָדליניקייט, ערנסטקייט און ערלעכקייט. ער פלעגט אָן ענין נישט אַזוי שנעל און לייכט באַנעמען, דער מוח האָט זיך באַוויגן לאַנגזאַם און שווער. דערנאָך פלעגט ער זיך שוין האַלטן ביים דערוואָרבענעם מיט אַ געוויסן קאָנסערוואַטיזם. ער איז נישט געווען קיין רעדנער, פלעגט זוכן ווערטער, אויסדרוקן, איבערחזרן זיך, דאָך האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף זיינע צוהערער. ס'האָט געווירקט זיין אינערלעכע איבערצייגונגס־קראַפט, די פּשטות און נישט געקינצלטקייט פון זיין אופן רעדן, זיין מאָר־לע פּערזענלעכקייט. ער האָט זיך פון תמיד אָן באַשעפטיקט אויך מיט „טעכניש־ער" אַרבעט. אַפילו געהאַט דערצו אַ געוויסע ליבע. ביי דער אָרגאַניזירונג פון זעלבסטשוץ, ביים אויפשטעלן אַ דרוקעריי, ביים דורכפירן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, איז ער כסדר געווען פון די איניציאַטאָרן, אָנפירער און אויספירער גלייכצייטיק, זיין אָנטייל אין צוזאַמענפאַר איז געווען זייער אָנזעעוודיק הן אין טעאָ־רעטישע און הן אין פּראַקטישע ענינים.

גאָלדע איז געווען די איינציקע חברטע דעלעגאַטקע. ס'איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער סימפּאַטישער טיפּ פון אַ פּאַרטיי־טוערין, אַ הייסער, אַביסל עקזאַלטירטער טעמפּעראַמענט און אין דער זעלבער צייט אַ גריבלע־רישע ערנסטע נאַטור, אַ היבש ביסל באַלעזן, מיט אַ סאַך אינטערעס פאַר געוויינטלעכער אינערלעכער פּאַרטייאישער אַרבעט. זי איז נאָך געווען יונג, אָבער מיט אַ היבשער פּאַרטיי־דערפאַרונג און פּיעטיזם פאַר דער אָרגאַניזאַציע. זי האָט שווער געקענט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען און מיר האָבן זי אַפילו אין חברישער גוטמוטיקייט, באַשולדיקט אין „צעשויבערטע שטימונגען".

פעליקס איז געווען אַן עכטער דרום־טיפּ: געזונט, גוטמוטיק, און אַביסל פלעגמאַטיש. ער פלעגט זיך שנעל אויפקאָכן, צעהיצן, און טאַקע באַלד זיך באַרואיקן. אַ מענטש מיט העכערער בילדונג, מיט אַ סאַך געבוירענער אינ־טעל־גענץ און אַ פּאָעטיש־סענטימענטאַלער נאַטור, איז אים אַפילו תחילת שווער געווען איינצוהיימישן זיך אין אונזער סביבה. באַראָכאָוו האָט אָבער אויף אים געהאַט אַ גרויסן איינפלוס און ער האָט אַ סאַך בייגעטראָגן אין דער טעאָרעטישער אַרבעט.

אויפן פינפטן אָדער זעקסטן טאָג איז דאָך אונזער דירה דורכגעפאַלן און מען האָט געמוזט זיך שנעל אַריבערציען אין אַן אַנדער אָרט. מ'האָט נישט צוגעגרייט לכתחילה, ווייל מ'איז געווען זיכער אין דער פולשטענדיקער קאָנ־ספּיראַציע פון דעם בייגל־בעקערס הויז. בלית ברירה האָט מען זיך אָפּגע־

שטעלט אויף אַ געוואַגטן פֿאַרשלאַג. אויפֿן ראַג קאָבעליאַקער און קליין־פּיעט־ראַווסקע גאַסן אין סאַמע צענטער שטאָט, אַ פּאָר שריט פֿון דער הויפּט־פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג איז געווען דער האָטעל, ווו ס׳האָבן געוווינט באַראַכאָוו מיט דער פֿרוי און עטלעכע אָנגעפּאַרענע דעלעגאַטן. אַזוי ווי קיין אַנדערע געסט זענען דאָן כמעט נישט געווען, האָט מען אָפּגעדונגען ביים אייגנטימער אַ גרעסער צימער, ווו מיר האָבן פֿאַרגעזעצט די אַרבעט, רעכענענדיק, אַז די פּאָליציי וועט נישט חושד זיין, דאָס האַרט ביי איר אונטער דער נאָז, באַגייט מען אַזאַ „אַנטי־מלוכהשע" זאַך.

אָפּגעאַרבעט אַ טאָג — נישקשה. האָט מען אונז אָבער ווידער אויסגעשפּירט. אַפֿנים אין שטאָט האָט מען שוין געדעדט וועגן צוזאַמענפֿאָר. קומט פּליצלינג פּאָליציי מיט אַ רעוויזיע צו באַראַכאָוון. באַראַכאָוו איז צו זיי אַרויס און מיר אַלע האָבן זיך אינעווייניק פֿאַרשלאָסן, זיצן שטיל, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און וואַרטן. די רעוויזיע און דאָס אויספֿרעגן האָט גאָרנישט געגעבן און זיי זענען שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין, ערשט זיי באַמערקן אַ פּאָר קאַלאָשן מיט בוכשטאַבן מ. ג. זיי פֿרעגן זיך ביי באַראַכאָוון, וועמענס זענען די קאַלאָשן, ער הויבט אָן אויסצוזוכן תירוצים און זיי גיבן זיך אַ לאָז אין די אַנדערע צימערן. צוגעקומען צו אונזער טיר, גענומען קלאַפּן, מיר — שפּרינגען דורך די פֿענצטער. אַלע זענען זיך צעלאָפֿן. אָבער דעם שלימזלדיקן אייגנטימער פֿון די קאַלאָשן, דעם חבר משה פֿון אָדעס, האָט מען פֿאַרהאַלטן צוזאַמען מיט באַראַכאָוון.

באַראַכאָוון האָט מען אין אַ פּאָר טעג אַרום באַפֿרייט, משהן און נאָך אַ פּאָר שפּעטער אַרעסטירטע דעלעגאַטן האָט מען אָפּגעשיקט „מיטן עטאַפּ". דער צוזאַמענפֿאָר איז דורכגעפֿאַלן. מיר האָבן באַוויזן אויסצוווילן אַ צענטראַל־קאָמיטעט און אָנצונעמען די וויכטיקסטע פּאָליטישע און טעאָרעטישע רעזאָלוציעס. די טעאָרעטישע אַרבעטן האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן, איז טאַקע גלייך באַשטימט געוואָרן אַ טעאָרעטישע קאָמיסיע, וועלכע האָט געאַרבעט אין קאָנסטאַנטינאָגראַד (פּאָלטאַווער גובערניע) און נאָכן דורכפֿאַל אַריבער קיין סימפֿעראָפּאָל (קרים). די דאָזיקע טעאָרעטישע קאָנפֿערענץ, ווו ס׳האָבן זיך דער עיקר באַטייליקט באַראַכאָוו, באָרוכסאָן, ניסן, עובדיה, אַדאָלף און פּעליקס, האָט אויספֿירלעך און ברייט אַרומגערעדט די פֿאַרשידענע פּראָבלעמען פֿון פּועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם. אויפֿן יסוד פֿון איר אַרבעט און אין איר אויפֿטראַג האָט שפּעטער באַראַכאָוו געשריבן „אונזער פּלאַטפֿאָרם". גלייך דערשיינט אַ דערקלערונג פֿון צ. ק., געדרוקט אין פּאָלטאַווע, וועגן דער גרינדונג פֿון דער פּאַרטיי. אין די לעגאַלע צייטונגען איז דערשינען אַ גרויסער אויסצוג פֿון איר,

אין איינעם פון די נומערן „כראַניקאַ יעווריעיסקאַי זשיזני״ אין פעטערבורג ס׳דערשיינט אויך אַ מאַי־בלעטל, וואָס ווערט שוין פאַרשפרייט אין אַ פּאָר צענדליק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

דער פּולישער פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר בלויז מיט באַראַטונגס־רעכט, נעמט אָן די פּלאַטפאָרם, וואָס איז פאָרגעלייגט דורכן צ. ק. און דערקלערט אָפיציעל זיין אָנשלוס אָן דער נייער פאַרטיי.

פון אומעטום פאַרלאַנגט מען מענטשן און ליטעראַטור. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן צוויי צענטראַלע אָרגאַנען אין י י ד י ש און ר ו ס י ש. דאָרט זענען שוין געווען פאַרטרעטער פון די גרויסע יידישע אַרבעטער־צענטרען. האָט מען שוין גערעדט אַ סאַך יידיש און ס׳איז אויך געווען נאַטירלעך דער באַשלוס, אַריבערצופירן דעם פאַרטיי־צענטער אין האַרץ פון יידישן תחום אין ווילנע, און אַז דער ר ו ס י ש ע ר אָרגאַן קען דערשיינען ערשט נ אָ כ ד ע ם, ווי ס׳וועט דערשיינען דער י י ד י ש ע ר.

דער אַריבערפאָר קיין ליטע איז נישט אַזוי לייכט. ס׳פעלן קודם כל געלט־מיטלען. פינף טויזנט רובל (דאַן אַ „מטמון״ !). וואָס אַמעריקאַנער חברים האָבן צוגעשיקט אויף לעווקאָווסקיס אַדרעס פאַר פּועלי־ציון, זענען אַריינגעפאַלן צו סיימיסטן און אַ לאַנגע צייט האָט זיך געצויגן דער סקאַנדאַל אַרום דעם. פאַר ווילנע מוז מען אויך קאָנצענטרירן אַ גאַנצע גרופּע טוער אויף איין אָרט. אָבער וואַרטן טאָר מען נישט. מוז מען שוין אָנהויבן אַרויסגעבן ליטעראַטור אין פּאָלטאַווע. און דאָ איז מעגלעך נאָר אין רוסיש. וואָס זשע טוט מען מיטן באַשלוס פון צוזאַמענפאָר, אַז פריער מוז דערשיינען דער אָרגאַן אין יידיש? שלעפּט מען אַרויס פון אַרכיוו דעם באַשלוס פון פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ און מ׳טרעט צו אַרויסצוגעבן די „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ״, אַלס אָרגאַן פון פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָמיטעט. מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דער נאָמען זאָגט, אַז ס׳וועט זיין אַ באַשיידענער אָרגאַן אָן פּרעטענזיעס אויף אַ לייטנדיקער צענטראַלער ראָלע. די אָנומלטן אויסגעוויילטע רעדאַקציע־קאָלעגיע איז געווען אויפן אָרט; באָראָכאָוו, עובדיה, פּלטיאל, אַדאָלף און איך, אָבער פון די אַלע איז געווען בלויז איינער, באָראָכאָוו, וואָס זיין מיטאַרבעטערשאַפט איז געווען קוראַנט, האָט ער טאַקע געשריבן; דאָס לייט־אַרטיקל, פּאָפּולערע שמועסן אונטערן נאָמען ריאַדאָוואָי, כראָניק, באַריכטן פון דער דרום־מערבדיקער קאָנפערענץ און דער עיקר — „אונזער פּלאַטפאָרם״״, אונטערן פּסעוודאָנים „פּאָסטאָיאַנני״ (שפּעטער פלעגט ער אָפּט חתמענען מ. שטענדיקער).

לכתחילה האָט עס געזאָלט זיין אַ קורצער פּראָגראַמאַטישער מאמר. די אַרבעט האָט זיך אָבער פאַרגרעסערט אין פּראָצעס פון שאַפן. אַ נויטיקייט צו

אַרומרעדן אַלע פראַגן איז געווען, דער דרוקער האָט געאײַלט, מ'האָט געמוזט געבן אײַנצלנע בלעטלעך, נישט אָנקוקנדיק אַפילו דאָס גאַנצע. האָט זיך דער מאמר צעצויגן, זענען די עמודים געוואַקסן און דער „סוף קומט" איז אָפּגע־לייגט און איבערגעטראָגן געוואָרן פון נומער צו נומער, שפּעטער פון זשורנאַל צו זשורנאַל. די ערשטע טיילן געדרוקט אין „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָ־ניקאַ" אין פּאָלטאַווע, אַ צווייטע טייל (וואָס אין די ביז איצטיקע אויסגאַבן פון דער „פּלאַטפאָרם" אין אָדעס דורכן פאַרלאַג „נייע לעבן" און אין אַמעריקע אין ערשטן באַנד באָראָכאָווס שריפטן אין פּועלי־ציון־פאַרלאַג, ווערט ער אָנ־געגעבן, על פּי טעות, אַלס דער סוף) אין סימפּעראָפּאָל אין „מאָלאָט" (אָרגאַן פון קרימער פאַרבאַנד) און דער אייגנטלעכער סוף אונטערן קעפּל „די ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם", אָנגעשריבן אַ סאַך שפּעטער נאָך זיין אַרעסט אין פּאָלטאַווער טורמע, געדרוקט בלויז אין דער יידישער איבערזעצונג אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק" נומ. 3 און „פאָרווערטס" נומ. 1, אין ווילנע.

דאָס איז געווען זיכער די בלי־צייט פון באָראָכאָווס שאַפן. יעדער עמוד איז פאַר די חברים גופא געווען אַן אַנטפּלעקונג פון פּראָלעטאַרישן שאַפונגס־גייסט. ס'איז אַן איבערראַשונג דער גאונישער געדאַנקען־שווונג און די מערקווירדיקע אַנאַליטישע חריפות. אין דערזעלבער צייט איז פאַר אונז דאַן דער גאַנצער מאמר, צוליב זיין פּאָלעמישן טאָן, אָנגעזאַפּט מיטן טוי פון טאָג־טעגלעכקייט און מיר האָבן געפילט אין אים דעם צאַפּל פונעם לעבעדיקן לעבן. פאַר אונז איז ער געווען נישט קיין אַבסטראַקטע קאַבינעט־פאָרשונג, נאָר אַ יידיש־פּראָלעטאַרישער קאַמפס־מאַניפעסט, ווו עס ווערן וויסנשאַפטלעך פעסט־געשטעלט די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער יידישער ווירקלעכקייט, אויפגעוויזן די היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט פון די איבערבוי־פּראָצעסן אינעם לעבן פון די יידישע מאַסן און אָנגעצייכנט מאַרקסיסטיש די קאַמפס־ליניע פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אָרגאַן איז דערשינען ל ע ג אַ ל פאַר אַפּריל, מאַי, יוני 1906, און האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע פאַרשפּרייטונג. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין לויפנ־דיקן מאַטעריאַל, ווייל ער פלעגט דערשיינען מיט גרויסע הפסקות. ס'איז אין עיקר געווען דערפאַר, וואָס אַלע מיטאַרבעטער, בפרט באָראָכאָוו אַליין, פלעגן כסדר מוזן אַרומפאָרן אויף אַגיטאַציע־נסיעות, האָט מען געוואַרט אויף מאַטע־ריאַל. פאַר דער גאַנצער צייט זענען דערשינען בלויז 3 נומערן.

ס'איז געקומען די צייט פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, די לופט אין גאַנצן תחום איז געווען פול מיט פּאָגראָם־דערוואַרטונג. אויך אין פּאָלטאַווע האָט מען

זיך געריכט. תיכף נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאַר האָב איך באַקומען מיין ערשטע פּאַרטיי־שליחות צו ברענגען געווער. צוזאַמען מיטן חבר משה אומאַנסקי (איצט אין טשיקאַגאָ) זענען מיר געפאָרן קיין ליבאַווע, די היים פון ליאָווקע כאַזאַצקי, און אַ דאַנק דעם לעצטנס פאַרבינדונגען האָבן מיר איינגעהאַנדלט פון אויס־לאַנד 40 ברויינינגן. פון אויסלאַנד האָט די פירמע צוגעשטעלט די סחורה ביז אַ גרענעץ־שטעטל, פון דאָרט האָט אַ „שוואַרצער" אַריבערגעפעקלט קיין ליבאַווע. פון דאַנען האָבן מיר עס אין צוויי טשעמאָדאַנעס געבראַכט קיין פּאָלטאַווע. ווי פריער דערמאָנט, האָבן מיר ביי אונזער זעלבסטשוץ פאַרמאָגט אויך באָמבעס און דינאַמיט.

מ׳האָט אונז לאַנג נאָכגעשפּירט דורך אַן עלטערער קריסטלעכער דינסט און פונקט אין טאָג, ווען אין שטאָט איז געגאַנגען אַ גרויסע קריסטלעכע פּראָ־צעסיע און מ׳האָט זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם, האָט פּאָליציי געמאַכט אַן איבערפאַל פון גרויסן שניט אויף עובדיהס וווינונג. די זעלבסטשוץ־„מנינים" זענען געווען אָנגעגרייט אויף די קאָנספּיראַטיווע דירות און ווי אַ דונער האָט זיי געטראָפן די ידיעה, אַז די גאַנצע „סטרעטענסקאַיאַ" איז באַלאַגערט. די פּאָ־ליציי איז גלייך אַריין אין האָלץ־קאַמער אויפן הויף און אויסגעגראָבן דעם באַהאַלטענעם דינאַמיט. מ׳האָט אַרעסטירט די עלטערן. עובדיהן גופא האָבן מיר פאַרבאָרגן ביי קריסטן אַ וואָך צייט, פאַרגרימירט אים מיט אַ בערדל און טראַנספּאָרטירט פון פּאָלטאַווע.

ער איז גלייך אָפּגעפאָרן אַלס חבר א ב נ ר קיין מינסק, ווו ס׳איז פאָרגע־קומען די ווילנע־מינסקער ראַיאָן־קאָנפערענץ. בּאָראַכאָוו האָט זיך דאַן באַ־טייליקט אין וואָראָנעזש, אַלס חבר ג ר ש ו ן אינעם צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס פון צענטראַל־רוסלאַנד.

איך און גאָלדע האָבן זיך באַזעצט אַ געוויסע צייט אין טשערקאַס און אין סמילע, ווו די אָרגאַניזאַציע איז נאָך נישט געווען געשפּאָלטן, ווו אָבער די אָנפירנדיקע חברים, חוץ די חברים אפרתי און ראובן טשערקאַסקי זענען שוין געווען אויפן צד פון די סיימיסטן. שפּעטער איז אַהינגעקומען אויך בּאָראַכאָוו (אַלס נחמיה), געהאַלטן אַ שורה רעפעראַטן און די אָרגאַניזאַציעס זענען געבליבן ביי אונז.

אין ביאַליסטאָק איז אין אַפּריל פאָרגעקומען די ראַיאָן־קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק, גרויסליטאָווסק, גראַיעוו, וואָלקאָוו, האָראָדאָק און אַנד. און איינשטימיק איז דורכגעגאַנגען דער אָנשלוס אין דער פּאַרטיי.

סוף מאַי איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון קרימער פּאַר־

באַנד, וואָס האָט אויך אָפיציעל דורכגעפירט דעם אָנשלוס אין דער פּאַרטיי.

אין פּאָלטאָווע זענען דערוויַיל די פּאָליציייאישע רדיפות געוואָרן אַלץ שווערער און אָפטער. אין פאַרבינדונג מיטן געפונענעם דינאַמיט האָט מען קעגן אונז אויפגעשטעלט די גאַנצע אַכראַנקע און זשאַנדאַרמעריע. מ׳האָט זיך געמוזט צואיילן מיטן אַריבערפאָר קיין ווילנע. צו דער צייט איז פּונקט אָנגעקומען אַ נייע סומע געלט פון אַמעריקע, דירעקט צו אונז, דאָך האָבן מיר אָפּגעצויגן דעם טערמין פון אַריבערפאָר.

האָבן זיך אַריינגעמישט די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד און אונז צוגעטריבן, אין דער נאַכט פון 8־טן יולי, גלייך ווי ס׳האָט זיך באַקומען די טעלעגראַמע וועגן פונאַנדערטרייבן די מלוכה־דומע זענען די אַרעסט־הייזער און תּפיסות אָנגעפילט געוואָרן מיט פּאָליטישע קרבנות. דעמזעלבן אָוונט האָט מען פאַרחתמעט די רעדאַקציע, אַרעסטירט באָראָכאָוון און דעם סעקרעטאַר — ריאַבטשינסקי.

דער אריבערפאר קיין ווילנע

על פּי צופאַל בין איך געבליבן אויף דער פריי. איך האָב גראָד יענע נאַכט נישט גענעכטיקט איינדערהיים. פּאָליציי און זשאַנדאַרמען זענען געקומען, געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע און פאַרלאַנגט, די מוטער זאָל דורכויס זאָגן, ווו איך בין. די מאַמע טענהט, אַז זי ווייסט בכלל נישט פון קיין זרבבל, זי האָט גאָרנישט אַזאַ זון. דער זשאַנדאַרמסקער אָפיציר איז אויפגעבראַכט, קען זיך מיט דער פשוטער אָבער איינגעשפּאַרטער יידענע קיין עצה נישט געבן, פּאַלט ער אויף אַ המצאָה און אַרעסטירט מיין ברודער. „מיר וועלן נעמען דעם עלטערן, ביז דער יינגערער וועט קומען״. באַגינען איז די מאַמע געקומען צו לויפן מיר אָנזאָגן וועגן דעם נאַכטיקן באַזוך. איך בין גלייך אַוועק צו באָראָכאָוון אים צו וויסן געבן, ער זאָל זיין גרייט על כל צרה שלא תבוא. אָבער אויפן וועג צו אים האָב איך שוין געטראָפן פון וויטן אַ גאַנצע מחנה פּאָליציי־אַגענטן, ווי זיי פירן באָראָכאָוון און ריאַבטשינסקין. איך האָב זיך אָפּגעטראָגן אויף אַ קאָנספּיראַ־טיווער דירה. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך שוין באַקומען אַ „קוויטל״ פונעם אַרעסטירטן באָראָכאָוו, איך זאָל תּיכף ומיד אָפּציען און טאַקע קיין ווילנע. אַליין די השגחה האָט זיך אַריינגעמישט און די פּאָליציי האָט אונז געטריבן און אונ־טערגעאיילט אויסצופירן דעם באַשלוס פון צוזאַמענפאָר וועגן דעם אַריבערפאָר קיין ליטע.

געלט איז געווען, די פּאָר טויזנט רובל פון אַמעריקע. בין איך דערמיט אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו, דאָרט זיך צונויפגערעדט מיט ח׳ ניסן און די קאַנדי־

דאַטן צום צ. ק. גאָלדע און פּאַוועל. ס׳איז געבליבן, איך זאָל זיך באַזעצן אין ווילנע און דאָרט אָרגאַניזירן דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און ביכער־פאַרלאַג. גלייכ־צייטיק אויך מאַכן די נייטיקע הכנות פאַרן יידישן אָרגאַן. ס׳האָט טאַקע געפעלט באָראָכאָוו, אָבער דאָ האָט גערעדט דער פּאַרטיי־אינסטינקט, אַז דווקא איצט מוז די אַרבעט פאַרשטאַרקט און אַפילו אויסגעברייטערט ווערן, ווייל אַ פּאַרטיי איז נישט אָנגעוויזן אויפן יחיד, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין. באָראָכאָוו איז נישטאָ, עס פעלט דער איינער, דער גרויסער, — דאַרפן קומען די עטלעכע, די קאָלעגיע, און די אַרבעט טאָר נישט איבערגעריסן ווערן.

אין קרים (סימפעראָפּאָל) איז דערשינען אין רוסיש דער זשורנאַל „מאָלאָט״, רעדאַגירט דורך פּעליקסן. האָבן מיר אַהין אַוועקגעשיקט די קאָרעקטור־אָפּצוגן פון דעם ווייטערדיקן טייל „אונזער פּלאַטפאָרם״, וועלכע איז געווען אויסגעזעצט פון נומער 4 „יעווערעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ״. דאָרטן איז עס דערשינען אין נומער 2. אויפן 3־טן נומער איז אויך דער „מאָלאָט״ פאַרמאַכט געוואָרן. פון די אַרטיקלען, וואָס זענען אין „מאָלאָט״ דערשינען האָט אַ באַזונדער ווערט געהאַט דאָס אַרטיקל פון ח׳ פּעליקס (וו. אַדים) א. נ. „די יידישע ווירטשאַפט און אירע היסטאָרישע פאַקטאָרן״, וועלכעס איז טאַקע שפּעטער אַרויס אין בראָ־שור־פאָרם אין רוסיש און אין יידיש.

כ׳האָב באַזוכט ק ר י ם, געווען אין סימפעראָפּאָל, באַכטשיסאַראַי, דורכגעפירט עטלעכע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, דערליידיקט אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים און אַוועק קיין לאָדזש, וווהין ס׳איז אויך געקומען א ב נ ר. דאָ האָבן מיר פאַרמאָגט אַ קרעפטיקע אָרגאַניזאַציע מיט אַ באַדייטנדער השפּעה אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געשטאַנען די חברים מוליע און וויקטאָר (אריה) און נאָך אַ גאַנצע צאָל אַקטיווע ערשטקלאַסיקע טוער און פּראַקטיקער, ווי בנימין זאב, לייב, מרדכי בטלן, יצחק בורזשוי, אַהרן שמואל, הלל מיימון און אַנד. אין דער רעסטאָראַציע פון דיכטער יצחק קאַצענעלזאָנס מוטער האָבן מיר געהאַט אונזער צונויפטרעף. אָבער איז גלייך אַוועק קיין אויסלאַנד, וווּ ס׳האָט געזאָלט פאָרקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציוניסטישע סטודענטן־גרופּעס און געשאַפן ווערן די „אויסלענדישע ליגע״. איך און ח׳ שלמה שולמאַן, אַ דענטיסט (איצט אין מאָסקווע) זענען אַוועק קיין ווילנע. ח׳ שלמה פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן אונטערן נאָמען בעל נפש און האָט געהאַט אַ ידיעה אין דרוק־ענינים. האָט ער עס געזאָלט זיין דער טעכנישער מומחה ביים גרינדן דעם פאַרלאַג. אויף זיין נאָמען איז שפּעטער אויך אַרויסגענומען געוואָרן די קאָנצעסיע פאַרן ערשטן אָרגאַן אונזערן אין ווילנע. סיי ווי האָט קיינער פון די צ. ק.־מיטגלידער און

אַקטיווע מיטאַרבעטער נישט פאַרמאָגט די גהעריקע פּאַפּירן צו קאָנען אויף זיין נאָמען קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל.

ווילנע איז צו יענער צייט געווען דער וויכטיקסטער פּאָליטיש-געזעלשאַפט־לעכער יידישער צענטער. אַלע פּאַרטייען האָבן דאָ געהאַט זייערע צענטראַל־קאָמיטעטן און צענטראַל־אָרגאַנען. ביים „בונד" איז דערשינען די „פּאָלקס־צייטונג", ביי די סיימיסטן — די „פאָלקס־שטימע", ביי די ס. ס. — דער „נייער וועג". אַפילו די „מינטשוקעס" אונטערן נייעם נאָמען י. ט. אַ. פּ. (יידישע טע־ריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי), האָבן דאָ אין ווילנע אַרויסגעגעבן זייער וואָכנבלאַט „די יידישע ווירקלעכקייט". די ציוניסטן האָבן זיך גאַנץ ברייטלעך פאַרנומען אויף גרויס־פּאָהוליאַנקע און ד"ר יוסף לוריע איז געשטאַנען בראש פון „דאָס יידישע פאָלק". דאָ אין ווילנע איז, בכן, געווען קאָנצענטרירט די סמעטענע פון דער מאָדערנער יידישער אינטעליגענץ, בפרט פון דער פּראָ־לעטאַרישער.

די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין ווילנע איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע. אָבער ווייט הינטערשטעליק לגבי אַלע אַנדערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס, נישט נאָר לגבי דעם „בונד", וועלכער איז דאָ געקומען אויף דער ווייסער וועלט, און געווען פון כמה יאָרן איינגעוואָרצלט און אייגעפעסטיקט אין ירושלים דליטא. אונז האָט געפעלט אַן אָנגעזעענע און אָנערקענטע אינ־טעליגענץ. מיר זענען געווען די יינגסטע און געמוזט זיך פאַרמעסטן מיט עלטערע, איינגעפונדעוועטע אָרגאַניזאַציעס. דער עלעמענט איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער, ס'רוב אַרבעטער, אַ ביסל האַנדלס־אָנגעשטעלטע, שילער פון קאָמערץ־אינסטיטוט און פון די גימנאַזיעס, בראש זענען געשטאַנען דער סטודענט לייב חייט (שפּעטער אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר אין ווילנע), אברהם זיידשנור, משה ליב, ישראל באַס, שפּעטער אברהם מאַכטיי, ח'טע גרוניע (ליפשיץ פון גראָדנע) און נאָך אַ פּאָר אַרבעטער. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ רירעווודיקע, בשעת די וואַל־קאַמפּאַ־ניעס צו די דומעס האָט זי געאַרבעט זייער אינטענסיוו דורך אייגענע מיטינגען און דורך אַרויסטרעטונגען אויף פרעמדע מיטינגען. זי האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם ב. אָ. (באַיעוואָי אָטריאַד, קאַמפּס־דרוזשינע), אַ פּאָר מאָל אַפילו דורכגעפירט „עקסלעך" אין די נאָענטע שטעטלעך, צוגעשטעלט פאַלשע פּאַספּאָרטן פאַר אומלעגאַלע טוער און גאַנץ טעטיק געווען אויך אין דער פּראָפ. באַוועגונג און אין זעלבסטשוץ. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַרטייאישע סביבה איז דאָ נאַטירלע־כערהייט געווען אַ יידישע. אַפילו די אַזוי גערופענע אינטעליגענץ האָט אויך ס'רוב גערעדט יידיש, בפרט ווען זי איז געקומען אין באַרירונג מיט דער מאַסע.

מיר האָבן געמאַכט דעם ערשטן שריט און געגרינדעט דעם פאַרלאַג,

מ׳האָט געמוזט האָבן ליטעראַטור. קודם כל בראָשורן, וועלכע מ׳זאָל קענען פאַרשפּרייטן אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל. אין לאָדזש האָט דעמאָלט ח׳ הלל מיימון אויף אייגענער איניציאַטיוו איבערגעזעצט אין יידיש באָראָכאָווס אַרבעט „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע״, וועלכע איז שוין אַרויס אין בראָשור־פאָרם אין פאַרלאַג „קאַדימאַ״, אַדעס. דאָס ביכל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ווייל עס האָט צום ערשטן מאָל מאַרקסיסטיש אַנאַליזירט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, צעגלידערט אים אויף זיינע באַזונדערע באַשטאַנד־טיילן און געגעבן דערביי אַ גלענצנדע כאַראַקטעריסטיק פון דעם, ווי אַזוי און צוליב וואָס יעדער קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפט פאַסט־אויף די נאַציאָנאַלע פראַגע און באַציט זיך צו איר. ח׳ מיימון האָט דאָס ביכל נישט סתם איבערגעזעצט אין יידיש, נאָר עס עטוואָס פּאָפּולאַריזירט, איינגעטיילט אין באַזונדערע פּרקים, איבערגעשטעלט איין געדאַנק פון פאָרנט אויף צום סוף און פאַרקערט, עס זאָל זיין מער סיסטעמאַטיש און בראָשור־אַרטיק, און גאַנץ פאַר זיך גענומען. מען מוז געדענקען, אַז ביי באָראָכאָוון איז די אַרבעט לכתחילה געווען אַ פּאָלעמישע, געווענדעט קעגן ליובאַרסקיס אַן אַרטיקל איבערן נאַציאָנאַליזם.

מיר האָבן געפונען, אַז די דאָזיקע פּאָפּולערע באַאַרבעטונג פון באָראָכאָווס אַרטיקל איז פונקט צוגעפּאַסט צו זיין דער אַריינפיר אין אונזער פאַרלעגערישער אַרבעט. דעם פאַרלאַג האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „דער האַמער״ און געפונען האָט ער זיך צוערשט אויף זאַוואַלנע און דערנאָך אויף „רוזעלע״. מיר האָבן גלייך באַשטעלט ביי דעם זעלבן ח׳ הלל אַן איבערזעצונג פון וו. אַדימס אַרטיקל וועגן דער „יידישערווירטשאַפט״ און ביי איינעם, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, אַ לערער ג ־ ן, אַן איבערזעצונג פון אַ. אַראָנאָזוס אַרטיקל וועגן „די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם״.

דער פאַרלאַג איז געווען דער ערשטער שריט און מיר האָבן גלייך איינגעזען, אַז דערביי טאָר מען נישט בלייבן. ס׳האָט זיך אָפּגערופן די פּראָווינץ, די יידישע פּראָווינץ פון ליטע און פּוילן, ווו די ברייטע מאַסע איז טאַקע געווען טעמפּ אויף רוסיש און געלעכצט נאָך אַ פּשוט יידיש וואָרט. אמת, דער פּוילישער פאַרבאַנד האָט געהאַט אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון אַן אָרגאַן אין יידיש „דאָס יידישע אַרבעטער־וואָרט״. איז אָבער די עברי דאָרט געווען זייער אַ האַרבע און דער עיקר, די אַרטיקלען און דער טאָן פון גאַנצן אָרגאַן זענען געווען פּראָווינץ־מעסיק. מען האָט געוואָלט דעם האָבן אויטאָריטעט און געוויכט פון אַ צענטראַלן אָרגאַן, וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטן מיט די צענטראַל־אָרגאַנען ביי די אַנדערע קעגנערישע פּאַרטייען.

האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צום אָרגאַן. קיין ווילנע זענען אַריבערגעפאָרן דער

ה׳ באָרוכסאָן, די ה׳טע גאָלדע, ס׳איז געקומען ה׳ אבנר. אלס אַדמיניסטראַטאָר האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט דעם ה׳ שמואל האָפּמאַן (שמואל נעגער) פון פּאָלטאַווע. קאָרעקטאָר איז בײַ אונז געווען מנחם מענדל הורוויץ. נאָך מיט אַ צייט צוריק, ווען דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט האָט זיך געפונען אין פּאָלטאַווע ,איז פון סטויבץ (סטאָלפּצי) מינסקער גוב. געקומען אַן איבערזעצונג פון „אונזער פּלאַטפאָרם״ אויף יידיש.ס׳איז נאָך דאַן נישט געווען קיין שום אויסזיכט אַרויסצוגעבן אַזאַ אַרבעט אין יידיש., אָבער די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן לשמה, פון טיפן אינערלעכן פאַרלאַנג און באַוווסטזיין, אַז אַזאַ ווערק מוז זיין אין יידיש. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור האיבערזעצער קען די יידישע שפּראַך און האָט שטאַרקן חשק אַריבערצופאָרן אין אַ גרויסן יידישן קולטור־צענטער. איצט, אין ווילנע האָבן מיר זיך דערמאָנט אָן אים און אינגיכן איז זלמנקע (זלמן רובאַשאָוו) געקומען צו פאָרן און געוואָרן אונזער אַלעמענס ליבלינג צוליב זיין התמדה, טרייהייט און שיינער נשמהדיקער באַציונג צו דער אַרבעט און אויפריכטיקער התלהבות פאַר איר. מיר האָבן געהאַט אַ סאַך איבערזעצונגס־אַרבעטן און זלמנקע האָט געהאַט וואָס צו טאָן. רעדאַגירן דעם סטיל און די שפּראַך פלעגן מיר דערנאָך זאַלבעצוויי: איך און מנחם מענדל. פון מאָל צו מאָל פלעגט אונז דערין צוהעלפן אויך באָרוכסאָן (כאַשין).

די גראָדנער קאָנפערענץ

ס׳איז געווען די צייט פאַר די וואַלן צו דער צווייטער דומע. אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס איז אָנגעגאַנגען אַ הייסע דיסקוסיע וועגן דער באַציונג צו די נייע וואַלן. אין אייניקע ערטער, ספּעציעל זיין פּוילישן פאַרבאַנד איז געווען אַ שטאַרקע שטימונג פאַר באָיקאָט. דער צ. ק. איז געווען קעגן באָיקאָט, האַלטנדיק דער עיקר, אַז באָיקאָט־לאָזונגען קאָנען נישט דינען צו אַקטיווירן און אָרגאַניזירן די מאַסן. ס׳זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגן און דער צ. ק. האָט באַשלאָסן צונויפרופן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ. דער גורל איז געפאַלן אויף גראָדנע. מ׳האָט זיך געמוזט רעכענען דערמיט, אַז פון אַלע וויכטיקע פּונקטן זאָלן קענען קומען די איינגעלאַדענע פאַרשטייער. באַראַכאָוו איז נאָך געזעסן אין תפיסה, האָט מען געוואָלט, אַז לפחות פון די אַנדערע אַקטיווע טוער זאָלן וואָס ווייניקער פעלן. אין גראָדנע איז געווען אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און די אָרטיקע חברים האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופירן די באַראַטונג אין אָרדנונג. ס׳הייסט, אַז זיי וועלן באַזאָרגן גוטע קאָנספּיראַטיווע דירות סיי פאַר די באַראַטונגען און סיי פאַר די אָנטיילנעמער.

ליידער איז נישט אַלץ אַדורך כשורה, און גלייך ביים אָנהויב זענען געווען עטלעכע דורכפאַלן. דער ערשטער און וויכטיקסטער דורכפאַל איז געווען דער אַרעסט פון ח' אַבנר אין גראַדנע גופא. ער האָט געהאַט אַ פּאַס אויפן נאָמען א י צ ק אָ ז אַ א י ק אַ. צופעליק, אָדער נאָך אַן אויסשפּירונג האָט מען אים פאַר־האַלטן ביים אַריינקומען אין שטאָט. ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס רייזנדער אַגענט פון אַ שוך־געשעפט אין ווילנע. פּשוט, ווייל ער האָט געדענקט דעם אַדרעס פון אַזאַ געשעפט, ווו ס'איז געווען אָנגעשטעלט דער ח' משה ליב און די ח'טע מאַניע איז געווען דעם אייגנטימערס טאָכטער. בשעת דער רעוויזיע האָט מען ביי אים אין גרויסן טשעמאָדאַן געפונען בלויז אַ פּאָר ביכלעך איבער סאָציאַלע פראַגן און מ'האָט אים נישט געגלייבט, אַז ער איז נישט מער ווי אַ האַנדלס־אַנגע־שטעלטער. ער איז דערנאָך אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט און ס'האָט געקאָסט אַ סאַך מי ביז מ'האָט געפּועלט ביי דער אייגנטימערין פון שוך־געשעפט, זי זאָל דעם ח' אַבנר אָנערקענען אַלס איר אָנגעשטעלטן, און די באַלעבאָסטע, ביי וועמען מיר בײדע האָבן געוווינט, און וועלכע האָט גאָר מיך איינגעמאָלדן אַלס איצקאָ זאַיקאָ, זאָל איצט אין פּאָליציי באַשטעטיקן, אַז זאַאיקא איז א ב נ ר. אין גראָדנע זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן צוויי חברים פון פּוילן, מוליע און יצחק טאָבענקין.

פונדעסטוועגן האָבן מיר די קאָנפערענץ נישט אָפּגערופן, נאָר זיך נאָך מער פאַרקאָנספּירירט. עטלעכע זיצונגען זענען פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון אַן אינזשענער באַראַן און די אַנדערע אין דער וווינונג פון לייב יפה הינטער דער שטאָט. מיטגעהאָלפן דערין האָבן אַ סאַך די חברים יודע קריניצע, רבקה פּאָז־ניאַק, בנימין וועלער, ח' באַניעק. דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן צווישן אַנדערעס אויך די פראַגע וועגן צענטראַלן אָרגאַן און וועגן צונויפרופן דעם ערשטן אָר־דנטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין קראָקע.

די קאָנפערענץ האָט געזאָלט האָבן גאָר אַ ברייטן פאַרנעם און באַהאַנדלען אַ גאַנצע ריי טעאָרעטישע, ווי ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. אָבער צוליבן אַרעסט פון די עטלעכע דעלעגאַטן, צווישן זיי אויך אָנגעמערקטע רעפערענטן, האָט מען באַשלאָסן מקצר זיין ווי ווייט מעגלעך און זיך באַשרענקען אויף עט־לעכע פונקטן, וועלכע זענען געווען דורכויס אַקטועל. אַזוי האָט מען געמוזט דורכדיסקוטירן די פראַגע וועגן דער ב אַ צ י נ ג צ ו ד ע ר ד ו מ ע. מען איז געשטאַנען פאַר די וואַלן צו דער צווייטער דומע און ס'איז נייטיק געווען צו געבן די אָרגאַניזאַציעס אַ קלאָרע דירעקטיוו, בפרט, אַז אין אַ היבש ביסל פונקטן איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקע באָיקאָטיסטישע שטימונג.

אין שייכות מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע איז באַזונדערס אַקטועל געוואָרן די פראַגע וועגן אונזערע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן א י ן ג ל ו ת. מ'האָט

געמוזט קומען צו דער יידישער גאַס מיט אַ קלאָר פאָרמולירטן לאָזונג אין דעם פּרט. אמת, הן דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר און בפרט די שפּעטערדיקע טעאָרע־טישע קאָנפערענץ האָבן די פראַגע גאַנץ אויספירלעך באַהאַנדלט, דאָך איז נוי־טיק געווען אַ פּאָליטישע רעזאָלוציע, וועלכע זאָל גילטן ווי אַן אינסטרוקציע אין דער וואַל־קאַמפּאַניע און ווי אַ ריכט־ליניע און אָנשפּאַר אין דעם קאַמף מיט אַנדערע פּאַרטייען.

אוןווירקלעך האָט די דאָזיקע פראַגע ווידעראַמאָל אַרויסגערופן הייסע, לײַדנשאַפטלעכע דעבאַטן, וועלכע האָבן פאַרנומען קנאַפּע צוויי טעג — אַ סימן, אַז ס׳האָט נאָך נישט געהערשט קיין פולע איינשטימיקייט אין דעם ענין.

נאָך דרינגענדער איז געווען די דריטע פראַגע וועגן דער באַציונג צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. בדרך כלל איז די שטעלונג געווען אַן איינהייטלעכע פּאָזיטיווע בנוגע דעם אָנטייל אין ציוני־סטישן קאָנגרעס. דאָ האָט נאָך מער, ווי די איבערצייגונג, געווירקט די אינערציע, די טראַדיציע פון די ביז איצטיקע פּועלי־ציון, אַפילו די ס. ס. די ערשטע צייט. ס׳איז שוין אָבער אויפגעשוווּמען די נויטיקייט אָפּצוטיילן די פראַגע וועגן אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס פון דער פראַגע וועגן דער באַציונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דעם פּרט האָט נאָך געהערשט אַן אמתער תּוהו־ובוהו, וועלכער האָט, אַגב, אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט שפּעטער אין מאַסשטאַב פון דער וועלט־באַוועגונג. מ׳האָט געמוזט איצט, פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס, אויך אין דעם פונקט געבן אַן איינהייטלעכע דירעקטיוו די אָרגאַניזאַציעס.

די רעזאָלוציעס פון די דאָזיקע דריי פונקטן זענען קורץ־געפאַסטע און טרעפלעכע.

וואָס שייך דער באַציונג צו דער דומע איז דער וויכוח געווען שאַרף ספּעציעל מצד די פאָרשטייער פון פּוילישן פאַרבאַנד. אָט איז די רעזאָ־לוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן מיט 8 שטימען קעגן 7 ביי 1 אָפּגעהאַל־טענעם :

באַטראַכטנדיק דעם איינציקן וועג צו דער פּאָליטישער באַפרייונג פון רוס־לאַנד דעם אָרגאַניזירטן מאַסן־קאַמף פון די ברייטע רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־שיכטן ; געפינענדיק, דאָס ביי דער איצטיקער פּאָליטישער סיטואַציע קען די דומע דינען אָלס דאָס נייטיקע מיטל צו שאַפן און אונטערהאַלטן די נויטיקע קאַמפס־שטימונג און אָרגאַניזאַציע פאַר מאַסן־אַרויסטרעטונגען, באַזונדערס ביי די ברייטע אומצופרידענע שיכטן ביי פּויערטום ; דאָס די רעגירונג וועט אָנווענדן איר גאַנצן ווילקיר, אום אויסצונוצן די דומע — די ערקעמפונג פון פּראָלעטאַ־ריאָט — צו פאַרפעסטיקן אירע פּאָזיציעס, צו וואָס עס וועט געוויסערמאַסן מיט־

העלפן די געדריקטע שטימונג פון דעם קליינבירגערטום און די פחדניש־צביעות־דיקע שטימונג פון דער בורזשואַזיע — אַנערקענט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק דעם אַקטיוון אָנטייל פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין די וואַלן צו דער דומע.

וועגן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות איז כמעט איינשטימיק (13) פאַר, 1 קעגן, ביי 1 אָפּגעהאַלטענעם) אָנגענומען געוואָרן די ווייטערע רעזאָ־לוציע:

„אַנערקענענדיק דאָס די קאַפּיטאַליזירונג און דעמאָקראַטיזירונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט ברענגען מיט זיך אויך איר נאַציאָנאַליזירונג, וואָס איר פאַרשאַרפן זיך אַלץ מער און מער אין די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן שטערט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן; דאָס די ראַדיקאַלסטע לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז די פּערסאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציעס, וועמענס אינטערעסן עס ווערן נישט באַפרידיקט דורך דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, דאָס דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטס־דעמאָקראַטיזירונג פירט צו דער רעאַליזירונג פון פּערסאָנאַלער, נאַציאָנאַלער־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר די אונטערדריקטע נאַציעס אין די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן; דאָס פאַרשידענע קלאַסן פון דער יידישער נאַציע (די קליין־בורזשואַזיע, אַ טייל פון דער מיטל־בורזשואַזיע און פון פּראָלעטאַריאַט) זענען צוזאַמענגעבונדן אין איין פּראָדוק־ציאָנס־פּראָצעס, וועלכער שאַפט ביי זיי געמיינזאַמע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסן, — שטעלט אַרויס די קאָנפערענץ, אַלס אונזער מאַקסי־מאַלע נאַציאָנאַלע פאָדערונג אין גלות: די יידישע פּערסאָנאַל־פּאָליטישע אוי־טאָנאָמיע.

אַרויסשטעלנדיק די פאָדערונג פון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אַלס די מאַקסימאַלע נאַציאָנאַלע פאָדערונג אין גלות, שטרייכט אונטער די קאָנפערענץ, דאָס די יידישע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע קאָן נישט לעזן די יידן־פראַגע ביז דער רעאַליזירונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע און דאָס די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע קאָן נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַ נייטיקער מיטל צו דער רעאַליזירונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע".

אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע איז געשטעלט געוואָרן דאָס פּינטעלע אויפן ש' און ס'איז בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָ־נאָמיע (סיים) „קאָן נישט לעזן די יידנפראַגע". דורך דעם האָט מען זיך געזאָלט שאַרף אָפּגרענעצן פון די סיימיסטן, ביי וועמען מען האָט געקאָנט צווישן די שורות אַרויסלייענען, אַז אויב דער סיים וועט זיין, איז שוין דער טעריטאָ־ריאַליזם לאו דווקא.

אינטערעסאַנטער און כאַראַקטעריסטישער איז די רעזאָלוציע איבערן דריטן פּונקט. זי ווערט פונאַנדערגעגלידערט אין דריי טיילן. קודם כל רעדט זיך וועגן א ו נ ז ע ר ב אַ צ י ו נ ג צ ו ם ק אָ נ ג ר ע ס.

„אָנערקענענדיק, דאָס דער סטיכישער איינוואַנדערונגס־פּראָצעס פון די יידישע קליינע און מיטעלע קאַפּיטאַלן נאָך פּאַלעסטינע, רופט גלייכצייטיק אַרויס אויך דעם איינוואַנדערונגס־פּראָצעס פון דער יידישער אַרבעטס־קראַפט; דאָס די אינטערעסן פון דעם יידישן אַרבעטער דאַרפן פאַרטיידיקט ווערן פון אים זעלבסט; דאָס דער קאָנגרעס איז דער אינסטיטוט, וועלכער רעגולירט דעם איינוואַנדערונגס־פּראָצעס פון דעם יידישן קאַפּיטאַל; דאָס זיין איינפלוס אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון די יידן אין פּאַלעסטינע פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער מיטן וווקס פון דער יידישער אימי־גראַציע אַהין, געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק נ ע מ ע ן אָ ן אָ נ ט י י ל א י ן ק אָ נ ג ר ע ס, אום אויסצונוצן זיין איינפלוס אין די אינטערעסן פון דעם יידישן אַרבעטער".

אָבער גלייך דערויף קומט אַ צוגאָב:

„אַרויסזאָגנדיק זיך פאַרן אָנטייל־נעמען אין קאָנגרעס, שטרייכט אונטער די קאָנפערענץ, דאָס אונזער אָנטייל אין קאָנגרעס האָט נאָר דאַן אַ באַדייטונג, ווען מיר אַליין וועלן זיך פאַרנעמען מיט זעלבשטענדיקער רעאַלער אַרבעט אין פּאַלעסטינע".

דאָ ווערט גערעדט וועגן „אויסנוצן דעם איינפלוס" פון קאָנגרעס אין די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער. אין דער דיסקוסיע מיט די סיימיסטן פלעגט מען דאָן טענהן, אַז דער חילוק צווישן קאָנגרעס און דעם סיים איז דאָך נאָר אין דעם, וואָס דער סיים וועט פאַרמאָגן אַ צוואַנגס־מאַכט, און דער קאָנ־גרעס איז אַ פרייוויליקע אינסטיטוציע. אָבער די עיקר פראַגע איז, צי ס'איז פאַראַן אַ מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר אינטערעס ביי די יידישע מאַסן אין דער ציוניסטי־שער אַרבעט אין פּאַלעסטינע. אויב אַזאַ אינטערעס איז דאָ, נויטיקט מען זיך כלל ניט אין דעם פּאָליציאַנט, וואָס זאָל צווינגען צו פאָלגן און אויספירן די באַשלוסן פון קאָנגרעס. די מאַטעריעלע פאַראינטערעסירטקייט האָט מער האָפט, ווי די מורא פאַרן פּאָליציאַנט. וויבאַלד אַזוי, וועט דאָך דער קאָנגרעס טאָן קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, אַן אַרבעט, וועלכע קען זיין א י ן די אינטערעסן אָדער ק ע ג ן די אינטערעסן פון די אַרבעטער. גיכער ק ע ג ן, ווייל ער איז דאָך דער אינסטיטוט, וועלכער „רעגולירט דעם איינוואַנדערונגס־פּראָ־צעס פון יידישן קאַפּיטאַל" און זוכט דעריבער צו פאַרטיידיקן אויך די אינ־טערעסן פון דעם קאַפּיטאַל. איז, בכן, קלאָר, אַז אויף וויפל דער יידישער

אַרבעטער קאָן קומען צום וואָרט אין אזא אינסטיטוט און ווירקן דאָרט א י ן זייִנע אינטערעסן, דאַרף ער עס טאָן.

אָבער כדי אויסצוואָרצלען ביי די חברים די מיינונג, אַז דער קאָנגרעס וועט שוין אַליין אַלץ טאָן, און אַז ס'איז גענוג צו גיין אויפן קאָנגרעס און דאָרטן ווי ר ק ן — שטרייכט די קאָנפערענץ אונטער, אַז דאָס גאַנצע אָנטייל נעמען אין קאָנגרעס האָט נאָר דאַן אַ באַדייטונג, ווען די אַרבעטער וועלן אַליין עפּעס ממשותדיקעס טאָן אין פּאַלעסטינע, ס'הייסט, אַז די ווירקונג אויפן קאָנגרעס מוז זיך שטיצן אויף אַ רעאַלער מאַכט אין לעבן, אויף די פּאַקטישע פּאָזיציעס פון די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. דאָ האָבן מיר שוין דאָס קערנדל פון דעם שפּעטער רייף־געוואָרענעם געדאַנק, אַז דער קאַמף צווישן דעם יידישן אַרבעטער און יידישער בורזשאַזיע וועגן השפּעה אין פּאַלעסטינע דאַרף אָנט־שידן ווערן נישט דורכן ווערטער־טורניר אויפן קאָנגרעס און נישט דורך איבער־רעדן די בורזשואַזיע, נאָר דורך די מאַכט־פּאָזיציעס, אין וועלכע דיביידע קלאַסן וועלן באַוויזן זיך איינצופעסטיקן אין פּאַלעסטינע.

דער צווייטער טייל פון דער רעזאָלוציע רעדט וועגן דער פ אָ ר ם פ ו ן א ו נ ז ע ר אָ נ ט ײ ל ־ נ ע מ ע ן :

„די קאָנפערענץ געפינט פאַר ווינטשבאַר, עס זאָל געגרינדעט ווערן אַן אַלוועלטלעכעס פּועלי־ציוניסטישעס ביוראָ, וועלכעס זאָל רעגולירן אונזערע באַציונגען צו דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע".

ס'וואַקסט שוין דער ווידערווילן צו געפינען זיך אין איין אָרגאַניזאַציע. מ'וויל זיך איזאָלירן, אָפּגרענעצן, מאַכן שבת פאַר זיך. ס'איז טאַקע נייטיק צו באַאיינפלוסן דעם קאָנגרעס, אָבער צו וואָס זאָל מען אַריינציען אַלע חברים, די גאַנצע ברייטע אַרבעטער־מאַסע אין דער קאַמפּאַניע פון שקלים־פאַרקויף, ווו ס'איז נישטאָ קיין שום פּרינציפּיעלער פּאָליטישער וויכוח און קיין שום פּאָלי־טישע אַרבעט?! ס'זענען בנמצא צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע טרעפן זיך צונויף אין זייערע אינטערעסן צו דער פּאַלעסטינע־אַרבעט: די אָרגאַני־זאַציע פון ב י ר ג ע ר ל ע כ ן ציוניזם און די אָרגאַניזאַציע פון פּ ר אָ ל ע ־ ט אַ ר י ש ן ציוניזם. יעדע איינע אַרבעט אָפּגעזונדערט און פאַר זיך. אויף וויפל ס'איז נייטיק, — זאָלן די שפּיצן, די אָנפירונגען פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס זיך צונויפרעדן און רעגולירן די קעגנזייטיקע באַציונגען.

און כדי נאָך בולטער אַרויסברענגען דעם דאָזיקן אָנרייפנדיקן געדאַנק, קומט דער דריטער טייל פון דער רעזאָלוציע: א ו נ ז ע ר ע ב אַ צ י ו נ ג ע ן צ ו ד י ל אַ נ ד ס מ אַ נ ש אַ פ ט ן (די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער). „אַזוי ווי די לאַנדסמאַנשאַפטן קענען נישט פירן קיין זעלבשטענדיקע רעאַלע

אַרבעט אין פּאַלעסטינע, געפינט די קאָנפערענץ נישט פאַר נייטיק אַריינצוגיין מיט זיי אין וועלכע עס איז שטענדיקע באַציונגען".

פּשוט און אָן דרייען זיך: קיין שום געמיינזאַמס מיט די אַלגעמיינע (בירגער־לעכע) ציוניסטן איז ביי די פּועלי־ציון נישטאָ. זיי האָבן נאָר אָן אינטערעס אויסצונוצן דעם איינפלוס פון קאָנגרעס בנוגע דער פּאַלעסטינע־אַרבעט, דאַרף מען זיך באַשרענקען אויפן קאָנגרעס. דאָ מאַכן דעם עיגול און ווייטער פון זיינע אָרגאַניזאַציע־ראַמען נישט אַרויסגיין. מיט אַ סאַך יאָרן שפּעטער האָבן פּועלי־ציון אין אַלע לענדער בפרט אין אַמעריקע, זיך נאָך געחברט מיט די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער און געווען צוזאַמען פאַרטרעטן אין די שטאַטישע ציוניסטישע ראַטן. ביי די רוסלענדישע פּועלי־ציון זעען מיר שוין אויף דער גראָדנער קאָנפערענץ אין 1906 אַ גאַנץ בולטע טענדענץ איבערצורייסן די אָרגאַניזאַציאָנס־באַציונגען מיטן בירגערלעכן ציו־ניזם. ביז וואָס־ווען זוכט מען לפּחות צו באַגרענעצן זיך מיטן אומפאַרמיידלעכן מינימום. זאָל כאָטש זיין בלויז דער קאָנגרעס — איז עס דאָך נייטיק פאַר דער פּאַלעסטינע־אַרבעט; אָבער נישט מער. וועט פון צייט צו צייט אויפשווימען אַ פראַגע, ווען עס וועט נויטיק זיין זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס און אפשר אויך מיט דער ציוניסטישער — וועט מען דאַן באַשליסן. שטענדיקע באַציונגען — בפירוש נישט!

די גראָדנער קאָנפערענץ האָט אויפגעטאָן זייער אַ סאַך דערמיט, וואָס זי האָט געגעבן קלאָרע פּאָליטישע ריכט־ליניעס פאַר דער לויפנדער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. די אַלגעמיינע פּרינציפּיעלע הנחות, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט בשעתה די טעאָרעטישע קאָנפערענץ און וועלכע האָבן באַ־קומען זייער אויספירלעכע באַגרינדונג און פאַרטייטשונג אין „אונזער פּלאַט־פאָרם", זענען איצט קריסטאַליזירט געוואָרן ווי פּאָליטישע לאָזונגען און קאָנ־קרעטע פּאַרטיי־דירעקטיוון.

דערמיט האָט זיך אויסגעשעפּט די אַרבעט פון דער קאָנפערענץ. זי האָט נאָך געהאַט פאַר זיך אַ שלל אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. מען איז זיך צונויפגעקומען כמעט פון אַלע עקן לאַנד, די אַקטיווסטע פּאַרטיי־טוער. די קאָנפערענץ האָט טאַקע געהאַט נישט מער, ווי אַ באַראַטנדן כאַראַקטער און אַלע אירע באַשלוסן האָבן געדאַרפט קריגן די סאַנקציע פון צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס איז אָבער גע־ווען די פאָרמעלע זייט. פאַקטיש האָט מען געוווסט, אַז די באַשלוסן וועלן זיין גילטיק אויך פאַרן צ. ק., אַ פשיטא, ווען די צוויי אָנגעזעענסטע צ. ק. מיטגלידער (באָראָכאָוו און אבנר) זענען אין דעם מאָמענט געווען אַרעסטירט, און כמעט אַלע איבעריקע האָבן זיך פערזענלעך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ.

אין סך־הכל האָבן זיך אין דער גראָדנער קאָנפערענץ באַטייליקט 2 פּאַר־טײַער פון צ. ק., 2 פון פּוילישן פּאַרבאַנד, 1 פון קרימער פּאַרבאַנד, 1 פון וואַרשעווער ר. ק., 1 פון לאָדזשער ר. ק., 1 פון פּאָלטאַווער ר. ק., 1 פון ביאַליסטאָקער ר. ק., 1 פון ווילנע־מינסקער ר. ק., 1 פון קיעווער ר. ק., 1 פון ר. ק. פון די צענטראַלע גובערניעס און 3 חברים איינגעלאַדענע דורכן צ. ק. נישט געקומען זענען דער פּאָרשטייער פון דרום־מערבדיקן ר. ק. און נאָך אַ פּאָר איינגעלאַדענע דורכן צ. ק.

דורך די באַריכטן פון די אַלע באַטייליקטע פּונקטן האָט די קאָנפע־רענץ באַקומען אַ גענוג קלאָרע פּאָרשטעלונג וועגן דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי אין גאַנצן לאַנד. ס'איז געווען צו פאַרצייכענען אַן אומגעהויערן וווּקס. ס'וואַקסט די צאָל אָרגאַניזאַציעס, ס'קומען צו נייע חברים און — דאָס וויכטיקסטע — ס'וואַקסט די השפעה און דער אָנזען פון דער פּאַרטיי. מען רעכנט זיך מיט איר. דער בעסטער באַוויז זענען די רדיפות מצד דער מאַכט. שרעקלעכע פּאָליציי־אישע רעפּרעסיעס פילט מען אומעטום מיט יעדן טאָג אַלץ מער. ס'ווערן אַרויסגעריסן פון די רייען די אַקטיווסטע און דערפאַרנסטע טוער. אַ סאַך פון זיי זענען פאַרפּאַקט אין די תפיסות. אַ סאַך זענען פאַרשיקט אין די ווייטע צפון־גובערניעס. אַנדערע ווידער מוזן עוקר זיין און אַריבערטראָגן זיך אין נייע ערטער, ווו מען מוז זיך ערשט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון אַרבעט. פאַר דער קאָנפערענץ איז אָנגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן מאַנגל אין אינטעליגענטע קרעפטן. די קעגנערישע פּאַרטייען האָבן באַוויזן צוצוגרייטן אַ רעזערוו־קאַדר פון טוער. איז איינער פון די פּירער אַרויסגעריסן געוואָרן — האָבן זיך גלייך געמאָלדן עטלעכע אַנדערע אויף זיין אָרט. אונזער פּאַרטיי, דאָס מוזיניקל, האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצושטעלן אַזאַ קאַדר פון פּאַרטיי־אַרבעטער. די קאָנפערענץ האָט דעריבער אָנגעצייכנט די נויטיקייט צו פאַרגרע־סערן די אויפקלערונגס־אַרבעט, אויסברייטערן די פּראָפּאַגאַנדע. דערצו איז נויטיק ליטעראַטור. ביז איצט איז דאָס דאָזיקע געביט געווען אינגאַנצן אָפּגעלאָזן. מען האָט זיך באַגנוגנט מיט תורה שבעל פּה. די דערשינענע ליטעראַטור איז געווען אין רוסיש, סיי „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" און סיי „מאָלאָט". זי האָט, אמת, זייער פיל אויפגעטאָן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. אָבער אין די יידישע מאַסן־צענטרען, ביי די יידישע אַרבעטער איז איר ווירקונג דאָך געווען באַדייטנד קלענער. איז ווידער אַרויסגעשוומען די פראַגע וועגן צוזאַמענשטעלן זיך מיטן אַרויסגעבן דעם צענטראַל־אָרגאַן אין יידיש. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען דעם ענדגילטיקן באַשלוס, און די צ. ק.־מיטגלידער אין ווילנע האָבן אים געדאַרפט רעאַליזירן.

אין צווישן האָט זיך באַקומען אַ ידיעה פון פאַלטאַווע, אַז מ׳קען באַראַ־כאָוון אַרויסנעמען אויף ערבות פון 1000 רובל. ס׳האָט געמוזט זיין אַן אויסער־געוויינלעכע אָנשטרענגונג, כדי צונויפצובּרענגען אַזאַ סומע. באַראַכאָוו אַליין איז געווען קעגן דעם, די פּאַרטיי זאָל אַריינבּראָקן 1000 רובל. מען האָט דאָך לכת־חילה געוווּסט, אַז צום פּראָצעס וועט ער זיך נישט שטעלן, ווייל די אויסזיכטן לגבּי דעם אויסגאַנג פון פּראָצעס זענען געווען זייער שלעכטע. אָבער טאַקע דערפאַר האָט דער צ. ק. באַשלאָסן אומבּאַדינגט אַרויסנעמען באַראָכאָוון אויף ערבות, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט אים אַריבּערטראַנספּאָרטירן קיין אויסלאַנד. מיר האָבּן איינגעטיילט צווישן זיך די וויכטיקסטע פּאַרטיי־צענטרען און אַוועקגעלאָזט זיך נאָך געלט. געווען אַ געדריקטע צייט, אָבער די חברים האָבּן געוווּסט, אין וואָס עס גייט און זיך אָפּגערופן ווי געהעריק. איך האָב באַ־זוכט ר י ג ע, און נישט געקוקט אויף די שווערע פּאָליציייאישע באַדינגונגען, וועלכע האָבּן דאַן געהערשט, האָט זיך מיר איינגעגעבּן אַרויסצוקריגן אַ גאַנץ פייגע אַפּותיקע. אויך אַנדערע חברים האָבּן געשאַפן געלט און אויף דאָס רעשט האָבּן מיר געמאַכט הלוואות. די קויציע־סומע איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פּאָל־טאַווע און אינגיכן איז באַראָכאָוו אַרויס אויף דער פריי.

דער ווילנער פעריאָד

די גראָדנער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער 1906 און דעם 17־טן יאַנואַר 1907 איז דערשיגען דער ערשטער נומער פונעם ערשטן צענט־ראַל־אָרגאַן פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון אין י י ד י ש, „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק״. באַראָכאָוו איז געווען פריי. אין דער אָרטיקער פּאַרטיי־אַרבעט אין פּאָלטאַווע האָט ער זיך נישט געקענט באַטייליקן, ווייל ער איז געווען אונטער פּאָליציי־השגחה. דערפאַר אָבער איז ער פונדערוויטנס גלייך געוואָרן דער נאָ־ענטסטער מיטאַרבעטער פון דעם צענטראַלן אָרגאַן. צום ערשטן נומער שרייבּט ער דאָס פּאָליטישע לייט־אַרטיקל אונטערן פּסעוודאָנים ב ר ־ ד ר ו מ א. ס׳איז נישט קיין געלעגנהייטס־אַרטיקל איבּער אַן אַקטועלער פּאָליטישער פראַגע, ס׳איז אַן ערנסטע מאַרקסיסטישע שטודיע פון דער פּאָליטישער סיטואַציע, ווו ס׳ווערט דורכגעפירט אַ גרינטלעכער אַנאַליז פון אַלע ווירקנדע כוחות, וועלכע טרעפן זיך צונויף אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבּן פון לאַנד און ס׳ווערן אָנגעמערקט די טענדענץ פאַר דער אַנטוויקלונג אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

באַראָכאָוו האָט אויך פאַר די ווייטערדיקע נומערן געשריבּן פּאָליטישע אַרטיקלען אונטערן זעלבּן פּסעוודאָנים, ווי אויך אונטער די פּסעוודאָנימען גער־

שנזאָן, זש., מ. וויטש. און ווער ס׳וויל האָבן אַ ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגן באָראָכאָוון דעם פּאָליטישן טוער און טאַקטיקער, מוז דורכויס שטודירן יענע פּאָליטישע מאמרים באָראָכאָווס אין דער פּאַרטיי־פּרעסע פון ווילנער פּעריאָד.

באָראָכאָוו האָט געזאָלט צושיקן אויך דאָס פּראָגראַם־אַרטיקל, וועלכעס זאָל פאָרשטעלן די פּאַרטיי פאַר דער נייער ידישער אַרבעטער־אוידיטאָריע. אָבער דאָס אַרטיקל איז געקומען שפּעט און עס איז דערנאָך דערשינען אַלס באַזונדערע בראָשור אונטערן נאָמען „ד אַ נ י ן: וואָס ווילן די פּ וּ עַ ל י ־ צ י ו ן". דער ערשטער נומער „פּראָלעטאַרישער גערדאַנק" איז צוליב דעם אַרויס אָן אַ פּאַרטיי־פּאָליטישן אַריינפיר־אַרטיקל. יעם פּאַרטייאישן פּאָליטישן שטאָף האָט צוגע־שטעלט א ב נ ר. ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע אַרבעט „די ידישע אומוואַנ־דערונגען". ס׳איז אַן ערנסטער און אָריגינעלער פּרווו אויסצופאָרשן די דערשיי־נונג פון ידישע אומוואַנדערונגען, באַנוצנדיק דערצו דעם היסטאָריש־מאַטע־ריאַליסטישן מעטאָד. געשריבן האָט אבנר רוסיש. ס׳איז אָבער אויסגעקומען נישט בלויז איבערצוזעצן דעם כתב־יד אויף ידיש, נאָר אויך גאַנץ שטאַרק צו רעדאַגירן דעם גרויסן חיבור, וועלכן אבנר האָט געהאַט אָנגעהויבן נאָך מיט אַ צייט צוריק און געדאַרפט אויספאַרטיקן צום דרוק אונטערוועגנס. מ׳האָט גע־מוזט שניידן, לאַטען און איבערשטעלן.

די אַרבעט אַבנרס האָט צו יענער צייט געמאַכט אַ רושם. ס׳האָט זיך אויך אויסגעזוכט אונטער דער האַנט אַן אַרטיקל פון ח׳ ירמיה (חיים איינשטיין), וועל־כער איז נאָר וואָס געקומען פון פּאַריז; ח׳ ירמיה האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם זאַפטיקן ידיש. ער האָט זיך אַפילו באַשעפטיקט אויך מיט שיינער ליטעראַטור און מיר האָבן אַרויסגעגעבן זיינס אַ דערציילונג „איוואַן וואַסילעוויטש" אין אונזער פאַרלאַג. אויך די ח׳טע גאָלדע האָט געפּרווט אירע ליטעראַרישע כוחות. זי פלעגט גאַנץ אָפט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן און געהאַט אַ באַדייטנדן דער־פאָלג. פאַר זיך האָט זי שוין לאַנג געשריבן. איצט האָט מען זי אַרויסגעפירט אין דער ליטעראַרישער וועלט. דאָן האָבן מיר איר אויך געגעבן אַ ליטע־ראַרישן פסעוודאָנים ר ח ל ג אָ ל ד י ן, וועלכן זי האָט געטראָגן אַ גאַנץ לאַנגע צייט. אויך זי האָט געשריבן רוסיש; אַ רגילות אַזאַ. פרנסה האָט זי געהאַט פון פריוואַטע העבּרעישע לעקציעס, ווייל זי האָט נישט געוואָלט בשום אופן ווערן אַ פּאַרטיי־אָנגעשטעלטע. ס׳איז ביי איר אויסגעקומען ווי אַ פאַרשוועכונג פון דעם אידעאַל: טאָן פּאַרטיי־אַרבעט, זייענדיק אָנגעשטעלט ביי דער פּאַרטיי און באַקומענדיק באַצאָלט. (אגב, די פינאַנציעלע לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. פלעגן מיר גיין עסן אין אַ ביליקער קיך און בשותפות באַשטעלן אַ קאָטלעט, אָדער אַ טעלער זופּ מיט צוויי סערוויזן).

אין ווילנע האָט יעדער אָרגאַן געמוזט פאַרמאָגן אויך אַ ליטעראַטור־אָפּטיילונג. מיר האָבן צוגעצויגן צו נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט איזידאָר לאַזאַר (י. א. לייזעראָוויטש) און איינגעשאַפט פאַר זיך ביי דעם יונגען פּרץ הירשביין זיין נייעסטע דראַמע „דעמערונג". (בכלל איז הירשביין געווען נאָענט מיט אונז און אַן אָפטער אַריינגייער אין רעדאַקציע, ווו ער פלעגט אַגב אַלעמען פאַרווונדערן מיט זיינע עקספּערימענטן פון בייגן אייזערנע שטאַנגען). אַפילו לידער האָבן נישט געפעלט און אין ערשטן נומער איז געווען אַ ליד פון אליהו איזגור, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט אויף ווייסרוסיש. דער נומער איז אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרעם פון די חברים אין לאַנד און אין אויסלאַנד. פאַר די ווייטערדיקע נומערן האָבן מיר שוין באַקומען צוגעשיקט אַזש פון ניו־יאָרק „לאַז גרוסן פון אַמעריקע" פון אַ. וואָהלינער, וועלכער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, און לידער, ספּעציעל פאַר אונז, פון דעם חבר פּאָעט ה. רויזענבלאַט.

אין דער ביבליאָגראַפישער אָפּטיילונג נעמט אָנטייל דער באַקאַנטער העברעישער שריפטשטעלער בערשאַדסקי אונטערן פּסעוודאָנים י. דאַמאַש (לויט זיין אייגנטלעכן פאַמיליע־נאָמען י. דאַמאַשעוויצקי). אַ סברא, אַז איינעם רעדאַקציע־פּאָרטפעל זענען פאַרבליבן עטלעכע נאָטיצן זיינע, נאָך אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכטע ביז אויפן היינטיקן טאָג.

אינעם פּובליציסטישן טייל ווערט לעבעדיקער. עס הויבן אָן שרייבן באָרוכסאָן, אונטער די פּסעוודאָנימען ה. כאַשין, אַלכסנדר, צבי פאַרעפנטלעכט ער פּאָליטישע און פּאָלעמישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען, שאַרפע און בייסיקע. ער האָט געשריבן אַליין יידיש, נאָר פון דקדוק האָט ער נישט געהאַלטן און בכלל נישט צופיל מקפיד געווען אויף דעם בוי פון זאַץ. ער האָט פאַרמאָגט אַ פאַרביקע, יאָדערדיקע און פאָלקסטימלעכע שפּראַך, וועלכע ס'איז נאָר אויסגעקומען צו שלייפן און פוצן. ס'האָט זיך אָבער געלוינט.

בערך אין דער צייט פאָרט אַריבער קיין ווילנע זאַר. ס'איז אים אָבער שווער אַריינצוציען אין דער אַרבעט. ס'איז אַ מענטש מיט אַמביציעס און אַ סאַך פּרעטענזיעס. ער וויל שפּילן די ערשטע פידל, ער איז נישט געוווינט צו חברשע, איינפאַכע באַציונגען און קוים מיט צרות פועלט מען ביי אים אַרויסצופאָרן ערגעץ ווו אויף אַ רעפעראַט.

אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַרגעקומען אַ גרויסע געשעעניש: נאָך לאַנגע דיסקוסיעס און אינערלעכע קאַמפן האָט דער צ. ק. פון „בונד" באַשלאָסן צוריק אַריינטרעטן אין דער רוסלענדישער סאָצ.־דעמ. אַרב.־פּאַרטיי

אויף די תנאים, וועלכע זי האָט אויסגעאַרבעט. מיר באַשליסן תיכף צו רעאַגירן אויף דעם מיט אַ ספּעציעלער בראָשור, כדי אויפצוקלערן פאַר די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן די קאַפּיטולאַציע פון „בונד” צוליב זיין פּראָגראַמלאָזיקייט אין די פראַגן פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. זאַר שרייבט אָן אין רוסיש די בראָשור „דאָס אַריינטרעטן פון „בונד” אין די ר. ס. ד. אַ. פּ.” און זי דערשיינט גלייכצייטיק אין יידיש (פאַרלאַג „דער האַמער”) און אין רוסיש (פאַרלאַג „פּערעוואַל”, אין מאָסקווע).

באָראָכאָוו פאָרט אַריבער אינקאָגניטאָ קיין מינסק, ווו ער באַזעצט זיך אויף אַ לענגערער צייט. גאַנץ אָפט פאָרן מיר זיך דורך צום ח׳ „משה”, כדי צו מיישב זיין זיך וועגן פאַרשידענע רעדאַקציע־ענינים און פאַרטיי־פראַגן. איצט ווערט זיין מיטאַרבעטערשאַפט נאָך מער רעגולער און פאַרשידנאַרטיק. אָבער דער עיקר — באָראָכאָוו נעמט זיך איצט ענדיקן דאָס ווערק זיינס „אונזער פּלאַטפאָרם” און ער פאַרעפנטלעכט דעם סוף אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק” נום. 3 און אין „פאָרווערטס” נום. 1 אונטערן טיטל „די ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונעם טעריטאָריאַליזם”.

אין אָט דעם פּעריאָד פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט איז באָראָכאָוו אויך אַריבער צו דער יידישער שפּראַך. ביז צו יענער צייט האָט ער כסדר געשריבן רוסיש. איצט, זיצנדיק אין מינסק, אין אַ סביבה, ווו די יידישע שפּראַך איז נאַטירלעך און קלינגט כסדר אומעטום, אין שטוב און אין גאַס, ווערן פאַר באָראָכאָוון פאַרשטענדלעכער, היימישער און אייגענער די קלאַנגען פון יידיש: ער איז געצוווּנגען זיך מער אָפּצוגעבן מיט יידישער פּרעסע און פּובליציסטיק, נאָכפאָלגן די יידישע צייטשריפטן און ליטעראַטור פון די קעגנערישע פאַרטייען, און ביסלעכווייז, אומבאַמערקטערהייט און אַזוי ווי אומגערן הויבט זיך באָראָכאָוו אָן צו אינטערעסירן מיט יידיש. ער לערנט זיך — דער עיקר — אויף די איבערזעצונגען פון זיינע אייגענע אַרטיקלען. ער שרייבט שוין אָפט צו אין אָריגינאַל, אַז דעם און דעם זאַץ דאַרף מען אין יידיש איבערגעבן אַזוי און אַזוי. לסוף פּרובירט ער אַליין צו שרייבן דירעקט אין יידיש. זיין ערשטער אַרטיקל אין יידיש „אַ נייע פּשרות־פּראָגראַם” (וועגן די סיימיסטן) מיט דער אונטערשריפט דאָנין איז געדרוקט אין „פאָרווערטס” נום. 2 און 3. גלייכצייטיק שרייבט ער נאָך אין רוסיש דעם „פּראָיעקט־פּראָגראַם” פון דער פאַרטיי און אַן אָנהויב פון אַ גרעסערער אַרבעט „די טעאָרעטישע יסודות פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע”.

דער שרייבער פון די שורות האָט אויך אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען צום ערשטן מאָל אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק” און דערנאָך אין „פאָר־

וואָרטס". אַ הוץ ריין רעדאַקציאָנעלע אַרבעט האָב איך דאָרט אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען איבער ליטעראַרישע און פּאַרטיי־פּאָליטישע פּראָגן.

אונזער ליטעראַריש־פּאָליטישע אַרבעט אין ווילנע איז נישט געגאַנגען גלאַטיק. גלייך נאָכן ערשטן נומער איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר ח' שלמה אַרעסטירט געוואָרן. דער 2־טער נומער „פּראָלעט. געדאַנק" איז קאָנפיסקירט געוואָרן. דעם 1־טן פעברואַר איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע אין פאַרלאַג „דער האַמער" אויף זאַוואַלנע גאַס. בשעת מעשה זענען דאָרט געווען עטלעכע חברים און חברטעס: דער אַדמיניסטראַטאָר שמואל נעגער, זלמן רובאַשאָוו, ח'טע גאָלדע, ח'טע גרוניע און איך. מיר פלעגן אַפילו אויסמיידן צו באַזוכן דעם פאַרלאַג און די רעדאַקציע, אָבער גראָד דאָס מאָל האָבן מיר זיך צופעליק צונויפגעטראָפן עטלעכע אונזערע און מ'האָט אונז אַלע פאַרהאַלטן. מ'האָט דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע אין אַלע צימערן, טיש־קעסטלעך און צווישן די פעק ביכער, פונקט אַזוי אויך אַ פערזענלעכע רעוויזיע ביי אַלע אָנוועזנדיקע. ביי מיר האָט מען צוגענומען די גאַנצע פּאַרטייאישע קאָרעספּאָנדענץ. אָבער חבר שמואל האָט זי דערנאָך געשיקטערהייט צונויפגעמישט מיט דער קאָרעספּאָנדענץ פון פאַרלאַג, ווייל ער האָט זיך אויף דער שטעל אָריענטירט, אַז ס'איז נישט כדאי, דער דאָזיקער מטמון זאָל פאַרשריבן ווערן אויף מיין חשבון, בפרט, אַז צוליבן פריזיוו זענען מיינע פּאַפּירן נישט אינגאַנצן געווען אין אָרדנונג. מיר האָבן אַפילו געמאַכט דעם אָנשטעל און זיך געוויצלט די גאַנצע צייט בשעת דער רעוויזיע, פונדעסטוועגן האָט מען אונז אַלע פאַרנומען און געגעבן אַן עצה, מיר זאָלן זיך באַזאָרגן מיט בעטגעוואַנד, ווייל ס'קען נאָך אויסקומען איבערצונעכטיקן אַ פּאָר נעכט אין דער פרעמד. אַזאַ פּערספּעקטיוו איז אונז נישט געווען צום האַרצן, דער עיקר, ווייל אַ פּאָר פון אונז זענען בכלל נישט געווען איינגעמאָלדן, וועט מען זיי, הייסט עס, פאַר איין וועג פאַרהאַלטן פאַר יענעם חטא.

מען האָט אונז אָפּגעפירט אין „אוטשאַסטאַק" אויף פּאָליציי־גאַס, געלאָזן וואַרטן אין פּאָדער־צימער און אַליין זיך פאַרשטענדיקט מיט דער „אָכראַנע" וועגן די רעזולטאַטן פון דער הויז־זוכונג. צו אונזער גרעסטער פאַרוואונדערונג, האָט מען אונז אין אַ פערטל שעה אַרום דערקלערט, אַז מ'וועט אַלעמען באַפרייען; מ'דאַרף נאָר זען, צי אַלע זענען איינגעמאָלדן. מען וועט מיטגיין מיט יעדן איינעם צו אים אַהיים און אַ קוק טאָן אין די הויז־ביכער, צי איז ער דאָרט איינגעשריבן. איז אונז ווידער פינסטער געוואָרן אין די אויגן. פון איין צרה אַרויס און אין דער צווייטער אַריין. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַ פּאָר פון אונז זענען גראָד געמאָלדן אין זעלבן פּאָליציי־צירקל, ווו מען האָט אונז

געבראַכט. האָט מען עס גלייך פעסטגעשטעלט און דערלויבט אונז אַוועקצוגיין. זענען די באַפרייטע געוואָרן ביי זיך תקיף און גענומען איינטענהן מיטן פריסטאַוו, ער זאָל די איבעריקע, וועלכע געהערן צו אנדערע צירקלען, אַרויסלאָזן אויף „אונזער אַחריות": נאָך אַ לאַנגן משא ומתן האָט דער פריסטאַוו זיך פאַרלאָזט אויף „יושר" און מיר אַלע זענען אַוועק אַהיים.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'האָט ביי אונז געזוכט ספּעציעל געווער. ממילא האָבן זיי זיך נישט אינטערעסירט מיט פּאַפּירן און בריוו, און אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען דעם פאַרלאַג אומגעקערט דאָס גאַנצע פּעקל קאָרעספּאָנדענץ, נישט גערירט.

פונדעסטוועגן זענען דעם 15־טן פעברואַר ווידער פאָרגעקומען רעוויזיעס אין רעדאַקציע און אין אדמיניסטראַציע. מ'האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אַפילו אין דער דרוקעריי פון דער „אַלמנה און ברידער ראָם", ווו אונזער צייטונג האָט זיך געדרוקט. אַ וואָך שפּעטער האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע ביים איינ־בינדער, געפּאַקט אַ גרויסע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דעם קאָנפיסקירטן נומער 2 „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" און אַרעסטירט אויף עטלעכע טעג דעם איינבינדער און איינעם אַן אַרבעטער.

מ'האָט אונז אַ שטיקל צייט געלאָזט צו רו. ח' שלמה איז שוין אַרויס פון תפיסה, ווו ער איז אָפּגעזעסן אַ חודש צייט אַדמיניסטראַטיוו, און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות. אין מערץ ווערט דער „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" איינ־גאַנצן אָפּגעשטעלט און אין מאַי דערשיינט שוין אָנשטאָט אים אַ נייַ וואָכנבלאַט „פּאָרווערטס". „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק" איז דערשינען סך־הכל 3 נו־מערן. הייבט מען אָן ביי אונז שפּאַסן, אַז דער ציפער 3 איז פאַר אונז אַ פאַ־טאַלער. „יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" דערשינען 3 נומערן, „מאַלאַט" פאַרמאַכט ביים 3־טן נומער, דאָס גלייכן דער אָרגאַן פון פּוילישן פאַרבאַנד „דאָס יידישע אַרבעטער־וואָרט". דער שפּאַס האָט ביי אַ סאַך חברים באַקומען אַ ביטערן בייגעשמאַק שפּעטער, ווען אויך דער „פּאָרווערטס" איז פאַרמאַכט געוואָרן נאָכן 3־טן נומער.

די צייט איז געווען אַ צערודערטע, די געזעלשאַפט איז געווען אינגאַנצן דעזאָריענטירט. אָט ערשט זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער דומע. די מאַסן האָבן אַרויסגעוויזן אַקטיוויטעט און נישט געקוקט אויף אַלע וואַל־מאַכינאַציעס און קונצשטיק פון דער אַדמיניסטראַציע זענען אין דער דומע אַריין אַ סאַך לינקע. אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערן און קעמפער. די 6־מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג האָט בסך־הכל דורכגעפירט 3 דעפּוטאַטן. פון די יידישע פּראָ־לעטאַרישע פּאַרטייען איז קיינער נישט אַדורך. דאָס איז געווען הויפּטזעכלעך

צו פֿאַרדאַנקען דעם „בונד", וועלכער האָט זיך דעמאָלט קונה שם געווען מיט דער באַרימטער וואַל־אינסטרוקציע, אַז די קאַנדידאַטור פון אַ ציוניסט־סאָציאַליסט מעגן בונדיסטן אונטערהאַלטן נ אָ ר אין פאַל, ווען עס דראָט אַ בפירושע סכנה, עס זאָל אַדורכגיין אַ ש וו אַ ר צ מ א ה נ י ק. אָבער צווישן אַ קאַדעט און אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, דאַרף אַ בונדאָוויעץ אויסקלייבן דווקא . . דעם קאַדעט. די דאָזיקע בונדישע טאַקטיק איז נאַטירלעך דיקטירט געוואָרן נישט פון די אינטערעסן פון ידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר פון ענגן קרעמל־שטאַנדפּונקט. אין רעזולטאַט האָט זיך אָבער באַקומען, אַז אויך אין דער צווייטער דומע האָט די ידישע אַרבעטערשאַפט נישט אַריינגעשיקט אירס אַ פאָרשטייער, הגם די אַלגעמיינע שטימונג פון דער גאַס איז געווען אַ לינקע.

אונזער פרעסע האָט דעם אויסגאַנג פון די וואַלן ברייט אָפּגעשאַצט און געפּרוווט אין עטלעכע אַרטיקלען פון ב ר ־ ד ר ו מ א און כ א ש י ן אָנצייכענען די אויפגאַבן פון דער נייער „רעוואָלוציאָנערער" דומע. ס'איז געווען זיכער, אַז זי וועט קאָנען ווערן אַן „אָרגאַניזיר־צענטער" פון די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־כוחות, אַז זי וועט נישט גיין אין די דרכים פון דער ערשטער דומע, וועלכע האָט אַפילו געוואָגט אַרויסצוגעבן אַ ווידערשפעניקן „וויבאָרגער אויפרוף", אָבער אַליין גלייך פאַרקראָכן אין די לעכער... מ'איז געווען זיכער, אַז אין דער צווייטער דומע וועלן די לינקע זיין פעיק צו אַנדערע, מער דרייסטע מעשים. מען האָט אָבער נישט געוואָלט שפּייזן דאָס פאָלק מיט אילוזיעס. ס'זענען אַדורכגעגאַנגען בלויז אַ פּאָר חדשים, ווי ס'איז שוין אויסגעקומען אונטערצופירן טרויעריקע סך־הכלען וועגן דעם, אַז „די דומע האָט דעם לאַנד גאָרנישט געגעבן", „ווייל דאָס לאַנד האָט נאָך דער דומע גאָרנישט געגעבן". ס'ווערט אונטערגעשטראָכן און אַרויסגעבראַכט אַלץ בולטער דער געדאַנק, אַז די דומע, „ווי יעדער פּאַרלאַמענט, איז נאָר אַ טעכניש געצייג פונעם פאָלקס־רצון". דאָס פאָלק אָבער דרעמלט, זיין גזעלשאַפטלעכער אינטערעס האָט זיך אויסגעשעפּט גלייך נאָך די וואַלן. „וואָס דאַרפן מיר טאָן, די פאָרשטייער פון דעם באַוווסטזיניקן אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס?" אָרגאַניזירן, אַגיטירן? „ס'איז אָבער אוממעגלעך און אַ שטות צו אָרגאַניזירן די מאַסן נאָר לשם דעם פּראָצעס גופא פון אָרגאַניזירן". „אָרגאַניזירן די מאַסן קען מען נאָר צוליב אַ באַלדיקער און דירעקטער זעלבסטעטיקייט און נאָר אין דעם פּראָצעס פון דער וואַקסנדער זעלבסטעטיקייט פון די מאַסן, וואַקסט אויס זייער אָרגאַניזאַציע". ס'קומט אויס, אַז מ'דאַרף זיך ווענדן צו דער „ס ט י כ י ע, אויסגעפינען איר ווענדונג און אין ד ע ר ריכטונג, אויף א י ר יסוד אַנטוויקלען די זעלבסטעטיקייט. „נישט אין אונזער רשות איז צו רעגירן איבער די געשעענישן, צווינגען די סטיכיע נאָכ־

צוגייַן נאָך אונזער רצון — און ס'איז פאַר אונז גענוג, אויב מיר וועלן זיך קאָנען אַוועקשטעלן אין דעם פאָדערשטן שטראָם פון דער סטיכיע, נישט שלעפּנדיק זיך הינטער איר". קעגן דער שטימונג פון פאַלק „צו היטן די דומע מיט אַלע מעגלעכקייטן", דערקלערן מיר: „ס'איז נישט נייטיק צו היטן די דומע, מען דאַרף זיך נישט שטעלן אַזאַ אויפגאַבע, וועלכע פאַרפּענטעט די לינקע דעפּוטאַטן, אַוועקגעבנדיק די העגעמאָניע צו די בעלי־פּשרות די קאַדעטן". וואָס שייך דער צוגרייטונג פון די מאַסן, ווערט אָנגעוויזן, אַז „איצט ליגט אינ־גאַנצן די קראַפט און די גאַנצע גאַראַנטיע פון דעם קינפטיקן ניצחון — אין די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט". מ'דאַרף די גאַנצע אַרבעט, בכן, קאָנצענטרירן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

ס'דויערט נישט לאַנג און ס'קומט דער גירוש פון דער 2־טער דומע. דאָס „פאָלק" איז געבליבן גלייכגילטיק, שטום, און אַפילו די עקסט־לינקע דעפּוטאַטן זענען זיך געפאָרן אַהיים, פונקט ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. כאַראַקטעריס־טיש, ווי אומגעלומפּערט און אומפאַרשטענדלעך ס'איז געווען די צייט, אַז גראָד ערב דעם גירוש איז פאָרגעקומען דער לאַנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוס־לענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אים איז כלל נישט אייַנגעפאַלן אָנצונעמען אַ וועלכן ס'איז באַשלוס אויפן פאַל, טאָמער טרייבט מען פונאַנדער די דומע.

שטייט מען ווידער ביי דער צעבראָכענער מולטער. מיר ווייזן אָן, אַז איצט זענען שוין אויסגעוועבט אַלע אילוזיעס. מ'ווייס, אַז די דומע איז גאָרנישט, ווייל הינטער איר און אַרום איר איז גאָר נישטאָ. מ'דאַרף זיך אָבער גרייטן צו דער נייער, צו דער דריטער דומע. הויבט זיך אָן דער וויכוח: גיין, צי נישט גיין. אייניקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן גיין צו די וואַלן. אין אונזערע רייען האָט זיך ערשט איצט רעכט פאַרשטאַרקט די באָיקאָט־שטימונג.

דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאַר אין קראָקע

אַבנר איז באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט און געמוזט אַפּפאָרן; איז ער אַוועק קיין פּאַלעסטינע. דאָרט האָט זיך מיט זיין אָנקום אַנטוויקלט אַ ברייטע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט און ס'איז געגרינדעט געוואָרן די י. ס. ד. אַ. פּ. אין פּאַלעסטינע (פּועלי־ציון). מיר זענען שוין געשטאַנען אין ענגע פאַר־בינדונגען און רעגולערער קאָרעספּאָנדענץ מיט די פּאַרטייען אין עסטרייך, אַמעריקע און ענגלאַנד און מיר האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן מאַכן ערנסטע

שריט אין דער פראַגע מכוח דעם אָנשלוס אָן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נאָך אַ לענגערן מיינונגס־אויסטויש האָט מען אויסגעאַרבעט אַ געמיינזאַמען מעמאָראַנדום און אָפּגעשיקט אים צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אין בריסל אין נאָמען פון די פאַרייניקטע פּועלי־ציוניסטישע פעדעראַציעס פון רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקע, פאַררופנדיק זיך אויך אויף די פאַרטייען אין ענגלאַנד און פאַלעסטינע.

ס'איז געווען אַ שוואַכע אויסזיכט אויף אַ גינסטיקער תשובה. דער „בונד" איז געווען פאַרטראָטן אינעם אינטערנאַציאָנאַל ווי אַ טייל פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. זיין הויפּט־אַרגומענט קעגן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, קעגן פּועלי־ציון, ס. ס. און סיימיסטן איז געווען דאָס, וואָס ער איז „אָ נ ע ר ק ע נ ט" פונעם אינטערנאַציאָנאַל און האָט, הייסט עס, די חזקה אויף סאָציאַליזם אין דער יידישער גאַס. ביי די מאַסן האָט אַזאַ אַרגומענט געהאַט האַפּט. ער האָט אימפּאָנירט. פּועלי־ציון האָבן געהאַלטן, אַז אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיין אַן אָרט פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַזעלכן, און נישט פאַר דער אָדער יענער פּאַרטיי זיינער. דאָס איז געווען די ווייטע פּערספּעקטיוו — די פאָדערונג פון אַ יידישער סעקציע אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דערצו איז נייטיק געווען אַ געמיינזאַמער אויפטריט פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. טיילווייז איז אַזאַ שריט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געמאַכט געוואָרן. אָבער אין מאַי 1907 האָט מען געמאַכט די התחלה, זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט, פאָרמולירט פאַר איר אונזערע פּראָגראַם־פּרינציפּן. אויך די דאָזיקע התחלה איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צוליב די חלוקי־דעות, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די רייען פון די פּועלי־ציון־פאַרטייען גופא. דערויף האָבן מיר שוין דאַן אויפמערזאַם געמאַכט אין „פּאָרווערטס" נומ. 2, „אַז דער מעמאָראַנדום איז אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסן קאָמפּראָמיס צווישן די עקסט־לינקע, אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטישע אָנשויונגען פון רוסישע פּועלי־ציון און אַ ביסל רעוויזיאָניסטישע און ביז אַ געוויסער מדרגה אידעאַליסטישע מיינונגען פון די עסטרייכישע און אַמעריקאַנישע פּועלי־ציון".

אָבער שוין אין יענעם מעמאָראַנדום, וווּ דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף די פּראָבלעמען פון רעגולירן די עמיגראַציע און דער „טעריטאָריאַלער לעזונג פון דער יידנפראַגע דורך שאַפן אַ יידישן ישוב אין פאַלעסטינע", ווערט גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן, אַז „אין יענע לענדער, וווּ עס לעבט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, קעמפט אונזער פאַרטיי האַנט ביי האַנט מיט די באַוווּסטזיניקע פּראָלעטאַריער פון אַלע שפּראַכן אויף די באַריקאַדן אין רוסלאַנד פאַר דער

באַפרייונג פון די קייטן פונעם קאַפּיטאַליזם, אין עסטרייך פאַר דעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט און קעגן דער פּאָליטיק פון אונטערדריקן די פּוילישע באַפעלקערונג, אין אַמעריקע פאַר דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין".

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ האָט איבערגעשיקט די פאָדערונג פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס. ס. און פּועלי־ציון) דער רוסלענדישער סעקציע צו באַטראַכטן. דערויף רעאַגירן מיר אין אונזער אָרגאַן, אָנווייזנדיק, אַז „די רוסלענדישע סעקציע (ר. ס. ד. צוחשבונדיק אַהער אויך דעם „בונד" און ס. ר.) איז לחלוטין נישט קאָמפּעטענט אין די פראַגן, וועלכע זענען נוגע דעם אַלוועלטלעכן יידישן פּראָלעטאַריאַט". דער אַרטיקל־שרייבער מ. —וויטש (ב. באָראָכאָוו) פאַרענדיקט דערמיט, וואָס אַזעלכע „אומגעלומפּערטע טעותן זענען אומפאַרמיידלעך אומעטום, ווו ס'זענען פאַראַן אָפּאָרטוניזם און האַלבקייט". אַזוינס האָבן מיר געזען אין דער באַציונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, בפרט אין זיין אויפפאַסן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקטע נאַציעס.

ס'האָט זיך אונטערגערוקט די צייט פון 8־טן ציוניסטן־קאָנגרעס. די פּאַרטיי באַמיט זיך צו זיין אויף אים פאַרטרעטן וואָס שטאַרקער. פאָדערט דער צ. ק. אין אַ ספּעציעלן צירקוליאַר, די חברים זאָלן ענערגיש פאַרשפּרייטן די שקלים. דער צירקוליאַר רעדט אָבער אויך וועגן דעם עצם־אָנטייל אין קאָנגרעס. אמת טאַקע, דאָ נישט לאַנג האָט די גראָדנער פּאַרטיי־קאָנפערענץ באַטראַכט די פראַגע און אָנגענומען אַ קלאָרע דירעקטיוו. און דאָך איז נישט אַלץ אין אָרדנונג. עפּעס עקבערן דעם מוח ספקות און מען מוז נאָכאַמאָל באַגרינדן די נויטיקייט פונעם אָנטייל און גלייכצייטיק שטעלן אַ גדר, אַ גרענעץ, פאַר אָט דעם אָנטייל, איבער וועלכן מען טאָר נישט אַריבערטרעטן.

אין זיין צירקוליאַר נומ. 9 פון 1907 קלערט אויף דער צ. ק., אַז אונזער אָנטייל אינעם קאָנגרעס דאַרף „דעמאָקראַטיזירן דעם קאָנגרעס אין זיין אַרבעט". צווייטנס, ווירקן, אַז „די ציוניסטישע אַרבעט אין פּאַלעסטינע זאָל טראָגן אַ רעאַליסטישן און קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער, און בשום אופן נישט קיין אוטאָפּיסטיש־דיפּלאָמאַטישן אָדער פילאַנטראָפּישן". עס ווערט בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז „דער קלאַסן־קאַמף אין פּאַלעסטינע און אין די גלות־לענדער געפינט זיך אויסער דער קאָמפּעטענץ פון קאָנגרעס", און אַז „אויב אויפן טאַגעס־אָרדנונג פון קאָנגרעס וועט געשטעלט ווערן אַזאַ פאָרשלאַג, וועלכער באַרירט אונזער קלאַסן־טאַקטיק, מוזן מיר לכתחילה פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס אַזאַ מין פאָרשלאַג זאָל פיגורירן אויפן טאַגעס־אָרדנונג און מיר טאָרן נישט נעמען

קיין אַנטייל נישט אין דער באַהאַנדלונג און נישט אין דער אָפּשטימונג פון אַזאַ פאָרשלאַג".

און נאָך שאַרפער און קאַטעגאָרישער ווערט געזאָגט: „מיר שאַפן נישט און ווילן נישט שאַפן קיין פעדעראַציע פון אַלוועלטלעכן ציוניזם, מיר בלייבן גאָר אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט צו טאָן נאָר מיטן קאָנגרעס. די דירעקטיוון פון די אַקציאָנס־קאָמיטעטן, פון די לאַנדעס־קאָמיטעטן גייען אונז לחלוטין נישט אָן".

און ווי כדי צו באַרואיקן עמיצן מאַכט דער צירקוליאַר אויפמערקזאַם גלייך דערויף: „דאָס אַלץ וועלן מיר דערקלערן אויפן 8־טן קאָנגרעס נאָך אויף די ערשטע זיצונגען, און ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן קאָנען בלייבן אין קאָנגרעס נאָר אויף די אויבן אָנגעוויזענע באַדינגונגען".

אין זעלבן צירקוליאַר טרעט דער צ. ק. אַרויס קעגן דעם אינסטיטוט פון שקלים, וועלכער איז „אַנטידעמאָקראַטיש, ווייל אין אים איז דאָס וואַל־רעכט פאַרבונדן מיט אַ ביודזשעט־פאָרם", און אויך, ווייל ער „שטעלט אַ פינאַנסיעלן קריטעריום פון דער אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע".

מען האָט, בכן, דעם אַנטייל אין קאָנגרעס געמאַכט אָפּהענגיק פון באַשטימטע באַדינגונגען און וויבאַלד אַזוי, געמוזט נאָכאַמאָל דורכלופטערן די פראַגע.

אַקטועל ביז גאָר איז געווען די פראַגע וועגן פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג. אין עיקר איז דאָ געגאַנגען וועגן דעם וויכוח: פאַרטייאישע אָדער אומפאַרטייאישע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין צענדליקער שטעט האָבן די חברים גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער פראָפ.־באַוועגונג און אין אַ סאַך ערטער זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיטן „בונד", וועלכער האָט געבויט די פאַריינען אויף דעם פּאַרטייאישן פרינציפּ. באַזונדערס שאַרף איז געווען דער קאַמף אין פוילן, ספּעציעל אין וואַרשע און אין לאָדזש.

די פּועלי־ציון האָבן אומעטום אַרויסגערוקט דעם פרינציפּ פון אומפּאַרטייאישקייט אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, זיי זענען נישט געווען קעגן פּאָליטישער אַרבעט אינעם פראָפעסיאָנעלן פאַריין. אָבער אָט די פּאָליטישע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע קאָן געפירט ווערן פריי פון יעטוועדער פּאָליטישער פּראָלעטאַרישער גרופּירונג אין די ראַמען פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. פרייע פּאָליטישע דיסקוסיע, איינהייטלעכע דיסציפּלינירטע פראָפעסיאָנעלע האַנדלונג.

דידאַזיקע אַלע פראַגן און נאָך אַ ריי אַנדערע פון פּראָגראַמאַטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער האָבן דיקטירט דעם צ. ק. ער זאָל צונויפרופן דעם

אָרדנטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר: ס׳איז געווען ערב דעם 8־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אויף אים וועלן זיך צונויפ־קומען פּועלי־ציון־דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לענדער, האָט מען זיך צונויפ־געשריבן מיט די אויסלענדישע חברים וועגן אַ פאַראייניקטער קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין גאָר דער וועלט. איז נאָך דרינגענדער געוואָרן די נויטיקייט פריער אָפּצוהאַלטן דעם אייגענעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, כדי צו קומען סיי אויף דער וועלט־קאָנפערענץ און סיי אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס מיט אַן אויטאָריטעטער מיינונג פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער פּאַרטיי.

מיר פלעגן אָפט אַראָפּקומען צו באַראָכאָוון פון ווילנע קיין מינסק, באַהאַנדלען פאַרשידענע עיקר־פראַגן און „הערן פון אים תורה״, וועלכע ער האָט נישט געקאַרגט. מיר פלעגן אָפט פאָרן מיט רעפעראַטן קיין וואַרשע און לאָדזש, קיין קאָוונע און גראָדנע, קיין לידע און ביאַליסטאָק. זעלטן ווען זאַר. דער עיקר — איך און גאָלדע. אין ווילנע גופא האָבן מיר זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאַרטיי־אַרבעט.

די גאַנצע אַרבעט פון צ. ק. ווערט איצט קאָנצענטרירט אויף צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר. אין נומ. 2 „פּאַרוועָרטס״ ווערן פאַרעפנטלעכט דער פּראָיעקט פון אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט און דער פּראָיעקט־פּראָגראַם געשריבן דורך באַראָכאָוון, נאָכדעם, ווי ער איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן אויף זיצונגען פון צ. ק., צו וועלכע עס איז געקומען פון קיעוו אויך דער ח׳ ניסן (זבולון). ס׳איז דאָ כדאַי פאַרנאָטירן די שטעל אינעם פּראָיעקט־פּראָגראַם, וועלכער רעדט וועגן דעם, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט וועט דורך נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע קריגן די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין די אָרומיקע ספערן פון די „פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען״ און אַזוי וועט זי איבערגיין צו אַסימילאַציע.

דער 3־טער נומער „פּאַרוועָרטס״ איז אינגאַנצן געווידמעט דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אַזוי האָבן מיר דאָרט דעם אָנהויב פון באַראָכאָווס רעפעראַט די „טעאָרעטישע יסודות פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע״, ווו ער האָט געהאַט בדעה ווייטער צו אַנטוויקלען די געדאַנקען, וועלכע ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פאָרמולירט אין די „קלאַסן־אינטערעסן״. זאַר שרייבט „צו דער קאָנגרעס־פראַגע״, כאַשין וועגן די „טאַקטיק־פראַגן״ אין שייכות מיטן פּאָליטישן מאָמענט, רחל גאָלדין — „צו דער באַפאָרשטייענדיקער אַלוועלט־לעכער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ״ און זרובבל — „צום באַפאָרשטייענדיקן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר״.

דער סדר־היום פון צוזאַמענפאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט דריי חדשים פריער. אין אַלע אָרגאַניזאַציעס און אויך אויף ספּעציעלע ראַיאָן־צוזאַמענפאָרן זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פּונקטן פון סדר־היום און געוויילט דעלעגאַטן.

דער צוזאַמענפאָר איז גערופן געוואָרן קיין קראָקע, ווו די עסטרייכישע חברים האָבן זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגן פאַר אונז די גאַנצע טעכנישע איינאָרדנונג. מיט עטלעכע וואָכן פריער איז אָפּגעפאָרן קיין קראָקע ח׳ באַראָ־כאָוו, אויפן וועג האָט ער געהאַט רעפעראַטן אין וואַרשע און אין לאָדזש. האָבן זיך אָנגעהויבן ציען קיין אויסלאַנד דעלעגאַטן פון אַלע עקן רוסלאַנד. אַ חוץ אַ צוויי־דריי האָבן אַלע געמוזט „שוואַרצן" די גרענעץ. איך בין דורך אין הערבי, ביי טשענסטאָכאָוו. איך האָב געהאַט אַ „פּולפּאַסעק" פון אַ טשענסטאָכאָווער איינוווינער, מרדכי מאַרכעווו. ס׳איז געווען געוואַגט, ווייל לויטן פּאַס בין איך עלטער געוואָרן מיט גאַנצע 17 יאָר. איך בין אָבער אַדורך בשלום, דער זשאַנ־דאַרם האָט מיך נאָר אַ פרעג געגעבן, ווו איך ווין אין טשענסטאָכאָוו. איך בין דאָרט געווען בלויז פאַרבייפאָרנדיק, ערגעץ נישט געגאַנגען. אָבער טראַכטן איז נישט געווען קיין צייט, האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט די פראַזע „קעגן מאַ־גיסטראַט". הפּנים די תשובה איז געווען אַ געלונגענע. האָב איך געקריגן מיין פּאַס און אַוועקגעשפּאַנט אין דייטשן הערבי. אָבער דאָרט בין איך נישט געפעלן געוואָרן דעם דייטשישן אַגענט און ער האָט מיך פאַרהאַלטן אונטערן חשד, אַז איך עמיגריר קיין אַמעריקע און בכן דאַרף איך זיך מטריח זיין אין באַד אַריין. האָב איך געטענהט אַ גאַנצן טאָג מיטן דייטש, אים באַוויזן, אַז איך האָב אַדרעסן נאָר קיין קראָקע. געווירקט האָט אויף אים מיין לעצטער און שטאַרקסטער אַרגומענט, וואָס איך האָב מיט זיך גאָר ווינציק געלט, אַרום און אַרום אַ פּאָר רובל. ער האָט מיך אָפּגעלאָזט און אין אַ עטלעכע שעה שפּעטער בין איך דורך קאַטאָוויץ געקומען קיין קראָקע, ווו די חברים האָבן זיך שוין שטאַרק געקימערט פאַר מיין גורל, ווייל ח׳טע גאָלדע, וועלכע איז געפאָרן מיט אַן אויסלענדישן פּאַס, האָט מיך איבערגעלאָזט אין טשענסטאָכאָוו און לויט אַלע חשבונות האָב איך שוין פון לאַנג געדאַרפט זיין אין קראָקע. אגב, האָב איך זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז „קעגן מאַגיסטראַט" אין טשענסטאָכאָוו איז אַ פּוסטער פּלאַץ. הפּנים, אַז דער זשאַנדאַרם אין הערבי איז אויך געווען אַ „גריגער" אין דער געאָגראַפיע פון טשענסטאָכאָוו, און נאָר דערפאַר בין איך אַרויס אַ טרוקענער פון זיינע הענט.

צום צוזאַמענפאָר זענען געקומען 3 פאָרשטייער פון צ. ק., 2 דעלעגאַטן פון וואַרשע, 2 — פון לאָדזש, 1 — פון טשענסטאָכאָווער - וולאָצלאַווקער

ראַיאָן, 1 — פון בענדין,, 1 — פון פּלאָצק, 3 — פון ווילנע־מינסקער ראַיאָן, 3 — פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן, 3 — פון דרום־מערבדיקן ראַיאָן, 1 — פון קרימער פּאַרבאַנד, 1 — פון צענטראַל־רוסלאַנד, 1 — פון קיעוו־פּאָלטאַווער ר. ק.,, 1 — פון לאָדזשער ר. ק. געסט זענען געווען פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי און ח׳ אַ ב נ ר פון פּאַלעסטינע.

אָנגעהויבן האָט זיך דער צוזאַמענפאָר די לעצטע טעג פון חודש יולי און געדויערט גאַנצע 10 טעג. ער האָט באַוויזן צו באַטראַכטן פאָלגנדיקע פּונקטן פון סדר־היום: 1) באַריכט פון צ. ק.,, 2) אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט, פּאַרטיילונג פון ראַיאָנען, ביודזשעט, ליטעראַטור, אַגיטאַציע, 3) פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, 4) פּאָליטישער מאָמענט, 5) אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, 6) א. די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע, ב. די ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונעם ציוניזם, 7) די יידישע אַרבעטער־פראַגע אין פּאַלעסטינע, 8) אונזער שטעלונג צו דער אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון און צום 8־טן ציוניסטן־קאָנגרעס, 9) פּראָיעקט־פּראָגראַם, חוץ דעם אַ גאַנצע ריי באַזונדערע קלענערע פּונקטן.

געעפנט דעם צוזאַמענפאָר האָט ח׳ באָראָכאָוו. דעם באַריכט פון צ. ק. האָט אָפּגעגעבן דער שרייבער פון די שורות. פון באַריכט און פון די דעבאַטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַרטיי איז זינט דעם צוזאַמענפאָר געוואַקסן, ס׳האָבן זיך אָרגאַניזירט כמעט אַלע ראַיאָנען, ס׳פעלן אָבער אינטעליגענטע כוחות און געלט. ס׳איז גראַד געווען די צייט פון אָפּפאַלנדיקער כוואַליע אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג. האָט מען באַשלאָסן קאָנצענטרירן די אַרבעט אין עטלעכע גרעסערע יידישע אַרבעטער־פּונקטן און אַהין צונויפברענגען די בעסערע קרעפטן, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אויך ווייטער דעם יידישן צווייוועכנטלעכן אָרגאַן און אָננעמען מיטלען, כדי אַרויסגעבן אויך אַ זשורנאַל און וויסנשאַפטלעכע זאַמלביכער אין רוסיש, אויסגערעכנט דער עיקר, אויף צו פאַראינטערעסירן די פּונוויטנס שטייענדיקע אינטעליגענץ און דערציען אַן אייגענע פּועלי־ציוניסטישע אינטעליגענץ. ס׳איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ ספּעציעלער איינמאָליקער שטייער אויף אַלע אָרגאַניזאַציעס, גרופּן און קאָמיטעטן, ווי אויך אַ שטענדיקער וועכנט־לעכער מיטגליד־אָפּצאָל פאַרן צ. ק.

בנוגע דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער פּאַרטיי־מיטגליד מוז אַריינטרעטן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון זיין פאַך. אין נישט קיין קאַמפּס־פאַריינען (אַזעלכע, וואָס זאָגן זיך אָפּ פּרינציפּיעל צו פירן שטרייקן) טאָרן די פּאַרטיי־מיטגלידער נישט אַריינטרעטן. די חברים דאַרפן אַגיטירן פאַר אומפּאַרטייאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע

פאַריינען. אין די פאַריינען דאַרפן זיי שאַפן אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָען פאַר עמי־גראַנטן, צו געבן די עמיגרירנדיקע אַרבעטער די נייטיקע ידיעות וועגן פאַר־שידענע לענדער און וועגן פּאַלעסטינע בפרט.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן מיט אַ גרויסער מערהייט צו באַיקאָטירן די וואַלן צו דער דריטער דומע, וועלכע איז נאָר אַ שעדלעך געצייג אין די הענט פון דער רעגירונג. די וואַל־קאַמפּאַניע דאַרף אויסגענוצט ווערן צו דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידייע פון אַן „אמתער פאָלקס־גרינדונגס־פאַרזאַמלונג״.

די פראַגע וועגן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט אַרויסגערופן קיין חלוקי־דעות. מ'האָט באַשלאָסן צו פּראָטעסטירן דורך דער פאָרשטייענדער וועלט־קאָנפערענץ קעגן באַשלוס פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ בנוגע דער פאַרטרעטונג פון פּועלי־ציון און אויך געגעבן אַ דירעקטיוו דעם נייעם צ. ק. ער זאָל פאַרעפנטלעכן אַן ענטפער אויף דעם באַשלוס פון דער רוסלענדישער ס. ד. וועגן די פּועלי־ציון און ס. ס. און דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דעם רעפעראַט וועגן דער ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונעם ציוניזם האָט געהאַלטן כ א ש י ן. דאָ האָט זיך פונאַנדער־געפלאַקערט דער וויכוח צווישן די „פּרינציפּיעלע״ און „פּראַגנאָסטישע״ פּאַ־לעסטינצעס. די דעבאַטן זענען געווען הייסע, ליידנשאַפטלעכע. ס'איז אַ פּאָר מאָל געקומען אַפילו צו גאָר פיינלעכע אינצידענטן צווישן די דעלעגאַטן. די „פּרינציפּיעלע״ זענען אָבער געווען אַ גאַנץ קליינע מינדערהייט, אַ פּאָר חברים פון פּוילן, און זיי זענען באַזיגט געוואָרן. בפרט, ווען זיי האָבן נישט באַוויזן אויפצושטעלן און באַפעסטיקן ווי געהעריק זייער „פּרינציפּיעלן״ בנין. אַ סאַך האָט מיטגעהאָלפן צו באַרואיקן די געמיטער און צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון די פּראָגנאָז־פּאַלעסטינצעס דער רעפעראַט פון ח' א ב נ ר, וועלכער האָט מיט ציפערן און פאַקטן דעמאָנסטרירט די ריכטיקייט פון אונזער פּראָגנאָז וועגן דער דינאַמיק פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

ס'האָט זיך דערוועקט אַ דיסקוסיע וועגן ציוניסטן־קאָנגרעס און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ ריין פּראַקטישער באַשלוס וועגן אָנטייל נעמען קאָנקרעט אין 8־טן ציוניסטישן קאָנגרעס. דערמיט האָט מען געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגן קאָנגרעס בכלל איז נאָך נישט געלעזט און מ'וועט זיך נאָך צו איר אומקערן. דעם רעפעראַט וועגן דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע האָט געליינט באָראָכאָוו און אויך די באַגרינדונג פונעם פּראָיעקט־פּראָגראַם. די הויפּט־פּונקטן פונעם פּראָגראַם זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. די איבעריקע מיט אַ גרויסער מערהייט.

ס'איז דורך מיר און אַנדערע דעלעגאַטן דערוועקט געוואָרן די פראַגע

וועגן ענדערן דעם נאָמען פון דער פאַרטיי און אַראָפּנעמען די ווערטער פועלי־ציון, ווייל זיי אַנטשפּרעכן נישט לויט זייער טייטש דעם אינהאַלט פון אונזער קאַמף. די מערהייט האָט זיך זירויסגעזאָגט קעגן צוליב באַראָכאָווס מאָטיוון, אַז אמת טאַקע, דער פשוטער מ׳ זש פון די ווערטער אַנטשפּרעכט אונז נישט און מער געפּאַסט וואָלט דער נאָמען יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער היינט צו טאָג האָט שוין דער נאָמען פועלי־ציון אַן אַנדער באַדייטונג אַ דאַנק אונזער אַרבעט און מ׳ווייס בפירוש, אַז דאָס מיינט מען די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטערשאַפט און נישט סתם „אַרבעטער פון ציון״. דורך אַראָפּנעמען דעם נאָמען וואָלט מען נאָר אַריינגעבראַכט אַ בלבול המוחות אין די אַרבעטער־רייען און געגעבן אַ מעגלעכקייט אונזערע קעגנער אַנצובינדן אונז פאַרשידענע שלעכטע פּניות. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט אַ דעלעגאַציע צום קאָנגרעס און צו דער וועלט־קאָנפערענץ די ח״ח באַראָכאָוו, באַרוכסאָן בערלינרויט און נ י ר. געפאָרן אַהין איז אויך ח׳ זאַר, וועלכער איז דורך די אַמעריקאַנער חברים איינגעלאַדן געוואָרן צו רעדאַגירן דעם „יידישן קעמפער״. אַבנר איז געווען דעלעגאַט פון פּאַלעסטינע. כתריאל, וועלכער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פאַרטיי און אויך אויפן צוזאַמענפאָר, איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך די עסטרייכישע חברים צו רעדאַגירן דעם „יידישן אַרבעטער״. באַראָכאָוו, האָבן מיר באַשלאָסן, זאָל זיך שוין אין רוסלאַנד נישט מער אומקערן. דער סך־הכל איז געווען, אַז מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט צום סוף פון צוזאַמענפאָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ סאַך פון די בעסטע און אָנגעזעענע חברים בלייבן אין אויסלאַנד. די פראַגע פון אָנפירנדיקע אינטעליגענטע כוחות איז געוואָרן נאָך שאַרפער און ס׳האָט זיך נישט געזען קיין אויסגאַנג.

אין אַן ערנסטער שטימונג, אַן געזאַנג, איז געשלאָסן געוואָרן דער קראָקעווער צוזאַמענפאָר. אָבער די קראָקעווער חברים האָבן אונז צוגעגרייט אַ הערלעכן באַנקעט, ווו מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט אַברייטערן חברישן עולם און ווו מיר האָבן אויסגעצייכנט פאַרבראַכט. אגב, פּונקט אין צייט פון צוזאַמענפאָר איז געקומען די ידיעה וועגן דעם טויט פון מאָריס ראָזנפעלד. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו מאַכן אים די אַזכרה, וועלכע דער גאַנצער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעהערט שטייענדיקערהייט אין אַ שווערער שטימונג. בשעתן באַנקעט איז אָבער געקומען די הכחשה אין נאָמען פון מאָריס ראָזנפעלדן און מיר האָבן מיט אמתן נחת רוח געטרונקען פאַר זיין געזונט.

איך קער זיך צוריק אום קיין ווילנע. קיין צייטונג געלינגט שוין נישט אַרויסצוגעבן. די רעפּרעסיעס אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך פאַר־שטאַרקט אין גאַנצן לאַנד. ס׳קומען כסדר אָן ידיעות וועגן אַרעסטן און פּראָ־

וואַקאַציעס. מ׳הויבט זיך אָן ביסלעכווייז אָפּרוקן פון דער אַרבעט. אין די מאַסן האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט די אַפּאַטיע און ס׳וואַקסט דער ווידערווילן צו „פּאָליטיק״. כאָשין האָט זיך פאַרשטעקט אין זיין היים־שטעטל הינטער באָברויסק און מ׳קען אים בשום אופן נישט אַריבערקריגן קיין ווילנע צו דער צענטראַלער אַרבעט. דאָ איז נאָך שמואל נ ע ג ע ר אַרעסטירט געוואָרן. ביי גאָלדען זענען געווען עטלעכע רעוויזיעס און מיר האָבן זיך קוים אַרויסגעדרייט פון די זשאַנדאַרמסקע הענט. מ׳שפּירט נאָך אומאויפהערלעך און מען טשאַטעוועט יעדן שריט אונזערן.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע ציטן פון אָפּפאַלנדער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וואַכט פּלוצים אויף דער אינטערעס צו ליטעראַטור און קונסט. די ענערגיע זוכט אַן אויסוועג און ס׳הייבן זיך אָן בילדן ליטעראַטור־צענטרען און דראַמאַטישע קרייזלעך. אין די הייסע טעג פון פּאָליטישן קאַמף האָט מען זיך מיט די אַלע „קונסט״־ענינים קנאַפּ־וואָס אָפּגעגעבן. איצט זעט מען זיך פּלוצים אַרום, אַז אויך די „שיינע ליטעראַטור״ האָט אַ ווערט און אַז קולטור איז אַפילו אַן ענין פאַר זיך און דאַרף כלל נישט זיין קיין צוטשעפּעניש צו פּאָליטיק און עקאָנאָמיק. דער ליטעראַרישער קרייז איז, אַגב, דערווייל דער איינציקער מקום מקלט, וווּ מען קען זיך צונויפקומען, צונויפטרעפן מיט אייגענע און נאָענטע מענטשן און וווּ דער זשאַנדאַרם איז נישט אַזאַ אָפטער גאַסט.

אין ווילנע ווערן אָפט איינגעאָרדנט ענגערע ליטעראַרישע אָוונטן, אַמאָל ביי ש. טשערנאָוויטש, אַמאָל ביי נאָמבערגן; ס׳קומט אַמאָל אַש, ס׳באַווייזט זיך אויך דער יונגער וויסנבערג. מ׳זינגט האַרציקע יידישע ניגונים, ס׳זענען ערשט אַריין אין דער מאָדע פאָלקס־לידער, בפרט געמען־אויס מ. וואַרשאַווסקיס לידער. ס׳פירן זיך ציטנווייז וויכוחים איבער פאַרשידענע פראַגן פון ליטעראַטור און קולטור. דאָ טרעפן זיך צונויף אויף איין ברעט מענטשן פון פאַרשידענע פּאַרטייען. אָבער מען מיידט אויס מיט אַ כיוון פּאָליטישע דיסקוסיעס. אין אָט די קרייזן הויבט זיך אָן אויספּיקן די נייע קולטור־שטרעמונג, וועלכע האָט שפּעטער געקריגן איר בולטן אויסדרוק פון יידיש־רענעסאַנס אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטס־העפטן״.

ווי דער ערשטער אָנזאָג פון דער נייער שטימונג איז געווען אַ סעריע ליטעראַרישע זאַמל־העפטן אונטער נאָמבערגס רעדאַקציע. אין ערשטן „חנוכה־בלאַט״ גייען אַריין אַרטיקלען פון ש. גיגער, ב. וולאַדעק און דעם שרייבער פון די שורות. פּרץ הירשביין שיקט צו מיר פון פּעטערבורג זיין „שהחינו״ אויף דעם „דריי־געשפּאַן״ פון מענטשן, וועלכע געהערן צו דריי פּאַרטייען (ס. ס., בונד און פּועלי־ציון). באַלד דערנאָך קומען די „ליטעראַרישע מאָנאַטס־העפטן״

אונטער דער רעדאַקציע פון ש. גאָרעליק (ציוניסט), אַ. ווייטער (בונדיסט) און ש. ניגער (ס. ס.). דער ברייטער עולם וואַרפט זיך אַרויף מיטן גאַנצן אימפּעט אויף ליטעראַטור.. .

ס'ווערט קלאָר, אַז ריין פּובליציסטישע אויסגאַבן וועלן איצט נישט האָבן קיין אָפּגאַנג. מען מוז געבן ליטעראַטור, און די יוצרות מוזן זיך בייטן. אויב פריער האָט דעם אויבן־אָן פאַרנומען די פּאַרטיי־פּובליציסטיק, און די ליטע־ראַטור איז געווען פון יוצא וועגן — מוז איצט דער ליטעראַטור אָפּגעגעבן ווערן דאָס בכּבודיקסטע אָרט, און נאָר אין א י ר זכות וועט מען כאַפּן אַ קוק אויך אין דער פּאָליטיש־טעאָרעטישער אָפּטיילונג.

איך שרייב דאַן רעגלמעסיק קריטישע אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג", שטיי אין נאָענטע פריינטשאַפטלעכע באַציונגען מיט אַ גאַנצער ריי שרייבער, בפרט מיט די יונגע, און כ'באַשליס אַרויסצוגעבן אַ פּאַרטייאישן זאַמלבוך. מען טאָר דאָך פּאָרט נישט איבעררייסן דעם פאָדעם און אָפּלאָזן אינ־גאַנצן דעם קאָנטאַקט מיט די חברים. זאָל לכל הפּחות דער פאַרלאַג איצט אַנטוויקלען אַ ברייטערע טעטיקייט — וועט מען וויסן, אַז מיר עקזיסטירן.

ווענד איך זיך קודם כל צו די פּאַרטיי־שרייבער וועגן פּובליציסטישן שטאָף. ס'רופן זיך אָפּ בלויז געציילטע. באָראָכאָוו שיקט צו פון ליעזש אַן אינטערע־סאַנטע אַרבעט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בעלגיע, וועגן דעם קאַמף צווישן די וואַלאָנען און די פלעמער; ער שטעלט אויך צו אַן אַרטיקל וועגן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט און דער יידנפראַגע. א ב נ ר שיקט צו פּאַלעסטינע־בריוו, און כ ת ר י א ל — אַ גרעסערן מאמר: „די וועלט־ווירטשאַפטלעכע גרונד־ייצן פון ציוניזם".

אגב, אין שייכות מיטן ייצטן אַרטיקל האָב איך געהאַט אַביסל אומאָנגענע־נעמלעכקייטן. הייגו, ח' כתריאל האָט אַ טייל פון דער אַרבעט געהאַט אָפּגעדרוקט אינעם „יידישן אַרבעטער". ער האָט אים מיר צוגעשיקט אין אַן איבערגעאַרבע־טער און פאַרגרעסערטער פאָרם. מיר איז די שפּראַך נישט געפעלן געוואָרן צוליב די דייטשמערישקייטן סיי אין די אויסדריקן, סיי אינעם בוי פון זאַץ. האָב איך דעם אַרטיקל שטאַרק רעדאַגירט, איבערגעשטעלט און צוגעשליפן זאַצן און ווערטער. איך האָב וועגן דעם מודיע געווען דעם מחבר, ווען דאָס בוך איז שוין געווען אין דרוק. כתריאל האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט אַ „ירגזון"־בריוול, ווו ער האָט מיר „אויפגעקלערט", אַז ס'איז נישטאָ קיין אייגנטלעכער יידישער סטיל, נאָר אין רוסלאַנד ווערט דער בוי פונעם יידישן זאַץ באַאייג־פלוסט דורך רוסיש, אין דייטשלאַנד — פונקט אַזוי פון דייטש. על כּן איז ער דורכויס און קאַטעגאָריש קעגן רעדאַגירן זיין סטיל. איך האָב געהאַט שטאַרק

חשק מוותר צו זיין אויפן אַרטיקל. ס׳איז אָבער געווען צו שפּעט. דערפאַר האָט מיך אמת דערפרייט, ווען כתריאל האָט מיר צוגעשיקט אַ וואַרעמען דאַנק און אָנערקענונגס־בריוול גלייך, ווי ער האָט דערהאַלטן דעם זאַמל־בוך, ספּעציעל — פאַר דער רעדאַגירונג פון זיין אַרטיקל

די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון דעם זאַמלבוך „יוגענד־שטימע״ איז איצט געגאַנגען פון פאַרנט. דאָ איז מיר געלונגען צו קריגן אַלס מיטאַרבעטער די אָנגעזעענסטע יונגע שריפטשטעלער, ווי דוד איינהאָרן, ב. לאַפּין, יצחק קאַצע־נעלזאָן און משה זילבורג, מנחם, וועלכער האָט אָקאָרשט געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין „קדוש״, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַ רושם. האָט מיר צוגעשיקט פראַג־מענטן פון אַ גרעסערער פּאָעמע „אין פאַרצאַפּלטן לאַנד״, ביי ווייסנבערגן האָב איך גענומען אַ שטימונגס־פּולן איינאַקטער: „אין ערוואַרטונג״ און אַליין אַריינ־געגעבן אַ גרעסערן ליטעראַריש־קריטישן אַרטיקל.

די „יוגענד־שטימע״ האָט זיך זייער גוט פאַרשפּרייט און גלייך נאָכדעם האָב איך אַרויסגעגעבן אַ קלענערע, ריין־ליטעראַרישע אויסגאַבע, „פּסח־בלאַט״, ווו אַ חוץ די פריערדיקע, האָבן זיך באַטייליקט פרץ הירשביין, יונה ראָזנפעלד, יעקב שטיינבערג און י. קרני. אויך דידאָזיקע אויסגאַבע האָט געהאַט אַ גוטן אָפּגאַנג. בפרט האָט אויסגענומען ווייסנבערגס הערלעכע דערציילונג „בעריל און שמעריל״.

דער פאַרלאַג האָט אויפגעלעבט, זיך פאַרבונדן מיט צענדליקער פונקטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. מיר קריגן ביי הירשביינען אַ נייע דראַמע „ערד״. מיר האָבן בדעה אַרויסצוגעבן די זאַמלביכער פּעריאָדיש און אַוועקשטעלן גוט דעם פּובליציסטישן טייל.

איך טראָג זיך אַרום מיט נייע פּלענער. אָבער די רעפּרעסיעס ווערן שטאַר־קער. פון קיעוו קומט אָן די ידיעה וועגן אַרעסט פון דאָרטיקן צ.־ק.־מיטגליד פּאָוועל פּאַלעסטינעץ, און גלייך נאָכדעם, אָנהויב 1908, ווער איך אַרעסטירט אין מיטן גאַס. איך זיץ אָפּ אַ חודש אין פּאָליציי־אַרעסט, דערנאָך פירט מען מיך אַריבער אין דער לוקישקער טורמע, פון וואַנען איך גיי אַרויס ערשט מיט 18 חדשים שפּעטער לויטן באַפרייונגס־אורטייל פון געריכט.

מיט מיין אַרעסט ווערט פאַרענדיקט דער „ווילנער פּעריאָד״ פון דער פּאַרטיי.

2. גאַליציע

די געזעלשאַפטלעכע כוואַליע שטייגט

אין גאַליציע בין איך שוין געווען איינמאָל, בעתן ערשטן אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1907 אין קראָקע. כ׳האָב אָבער דאַן נישט באַוויזן צו באַקענען זיך נענטער מיטן לאַנד און נישט מיט די מענטשן, אַפילו נישט מיט דער ברייטער פּאַרטיי־מאַסע. די צייט איז אַוועק אין זיצונגען און באַראַטונגען, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך בלויז מיט די „שפּיצן", מיט דער אינטעליגענץ, וואָס איז באַשטאַנען פון דאָקטוירים און... דאָקטוירים. מיר, רוסישע, זענען דענסטמאָל נתפּעל געוואָרן פון דער שפע דאָקטוירים אין גאַליציע. ביי אונז איז געווען זייער שווער, ס׳איז אָנגעקומען מיט דער גרינער גאַל, אַן „אונזעריקער" זאָל טאַקע אויסהאַלטן ביזן סוף און ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. מ׳פלעגט נישט דערגיין און וואַרפן דאָס שטודירן אין סאַמע מיט, כדי זיך אָפּגעבן מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט.

אין גאַליציע האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. אויך פּועלי־ציון האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע, קאַנטיקע צאָל אינטעליגענץ. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז געווען אַ צופעליקער אָנגעלויף, איידער עס האָט זיך רעכט אויסקריסטאַליזירט די סאָציאַליסטישע וועלט־אָנשויונג פון פּועלי־ציון. אין עסטרייך איז די פּאַרטיי נישט געווען, כידוע, שטרענג מאַרקסיסטיש, נאָר מער אויסגעבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אַ סאַך „ציוניסטישע" אַרבעטן געטאָן צוזאַמען. האָט מען געקאָנט זייער לייכט ביי זיך פועלן, געהערן צו די פּועלי־ציון און בלייבן אין תוך פרעמד אָרגאַניש און פסיכיש צו דער יידישער אַרבעטער־סביבה, צו איר שפּראַך, צו איר טאָג־טעגלעכן לעבן און קאַמף.

אַן אויסנאַם אין דער פּאַרטיי האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די אַרבעטער־יוגנט אין גאַליציע. די יוגנט האָט זיך אינסטינקטיוו געצויגן צו דער ברודער־

פּאַרטיי פון דער צווייטער זייט גרענעץ, דאָרט, אין מאַרטירערישן, קעמפנדיקן רוסלאַנד. ס׳האָט דער יוגנט אימפּאָנירט דער רעוואָלוציאָנערער אָרעאָל פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם ראָמאַנטישן „אונטערערד״, מיט תפיסות און באַריקאַדעס, עס האָט צו איר אַפּעלירט יענע געפליגלטע שפּראַך פון פּראָקלאַמאַציעס און ברויזנדיקייט פון קאַמפּס־געמיט. דאָ איז געווען די דירעקטע השפּעה פון אייניקע חברים פון רוסלאַנד, וועמען עס איז אויסגעקומען אַ לענגערע צייט אויסצובאַהאַלטן זיך אין גאַליציע. די פּאַרטיי־עמיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן זיך אין גאַליציע באַטייליקט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט, גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע ביים אויסאַרבעטן די יסודות פון דעם פּראָגראַם און אַזוי אַרום אַריבערגעבראַכט אויך אין גאַליציע אַ סאַך פון דעם רוסלענדישן, „סאָציאַל־דעמאָקראַטישן״, אָרטאָדאָקסאַלן פּועלי־ציוניזם.

אַ חוץ די „שפּיצן״ אין קראָקע האָב איך בעת מיין ערשטן שנעלן באַזוך זיך דערנענטערט נאָר צו דער יוגנט, וועלכע איז דענסטמאָל געפירט געוואָרן דורך די חברים יעקב קענער און שאכנע זאַגאַן. יעקב קענער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער פּאָטער פון דער יוגנט־באַוועגונג אין די ראַמען פון אַמאָליקן עסטרייך, און אויפן באַנקעט לכבוד די דעלעגאַטן פון רוסלענדישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין קראָקע האָט ער, באַגריסנדיק אונז אין נאָמען פון דער יוגנט, זיך ספּעציעל געווענדעט צו מיר, אַלס צום דעם יונגסטן דעלעגאַט. ס׳איז, גלויב איך, געווען אַ טיפערער מאָטיוו, וועלכער האָט מיך שטענדיק און אומעטום צוזאַמענגעפירט נענטער און אינטימער מיט דער יוגנט; איך האָב אין איר געזען דעם נאַטירלעכן טרעגער פון דעם נייעם סינטעטישן פּועלי־ציוניסטישן אידעאַל, וועלכן אונזער באַוועגונג ברענגט דער יידישער אַרבעטערשאַפט און וואָס דער עלטערער דור איז נישט מסוגל אים אַזוי לייכט באַגרייפן און אויפנעמען צוליב איינגעוואָרצלטע און פאַרעלטערטע מיינונגען און שטימונגען.

ס׳איז ביי אונז ביידע, ביי דער יוגנט אין גאַליציע און ביי מיר, פון יענעם צונויפטרעף אין קראָקע, געבליבן אַ האַרציקע פאַרבינדונג. אָט די קעגנזייטיקע אַכטונג און ליבע האָט זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעבליט און זיך טיפער פאַרוואָרצלט, בעת איך האָב זיך באַזעצט אויף אַ לענגערער צייט אין גאַליציע, אַלס רעדאַקטאָר פון „דער יידישער אַרבעטער״ און פלעג, לויט מיין טבע, זייער אָפט באַזוכן די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער, אַפילו אין די וויטסטע, אָפּגעלעגנסטע פּונקטן.

איך בין נאָר וואָס אַרויס פון דער לוקישקער טורמע אין ווילנע — באַ־

פרייט דורכן געריכט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זשאַנדאַרמעריע האָט נישט פאַרמאָגט קעגן מיר קיין וואָגיקן פאַקטישן באַווייז־מאַטעריאַל. דעריבער טאַקע האָט מען מיך געהאַלטן ביז צום פּראָצעס פולע אַכצן חדשים; וויסנדיק פון פריער, אַז דאָס געריכט וועט מוזן אַרויסטראָגן אַ באַפרייונגס־אורטייל, האָט מען מיר באַזאָרגט מיין שטראָף באַצייטנס.

במשך די אַכצן חדשים האָט זיך גרינטלעך געענדערט דער פּרצוף פון געזעלשאַפטלעכן פּאָליטישן לעבן אין רוסלאַנד. עס האָט זיך אויך געענדערט די לאַגע פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. ס'איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען אַן אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. די אינטעליגענץ האָט זיך צוריקגעצויגן פון פּאָליטיק און די מאַסן זענען זיך צעקראָכן, אָפּגענאַרטע אין זייערע דערוואַרטונגען נישט נאָר לגבי די קאָנסטיטוציאָנעלע הבטחות מצד דער רעגירונג, נאָר נישט ווינציקער לגבי די רעוואָלוציאָנערע צוזאָגן און פאַרזיכערונגען מצד די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. ביי דער שטודירנדיקער יוגנט איז נתעלה געוואָרן, ווי אַ העלד און מוסטער־טיפּ אַרציבאַשעווס סאַנין, וואָס זוכט זיך אָפּצונעמען די פלייִשיקע תענוגים, פון וועלכע ער האָט זיך אין צייט פון רעוואָלוציאָנערן אויפבּרויז געמוזט דערווייטערן. אויף שריט און טריט האָסטו געמערקט דאָס גייִעג נאָך תכלית און נאָך פּערזענלעכער קאַריערע.

אינצווישן איז אויף דער יידישער גאַס פאָרגעקומען אַ פּאַסירונג, וועלכע האָט, אין פלוג, נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער ברייטער געזעלשאַפט־לעכקייט און שוין גאָרנישט געמיינזאַמס מיט פּאָליטיק. פונדעסטוועגן האָט זי געוווּנען געזעלשאַפטלעכן ווערט, זיך דערהויבן צו אַ באַראָמעטער פאַר די אָנרייפנדיקע נייע איבערברוך־פּראָצעסן אין דער געזעלשאַפטלעכער מאַסן־פּסי־כיק, און געוועקט האָפנונגען אויף אויפגייענדיקער געזעלשאַפטלעכער אַקטי־וויטעט.

דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים האָט דורכגעמאַכט אַ טור איבער עטלעכע גרויסע צענטערן פון יידישן לעבן: ווילנע, לאָדזש און וואַרשע, און דער באַזוך פון דעם פּאָפּולערן און באַליבטן שרייבער איז, אומפּאָרויס־געזען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער דעמאָנסטראַציע פאַרן קולטור־אויפשטייג פון די יידישע מאַסן, אין אַ פּרעכטיקער מאַניפעסטאַציע לכבוד דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך.

מיר איז אויסגעקומען מיטצומאַכן דעם טריומפאַלן צוג מענדעלעס איבער די דערמאָנטע שטעט און איך בין אַליין מיטגעריסן געוואָרן דורך דער התלהבות פון די צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט און באַגלייט דעם „זיידע" אויף די באַנען און אים געטראָגן אויף די הענט

מיט אַזאַ באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם, וואָס איז ווייט איבערגעשטיגן די ראַמען פון אַ קבלת־פּנים פאַר אַ קינסטלער. דאָ האָט זיך דערשפּירט די אָפּיגעפּענטעטע ענערגיע פון מאַסן, וועלכע האָט געזוכט אַן אויסדרוק און אַן אויסוועג. איז עס דאָך געווען מענדעלע, דורך וועמעס „קליאַטשע" מ'האָט געקאָנט אונטערשטרייכן די פּאָליטישע אומצופרידנקייט, און דורך וועמעס „טאַקסע" און „פּריזיוו" מ'האָט געקאָנט דעמאָנסטרירן די איינגעבאָרענע שנאה פון המון צום יידישן תקיף, צו די קהלשע פאַרזאָרגער און קאָהלעפּל, צו די פּיאַיוקעס און פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט און רייטן אויף דער בידנער שקאַפּע פון פאָלק ישראל...

קולטור־דערוואַכונג פון מאַסן פאַרמאָגט געווייגלעך אַ סאָציאַלן אינהאַלט און זוכט אַ געזעלשאַפטלעכן אויסוועג. האָט די מענדעלע־דעמאָנסטראַציע אָנגעקינדיקט אַ נייע תקופה אין דער פאָרמירונג און געשטאַלטונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ס'האָט סיגנאַליזירט דעם אָנהויב פונעם איבערברוך אין די שטימונגען פון אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט, וועלכע האָבן געוועסט באַהערשט די ברייטע מאַסן אין משך פון די לעצטע פאַר יאָר.

איך האָב זיך געטובלט אַ פאַרכלינעטער אין אָט דער אויפגעשטיגענער און דערהויבנדיקער כוואַליע פון פאָלקס־אַקטיוויטעט. אַ דערמונטערטער האָב איך אויפגענומען די אינסטרוקציע פון אונזער אָנפיר־אינסטאַנץ אַריבערפאָרן אין אויסלאַנד, כדי פון דאָרטן אויס פאָרטזעצן די אַרבעט פון צוריקאויפבויען די פּאַרטיי און זי אַרויסציען פון דעם שטילשטאַנד, אין וועלכן זי האָט, גלייך ווי אַנדערע פּאַרטייען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, געזונקען אַ געוויסע צייט. ביי אונז איז דער צוריקפאַל געווען ווייניקער קענטיק, ווי אַ שטייגער ביים בונד, ווייל ביי אונז, אין רוסלאַנד, איז לכתחילה געווען אַ ביז גאָר קלענער פּראָצענט אינטעליגענץ; האָבן מיר מחמת דעם כמעט ווי אויסגעמיטן דעם שווערן איבערברוך צוליב איר אָפּפלוס.

באַראָכאָוו האָט אַצינד געוווינט אין ווין. אין ווין האָט זיך אויך געפונען דער חבר דוד בלאָך, אונזער פאַרטרעטער אינעם פאַרבאַנדס־ביוראָ, ח' בלאָך האָט אַלס אפרים בלומענפעלד געהאַט דעם גרעסטן פאַרדינסט ביי צוריקאויפשטעלן דעם קאָנטאַקט מיט די פּונקטן אין רוסלאַנד און אַקטיוויזירן די אָרגאַניזאַציעס נאָך די יאָרן פון טיפער רעאַקציע. ער האָט אַרויסגעגעבן דאָס „אינפאָרמאַציאָנס־בלעטל", אַרום וועלכן עס האָט זיך מאָביליזירט די פּאַרטיי פון דאָס ניי.

מיין וועג קיין ווין איז געגאַנגען דורך בענדין. דאָרט האָב איך געדאַרפט שוואַרצן די גרענעץ. חבר יהודה לייב פּיינער האָט מיך אָנגעקגעפירט

אויף אַ וועגל אין מיטן טאָג צום טשעליאַדזש, דעם גרענעץ־פונקט מיט עסטרייך. דער וועג איז פול געווען מיט שטויב, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער און שווער געמאַכט דאָס געמיט. כ׳האָב זיך דערמאָנט מיין ערשטע גרענעץ־שוואַרצונג און כ׳האָב זיך אויסגעפרעגט ביים חבר פיינער פאַרשידענע פרטים, טאָמער, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך און מען נעמט מיך „אויפן צימבל״. אָבער פיינער האָט מיך אָפּגעפּטרט מיט דער איין דערקלערונג, אַז דאָ זענען אויסגעשלאָסן די אַלע שאלות ותשובות און קיינער וועט מיך גאָרנישט פרעגן. איך וועל אַפילו נישט האָבן מיט זיך קיין „פּולפּאַסיק״ (דער פּאַס פון די גרענעץ־איינוווינער). איך האָב בלויז דורכצוגיין, ווי שפּאַצירנדיק, אַט יענעם אָרט, וווּ עס שטייט אַ זשאַנדאַרם ביי אַ געדרענגלטער פאַרצוימונג. ער וועט מיך נישט פאַרהאַלטן און נישט פרעגן; ער ווייס שוין, אַז איך בין זיינער אַ „פאַרשוין״. נישקשה, ער טוט עס נישט פון מצוה וועגן און נישט לשם עולם הבא. גלייך נאָך דער פאַרצוימונג, פון יענער זייט, בין איך שוין אויף עסטרייכישער טעריטאָריע און — פאַרטיק, כ׳קאָן בענטשן „ברוך שפּטרני״.

יאָ. איך דאַרף בלויז אויסטוישן מיין קאַפּעליוש אויף אַ חסידיש קאַשקעטל. ס׳טייטש? ווייבאַלד ס׳איז מיטן ערל אָפּגעמאַכט, — טאָ צו וואָס טויג מיר די גרימירונג אין דעם קאַשקעטל? מען וועט דאָך תיכף דערשפּירן, אַז ס׳איז נישט מיינס, אַז כ׳קוק אין אים אויס לא לנו׳דיק. נאַר, גיי שריי חי וקים. אַט אַזוי וויל חבר פיינער. אַן עקשן איז ער. די צייט וואַרט נישט. טו איך מיר אָן דעם קאַשקעטל. כ׳קאָן בשום אופן זיך נישט פאָרשטעלן מיין פּרצוף פּנים אין אַט דעם הילוך. כ׳נעם שפּאַנען אין דער זייט פון „מיין״ ערל. איך מייד אויס צו קוקן אויף אים, ער זאָל נישט דערקענען מיין שעטנז. אָבער יענער באַמיט זיך דווקא צו קוקן מיר גלייך אין פּנים און גיט מיר אַ ווונק מיטן אויג: ס׳איז אין אָרדנונג. ער זאָגט בפירוש: קאָנסט שפּאַנען זיכער. איך איין זיך צו. כ׳בין פונדעסטוועגן פול מיט חשד. אַרויס אויף פרייען פעלד. אַלץ איז גרין. באַאַרבעט. אָפּגעהיט. געפלעגט. ס׳פילט זיך גלייך דער אונטערשיד צווישן די צוויי לענדער פוןביידע זייטן „גרענעץ״. דאָ אָטעמט קולטור. אויף שריט און טריט. ס׳איז אַ הייסער טאָג. די זון באַקט. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. איך שפּאַן און קוק זיך נישט אום. כ׳וויל נישט האָבן די מפּלה פון לוטס פלוניתטע. נאָר אָט הער איך הינטער זיך חבר פיינערס שטים. ער גייט צו מיר צו. דאָ איז שוין עסטרייך. קיינער וועט נישט אָפּשטעלן און קיינער וועט גאָרנישט פרעגן. דורך דאַנען פאָרט מען נישט קיין אַמעריקע און קיין אַגענטן דרייען זיך דאָ נישט אַרום. כ׳ברויך נאָר גיין ביז צו אַ גאַס. דאָרט וועל איך

פאַקן אַ טראַם, אַריינזעצן זיך און פאָרן קיין מיסלאָוויץ, פון דאָרט ווייטער — קייז ווין.

כ׳האָב אויפגעאָטעמט פרייער. ערשט איצט האָב איך בפועל ממש דערפילט, אַז דער ענין „לוקישקעס" איז טאַקע ענדגילטיק דערליידיקט. אין רוסלאַנד האָט זיך מיר עטלעכע וואָכן אַלץ געדוכט, אַז אָט קומט מען מיך ווידער פאַרנעמען, היות ווי מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס געריכט האָט געהאַט אַ טעות...

איצט הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל. אַ ניי לאַנד, נייע פאַרהעלטענישן, נייע מענטשן. אָבער חברים — די זעלבע, דער קאַמף פאַר די זעלבע, פּועלי־ציוניס־טישע אידייען. איז — נישט געקווענקלט, פאַרויס!

די ווינער באַראַטונג

עס האָט מיך דערוואַרט אַ פרישע גרויסע איבערלעבונג. קיין ווין איז צונויפגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי. זי איז שפּעטער אַריין אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג, ווי די „ווינער באַ־ראַטונג". ס׳איז געווען „הויך־סעזאָן" אין די פאַראייניקונגס־אונטער־האַנדלונגען צווישן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. די דיסקוסיע האָט מען אָנגעהויבן אין אַמעריקע. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אַרויס מיט אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט געזוכט צו באַווייזן, אַז אין תוך גענומען איז נישטאָ קיין פּרינציפּיעלער חילוק צווישן די ס. ס. און פּועלי־ציון, און אַז אין לויף פון דער צייט איז געשאַפן געוואָרן דורכן לעבן אַ פּלאַט־פאָרם פאַר דער פאַראייניקטער אַרבעט פון די ביידע פּאַרטייען. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס זעלבע דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אויך לגבי דעם „בונד" און די סיימיסטן. די אונטערהאַנדלונגען זענען פאָרגעקומען צווישן די סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן, פּועלי־ציון און דער גרופּע, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט זשיטלאָווסקין, עלעהיי סיימיסטן.

די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין רוסלאַנד האָבן צו יענער צייט געהאַט זייערע צענטראַלע אָנפירונגען אין ווין; האָבן זיך דאָ געפירט שמועסן אויב נישט וועגן פאַראייניקונג, איז על כל פנים וועגן אַ קאָאָרדינירטער טעטיקייט אויף אַ גאַנצער ריי געביטן, וווּ ס׳זענען נישטאָ קיין חלוקי דעות און ס׳איז אַן עוולה צו צעשפּליטערן די כוחות.

די „ווינער באַראַטונג" האָט געדאַרפט פאָרמולירן די שטעלונג פון די פּועלי־ציון צו אָט די פאָרשלאָגן און פּראָיעקטן.

עס איז געווען נאָך דער רעוואָלוציע פון די יונג־טערקן און עס האָבן

זיך געצייכנט נייע פּאָליטישע אויפגאַבן אין פּאַלעסטינע אַלס טייל פון דעם דעמאָקראַטישן טערקיי. דער דורכן וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון געשאַפענער פּ אַ ל ע ס ט י נ ע ־ אַ ר ב ע ט ע ר ־ פ אָ נ ד האָט געזאָלט צוטרעטן צו קאָנקרעטער רעאַלער אַרבעט אין ארץ־ישראל און ס'איז געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי און מיט וואָס מען הויבט אָן אָט די אַרבעט.

די פראַגע וועגן רעגולירן די יידישע עמיגראַציע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אַן אַקטועלע טאָג־פראַגע, ווי אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע פון די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע כוחות אין קאַמף קעגן די פילאַנטראָפּישע, האַלב אַסימילאַטאָרישע חברות. די ס. ס. האָבן זיך באַהאַפטן ענג מיט אָט דער אַרבעט און ס'איז נויטיק געוועזן אויפקלערן פאַר דער מאַסע די ראָל און די אויפגאַבן פון דער פראָלעטאַרישער פּאַלעסטינישער פּאַרטיי ביי רעגולירן די יידישע עמיגראַציע אין דער תקופה פון קאַפּיטאַליזם אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון יידישן לעבן.

און לסוף אַ גאַר וויכטיקע, ביי אונז צו יענער צייט, אַ צ ע נ ט ר אַ ל ע פראַגע: אונזער באַציונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס. ס'האָט זיך אָנגעמערקט אַ פולשטענדיקער איבערברוך אין דער שטעלונג פון די אָרגאַניזאַציעס און פון די אָנפירנדיקע חברים צו דער פראַגע וועגן אונזער אָנטייל אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און קאָנגרעס. דערביי האָבן מיר געוווסט, אַז פאַר די פּאַרטייען אין אַמעריקע און אין עסטרייך איז עס נישט קיין פראַגע פון ט אַ ק ט י ק, נאָר אַ ג ר ו נ ט ־ פראַגע, אַ ה ו י פּ ט ־ עלעמענט אין זייער אויפפאַסן דעם עצם ציוניזם און די וועגן פון זיין רעאַליזירונג. עס איז, בכן, געוועזן פון גרויסער אַחריות דער באַשלוס, וואָס האָט געזאָלט אָנגענומען ווערן דורך דער פּאַרטיי־באַראַטונג. מ'האָט די פראַגע ברייט דיסקוטירט אין די אָרגאַניזאַציעס, ס'זענען אָנגעקומען רעזאָלוציעס און מ'האָט דערוואַרט אַן ערנסטע שלאַכט אויך מצד די חברים פאַרטרעטער פון אַנדערע ברודער־פּאַרטייען.

וועגן דער ווינער באַראַטונג איז אונז געבליבן אַ גוט פאַרצייכנטער פּראָטאָקאָל, וואָס איז געפירט געוואָרן דורכן חבר באָראָכאָוו גופא און שפּעטער דורך מיר רעדאַגירט געוואָרן צום דרוק. ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט מיט אַ סאַך יאָרן שפּעטער אין דעם „יידישן אַרבעטער פּנקס", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַרלאַג „נייע קולטור" אין וואַרשע אונטער מיין רעדאַקציע.

איך היפּער דעריבער איצט איבער דעם פּעריאָד, ווייל אין „פּנקס" איז דאָ אַן אויספירלעכע און גענויע שילדערונג פון יענער באַראַטונג און די וויכוחים אַרום די אַלע דערמאָנטע פראַגן. פון די וויכטיקסטע אויפטוען פון דער באַ־

ראַטונג איז געווען דער באַשלוס וועגן איבעררייסן די באַציונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נישט באַטייליקן זיך אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי־לייטונג איבערצונעמען די רעדאַקציע פון „דער ידישער אַרבעטער" און מיט דער הסכמה פון רוסישן צענטראַל־קאָמיטעט בין איך פון ווין אַוועקגעפאָרן צו מיין נייער שליחות אין גאַליציע.

איך האָב אויך געהאַט די רעדאַקציע פון רוסישן פּאַרטיי־אָרגאַן „דאָס פרייע וואָרט", וואָס איז דערשינען על פּי „טראַדיציע", 3 נומערן. אָבער די הויפּט־אַרבעט האָב איך צו דער צייט געווידמעט דער פּאַרטיי אין עסטרייך.

צייטונג, אינטעליגענץ, פּאַרטיי

מיין ערשטער אַריינפאָר איז מיר געבליבן אין זכרון צוליב אַן אויסטער־לישן צופאַל. די ערשטע אָרגאַניזאַציע, ווו איך בין אויפגענומען געוואָרן אין גאַליציע, איז געווען אין שטעטל ק ש אַ נ אָ וו ביי קראָקע. אַ רירעוודיקע גרופּע האָבן מיר דאָרט פאַרמאָגט, בראש מיט די חברים ש אָ ר און ר אָ ז נ ע ר. מיין אָנקום אויף שבת האָט געמאַכט אַ רושם אין שטעטל. די חברים זענען געווען פאַראינטערעסירט אין וואָס מער רעקלאַמע, כדי צונויפצוברענגען אַ וואָס גרעסערן עולם צום עפנטלעכן רעפעראַט מוצאי שבת. האָט מען מיך געפירט איבערן שטעטל צום פּאַרטיי־קלוב, אַז ס'האָט געריסן די אויגן און עולם איז אַרויס פון די שטיבער און נאָכגעגאַנגען אָדער לפּחות נאָכגעקוקט דעם גאַסט פון רוסלאַנד...

שבת בייטאָג איז דער פּאַרטיי־לאָקאַל געווען געפּראַפּט, קאָפּ אויף קאָפּ. טיר און פענסטער באַהאַנגען מיט לעבעדיקע גופים. טרעט אַרויס איין רעדנער נאָכן צווייטן מיט יידישן ברען און חסידישער התלהבות. עכט, אמתדיק, און אויפ־ריכטיק, הגם פּראָווינציעל, קליינשטעטלדיק. פּלוצים ווער איך אָנגעשפּיצט. איינער הויבט אָן רעדן און שלאָגט אָן פון די ערשטע ווערטער אַ פּאַטאָס־טאָן. די זאַצן קייקלען זיך אַרויס פון מויל אויסגעמושטירטע, אַרומגעהובלעוועטע, ווי געדרוקטע און אויסגעפּורעמטע שוין פון פריער. עפּעס קלינגען זיי מיר ווי באַקאַנטע, ערגעץ־ווו געטראָפענע ווערטער און אויסדרוקן. כ'שטרענג אָן דעם זכרון — יאָ, דאָס איז דאָך דער אַרטיקל פון חבר קענער „זרובבל באַפרייט!", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „יידישן אַרבעטער" גלייך נאָכדעם, ווי ס'איז געקומען די ידיעה וועגן מיין באַפרייונג פון טורמע. ס'איז אינעם אַר־טיקל געווען גענוג מליצה און גוזמאות. איצט, דירעקט צו מיר געווענדעטע,

האָבן די ווערטער מיך געבריט און געצוווּנגען אַראָפּלאָזן די אויגן זוכן ערגעץ ווו זיך פאַרשטעקן. דער בחור, אַ מזיק אַ יאַט, האָט אויסגעלערנט אויף אויסנ־ווייניק דעם גאַנצן אַרטיקל און אים מיר אונטערגעטראָגן, ווי אַן אייגענע, איצט אימפּראָוויזירטע באַגריסונג, מיט דער געהעריקער זשעסטיקולאַציע און ווענדונגען...

דער עולם האָט געשוויצט און זיך געקוויקט מיט די הויכע געפליגלטע ווערטער, מיטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און מיט דעם שטאָלצן באַוווּסטזיין, אַז דאָס רעדן זיי צו מיר ביי זיך אין לאָקאַל, אין זייער פרייען עסטרייך, ווו עס איז נישטאָ קיין סימן פון דעם צאַרישן רעזשים...

די ערשטע באַגעגעניש האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון.

איך האָב זיך באַזעצט אין ל ע מ ב ע ר ג.

זינט עס איז אָוועקגעגאַנגען פון דער רעדאַקציע דער ערשטער, כ'וואָלט זאָגן ה ו י פּ ט ־ רעדאַקטאָר אַ. ל. ש ו ס ה י י ם, האָט דער „יידישער אַרבעטער" זיך נישט געקאָנט צוקלייבן קיין רעדאַקטאָר און ס'האָבן זיך כסדר געביטן די חברים אויף דעם דאָזיקן זייער פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. דער „יידישער אַר־בעטער" איז דערשינען רעגלמעסיק, יעדע וואָך, און ער וואָלט געקאָנט האָבן אַ גרויסע השפעה אויף די מאַסן, וואָס האָבן זיך געניויטיקט אין אַ פּריש פּריי פּ אָ ל י ט י ש דורכגעקלערטן וואָרט אין זייער יי ד י ש ע ר שפּראַך. ס'איז געווען נאָך דער ט ש ע ר נ אָ װ י צ ע ר קאָנפערענץ, גאַליציע האָט געהאַט אויפגענומען אַזעלכע געסט, ווי פּרץ און די יונגע אַש, רייזען און נאָמבערג. ד"ר נתן בירנבוים איז געווען אין דער סאַמע פאַנאַנדערבליונג פון זיין יי ד י ש ־ גייסט, ווען עס האָט אין אים געאָטעמט מיט קאַמפּס־לוסטיקייט, ווען מ'האָט געזען בחוש דעם ווייטן שוווּנג און זיין אינערלעכן דראַנג צו באַהעפטן זיך מיטן יידישן פ אָ ל ק ס ־ מענטש.

פּ אַ ר מיר האָבן די רעדאַקציע געפירט אַ געוויסע צייט יעקב קענער און דערנאָך אַלכסנדר ברח"ש פון דראָהאָביטש. יעדער רעדאַקטאָר האָט געהאַט אַנדערע נויגונגען און אינטערעסן־ספערן אין די ראַמען פון דעם פּועלי־ציוניזם און די צייטונג האָט יעדעס מאָל באַקומען אַן אַנדער ניואַנס און געביטן דעם קאָלאָריט.

ס'איז אייגנטלעך געווען נישט בלויז די פראַגע פון דעם אָרגאַן. עס איז גראָד דאַן געווען דער קריסטאַליזירונגס־פּראָצעס פון דער פּאַרטיי אין עסט־רייך. זי האָט זיך נאַטירלעכערהייט, אין גאַנג פון אַנטוויקלונג אָנגעהויבן דער־נענטערן צו ברייטערע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט. די פּאַרטיי האָט זיך אַלץ מער „פּראָלעטאַריזירט", אָבער נישט די גאַנצע אינטעליגענץ אירע האָט

באַוויזן מיטצומאַכן אָט דעם גלגול, אָט דעם גאַנג „אין פאָלק”. די אינטעלי־ גענטן האָבן זיך גענומען אָפּבּרעקלען, דערשמעקנדיק פּאַר זיך אַ סאַך מער באַקוועמלעכקייט און היימישקייט אין די רייען פון דער בּירגערלעך ציוניס־ טישער אָרגאַניזאַציע.

די איבּערגעבּליבּענע אינטעליגענץ איז אויך געווען אָנגעזאַפּט מיט אַסי־ מילאַציע, דערווייטערט פון דער קערנדיקער מאַסע, פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, די יידישע אָנגעלעגנהייטן זענען פאַר איר געווען בּחינת פּ ר אַ ־ בּ ל ע מ אַ ט י ק און נישט צאַפּלדיקע, צעווייטיקטע רעאַליטעט. אונטער איר השפּעה האָט אויך דער „שטיי־קראַגן־פּראָלעטאַריאַט”, די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און בּיוראָ־בּאַאַמטע, געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אַרבּעטער און זיך מיט זיי ווינציק געחבּרט. די דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פלעגט זיך בּאַנוצן מיט דייטש, אין בּעסטן פאַל מיט פּויליש. מיט יידיש — זייער זעלטן, און — נאָר דאָס בּיסל אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַ יידיש הויז און דורכגעמאַכט אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג.

ס'האָט זיך געמערקט אַ פאַרפרעמדונג צווישן דער אינטעליגענץ און דער מאַסע. אין דעם פּרט האָט מיין אָנוועזנהייט אין גאַליציע גורם געווען צו אַ שטיקל רעוואָלוציע אין דער פּאַרטיי. מיט מיין קומען האָט זיך „די מאַסע” דערפילט האָפערדיקער, דערשפּירנדיק אין מיר אַן „אייגענעם„. זי האָט גענומען שטעלן פאָדערונגען צו די פירער, מען זאָל זיך רעכענען מיט איר און אַריינ־ בּרענגען אַ מער עכטן טאָן אין דער אי נ ע ר ל ע ער פּאַרטיי־אַרבּעט. כ'שטרייך אונטער אָט דעם אי נ ע ר ל ע כ ן מאָמענט, ווייל אויסערלעך האָבן די אַלע אינטעליגענטן געוווסט צו עקספּלואַטירן ווי געהעריק די שטימונג פון דער מאַסע. זיי האָבן געוווסט דעם פּאָליטישן ווערט פון קלאַפּן אויף דעם פּונקט די ציוניסטישע פאָרשטייער. געווען אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. אַנומלטן זענען מיר, ד"ר מאַקס ראָזנפעלד און איך אַרויסגעטרעטן אַלס אָפּאָנענטן אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ווו אַדאָלף שטאַנד האָט אָפּ־ געגעבּן אַ בּאַריכט פון פּאַרלאַמענט. האָב איך שאַרף אָנגעגריפן שטאַנדן, הלמאַי בּעת ער קומט צו זיינע יי ד י ש ע ווײלער געפינט ער נישט פאַר נויטיק צו רעדן צו זיי אין זייער יי ד י ש ע ר שפּראַך. ד"ר ראָזנפעלד האָט געזען דעם רושם, וואָס מיין אַרויסטריט האָט געמאַכט אויפן עולם. ער איז געווען צופרידן. אָבּער ווען אַ גרופּע חבּרים אַרבּעטער האָט איין מאָל אויף אַ פּאַרטיי פאַרזאַמ־ לונג דעם זעלבּן ד"ר מאַקס ראָזנפעלד אויפגעפאָדערט, ער זאָל האַלטן זיין רעפעראַט דאָ פאַר ז י י אין יי ד י ש, האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט שטוינענדיקע אויגן, כמעט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים. ער האָט גע־

פרוווט פאַרטזעצן אין פויליש, אָבער דער עולם האָט געגומען שטורעמען: יידיש! איז ער שוין ברוגז געוואָרן אויף דער חוצפה פון די אַרבעטער, צו דיקטירן אים, דעם אינטעליגענט, אין וועלכער שפּראַך ער האָט פאַרצוטראָגן זיינע געדאַנקען... טוט ער דאָך אַ טובה דער מאַסע, ווען ער קומט צו איר מיט זיין וויסן און בילדונג, דאַרף זי אים נעמען אַזוי, ווי ער איז...

ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אַרבעטער-גרופּע אין דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ מער ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע איינשטעלונג בנוגע אַ ריי פראַגן, און דאָס האָט באַדייט אַ קער, כמעט אַן איבערקערעניש לגבי דער אַנגענומענער טראַדיציע אין דער פּאַרטיי.

איך האָב אין דער צייטונג אָפּגעגבן אַ סאַך אָרט די פּראָבלעמען פון יידישער וועלטלעכער קולטור. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן פון דער אַזוי גערופענער „ריינער" קולטור-טעטיקייט, וואָס איז אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע טעטיקייטן פון דער פּאַרטיי. פאַרקערט, איך האָב געהאַלטן, אַז קולטור־אַרבעט איז אַ גרונט-עלעמענט פון דער סאָציאַליסטישער דערציונג בכלל. דורך קולטור־דערציונג איז לייכטער צו געווינען דעם אַרבעטער פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל, וועלכער וועט אים מיטרייסן נישט אַזוי צוליב די פאַרגרעסערטע העכערע שכירות און ברויט מיט פּוטער, נאָר צוליב דער מעגלעכקייט פון מענטשלעכער דערהויבונג. נאָר דורך דער טיפער, סיסטעמאַטישער קולטור־אַרבעט קאָן מען אַנטפּלעקן פאַרן אַרבעטער די גאַנצע רייכקייט פון דער נייער וועלט, פאַר וועלכער מיר קעמפן און אַרויסרופן ביי אים דעם באַגער צו איר. איז נויטיק אויפצופּענען ביי יעדן איינעם פון דער מאַסע זיינע אייגענע, אינדיווידועלע קוואַלן פון סוביעקטיוון שאַפן און גלייכצייטיק דערוועקן ביים יחיד דעם אינטערעס און די פאַרשטענדעניש פאַר קאָלעקטיוון שאַפן און כללישער פרייד.

אַרום „יידישן אַרבעטער" האָבן זיך גרופּירט יונגע יידישע שריפטשטעלער פון גאַליציע, צווישן זיי שמואל יעקב אימבער, אברהם וויעוויאָרקע, דוד קעניגסבערג, מלך ראַוויטש, מלך כמיעלניצקי און אַנד. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ ציקל לעקציעס איבער ליטעראַטור אין דער לעמבערגער „טוינבעהאַלע"; ביז גאָר אינטערעסאַנט איז געווען דער ליטעראַטור־טור, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן איבער אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע. באַטייליקט אין אים האָבן זיך דריי: אימבער, וויעוויאָרקע און איך. די ערשטע צוויי האָבן דעקלאַמירט און פאָרגעלייענט אייגענע לידער און נאָוועלן, איך האָב געהאַלטן דעם קריטיש־ליטעראַרישן רעפעראַט. דער „טריאָ" האָט שטאַרק אויסגענומען אין גאַליציע און אין בוקאָווינע, ספּעציעל ביי דער

יוגנט. אויף די דאָזיקע נסיעות האָב איך אין בּ ו ט ש אַ ט ש אָפּגענומען דעם
ערשטן גרוס פון דעם יונגען ט ש אַ ט ש ק ע ס, דעם שפּעטער באַרימט געוואָרע־
נעם אָריגינעלן העברעישן שריפטשטעלער ש. י. ע ג נ ו ן, מיט וועלכן מיר
האָבן זיך נעענטער באַגעגנט אין ירושלים. איך האָב אין אונזער צייטונג גע־
בראַכט איבערזעצונגען פון דעם טאַלאַנטפולן און שוין דאַן אַנערקענטן ג.
ש אָ פ מ אַ ן. איך האָב אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע ליטעראַטור־אויסגאַבע
„י ו ג נ ט" אין סטאַניסלויער פאַרלאַג „בילדונג"; דאָרט האָב איך, שיינט מיר
צום ערשטן מאָל, פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצן ציקל ס אָ נ ע ט ן פון דעם דעביוטירנ־
דיקן דוד קעניגסבערג, אַן איבערזעצונג פון שאָפמאַן און, אויב כ'האָב נישט קיין
טעות, אַ יידישן אָריגינאַל פון דבורה באַראָן „די באָבע העניע".

אַ באַזונדער רושם האָט געמאַכט אויף מיר גופא מיין ערשטער באַזוך אין
ק אָ ל אָ מ יי. א. ש. י ו ר י ס איז נאָך דאַן געווען אַ יונגער בחור, אַן ענטו־
זיאַסטישער חבר. מיט זיין אייגנאַרטיקער גאַליציישער שטודענטן־ראָמאַנטיק
האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן מיין ערשטן באַזוך
אין זיין היים־שטאָט. ער האָט געכאַפּט דעם אַמעריקאַנעם שניט. האָט ער קודם
כל אַרויסגעגעבן אַ גרויסן שמאָלן שטרייף־פּלאַקאַט מיט איין איינציקן וואָרט,
געדרוקט מיט קידוש־לבנה־אותיות: ז ר ב ב ל. צוגעגעבן נאָר אַ פראַגע־צייכן.
האָט דער עולם געלייענט און געגלאָצט מיט די אויגן: וואָס לאָזט ער אונז
הערן, אָט דער שטרייף? ו ו ע ר קומט עס און ו ו אָ ס וועט מען עס אונז ברענגען?
אַ נייעם מין מאַנופאַקטור, אַ צירק, אַ פּראָשעק צו די ציין אָדער אַ שמירעכץ
צו די שיך?

מיט וואָכן שפּעטער איז געקומען דער ריזיקער פּלאַקאַט וועגן ליטעראַרישן
אָוונט אין דעם נאָר וואָס אויסגעבויטן שיינעם זאַל פון „שפּאָר־קאַסע" און
די אָנקינדיקונג פון מיין רעפעראַט אויף דעם דאָזיקן אָוונט, וועגן יידישער
ליטעראַטור און אירע נייע שטרעמונגען. ס'איז געווען אַ פרייד און אַ נחת
צו זיין אויף יענעם אָוונט אין קאָלאָמיי. דער ווייסער זאַל אויסגעצירט מיט
די פּאָרטרעטן פון אַלע אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער; נעבן יעדן פּאָרט־
רעט ווייסע שטרייפן, אויף וועלכע ס'זענען געדרוקט די נעמען פון די כאַ־
ראַקטעריסטישע ווערק זיינע. מענטשן האָבן אָנגעקוואָלן, דערווייסנדיק זיך
אפשר צום ערשטן מאָל אַזוי דעמאָנסטראַטיוו וועגן אייגענער קולטור־עשירות.

כ'דערמאָן אַזאַ אָוונט, כדי צו כאַראַקטעריזירן די שטימונג, וועלכע איז
צו יענער צייט געשאַפן געוואָרן אין גאַליציע בכלל אין צוזאַמענהאַנג מיט
אונזער קולטור־אַרבעט. אין אַ ריי פונקטן איז דערנאָך יוריס געווען אָנשטאָט
אימבערן. ער האָט דעקלאַמירט און גערעדט. יעדער באַזוך אין אַ שטעטל

פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור, פאַר יידישער שפּראַך און דאָס האָט צוגעגרייט אין אַ גרויסער מאָס דעם באָדן פאַר יענער פּרעכטיקער פּאָליטישער אַקציע, וועלכע איז אַ פּאָר חדשים שפּעטער דורכגעפירט געוואָרן אין גאַליציע אין שייכות מיט דער פאָלקס־ציילונג.

אין משך פון יאָרן האָבן די יידן אין עסטרייך געגאָלטן, ווי אַ ציגל, פאַר דער וואָג־שאָל, ווו עס האָט זיך געוויגן די פּאָליטישע השפעה פון די רוטענער און פּאָליאַקן. יעדער פון די צוויי האָט געוואָלט דעמאָנסטרירן זיין קראַפט דורך דער צאָל פון די, וואָס באַנוצן זיין שפּראַך. דורך יידן האָט יעדער פון זיי געשטרעבט קאָליע צו מאַכן די מערכה פון צווייטן צד. אין דער פאָלקס־ציילונג פלעגן יידן אָנגעבן אָדער פּויליש, אָדער רוטעניש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. פון דעם האָט ממילא געקאָנט געניסן איינער פון די צוויי קעמפנדיקע צדדים. די יידן איז כלל נישט איינגעפאַלן, ווי ביי שלום עליכמען אין זיין דערציילונג „גימענאַזיע״, אַז ס׳שיקט זיך אָנצוגעבן די אמתע יאָרן פון בחורל... זיי האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז אָנשטאָט פּויליש אָדער רוטעניש קאָנען זיי אָנגעבן זייער אייגענע, יידישע מוטער־שפּראַך. האָבן מיר, בעת דער פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1910, איניצירט אַ באַוועגונג אָנצוגעבן יידיש אַלס מוטער־שפּראַך. דערמיט האָבן מיר געוואָלט פּראָקלאַמירן די עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע מיט רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג און אַזוי אַרום מאַכן אַ סוף צו דער פּאָליטיק פון דינען עמיצן קעגן עמיצן...

נאַטירלעך איז דער קאַמף פאַר אָנגעבן יידיש אַלס מוטער־שפּראַך געווען אין תוך נישט אַ קולטור־קאַמף און ער האָט שוין גאָר ווייניק געהאַט צו טאָן מיט יידישיזם. ס׳איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע פּאָליטישע אַקציע פון גרויסן פאַרנעם. ס׳איז געווען אַ פאַרמעסט אויף אַ ווירדיקער מאַניפעסטאַציע נישט נאָר כלפּי חוץ, נאָר אפשר קודם כל — כלפּי פנים. די אַלערליי אַסימילאַטאָרן, מיט וועלכע עס האָט געשווירבלט און געגריבלט אינעם פאַרמלחמהדיקן עסטרייך, האָבן זיך אַ ריר געטאָן און אויפגעהויבן אַ געפּילדער, אַן אמתן גוואַלד: וואָס איז עס פּלוצים פאַר אַ „רעוואָלוציע״, וואָס איז עס פאַראַ חוצפּה צו ברעכן אַ דורותדיקע טראַדיציע, אַ מנהג צו דינען דעם פּריץ? צו וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן און אונטערשטרייכן די יידישקייט, אַז מ׳קאָן עס מאַכן אַ סאַך באַקוועמער, זיין שטילער ווי וואַסער און נידעריקער ווי גראָז.. גיין מיטן פּאָליאַק, אָדער מיטן רוטענער?!

מיר זענען נישט געווען די איינציקע אין אָט דער אַקציע. עס האָבן זי

געפירט אויך די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון פּ. פּ. ס. (די זש. פּ. ס.). עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט יידישע דעמאָקראַטן און אַפילו ציוניסטן, ווי ד״ר מ אַ ק ס דיאַמענט, וועלכער האָט דער ערשטער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם אין „יידישן אַרבעטער״.

אָבער דעם טאָן האָבן מ י ר, פּועלי־ציון, געגעבן, דעם פּאַטאָס אין דער אַקציע האָבן אַריינגעטראָגן אונזערע חברים. שוין דערפאַר, וואָס ביי אונז האָט זיך די אַקציע אָנגעהויבן נישט אין לעצטן מאָמענט, בעת מען האָט געדאַרפט ענטפערן אויפן פראַגע־בויגן פון דער פאָלקס־ציילונג. מיר האָבן אַ סאַך פריער פאַנאַנדערגעוויקלט אַ פּאָזיטיווע קולטור־אַרבעט אין יידיש און אין איר רעזולטאַט האָט נאַטירלעכערהייט געמוזט קומען אַזאַ אַקטיווער אַרויסטריט אויך בנוגע דער פאָלקס־ציילונג.

די אַקציע אַרום דער פאָלקס־ציילונג איז אַנטוויקלט געוואָרן אויף אַ גרויסן שטח און מיט פאַרנעם. פלוג־בלעטער, רעפעראַטן, פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און הויז־צו־הויז־אַגיטאַציע. ס'איז געווען איינע פון די שענסטע, ווירדיקסטע אויפטריטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין עסטרייך. מ'האָט זיך טאַקע מוסר־נפש געווען. מ'איז געגאַנגען אויף קידוש השם. אַ סאַך איז אויסגעקומען זיצן פאַר דעם „חטא״ 3 חדשים אין תפיסה. אייניקע זענען געפאַלן אויף אַ המצאה און געשריבן, אַז זייער מוטער־שפּראַך איז כינעזיש אָדער יאַפּאַניש. דאָ—יאַפּאַניש?! היתכן? וואָס גייט עס אים, דעם באַאַמטן אָן? אַ ז אַ שפּראַך איז דאָך יאָ פאַראַן אין דער רשימה? נו, איז ז י מיין מוטער־שפּראַך. יידיש האָט דער באַאַמטער ב כ ל ל נישט געוואָלט איינשרייבן. נישטאָ אַזאַ שפּראַך — און דערליידיקט. אָבער עפּעס אַ שפּראַך מוז מען דאָך אָנגעבן. נו, זענען פלוצים דערשינען אַ סאַך כינעזער און יאַפּאַנעזער אין עסטרייך... איינס האָבן יידן יאָ אויסגעפירט — זיי האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין דער מחלוקת צווישן פּאָליאַקן און רוטענער און האָבן דאָס מאָל קיינעם פון זיי נישט צוגעדינט.

פּועלי־ציון האָבן צו פאַרשרייבן אויף זייער חשבון דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל פון אָט דעם קאַפּיטל פּאָליטישער קאַמף.

איך באקום דעמיסיע...

איך האָב שוין פריער דערמאָנט די ווינער באַראַטונג פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון און דעם באַשלוס וועגן אונזער באַציונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס. אַלס רעזולטאַט דערפון איז שפּעטער אַרויסגעקומען אַן ערנסטער סכסוך צווישן דער רוסלענדישער פּאַרטיי און דעם פאַרבאַנדס־ביוראָ. קאָפּ־

לאַנסקי, וועלכער האָט אויף דער באַראַטונג גופא געהאַט אַ קאָר־רעפעראַט, האָט שפּעטער אָפּגעפרעגט די גילטיקייט פון דעם אָנגענומענעם באַשלוס. אַלס מאָטיוו דערפאַר האָט ער געבראַכט מ י י ן אָפּשטימונג. איך האָב געהאַט פון דער פ י נ ס ק ע ר אָרגאַניזאַציע דעם מאַנדאַט. די פינסקער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר גיין צום קאָנגרעס. איך האָב געשטימט ק ע ג ן. מיין שטימע האָט איבערגעוויגן און דעצידירט. האָט קאַפּלאַנסקי געטענהט, אַז מיין שטימע דאַרף פאַררעכנט ווערן צו די „יאָ״־זאָגער, ווייל אַזאַ איז די רעזאָלוציע פון דער פינסקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איך רעפּרעזענטיר, אַזאַ איז איר אויסדריקלעכער ווילן, ווי ער איז פאָרמולירט אין דער רעזאָלוציע, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן.

די באַראַטונג האָט אָבער געהאַלטן אַנדערש. נישטאָ ביי אונז קיין א י מ פּ ע ר אַ ט י וו ע מ אַ נ ד אַ ט ן. דער דעלעגאַט האָט דאָס רעכט זיך צו לאָזן איבערצייגן און שטימען אַנדערש, ווי ער האָט לכתחילה גערעכנט. אויב נישט האָבן אָט די רעכט, האָט קיין זין נישט צונויפצונעמען לעבעדיקע דע־לעגאַטן צו אַ קאָנפערענץ. גענוג דורכפירן אַ ש ר י פ ט ל ע כ ן ר ע פ ע ר ע נ־ד ו ם. מען וועט צונויפנעמען אַלע צוגעשיקטע רעזאָלוציעס און איבערציילן. צו וואָס אַ צוזאַמענפאָר מיט דיסקוסיעס? די מערהייט פון די רעזאָלו־ציעס וועט דעצידירן. ניין, אַ רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי הערט־אויס די רעזאָלוציעס, כדי צו וויסן די שטימונגען און מיינונגען, וועלכע הערשן אין דער פּאַרטיי און אויף ז יי ע ר ס מ ך דיסקוטירן דאָ, אויפן צוזאַ־מענפאָר. יעדער דעלעגאַט איז מחויב צו קעמפן פאַר זיינע מיינונגען. ער איז אָבער פונקט אַזוי מחויב חבריש צוהערן זיך צו דער קעגנזעצלעכער מיינונג פון די אַנדערע דעלעגאַטן און דערנאָך, נאָך אַן אייגענעם שקלא וטריא, זאָל ע ר אַ ל יי ן פ ו ן ד אָ ס נ יי און ענדגילטיק באַשליסן, ו ו י צ ו שטימען. געוויס רעכנט ער זיך מיט דער רעזאָלוציע, וועלכע ער אַליין האָט מיטגעבראַכט, אָבער ער רעכנט דערביי, אַז ווען אַלע חברים וואָלטן ד אָ געווען און זיך באַקענט מיט אַלע דאָ אַרויסגעזאָגטע מאָטיוון, וואָלטן זיי זיכער אויך זייער מיינונג געענדערט.

נאָך דער באַראַטונג זענען אין „יידישן אַרבעטער״ אָנגעקומען צוויי אַרטיקלען קעגן דעם באַשלוס מכוח דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. איין אַרטיקל פון ה׳ אַבנר (בן־צבי) האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויסדרוק „נאמנים פצעי אוהב״ און דער צווייטער אַרטיקל פון ש. קאַפּלאַנסקי האָט גערעדט וועגן דער יוריסטישער פאַלשקייט פון דער אָפּשטימונג. איך, אַלס רעדאַקטאָר, האָב גע־דרוקט ביידע אַרטיקלען אָן שום ענדערונגען. אָבער גלייך דערויף האָב איך

געגעבן אַן אַרטיקל, געחתמעט ד אַ נ י ן, „וועגן פריינטשאַפטלעכער קריטיק און יוריסטישער אַרגומענטאַציע". באַראָכאָוו האָט מיר דערלויבט צו מאַכן אין אַרטיקל ענדערונגען און אויסבעסערונגען לויט מיין איינזען. איך האָב אָט די רעכט אויסגענוצט גאַנץ ברייט. נאַטירלעך האָב איך צוגעגעבן אַ באַמערקונג, אַז איך ברענג דעם אַרטיקל אָן ענדערונגען, פונקט ווי איך האָב געדרוקט די פריערדיקע צוויי. בפרט, אַז די רוסלענדישע פועלי־ציון האָבן נישט קיין אייגע־נעם פּאַרטיי־אָרגאַן און דער „יידישער אַרבעטער" ווערט אין דעם פּרט באַטראַכט ווי אַן אָרגאַן פון דער וועלט־באַוועגונג. דער אַרטיקל האָט שאַרף אָנגעגריפן קאַפּלאַנסקין. אין אַ קורצער צייט דערנאָך האָב איך באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן די פּאַרטיי־לייטונג האָט מיר געמאָלדן, אַז עס קאָן נישט געדולדעט ווערן, אַז אין פּאַרטיי־אָרגאַן זאָל אָנגעגריפן ווערן דער אָ ב מ אַ ן פון דער פּאַרטיי און דעריבער ווערט פאַרענדיקט צו אַ באַשטימטן טערמין מיין אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון הויפּט־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין עסטרייך.

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע

דעצעמבער 1909 איז אין קראָקע, גאַליציע, פאָרגעקומען די צווייטע קאָנפערענץ פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן פּאַרבאַנד פועלי־ציון. די ערשטע, גרינדונגס־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָר פריער אין האַאַג, האָלאַנד, אין שייכות מיט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. ס'איז אייגנטלעך דערנאָך געוואָרן אַ מנהג, צי אַ טראַדיציע, אַז די וועלט־קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין איין צייט און אין דער זעלבער שטאָט, ווי די ציוניסטישע קאָנגרעסן. פלעגן דאָך די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ על פּי רוב זיין אויך דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין גאַליציע, אָפּגעטיילט פון ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייל אַ באַדייטנדער טייל דעלעגאַטן, די גאַנצע רוסלענדישע דעלעגאַציע, איז נישט געפאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. איז פאַר איר גאַליציע געווען נאָענטער און באַקוועמער.

די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט געהאַט צו באַשטימען קאַרדינאַלע פראַגן פאַר דער וועלט־באַוועגונג פון פועלי־ציון. ס'איז אייגנטלעך נויטיק געווען די ע צ ם אַלוועלטלעכקייט אָנפילן מיט קאָנקרעטן ר ע אַ ל ן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. אין האַאַג איז מער געווען אַן אַלגעמיינע ט עאָ ר ע ט י ש ע ה נ ח ה, מען קאָן זאָגן, אַז ס'איז געווען דער ב אַ וו ו ס ט ז יי ן פון דער נויטיקייט און וויכטיקייט פון אַזאַ איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע פון אַלוועלטלעכן יידישן אַר־בעטער־קלאַס. מ'האָט נאָך אָבער געהאַט פאַנאַנדערצושיפרירן אָט די אַב־סטראַקטע פאָרמולע און פעסטשטעלן קאָנקרעט, וואָס דאַרף ג ע ט אָ ן ווערן

דורך די יידישע אַרבעטער פון אַלע לענדער געמיינזאַם, וואָס איז דאָס שותּפותדיקע אין זייער טעטיקייט.

ווען מיר זיך דערמאָנען די אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַרייניקן אָדער קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון פאַרשידענע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, אַז גלייך אין דער צייט האָט מען זיך געמיט אויסאַרבעטן אַזאַ פּלאַטפאָרם פאַר דער אייניקייט, וועט זיין לייכט צו פאַרשטיין דעם באַזונדערן אינטערעס, וואָס די קאָנפערענץ האָט אַרויסגערופן ביי די ברייטערע מאַסן טאַקע אַלס לעבעדיקער ביישפּיל און מוסטער פון אַזאַ אַלוועלטלעכער פאַרייניקונג פון יידישע אַרבעטער.

ס'איז געווען די ערשטע, די איינציקע אַלוועלטלעכע פּראָלע־טאַרישע אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער גאַס. דער „בונד", וואָס האָט געהאַט נאָענטע פאַרבינדונגען מיט ענלעכע צו אים און קרובישע אין גייסט אָרגאַניזאַ־ציעס אין אַנדערע לענדער, אַ שטייגער אין אַמעריקע אָדער אין עסטרייך, האָט זיך אָבער געהאַלטן פעסט ביי זיין פּרינציפּ פון לאָקאַליזם: עס קאָן נישט געמאָלט זיין פּאָליטיש קיין איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פון יידישע פּראָלעטאַריער פון פאַרשידענע לענדער. די טעריטאָריאַליסטישע ס. ס. האָבן גרייליך יאָ אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט, און דאָך האָבן זיי נישט געשאַפן קיין אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע. ווייל ס'איז נישט גענוג צו האָבן אַ געמיינזאַמע טעאָריע, אַ שותּפותדיקע אידייע. אַ פּאָליטישע, רעוואָ־לוציאָנערע אָרגאַניזאַציע מוז האָבן אויך אַ געמיינזאַמע טעטיקייט. אַזוינס האָט נישט געקאָנט זיין ביי די סתם טעריטאָריאַליסטן. דאָס האָט געמוזט קומען ביי די קאָנקרעטע פּאַלעסטינצעס. אָבער פאַר אַזאַ פּראַק־טישער אַרבעט מוז מען שאַפן די געהעריקע אָרגאַנען, אָנצופירן און דורכצו־פירן זי אין לעבן. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ פון פּועלי־ציון האָט געשאַפן דעם פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד אַלס פינאַנץ־אינסטרומענט פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּאַלעסטינע. די צווייטע קאָנפערענץ האָט איצט געדאַרפט באַשטעטיקן די שאַפונג פון דעם דערמאָנטן אָרגאַן און אויך באַשטימען ווען און פון וואָס עס זאָל זיך אָנהויבן זיין טעטיקייט.

ס'איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן דעם אָרט, ווו עס דאַרף זיך געפינען דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ: אין ארץ־ישראל, צי אין אייראָפּע. דער ענטפער האָט געקאָנט געגעבן ווערן נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער תשובה אויף אַ פריערדיקער פראַגע: וואָס איז דער יסוד פון דער פאַרייניקטער אָרגאַניזאַציע? ס'האָבן זיך אָנגעמערקט צוויי ענטפערס. איינער האָט געהאַלטן, אַז נאָר פּאַלעסטינע בילדעט דעם צעמענט פון דער איינהייטלעכקייט, און

די פּאַלעסטינע־אַרבעט איז דער יסוד אירער; ממילא דאַרף דאָס אָנפיר־אָרגאַן זיין אין פּאַלעסטינע. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מיט דער צייט וועט עס טאַקע אַזוי זיין. אָבער דערווייל זענען נאָך די מאַסן אין גלות. אַגב, אונז פאַראייניקט נישט נאָר פּאַלעסטינע. אויך אַרבעטן דאָ אין גלות זענען ביי אונז געמיינזאַמע — דאַרף מען האָבן דעם צענטער אין אייראָפּע.

געזיגט האָט דער געדאַנק, אַז ביי אונז, ווי ביי אַן אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע, זענען פאַראַן אויפגאַבן אי אין גלות, אי אין פּאַלעסטינע — דעריבער מוזן מיר האָבן גלייכצייטיק צוויי ביוראָען — אי דאָ אי דאָרט, כדי אָנצופירן מיט ביידע אַרבעטן. אגב, דאָס איז געווען אויך ב. באָראָכאָווס שטעלונג.

ס'איז כדאי צו ברענגען נאָך איין אינטערעסאַנטן וויכוח, אויף יענער קאָנפערענץ: וועגן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד (פּ. אַ. פּ.) — צי ער דאַרף אַרבעטן נאָר פאַר יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, אָדער פאַר דעם אָטאָמאַנישן אַרבעטער קלאַס בכלל, אפשר פאַר די אַרבעטער אין פּאַלעסטינע און אין די נאָכבאַר־לענדער א. ד. גל.

די אַלגעמיינע איינשטעלונג איז געווען, אַז דער נאָמען פון דעם פאָנד באַשטימט אויך די ראַמען און געביטן פון זיין טעטיקייט: פּאַלעסטינע. עס שטייט נישט אויסגעטייטשט יידישער אַרבעטער פאָנד! פונדעסטוועגן איז קלאָר, אַז דער אינסטיטוט איז פאַר יידישע אַרבעטער. אַנדערש וואָלטן מיר אים דאָך נישט געשאַפן פאַר פּאַלעסטינע. פאַרוואָס דווקא פּאַלעסטינע און נישט אַן אַנדער לאַנד? דערפאַר, וואָס מיט פּאַלעסטינע פאַרבינדט דער יידישער אַרבעטער באַשטימטע סאָציאַל־פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע פערספּעקטיוון. איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז מען איז אויסן יידישע און דווקא יידישע אַרבעטער. נישקשה. מיר האָבן דורות און דורות געשאַפן פאַר אַנדערע — האָבן מיר זיך נישט צו שעמען דאָס מאָל צו באַטאָנען, אַז מיר זענען איצט פאַראינטערעסירט דירעקט צו העלפן זיך אַליין, און נישט אַנדערע.

האָבן באָראָכאָוו און דער מחבר פון די שורות אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אַז פונדעסטוועגן זאָל מען צוגעבן אַ פּונקט, אַז „דאָרט, ווו דאָס פאָדערט זיך צוליב דער אָרגאַניזירונג און פאַרשטאַרקערונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, דאַרף דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד זען אָרגאַניזירן אויך די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנען". דאָס באַדייטעט נישט, לויט זייער מיינונג, קיין חניפהלע דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, דאָס הייסט נישט, אַז מיר מוזן אומבאַדינגט פאַר אַנדערע טאָן. דאָס הייסט פּשוט, אַז מיר דערקלערן

דאָס מיר זענען כלל נישט קעגן דעם, מ׳זאָל אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציאָנען. נאָר מיר זאָגן, אַז פריער מוזן מיר זיך אַליין אָרגאַניזירן. דאָרט אָבער, ווו אונזער אָרגאַניזירונג איז אָפּהענגיק פון דער אָרגאַניזירונג פון די איבעריקע אַרבעטער, דאָרטן נעמען מיר אויף זיך די איניציאַטיוו יענע צו אָרגאַניזירן.

די קאָנפערענץ האָט אָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן, ווייל „זי האָט אים געהאַלטן פאַר „זעלבסטפאַרשטענדלעך״ און דעריבער איז איבעריק ער זאָל פיגורירן אַלס באַזונדער פונקט״.

דער דאָזיקער פאַקט כאַראַקטעריזירט אַם בולטסטן, ווי ערנסט די פּועלי־ציון באַוועגונג האָט נאָך אין יאָר 1909 גענומען די פראַגע וועגן מיטהעלפן דער אָרגאַניזירונג פון די אַראַבישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. דאָרט איז, אמת, גערעדט געוואָרן וועגן סתם „אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנען״. אָבער מיר ווייסן דאָך אויסגעצייכנט, אַז קיין שום „אַנדערע נאַציאָנען״ אַ חוץ די אַראַבער, זענען נישט געקומען און האָבן נישט געקאָנט קומען אין באַטראַכט בנוגע פּאַלעסטינע.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש דער מאָטיוו, פאַרוואָס די קאָנפערענץ האָט נישט געוואָלט אַריינשטעלן אַזאַ באַזונדער פונקט אין דעם סטאַטוט פון פּ.אַ.פּ. זי האָט אים געהאַלטן פאַר איבעריק, ווייל אַזאַ איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַנדערע אַרבעטער, ווו דאָס איז נויטיק אויך פאַר אונזער אָרגאַניזירונג, ווו אונזער אָרגאַניזירונג איז אַפילו אָפּהענגיק פון דער אָרגאַניזירונג פון די אַנדערע אַרבעטער — איז אַ „זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט״.

לײדער איז דאָס כלל וכלל נישט געווען קיין „זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט״ פאַר די, וואָס האָבן זינט נאָך דער מלחמה געהאַט די שליטה איבער דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י און פאַרוואַלטעט מיט אירע פינאַנציעלע מיטלען. זייער פּאָליטיק האָט גריילעך נישט געהאַט אין זינען אַזעלכע „זעלבסטפאַרשטענדלעכע״ אויפגאַבן און גורם געווען דערצו, אַז צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און די „אַנדערע אַרבעטער״ גראָד אין פּאַלעסטינע זאָל אויסגעגראָבן ווערן אַ טיפער תהום, וואָס ווערט כסדר אָנגעפילט מיט גאַל און שנאה...

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ האָט געהאַט צו באַשליסן וועגן דער טאַקטיק אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. קאָנקרעט איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דורכזעצן אַ רעזאָלוציע לטובת אָפענהיימערס פּלאַן פון זידלונגס־געגאָסנשאַפטן. די פּועלי־ציון אין גאַליציע האָט געהאַלטן פון דעם פּלאַן. זיי זענען געווען זייערע הייסע חסידים און פּראָפּאַגאַנדיסטן. אויך די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון זענען

געוועזן פאַר אָפּענהיימערס פּלאַן. די פּאַלעסטינער האָבן זיך באַצויגן מיט אַ געוויסער רעזערוואַציע. ס'איז אַ וויכטיקער פּלאַן פאַר .. דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער מיר, פּועלי־ציון, קאָנען זיך דערמיט נישט אָפּגעבן. ס'איז אַן עקספּערימענט און מיר טאָרן זיך נישט איינרעדן, אַז דורך אָט דעם פּראָיעקט וועלן מיר קאָנען לעזן די אַגראַר־פראַגע אין ארץ־ישראל.

אין דער דיסקוסיע האָט ד"ר נ. סירקין איראָניזירט איבער די רוס־לענדישע פּועלי־ציון, הלמאי זיי האַלטן שטאַל און אייזן פון פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף. ער מיינט, אַז „דאָ ביים ציוניזם מעג מען אַ רגע אויפהערן צו רעדן וועגן קלאַסן־קאַמף און זען אונטערצונעמען געמיינזאַם מיט אַנדערע קלאַסן אַלע יענע אַרבעטן, וועלכע קענען פירן בעסער צום ציל, צו דער רעאַליזירונג פונעם ציוניזם".

באָראָכאָוו איז שאַרף און אַנטשידן אַרויס קעגן אָפּענהיימערס פּראָיעקט בכלל, „אויף וויפל ער וויל אויף אַ קינסטלעכן אופן שוין ביים הייַנטיקן טאָג איינפירן סאָציאַליזם". ס'איז אוטאָפּיש, ווי אוטאָפּיש עס זענען די ענלעכע טעאָריעס פון אַ סאַך „וועלט־באַגליקער".

דער עיקר אָבער האָט באָראָכאָוו אַנטוויקלט זיין קוק אויף דער פּראָלע־טאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט, וואָס זוכט נישט צו מאַכן פון אַרבעטער אויס־אַרבעטער און פאַרוואַנדלען זיי אין באַלעבאַטים, נאָר: פאַרטיידיקן זייערע אינ־טערעסן אַלס קלאַס און אָנפירן מיט זייער קאַמף אויף אַלע געביטן פון סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן.

אין מיין ענטפער דעם ד"ר נ. סירקין האָב איך אונטערגעשטראָכן, אַז „צום ציוניזם זענען מיר געקומען נישט ווייל מיר האָבן פּאַרלייקנט אונזערע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר, פאַרקערט, ווייל מיר האָבן זיך צו אונזערע קלאַסן־באַדערפעניש צוגעהערט. אַזוי מוזן קומען צום ציוניזם מיטגלידער פון אַנדערע קלאַסן אינעם יידישן פאָלק אויך אַדאַנק זייערע קלאַסן־אינטערעסן. צום ציוניזם און אויפן גאַנצן וועג פון דער רעאַליזירונגס־אַרבעט גייען מיר, נישט אַרויסלאָזנדיק פון אויג אויף אַ רגע קלאַסן־בויטן און אויפגאַבן. וועלן מיר דעריבער אין אונזער טעטיקייט זיך באַנוצן נאָר מיט יענע מיטלען, וואָס געפינען זיך דירעקט אין אונזער רשות. אַ פּראָ־לעטאַרישע פּאַרטיי באַזירט אויף זעלבסטטעטיקייט, אויף פּאַקטישער רעאַלער אַרבעט און נישט אויף געבן עצות אַ צווייטן"...

ווי באַקאַנט, האָט די קאָנפערענץ, ביי אָפּגעהאַלטענע שטימען פון דער רוסישער דעלעגאַציע (וועלכע איז געוועזן געבונדן מיט אַ באַשלוס פון דער ווינער פּאַרטיי־באַראַטונג נישט אָנטייל צו נעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס),

באַשלאָסן צו שטיצן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס די רעזאָלוציע פאַר אָפּעג־היימערס פּראָיעקט.

אין שייכות מיט דעם פאָרשלאַג איז שטאַרק געלופטערט געוואָרן אין די פּועלי־ציון־רייען און ממילא אויך אין דער אַרבעטערשאַפט בכלל, די פראַגע וועגן אונזער פאַלעסטינע־אַרבעט, וועגן אירע מעגלעכקייטן און כאַראַקטער

ווילנדיק נישט־ווילנדיק איז ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, נישט נאָר מצד די רוסלענדישע פּועלי־ציון, נאָר אויך מצד די אָפּאַרטוניסטישע עלע־מענטן אונטערגעשטראָכן געוואָרן די וויכטיקייט פאַר דער אַרבעטערשאַפט צו פירן פּאַראַלעל מיט דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע אַ ספּעציפיש־פּראָלעטאַרישע אַרבעט, „אַזאַ אַרבעט, וועלכע וועט קיינמאָל נישט געפירט ווערן פון אַנדערע שיכטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע מען קאָן נישט אַנטרויען אַנדערע שיכטן". דאָס איז די איינוואַנדערונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פאַלעסטינע, איר צופּאַסן זיך דאָרט אויפן אָרט, איר אָרגאַניזירונג און קאַמף.

איך ווייס נישט, צי אין אַ וועלכן עס איז אַנדער לאַנד זענען אָט די אַלע פּראָבלעמען אַזוי אינטענסיוו דיסקוטירט געוואָרן פאַרן ברייטערן פאָרום פון דער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט, ווי דאָן אין גאַליציע, נישט נאָר פאַר דער קאָנפערענץ, נאָר נאָך מער דערנאָך. אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך איז דעם מחבר פון די שורות און אויך אַנדערע חברים אויס־געקומען צו רעפערירן וועגן דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון און דער זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער פאַלעסטינע־אַרבעט. אין גאַליציע איז עס בפירוש געווען אַ נייעס, אָט די אונטערשטרייכונג און באַ־טאָנונג פון דעם באַזונדערן וועג, וואָס דער יידישער אַרבעטער האָט אויך אין דער אַרבעט אויפן פאַלעסטינע־געביט.

אין דעם „יידישן אַרבעטער" אונטער מיין רעדאַקציע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט באָראָכאָוו, כתריאל, קאַפּלאַנסקי, אבנר, שכי,מאַ־וויטש (אַ. רעוווצקי), דוד בלאָך און א. ל. שוסהיים. אגב, אבנר האָט אויף די שפּאַלטן פון „יידישן אַרבעטער" זיך אָפּגערעכנט מיטן קאָרעספּאָנ־דענט פון „הפועל הצעיר", וואָס האָט געוואָלט צו נישט מאַכן די אויפטוען פון דער וועלט־קאָנפערענץ. אבנר האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן אָן ענטפער יוסף אַראָנאָוויטשן (דעם מחבר פון דער קאָרעספּאָנדענץ), נאָר ער האָט שוין פאַר איין וועג געגעבן אַ שאַרפע פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דעם „הפועל הצעיר" בכלל, וואָס האָט אַלס פּאַרטיי אין ארץ ישראל נישט געגעבן דער אַרבעטערשאַפט לגמרי גאָרנישט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט און גאָרנישט מחדש געווען אויפן געביט פון ציוניסטישער טעאָריע.

א פאר כאראקטעריסטיקעס

אין גאַליציע האָב איך זיך סיי אויף די קאָנפערענצן און סיי בעת די נסיעות צונויפגעטראָפן מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל מענטשן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גאָר אַנגעזעענע ראָל אין אונזער באַוועגונג, נישט נאָר אין די ראַמען פון עסטרייך. ש. קאַפּלאַנסקי איז געווען „אָבמאַן" פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי. עס מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אַז ער האָט קנאַפּ וואָס געהאַט צו טאָן מיט דעם אייגנטלעכן גאַליציע. ער איז געווען און אויף לאַנגע יאָרן געבליבן אַ ווינער. אַליין אַ ביאַליסטאָקער, פון רוסלאַנד, איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ פירער און טוער אין ווין און ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט די ווינערישקייט אין אַ סאַך הינזיכטן. די באַוועגונג ווייס אייגנטלעך נישט, ווען איז קאַפּלאַנסקי אויסגעוואַקסן און אַוועלכע זענען געווען זיינע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן. ער איז עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן גרויס און קיינער געדענקט אים נישט אין אַן אומרייפן צושטאַנד. ער איז געקומען צו דער באַוועגונג אַ פאַרטיקער, ווי אַ פירער. ער האָט פאַרמאָגט גרינטלעכע קענטענישן אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און ער האָט דורכגעמאַכט אַ שולע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין עסטרייך. ער האָט געלערנט פון אייראָפּע און איז געווען פון די גאָר ווינציקע אייראָפּעישע פירער אין אונזער באַוועגונג. אַ מאַן מיט אַ פיין אַנטוויקלטן מוזיקאַלישן חוש האָט ער לייכט אויפגענומען שפּראַכן: רוסיש, יידיש, דייטש, שפּעטער העברעיש, ענגליש און פראַנצויזיש. ער איז פון תמיד אָן געווען עלעגאַנט אין זיינע באַציונגען אַפילו אין דער פּראָלעטאַרישער חברישער סביבה. ער איז געווען „סאַלאָן־פעיק" און געמאַכט אַן איינדרוק ביי די באַגעגענישן מיט נישט־יידישע סאָציאַליסטישע טוער.

אַלס רעדנער האָט ער נישט געבליצט מיט שאַרפזיניקע אַפּאָריזמען און נישט מיטגעריסן געוואָרן פון אייגענעם פּאַטאָס און זייער שווער גענומען געפאַנגען די אוידיטאָריע. אָבער כמעט שטענדיק אימפּאָנירט די צוהערער מיט זיין געניוקייט און ערנסטן לאָגישן מעטאָד פון דערווייזן און אָפּשלאָגן מיינונגען. מאָמענטנווייז האָט זיך געשפּירט, ווי דער „טרוקענער מתנגד" ווערט אינערלעך אויפגעפלאַמט און דאַן האָט ער געווירקט גרינטלעך, טיף. לגבי גאַליציע איז ער געווען דער אָבמאַן, וואָס זיין רעזידענץ איז אין ווין. אָט די דיסטאַנץ האָט געשאַפן דעם טאָן און באַאיינפלוסט די מוזיק.

ד"ר יצחק שיפּער איז געווען דער ענטוזיאַסט פאַר עקסעלאַנץ. אַ מענטש מיט אַ גאָר גרויסן וויסן, צוגעוווינט צו גריבלערישער פאָרשונגס־אַרבעט אין די ד' אמות פון קאַבינעט, איז ער אָבער פעיק געווען פּלוצים אַוועקוואַרפן בוך און קאַבינעט און זיך אָפּגעבן דער פּאַרטיי־אַרבעט, ווי

אַ פרישינקער יונגיטשקער חבר, וואָס איז נאָר וואָס געטובלט געוואָרן אין דער חברישער סביבה. ס׳איז אָפט שווער געווען פעסטצושטעלן, ווער דאָמי־נירט אין שיפערן: דער וויסנשאַפטס־מאַן, דער קונסט־אַגיטאַטאָר, ליטעראַטור־קענער און שאַפער אָדער דער פּאָליטיקער. ס׳איז אין אים געווען אַ געמיש פון די אַלע עלעמענטן. ער האָט אָפט אין זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן גע־געבן פרייהייט דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע און זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ קענסטלעריש צוגעטראַכטער היפּאָטעזע. ער איז אין דער פּאָליטיק געווען דיכ־טעריש און וויזיאָנעריש, דערפאַר אָבער האָט ער אין דער ליטעראַטור קיינ־מאָל נישט געזוכט די פּאָליטיק, הגם ער האָט געהאַט זין און חוש פאַר די ווייטע קולטור־פּערספּעקטיוון. שיפער האָט קיינמאָל נישט פאַרנומען קיין פירנדיקע ראָל אין דער באַוועגונג, הגם ער איז געווען אין דער אָנפירונג און מ׳האָט זיך תמיד צוגעהערט מיט טיפן אינטערעס צו זיינע רייד. מען האָט האָט אָבער געפילט בשעת מעשה, אַז ער איז פון אַן אַנדער וועלט, און איר קאָנט אין יעדן מאָמענט ביי אים פועלן, ער זאָל מוותר זיין אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרטיידיקט אַזוי היציק.

ד״ר מ אַ ק ס ר אָ ז נ פ ע ל ד איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געשטרעבט צו פירערשאַפט. ער האָט געהאַט אינטערעס און פאַרשטענדעניש פאַר אָר־גאַניזאַציע. ער האָט געהאַט אַ גרינטלעך וויסן, ספּעציעל אין די פראַגן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. ער איז אָבער געווען אַ טיפּישער אינטע־ליגענט, וואָס איז אָרגאַניש, מיטן גאַנצן וועזן ווירקלעך ווייט פון דער אַרבע־טערשאַפט און קאָן זי נישט דולדן. עקזיסטירן צווישן זיי בלויז אָ פּ י צ י ע ל ע באַציונגען. וואָס עס פאָדערט זיך לויטן פאָרמעלן שולחן ערוך, ווערט אָפּגע־היט. אָבער נישט מער. האָט אים דער ברייטער עולם געאַכטעט, אָבער נישט ליב געהאַט. ער איז נישט געווען אָריגינעל שעפעריש און דעריבער נישט מיטגעריסן. אָבער ער געווען איינער פון די אַרבעטזאַמסטע, פליכט־באַוווסט־זיניקע טוער אין דער פּאַרטיי.

אַן אומגעהויערע השפעה אויף דער פּאַרטיי אין עסטרייך אין יענע צייטן האָט געהאַט ד״ר נ ת ן ב י ר נ ב ו י ם. אין גאַס האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ פועלי־ציוניסט. אַזוי אויסגעבונדן אין ער געווען מיט אונז סיי מיט דער פּאַרטיי און סיי מיט איינצלנע טוער אונזערע.

כ׳האָב זיך מיט אים צונויפגעטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. כ׳האָב דאָרט געהאַט אַ ציקל רעפעראַטן איבער פאַרשידענע טעמעס: פּאָליטישע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ריין ליטעראַרישע.

די טעאַטער־געזעלשאַפט פון טשערנאָוויץ, וואָס האָט זיך אָקאָרשט גע־

גרינגדעט און געוואָלט פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פון אַ מאָדערנעם יידישן טעאַטער, האָט אָרגאַניזירט אַ גראַנדיעזן מיטינג, אויף וועלכן ס'האָבן געדאַרפט אַרויסטרעטן לייבל טויבעס, ד"ר לייב לאַנדוי (איצט באַרימטער אַדוואָקאַט אין פּוילן) פון זש. פּ. ס. און איך. מען האָט דעם מיטינג פּאַרווערט, ווייל מען האָט געפאָדערט, אַז די רעדעס זאָלן געהאַלטן ווערן אין דייטש, נישט אין יידיש. אין לעצטן מאָמענט איז בירנבוים אַרויסגעטרעטן אין דייטש מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער פּאַרגוואַלטיקונג פון די רעכט פון דער יידישער מינדערהייט און איר שפּראַך. מיר האָבן ריזיקירט און איך אַלס גאַסט ביין אויך אַרויסגעטרעטן און דווקא אין יידיש וועגן די אויפגאַבן און ראָל פון טעאַטער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב גערעדט אויך וועגן דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער זייט פון אָט דער באַוועגונג פאַר אַ יידיש טעאַטער.

כ'האָב דאַן צום ערשטן מאָל געהערט און געזען בירנבוימען בעתן רעדן. דאָס איז געווען אַ פייערדיקער רעדנער פון גרויסער מאָראַלישער קראַפט. ס'איז געווען דער מוכיח און מאָנער גלייכצייטיק.

איך האָב מיט אים לאַנגע, לאַנגע שעהן פאַרבראַכט, צוזאַמען מיט די לאָקערס, בערל און מלכה, און דעם יונג פאַרשטאָרבענעם יידישן אינטעליגענט ר ח מ ן פלעגן מיר זינגען יידישע פאָלקס־לידער און חסידישע ניגונים אָן ווערטער. ס'איז נאָך ביי מיר געבליבן, נאָך אַלע מיינע אומוואָגלעענישן, בירנבוימס פּאָרטרעט אַ מתנה מיר מיט דער כאַראַקטעריסטישער אויפשריפט: דעם חסידישן רעוואָלוציאָנער זרובבל פון דעם חסידישן „דייטש" בירנבוים — צום אָנדענק". ער האָט געפילט, אַז ער איז אין תוך נאָך געבליבן „דייטש", הגם שוין פון אַן אַנדער מאַרקע: אַ חסידישער.

ער האָט געשטרעבט צו באַהעפטן זיך מיטן פאָלק און אים האָט זייער געקרענקט דאָס, וואָס אים איז עס נישט געלונגען פולע הונדערט פּראָצענט. אָבער געריסן האָט ער זיך אַהין, און דערפאַר האָט ער זיך געטוליעט צו פּועלי־ציון, ווייל אין זיי האָט ער געשפּירט אָט די פאָלקסטימלעכע סביבה. אַזאַ איז זי ווירקלעך געווען אין דער בוקאָווינע.

פונקט ווי ד"ר נ. בירנבוים, האָבן זיך נאָך עטלעכע אַנדערע פאָלקס־מענטשן געזוכט צו האַלטן נאָענט צו די פּועלי־ציון און אין דעם פּרט איז די פּאַרטיי געווען אָנגעזען ביי דער פאָלקסטימלעכער יידישער אינטעליגענץ.

דאָס איז געוואָרן נאָך קענטיקער אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ס'זענען געקומען מער צום פאַרשטיין די יונגערע טוער: בערל לאָקער, ש. סאָקאָל, ד"ר **א. וואַטנבערג, יצחק קאַנדל, ש. שמויש, א. ש. יוריס און אַנד.**

אויפן ברייטן שליאך

צוויי ברייט פאַרמאָסטענע אַקציעס פון פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער אין גאַליציע וויל איך נאָך דאָ פאַרצייכענען: דעם קאַמף פאַר רע־אָרגאַניזירן די יידישע קהלה און די באַוועגונג פאַר אָרגאַניזירן דעם האַנדלס־אָנגעשטעלטן און אַריינציען אים אין אַ סיסטעמאַטישן קאַמף פאַר זיינע רעכט און פאַר אָפּהיטן די דערגרייכונגען אויפן סאָציאַלן געביט.

אין גאַליציע האָט מען אָנגעטראָפן דעם אמתן טיפ פון „מה יפית" גע־פּאָרט מיט אַסימילאַציע, אויסערלעכע קולטור און אינערלעכע געפאַלנקייט, מורא פאַרן פּריץ און תקיפות לגבי דער יידישער מאַסע, ביי זיך, אין דער היים.

עסטרייך איז אָבער דאָך געווען אַ פרייע דעמאָקראַטישע מדינה. דאָ האָט געקאָנט געמאָלט זיין אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס זאָל געפירט ווערן עפנטלעך, נישט פאַרשטיקט אין דער אונטערערד, ווי אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָ זענען געווען מעגלעכקייטן צו דעמאָנסטרירן פאַר די מאַסן די ווירקונג פון דעמאָ־קראַטיש־געוויילטע אינסטיטוציעס, ווו דאָס פאָלק און ז י י נ ע אמתע פאָרשטייער קומען צום וואָרט.

דערצו גופא האָט מען געברויכט מוט און עקשנות: מ'האָט ערשט גע־דאַרפט דערציען די מאַסן צו קעמפן פאַר זייערע רעכט און דערנאָך אויסנוצן אָט די רעכט, נישט פאַרשאַכערן זיי און נישט לאָזן עמיצן דורכפירן אונטערן צודעק פון דעמאָקראַטישע פראַזן די שענדלעכסטע שווינדלערייען און פעל־שונגען פונעם „פאָלקס־ווילן". ס'האָט שוין דאַן געשמט אין דער וועלט דער באַגריף „ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר וו אַ ל ן". עס האָט געלעבט דער בלוטיק פאַר־שמירטער ד"ר ל ע וו ע נ ש ט י י ן, עס האָט געפירט די גרענדע דער ברוטאַלער ד"ר ש ט ר ו י כ ע ר — טיפּישע רעפּרעזענטאַנטן פון גאַליצישע אַסימילאַטאָרישע וואַל־מאַכערס און טראַדיציאָנעלע „פאָרשטייער פון יידישן פאָלק", וואָס האָבן דורך קאָרופּציע פאַרפּעסטעט די יידישע גאַס און אין בלוט געטרונקען די פאָלקס־דערוואַכונג.

פועלי־ציון האָבן דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג און קעגן קאָרופּציע געפירט סיסטעמאַטיש, מיט פּאַטאָס. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ פרייען יידישן בירגער נישט נאָר צוליב עסטרייך, זיי האָבן געוווסט, אַז אַ דעמאָקראַטיש געשטימטע און זעלבסטעטיקע יידישע נאַציאָנאַלע גרופּע אין עסטרייך וועט אַנדערש אויפנעמען אויך די צענטראַלע פּראָבלעם פון יידישן לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער רעאַליזירונג פון ציוניזם.

דער קאַמף פאַר אָרגאַניזירן די מאַסן אָנגעשטעלטע האָט געהאָט זיין

אָנהאַלט אין די דאָן דערשינענע געזעצן וועגן „אַכט אור שפּערע" און וועגן „האַנדלסגעהילפן". די סוחרים האָבן זיך נישט געאיילט אויסצופירן די נייע פאַראָרדנונג וועגן שליסן די געשעפטן אין אַ באַשטימטער שעה. די אַדמיני־סטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך אויך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם נייעם געזעץ און נישט געזאָרגט וועגן זיין אָפּהיטונג. ספּעציעל איז עס צוגעגאַנגען שווער אין די קליינע שטעטלעך. די האַנדלס־אַנגעשטעלטע האָבן געדאַרפט דערצו אָרגאַניזירט ווערן אין אַ פעסט דיסציפּלינירטער באַוועגונג.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין גאַנץ גאַליציע זענען פאַראַן קוים אַ 300 אָרגאַניזירטע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אָן דעם ווינער צענטראַלן פאַרבאַנד. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די ווינער צענטראַלע האָט לגמרי נישט גענומען אין אַכט די עלנטע באַדינגונגען פון אָרעמען גאַליציע און געשטעלט צו שווערע פאָדערונגען, אויך פון פינאַנציעלן כאַ־ראַקטער, פאַרן אַריינטריט אין דער אָרגאַניזאַציע. האָבן אונזערע חברים פּועלי־ציון גענומען אויף זיך די אַרבעט אויפצובויען אַ נייע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך רעכענען מיט די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון גאַליציע און זאָל אויך בעסער פאַרשטיין דעם לעבעדיקן יידישן האַנדלס־אַנגעשטעלטן, קענען זיין אַרט לעבן און וויסן ווי צו אים אַפּעלירן.

די באַוועגונג פאַר אָפּהיטן דעם „אַכט־אור שפּערע־געזעץ" איז געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג. טויזנטער פלוג־בלעטלעך צו די קונים, צום פּובליקום און צו די אַנגעשטעלטע, הונדערטער מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן געפאָדערט אָפּשטעלן דעם מסחר נאָך אַכט ביינאַכט.

כדאַי צו באַטאָנען, אַז די האַנדלס־אַנגעשטעלטע אַליין האָבן זיך נישט געיאָגט שטאַרק נאָכן נייעם געזעץ, ווייל אין ס׳רוב פאַלן האָט זיך דער אַנגעשטעלטער באַטראַכט פאַר אַ קינפטיקן סוחר. זיין איצטיקע לאַגע איז נישט מער, ווי אַן איבערגאַנגס־לאַגע. ווי נאָר ס׳וועט אים געלינגען, אפשר דורך אַ גוטן שידוך, קריגן אַ קליינע אַפּותיקע וועט ער אַליין אַ באַלעבאָס פאַר זיך. האָט ער מער געזאָרגט פאַר זיין עווענטועלער „צוקונפט" איידער פאַר זיין קאָנקרעטן טרויעריקן היינט.

די ביידע אָנגעוויזענע אַרבעטן האָבן אַרויסגעפירט די פאַרטיי אין דער גאַס, זי צונויפגעבראַכט אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די מאַסן און געצוואונגען אויף אַזאַ וועג די פאַרטיי גופא ענדערן כסדר איר כאַראַקטער, אָפּזאָגן זיך פון אַ סאַך רעשטלעך קליינבירגערלעכקייט און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גע־שולטער, סאָציאַליסטיש אויסגעהאַלטענער פּאָליטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.

3. ארץ־ישראל

איך פאר צו „האחדות"

מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל בין איך געווען פון לאַנג אויסגעבונדן. נישט נאָר, ווייל כ'האָב זיך אַלס פאַרטיי־סעקרעטאַר אינטערע־סירט מיט די פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם און געמוזט נאָכפאָלגן אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר אינעם יונגן ישוב.

אַלס רעדאַקטאָר פון פאַרטיי־אויסגאַבן, פריער אין רוסלאַנד און דערנאָך אין עסטרייך, איז מיר אויסגעקומען צו שטיין אין כסדרדיקער בריוולעכער פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל־קאָרעספּאָנדענטן, פאַרלאַנגען פון זיי דעם גע־העריקן מאַטעריאַל, וואָס האָט געדאַרפט אינטערעסירן אונזערע לייענער און פאָדערן פון זיי צו באַלויכטן די פּאַסירונגען און דערשיינונגען, וועלכע זענען אונז, אין חוץ־לאָרץ נישט תמיד געווען אַזוי קלאָר און באַגרייפלעך.

איינע אַזאַ דערשיינונג, וואָס האָט אויפגערודערט סיי א"י און סיי די יידישע וועלט אין אויסלאַנד איז אין יאָר 1907 געווען דער שטרייק אין יקב אין ראשון לציון. עס זענען געפלויגן קאָרעספּאָנדענציעס איבער דער גאָרער וועלט און יעדער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך באַמיט אַרויסצוזוברענגען עפּעס אַנדערס, גאָר דעם היפוך, וואָס דער צווייטער. אַפילו אין אונזער אייגענער פועלי־ציון־פּרעסע איז נישט געווען קיין איינהייטלעכע שילדערונג און ממילא באַלויכטונג פון דעם שטרייק. אין „יידישן קעמפער" האָבן זיך געדרוקט קאָ־רעספּאָנדענציעס פון ש ר ג א נ פ ח א (קאָוואַלסקי), אַ הפועל־הצעירניק, און זיי האָבן דעם ענין פאַרגעשטעלט לגמרי אַנדערש, ווי די קאָרעספּאָנדענציעס פון א ב ר ה ם ק אָ מ אַ ר אָ ו און שפּעטער אַ ב נ ר (י. בן־צבי) אין „יידישן אַרבעטער".

איך האָב אין ארץ־ישראל געהאַט אַ פאָר חברים, פּערזענלעכע, אינטימע פריינט, קודם כל אבנר און רחל. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן, געטראָפן זיך אויף צוזאַמענקונפטן אין אויסלאַנד, און ס'איז פון לאַנג דערוועקט געוואָרן די פראַגע וועגן מיין אַריבערפאָר אין ארץ־ישראל.

סיי פאַרטייאיש און סיי פערזענלעך.

ס'איז אָבער געווען, ווי אָפּגעמאַכט צווישן אונז, אַז מיין קומען אין לאַנד וועט זיין באַרעכטיקט נאָר אין פאַל, אויב מיר וועלן זיין אימשטאַנד פאַנאַנדערצוּוויקלען אַ ברייטערע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין שריפט, ווען ס'וועלן זיין די מעגלעכקייטן אויפצושטעלן אַ רעגלמעסיק דערשיינענדיקע פּועלי־ציוניסטישע פּרעסע.

איך האָב באַקומען איינלאַדונגען פון אַרגענטינע און פון פּאַלעסטינע. אין אַרגענטינע האָט די יק״א־אַדמיניסטראַציע משלח געווען דעם ה׳ כ ת ר י א ל, אַרויסגעשיקט אים, אַ געשמידטן אין קייטן, אַלס געפערלעכן אַנאַרכיסט, און פאַר די חברים איז געשטאַנען די פראַגע דורכוס פאַרטזעצן די אָנגעהויבענע אַרבעט און ווייטער פירן די באַוועגונג פון די אומצופרידענע קאָלאָניסטן קעגן יק״א. נאָך כתריאלן האָט אויך ה׳ ז. ס אַ ר ק י ן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די חברים האָבן זיך געווענדעט צו מיר, איך זאָל קומען איבערנעמען די רעדאַקציע פון „ב ר ו י ט א ו ן ע ר ע״. מ'האָט מיר אָנגעבאָטן גוטע האָנאָראַר־באַדינגונגען, ווייל די קאָלאָניסטן האָבן צוגעזאָגט ממשותדיקע שטיצע דער פּועלי־ציון־פאַרטיי אין איר קאַמף. ה׳ כתריאלס אַרבעט האָט גורם געווען ממש צו אַ פּסיכישער איבערקערעניש ביי די קאָלאָניסטן און זיי זענען געווען גרייט אַקטיוו מיט אַלע מיטלען און וועגן פאַרטזעצן די מרידה קעגן יק״א.

אין דער זעלבער צייט האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פון אַרץ ישראל. די צייט איז רייף. פאַראַן אַלע פאַרבינדונגען פאַר אַוועקשטעלן אַ פאַרטיי־פּרעסע. ס.איז געשאַפן געוואָרן דער יסוד פאַר ,, אייגענער דרוקעריי „אחדות״, ס'זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַקציעס און מ'לייגט מיר טאַקע פאַר דורכצופירן אַזאַ ווערביר־אַקציע אין גאַליציע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. ס'איז באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט אין העברעיש „האחדות״. באַדינגונגען? וועגן דעם איז נישט געווען קיין רייד. פּשוט. ביי בן־צבי אין צימער אויף דער ראַגאָזשע וועט זיין אַ פּלאַץ פאַר נאָך איינעם צו שלאָפן און עסן וועלן מיר אַלע צוזאַמען, וואָס ס'וועט זיין.

איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון ארץ־ישראל. עס האָט זיך געגלוסט צו זיין ביים אָנהויב פון דער נייער פאַרטיי־צייטונג אינעם נייעם לאַנד. דאָ האָט זיך געמאָלט די אויסזיכט צו ווירקן מיטן געדרוקטן וואָרט אויפן לעבן, וואָס פאַרמירט זיך און קריגט ערשט אַ געשטאַלט.

איך האָב דורכגעפירט אין גאַליציע אַ טור פאַר די אַקציעס פון „אַחדות״, גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון אַ סאָציאַליסטישער פּרעסע אין פּאַלעסטינע,

ווו עס דאַרף אויפגעריכט ווערן דאָס באַפרייטע יידישע לעבן אויף נייע פּראָ־דוקטיווע יסודות, ווו מיר זענען די באַן־ברעכער פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק און פאַר דער פּראָלעטאַרישער טאַט.

ס׳איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס איך, אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, וואָס האָט געפירט אַ קאַמף פאַר יידיש סיי לגבי דער מאַכט, און נישט ווינציקער כלפּי פנים, קעגן דער אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענץ און פאַר אַ קלאָרן אייגע־נעם קולטור־פּרצוף, וואָס איז מעגלעך נאָר דורך אַנטוויקלען די וועלטלעכע מאַסן־קולטור אין יידיש, האָב איצט געפירט אַ פינאַנץ־אַקציע פאַר אַ פאַרלאַג און אָרגאַן אין העברעיש אין ארץ־ישראל.

אַזאַ איז דאַן געווען די גילטיקע איינשטעלונג פון די ברייטע מאַסן אין דער באַוועגונג. אין דער גאָרער וועלט י י ד י ש און אינטערעס פאַר העברעיש. אין ארץ־ישראל ה ע ב ר ע י ש און אינטערעס פאַר אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין יידיש.

זיכער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין דאַן זיך פאָרגעשטעלט דעם ענין שפּראַך מער פאַריינפאַכט און פאַריינהייטלעכט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעשטעלט די קאָנצעפּציע פון י י ד י ש א ו מ ע ט ו ם און מ מ י ל א אויך אין ארץ־ישראל, מעג עס אַפילו דויערן אַ לענגערע צייט. אָבער אַזאַ וועט זיין דער גאַנג פון דער אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג.

ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַזירט אויפן איינוואָרצלען זיך פון העברעיש אין ארץ־ישראל און ד ו ר ך ד ע ם מ מ י ל א די פאַרשפּריי־טונג פון ה ע ב ר ע י ש אויך אין חוץ־לאָרץ.

אָבער אָט די עקסטרעמע מיינונגען זענען לעת־עתה נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער פּאַרטייאישער עפנטלעכקייט, סיידן אין זעלטענע פאַלן.

בדרך כלל האָט געגאָלטן אין וועלט־פאַרבאַנד דער פּרינציפּ פון צוויי־שפּראַכיקייט. אין דער אמתן האָבן די פּאָליטישע טוער ביי אונז אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּן אינטערעס צו קולטור־פראַגן בכלל און אויך צו דער פראַגע פון שפּראַך. האָט דאָ געווירקט ־אווירקט דער סוביעקטיווער אינטערעס פון דעם אָנפירנדיקן חבר אין יעדן געגעבענעם אָרט.

אין גאַליציע איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן אָוועקצושטעלן ברייטער דעם ענין פון קולטור־אַרבעט און פאַרוועבן זי אָרגאַניש מיט דעם גאַנצן פּאַרטיי־לעבן. קולטור קאָן נישט זיין ביי אַרבעטער קיין זייטיקער ענין, ביי וועלכן מען איז זיך מתעסק בעת עס „ברענט נישט״ אויפן פּ א ָ ל י ט י ש ן פראָנט. די פּאָליטישע אַרבעט גופא מוז זיין דורכגענומען מיט אַ קולטור־איבערלעבונג.

דער פּאָליטישער אידעאַל זאָל נישט זיין אַבסטראַקט, אַ ריין מוחדיקער, שכל־דיקער, נאָר ער זאָל זיין אָנגעזאַפּט מיט דעם פרישן טוי פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט עמפּינדונג. סאָציאַליזם זאָל באַדייטן נישט נאָר נייע אויסערלעכע נאָרמען פון געזעלשאַפטלעכע באַציונגען און פאַרהעלטענישן, נאָר אויך אַן אינערלעכע פּסיכישע, גייסטיקע איבערקערעניש, אַן אומוואַנדלונג פון יעדן יחיד, די געבורט פון אַ נייעם מענטשלעכן וועזן, ווו ס׳ווערט לכתחילה פאַר־אויסגעזאַנט די האַרמאָניע צווישן יחיד און קאָלעקטיוו. אין ארץ־ישראל, האָב איך געפילט, איז דער פּלאַץ, ווו עס ווערן פאַרלייגט ערשט די יסודות פון דער נייער יידישער געזעלשאַפט. און ווייל דאָ, אין דעם וויסטן, פאַרוואָרלאָזטן לאַנד, פאַלט עס צונויף מיטן אָנהויב בוי פון דעם מאָדערנעם ווירטשאַפט־לעכן און סאָציאַלן לעבן בכלל, וועט די קולטור־איינשטעלונג און דערציונג פון די בויער און גרונט־לייגער האָבן אַן אומגעהויערע, אַ בפירוש אַנטשיידנדיקע גורל־באַדייטונג פאַר די קומענדיקע דורות.

האָט מיך געלאָקט און ס׳האָט מיטגעריסן מיין גאַנצן וועזן די מעגלעכקייט צו שטיין ביים וויגל פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און צואיילן דעם באַגינען פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין ארץ־ישראל.

אויפן וועג קיין ארץ־ישראל האָב איך אין ווין אַ פּאָר טעג פאַרבראַכט ביי באָראָכאָוון. געוועזן זיין גאַסט. זיין שטוב איז אייגנטלעך געוועזן דער טרעף־פּונקט פאַר אַלע חברים, וואָס זענען געפאָרן קיין פּאַלעסטינע דורך טריעסט. ס׳איז דאָך געוועזן אַזאַ „זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט“. מ׳פאָרט פאַרביי — איז ווי כאַפּט מען זיך נישט אַראָפּ קיין ווין צו זען באָראָכאָוון? געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן באַצייטנס, מיט חדשים פריער, וועגן דעם געשריבן צו באָראָכאָוון, ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט צוגרייטן צו זייער באַזוך. דערנאָך האָבן זיי זיך טאַקע אָנגעזעצט אויף אים און ער האָט געמוזט פטרן טעג און נעכט צו דערליידיקן גאַנץ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן פון אַזעלכע דורכרייזנדיקע חברים, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעקענט אין דער גרויסער שטאָט...

מיר האָבן מיט באָראָכאָוון אַ סאַך געשמועסט וועגן מיין קומענדיקער טעטיקייט אין ארץ־ישראל, וועגן די אויפגאַבן פון אונזער אָרגאַן אין אָט דער נייער טביבה; מיר האָבן אויך גערעדט וועגן זיין מיטאַרבעט. עס איז ביי אים געווען אַ לאַנגאָנעדיקער באַגער צו פאָרן אין ארץ־ישראל, צו באַזעצן זיך דאָרט, שטודירן די דאָרטיקע פאַרהעלטענישן און פּרובירן אויפקלערן די אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען פון נאָענטן מזרח, וואָס פון זייער לעזונג איז אויך אָפּהענגיק די רעאַליזירונג פון אונזער פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

זיין אַריבערפאָר האָט אָבער געפאָדערט צו גרויסע אָנשטרענגונגען. ס'איז געבליבן, ער זאָל רעגלמעסיק מיטאַרבעטן אין אונזער אָרגאַן.

מיין ערשטע סטאַציע אין ארץ־ישראל איז געווען יפו.

כ'בין גריילעך אָנגעקומען אין אַ טאָג פון שמחות. צוויי חתונות פון חברים ייי חברטעס. שושנה מיט זאב אשור און רחל אַדלער פון אַרגענטינע מיט דעם חבר לוי. מ'האָט אַ סאַך געטאַנצט, געטרונקען וויין. כ'האָב גלייך געטראָפן אַ סאַך חברים פון דער אַרומיקער סביבה, פון די קאָלאָניעס און פון ירושלים.

כ'בין אַוועקגעפאָרן אין ירושלים, ווו ס'איז געווען דער צענטראַל־קאָמיטעט און ווו מ'האָט אויפגעשטעלט די דרוקעריי „אחדות".

אין דער רעדאַקציע פון „האַחדות" זענען אַריין פיר חברים: י. בן־צבי, ד. בן־גוריון, רחל ינאית און איך. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון רעדאַקציע; ד. בן־גוריון איז ערשט אַריבערגעקומען אין שטאָט פון דאָרף, ווו ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס אַרבעטער. די פּאַרטיי האָט אים געצוווּנגען אַריבערגיין צו אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט אין דער אָנפירונג. אַ. ראובני האָט געדאַרפט פירן דעם אויסלענדישן אַלגעמיינעם טייל, ווייל ער האָט געהאַט אַן אינטערעס צו אַלגעמיינער פּאָליטיק און אַ ידיעה אין אַנדערע שפּראַכן. די אַרטיקלען האָט ער געשריבן אונטערן נאָמען ב. ווענמאַן.

איך בין אייגנטלעך געווען נאָך גאָר שוואַך אין העברעיש. מיין ערשט קאַרטל אין העברעיש האָב איך געשריבן גראָד פאָרנדיק אויפן שיף קיין ארץ־ישראל. איך האָב געשריבן צו דער שריפטשטעלערן דבורה באַראָן, מיט וועלכער מיר האָבן זיך גוט געקענט נאָך פון ווילנע. אין קאַרטל צו איר האָב איך אונטערגעשטראָכן, זי זאָל מיר מוחל זיין מיינע גרייזן, ווייל ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך שרייב העברעיש. מעשה שטן איז דער איינציקער גרייז אין גאַנצן קאַרטל טאַקע געווען ביים באַצייכענען דאָס ערשטע מאָל: „זהו הפעם הראשון" האָב איך געשריבן.

מיין מיטאַרבעט אין „האַחדות" איז די ערשטע צייט געווען אין יידיש. איך האָב געשריבן יידיש און חברים האָבן מיך איבערזעצט. אַ פּאָר פּאָליטישע אַרטיקלען האָט איבערזעצט בן־צבי. האַלב בעלעטריסטישע זאַכן האָט איבערזעצט בן־גוריון. שפּעטער האָט ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען איבערזעצט י. ח. ברענער, בעת ער האָט געאַרבעט אין אונזער רעדאַקציע.

נישט לאַנג האָט געדויערט און כ'האָב אָנגעהויבן אַליין איבערזעצן מיינע אייגענע אַרטיקלען אויף העברעיש. שרייבן האָב איך זיי נאָך אַלץ געמוזט אין

יידיש: יידיש איז ביי מיר געווען נאַטירלעכער, ווייל אין ד ע ר שפּראַך האָב איך געטראַכט, געפילט, איבערגעלעבט. אָבער איך האָב באַוויזן אַזוי אויפצונעמען דאָס העברעיִשע, אַז איך האָב שוין געפּרובירט אַליין איבערזעצן מיינע אַרטיקלען. איז עס נישט געווען סתם אַן איבערזעצונג. איך האָב געהאַט חוש פאַר דער שפּראַך און ס'האָבן זיך אויפגעעפנט אַלטע, פון לאַנג פאַרשטאָפּטע קוואַלן פון לשון קודש אין מיין פריער קינדהייט. גראַד די שפּראַך פון עין־יעקב, פון זוהר, וועלכע כ'האָב איינגעזאַפּט אַלס 10־יעריק קינד ביים טאַטן אויף די קני, אָדער די גמרא־שפּראַך אין חדר ביז 12 יאָר האָט זיך איצט דערמאָנט און מיר אַרויסגעהאָלפן צו זיין פּאָלקסטימלעך, צוגענגלעך. איצט האָט זיך דערמאָנט די אַגדתא מיט אירע ווערטלעך און זאָגעלעך און איך האָב זיי מיט אַ ברייטער האַנט פאַרווענדט צו מאַכן מיין העברעיִשע שפּראַך פליסיק און שפּרודלדיק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אַזוי בין איך ביסלעכווייז אַריבער צו העברעיִש, אַלס אָריגינאַל. אַפילו פעליעטאָנען, וועלכע כ'האָב פאַרעפנטלעכט סיסטעמאַטיש אונטער אַ שטענדיקן קאָפּ „ר פ ר ו פ י ם", געחתמעט ס ג י נ ה ו ר, האָב איך אַ געוויסע צייט געשריבן אָריגינעל יידיש; לויט דער איבערזעצונג האָט מען געקאָנט פעסטשטעלן דעם טרוקענעם, האַרבן עברי פון ב ן ־ צ ב י, אָדער דעם מער פינקלדיקן, טעמפעראַמענטפולן העברעיִש פון ב ן ־ ג ו ר י ו ן.

איך האָב אָנגעהויבן אַליין איבערזעצן, ווייל כ'בין נישט געווען צופרידן מיט די אַנדערע איבערזעצונגען. כ'האָב געשפּירט בחוש, אַז אין העברעיִש קאָן מען אָט די שטעל אַנדערש איבערזעצן טריי צום טעקסט, און ס'איז גריילעך פאַראַן אויף דער צונג אַ פּסוק פון זעלבן כאַראַקטער און גייסט, וואָס טרעפט פונקט צו.

אין דעם פּרט האָט מיר אַ סך אַרויסגעהאָלפן ביאַליקס „ספר האַגדה", ספּעציעל דער טייל, וווּ ס'זענען צונויפגעזאַמלט אַלע ווערטלעך, שפּריכווערטער, אַפאָריזמען, וואָס זענען צעשפּרייט איבערן תלמוד. כ'פלעג זיך זיין נוהג אַזוי: בעת איך האָב געהאַלטן ביי שרייבן דעם פעליעטאָן און שוין געהאַט אין קאָפּ די טעמע, אָבער נאָך נישט געוווּסט, ווי אָנצוקליידן זי, און מיט וועלכע פּלי־טערלעך זי באַצירן, פלעג איך אויפמישן דעם „ספר האגדה" און אָנהויבן לייענען כסדר די ווערטלעך איינס נאָכן אַנדערן ביז כ'האָב געפּאַקט דאָס מייניקע, וואָס ס'האָט זיך געטויגט פאַר מיין ענין. דאָס איז געווען דער לעצטער דירעקטער סטימול צום שרייבן; דורך די אָנגעטראָפענע ווערטלעך האָט זיך שוין אין מוח געהאַט אויסגעפאָרמירט דער געדאַנק אין זיין ענדגילטיקער געשטאַלט, סיי דער

באהאַנדלטער פאַקט און סיי דער בויטיקער מוסר השכל, וועלכן איך וויל אַרויס־דרינגען, און איך בין געווען זיכער, אַז איצט איז דער פעליעטאָן שוין אַ פאַר־טיקער, הגם נאָך נישט קיין אויפגעשריבענער.

די „רפרופים" האָבן בשעתם שטאַרק אויסגענומען. עולם האָט זיי געלייענט געשמאַק. זיי זענען תמיד געווען אַקטועל, שאַרף אַנגרייפעריש. דערביי — און דערצו האָב איך באַוווסטזיניק געשטרעבט — פאַרמאָגט אַ קלאָרע ג ע ז ע ל ־ ש אַ פ ט ל ע ך ־ פּ אָ ל י ט י ש ע, ריכטיקער אַ סאָציאַליסטיש־ד ע ר צ י ע ר י ש ע טענדענץ.

איך האָב זיך אַזוי איינגעלעבט אינעם סטיל פון „רפרופים", אַז בעת איך האָב זיך שפּעטער, אין צייט פון מלחמה, אַרויסגעראַטעוועט קיין אַמעריקע און געפּרוּווט דאָרט שרייבן פאַרן „יידישן קעמפער" פעליעטאָנען פון זעלבן שניט, האָב איך די ערשטע חדשים געמוזט אָנשרייבן צוערשט דעם אָ ר י ג י נ אַ ל אין ה ע ב ר ע י ש און דערנאָך... א י ב ע ר ז ע צ ן א ו י ף י י ד י ש !

„האַחדות" איז די ערשטע צייט דערשינען איינמאָל אַ חודש.

מיר האָבן געוואָלט צוערשט אויספּרוּוון אונזערע כוחות, איינשטעלן אַן אַפּאַראַט, געווינען פאַרבינדונגען, איבערצייגן זיך, צי ס'קאָן קלאַפּן. אָבער גלייך נאָכן דריטן נומער האָבן מיר באַשלאָסן איבערגיין אויף אַ וו ע כ נ ט ־ ל ע כ ע ר אויסגאַבע. אַי, מיטלען? איז ווו מען וועט הענגען פאַר איין פוס, וועט מען שוין הענגען פאַר דעם צווייטן.

אין אַדמיניסטראַציע האָט געאַרבעט חוץ חבר אַ ש ו ר, אונזער ווירט־שאַפטלער און זאַך־קענער, אויך אַן אַמעריקאַנער חבר יצחק גאָלדבערג און צבי ה ר כ ב י, דער איצטיקער ריכטער אין תל־אביב. צווישן די זעצער האָבן מיר געהאַט יוסף בחמני, ש. ראָזנבוים און יצחק אַחדותי.

ס'איז אַלץ געווען אַ יונגע, לעבעדיקע כאַליאַסטרע, וואָס האָט מיט ליבע און מיט התמדה געאַרבעט. נישט דערעסן, נישט דערטרונקען, אָבער געטאָן די פליכט, ווייל ס'איז געווען נישט סתם אַן אַ ר ב ע ט ס ־ פּ לאַ ץ, נאָר אַ פּ אַ ר ט י י ־ פּ אָ ס ט ן, וועלכן מ'דאַרף היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

די דרוקעריי „אַחדות" איז געוואָרן אַ וויכטיקער זאַמלפּונקט אין ירושלים. זי האָט זיך געפונען אין אַ באַלעבטן פּלאַץ, ווו ס'האָבן זיך געקרייצט די וועגן. דער ווינקל פון יפּוער גאַס, פון וואַנען ס'האָט געפירט דער וועג צו „בצלאל", דער מאָדערנער קונסט־געווערבע־שול מיטן פּראָפעסאָר שאַץ אַלס דירעקטאָר.

אַרבעטער, וואָס זענען געווען אַן באַשעפטיקונג, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דרוקעריי, הערן אַ וואָרט, דערוויסן זיך נייעס און טאַקע שואל עצה זיין וועגן דעם, וואָס צו טאָן ווייטער.

יונגע ירושלימער בחורימלעך מיט לאַנגע געשלענגלטע פאות האָבן מיט נייגעריקע אויגן שעהנגווייז נאָכגעקוקט אין דער אָפענער טיר צום גאַס, ווי עס אַרבעטן און פירן זיך אויף אַט די „סאָציאַליסטן" מיט די בלויזע קעפּ און אָן אַרבע כנפות...

„האַחדות" איז געוואָרן אַ וועכנטלעכע צייטונג, דערשינען רעגלמעסיק און פּינקטלעך. געאַרבעט רעגלמעסיק אין פּובליציסטישן פּאַרטיי־פּאָליטישן טייל האָבן י. ב ן ־ צ ב י (אבנר), ב ן ־ ג ו ר י ו ן און א י ך. איך האָב געדרוקט אַרטיקלען אונטער די נעמען ז ר ב ב ל, י. י ש ר א ל י, ש מ ש ו ן, פעליעטאָנען אונטערן נאָמען ס ג י ־ נ ה ו ר, און קאָרעספּאָנדענציעס אונטערן נאָמען נ. ו ת י ק, י. וו. י. ח ב י ב, ט ו ב, און האָב פאַרעפנטלעכט אַ ריי ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען און טעאַטער־רעצענזיעס. אַ ריי אַרטיקלען האָט געדרוקט ר ח ל י נ א י ת. בן־גוריון האָט אָפּגעדרוקט אַ פּאָר בעלעטריסטישע זאַכן אונטערן פּסעוודאָנים ב ע ל ־ ה ח ל ו מ ו ת. שפּעטער איז אין רעדאַקציע אַריין י. ח. ב ר ע נ ע ר, וואָס האָט געפירט זיינע אַ באַזונדערע אָפּטיילונג „בחיינו ובעתונותנו" מיט דער אונטערשריפט ח. ב. צ ל א ל, וו ער פלעגט זיך אָפּרופן אויף זיין אייגנאַרטיקן ברענערישן שטייגער אויף דערשיינונגען און פּאַסירונגען אין „לעבן און אין ליטעראַטור". ער האָט געדרוקט אַרטיקלען אויך אַלס ב ר ־ י ו ח א י און י. ח. ב.

חוצדעם האָט ער זיך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען פאַר דעם בעלע־טריסטישן טייל פון דער צייטונג. ברענער האָט אויף ד ע ם געביט געהאַט אַ קלאָרן ציל: איבערזעצן פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געשלונגען ווי אַ דורשטיקער די יידישע בעלעטריסטיק, שפּירנדיק אין איר לעבנס־צאַפּל, געשריי פון ווירקלעכקייט, טרעפנדיק אין איר אויף שריט און טריט דעם האָ־רעפּאַשניק, דעם אַרבעטס־מענטש מיט זיין האָרעוואַניע און יסורים.

וויפל מאָל פלעגט מיך ברענער, אין שמועס, זוכן צו איבערצייגן, אַז ער איז מקנא אברהם רייזענען. רייזען שרייבט פאַר מאַסן, ער קען זייער לעבן, ער פאַרשטייט זיי און זיי לייענען אים און פאַרשטייען אים. רייזען שרייבט י ִי ד י ש, איז ער נאַטירלעך אין יעדן וואָרט און אויסדרוק!

— פאַרוואָס זשע שרייבט איר העברעיש? צי דען קאָנט איר נישט שרייבן יידיש?

— ביי מיר איז עפּעס אַנדערש, ס'איז אַ סוביעקטיווער ענין. א י ך וועל שוין בלייבן שטענדיק ביים העברעיש. עס איז אין בלוט. אפשר נאָך פון ישיבה, פון קלויז... אָבער אַזוי איז עס. ווייס איך, אַז כ'שרייב פאַר זיך, פאַר יחידים, פאַר וועמען לשון קודש איז אַן ענין פון טראַדיציע, פון רגילות, אָבער רייזען,

ליבין, ווייסנבערג — זיי זענען פ אָ ל ק ס־שרייבער אין אמתן זין פון וואָרט — דאַרף מען לפּחות די ליטעראַטור פון יידיש אַריבערוואַרפן אויף העברעיש. אין „האַחדות״ האָט ברענער דורכגעזעצט זיין פּראָגראַם.

איך געדענק, ווי ער האָט אָנגעקוואָלן פון רייזענס דערציילונג וועגן דעם אַלטן טרעגער, וואָס ביי אים האָבן זיך אויף די אַקסלען אָפּגעקוועטשט די צייכנס פון טרעגעריי און ער האָט זיי באַטראַכט ווי זיינע עפּאָלעטן... אַלס אויסצייכענונג.

אַ צייט שפּעטער איז צוגעקומען אין „האַחדות״ אויך אַלכסנדר כ אַ ש י ן. צוערשט האָט אים פאַרשמעקט מיטצואַרבעטן אין „הפּועל הצעיר״. דאָרט איז געווען די סמעטענע פון דער העברעישער ליטעראַטור. האָט ער מיך געוואָלט איבעררעדן, אַז דאָרט וועט ער געבן אַרטיקלען בלויז וועגן ל י ט ע ר אַ ט ו ר. אין ליטעראַטור איז דאָך נישט שייך פּאַרטייאישקייט.

אַלס סעקרעטאַר האָב איך אים גאַנץ קאַטעגאָריש דערקלערט: אָדער־אָדער. ער קאָן גיין צום „הפּועל הצעיר״, וויבאַלד אים ציט צו יענער אַכסניא. אָבער דאַן זענען פאַר אים די שפּאַלטן פון „האַחדות״ געשלאָסן. אויב ער האַלט, אַז זיינע ליטעראַרישע אַרטיקלען האָבן אַ ווערט, איז, אַדרבא, זאָל ער דערמיט העלפן דעם „האַחדות״ געווינען לעזער און סימפּאַטיקער...

ער איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון איבערצורייסן מיט דער צייטונג, זיין בלויז אין „הפּועל הצעיר״, הגם ער האָט זיך געוואָלט האַלטן אַלס „א ו מ ־ פּ אַ ר ט יי א י ש ע ר״, און איז געבליבן ביי „האַחדות״.

אָבער דאָס איז שוין פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד.

צווישן ארבעטער

איך האָב געוואָלט באַזוכן די פּונקטן, זען דאָס לאַנד, דערקענען די מענטשן, די טוער, פאַרבינדן זיך פערזענלעך מיט חברים. איך האָב פון תמיד אָן גע־שעצט דעם פּערזענלעכן עלעמענט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט.

כ׳האָב נישט סובל געווען די „קאַזיאָנשטשינע״, די טרוקענע אָפיציעליש־קייט, דעם טראַפּאַרעטן נוסח פון צירקוליאַרן, פון בריוו צו אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב ליב געהאַט צו ש ר ײ ב ן ב ר י ו ו און צו ל יי ע נ ע ן בריוו. ס׳איז באַזונדערס וויכטיק געווען צו קענען פערזענלעך דעם מחבר פונעם בריוו, אָדער דעם אַדרעסאַט, צו ווען דער בריוו ווערט געשריבן. אין אַזאַ פאַל האָט דאָך איין וואָרט, אַ געוויסע ווענדונג, צומאָל אַ רמז געקאָנט האָבן מער פּעולה, ווי די טרוקענע אינסטרוקציע, אָדער פאָדערונג אין נאָמען פון אַבסטראַקטער דיס־ציפּלין און אַחריות.

איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין יענע חברים, וואָס האָבן נישט קיין געדולד איבערצולייענען אַ בריוו אינגאַנצן, אַ פשיטא, אויב ער איז אַן אויס־פירלעכער, אַ לאַנגער און איז „צעלייגט אויף טעלערלעך".

איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט באַנעמען יענע אָנפירנדיקע חברים, סע־קרעטאַרן, וואָס האָבן אַ בריוו צו אַ חבר אָפּגעפּטרט איינס־צוויי, קיי און שפּיי. וואָס פאַר אַ ווירקונג קאָן אַזאַ טרוקענער בריוו האָבן אויפן חבר? קאָן דען אַזאַ בריוו אין אָפיציעלן לשון אָנרירן ביי אים וועלכע עס איז אינטימע האַרצנס־סטרונעס און אַרויסרופן אַ ווידערקלאַנג?

טאַקע דעריבער האָב איך פון תמיד אָן ליב געהאַט צו באַזוכן די פונקטן, זען זיי, ווי רעאַלע באַשעפענישן, זיין אין יעדן אָרט פּערזענלעך, זען מיט אייגענע אויגן פּנימער און פאַרגעדענקען בליקן, הערן מיט אייגענע אויערן שטימען, אויפנעמען דעם קלאַנג פון ווערטער, דערשפּירן אַן אַטמאָספער, דערקענען אַן אומגעבונג, אָפּט אָנשטויסן זיך אויף אַ צונויפפלאָנטער פון פאַרהעלטענישן, אָנרירן אַ קנויל פון סתירות...

און — אגב — האָט זיך טאַקע געגלוסט אַ קוק טאָן אויפן לאַנד. האָט דאָך דאָס לאַנד, מיט זיינע בערג און טאָלן, וואַסערן און פעלדער געלעבט אין אונזער פאָלקס־פּסיכיק מיטן כוח פון טויזנט יאָריקער טראַדיציע, איצט איז צוגעקומען זאַפט און קראַפט פונעם צאַפּלדיקן היינט, און ס'האָט געריי צט אַ חשק אויס־זוכן און אַרויסשפּירן דאָס אָנקומענדיקע פונעם מאָרגן.

האָב איך אין שליחות פון צ. ק. געשפּאַנט איבערן לאַנד: אין יהודה און אין שומרון, אין גליל התחתון און אין גליל העליון. אומעטום געהאַט רעפּע־ראַטן און פאַרזאַמלונגען. מיר איז נישט געגאַנגען דווקא אין אַ פונקט, ווו עס זענען פאַראַן אייגענע פּאַרטיי־חברים. ווו ס'זענען פאַראַן אַרבעטער, מעג אַפילו זיין בלויז אַ פּאָר געציילטע מענטשן — דאַרף מען זיי באַזוכן. אָבער גראָד אַזוי איז פאַראַן אַן אינטערעס צו באַזוכן יענע פונקטן, ווו ייִדישע אַר־בעטער זענען אינגאַנצן נישט בנמצא. די קאָלאָניסטן גופא זענען דאָך לעבעדיקע בלעטער פון דער ישוב־געשיכטע. אין גדרה, צי אין מתולה, אין עקרון, צי אין משמר הירדן, אין מלחמיה, אָדער צפת — אין יעדן אָרט איז דאָ צו דער־וויסן זיך עפּעס, צו פאַרשטיין און נאָך מער — צו לערנען אויף ווייטער.

ס'איז נישט געווען קיין באַזוך פון אַ טוריסט, וואָס כאַפּט אויף דאָס אויבערפלעכלעכע און איז זיך מסתפק במועט. אַבי ער האָט אין זיין נאָטיץ־ביכל נאָך אַ נאָמען פון אַ פונקט, נאָך אַן „אויסטערלישן טיפּ".

אין אונזער פאַל האָט די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פון יעדן פונקט און פון יעדן יחיד אויף פאַרשידענע פעלדער פון טעטיקייט, אין די מעגלעכסטע

באַדיגגונגען פון אַרבעט און גערעַנגל געזאָלט באַאײנפלוסן דעם פּראָגראַם פון ווייטערדיקער טעטיקייט, דעם כאַראַקטער און וועגן פון מאָרגנדיקן קאַמף.

די אַרבעטערשאַפט איז נאָך געווען קליין אין צאָל. פּאַרטייען אַרבעטערישע — צוויי: פּועלי־ציון און הפועל הצעיר. דערביי האָט הפועל הצעיר נישט פּרעטענדירט צו זיין אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. נישט נאָר איז ער נישט געווען סאָציאַליסטיש, אין אָנגענומענעם אייראָפּעיִשן נוסח, נאָר ער האָט זיך נישט באַטראַכט אַפילו אַלס טייל פון אַלוועלטלעכן י י ד י ש ן אַרבעטער־קלאַס. ער האָט נישט אָנערקענט דעם ק ל אַ ס ן ־ צ ו ג אַ נ ג צו דערשיינונגען אין יידישן לעבן און נישט געהאַלטן פון אַ באַזונדערן ק ל אַ ס ן ־ ג אַ נ ג אין ארץ־ישראל.

דאָ אַהער, אין ארץ־ישראל, קומט די יידישע י ו ג נ ט, וואָס שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע אַ ר י ב ע ר ג י י ן צ ו אַ ר ב ע ט. אַ ר ב ע ט ג ו פ א, פאַר זיך, איז אַן אַ י ד ע אַ ל, ווייל דורך אַרבעט וועט זי געפינען אַ תיקון פאַר זיך אִ י נ ד י ו ו י ד ו ע ל און אויף דעם וועג וועט זי אויך אויפריכטן דאָס ג אַ נ צ ע פ אָ ל ק אין ארץ ישראל..

„הפועל הצעיר" האָט דאָ, אין ארץ ישראל אָ נ ג ע ה ו י ב ן אַלץ פון אָנהויב, און פּאַקטיש פאַרלייקנט אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די יידישע מאַסן אין „גלות". די „פאַרלייקענונג פון גלות" איז געווען איינער פון די הויפּט־זיילן, אויף וועלכע ס'האָט זיך געבויט דער בנין פון הפועל־הצעיר. פון שטאַנד־פונקט פון באַנייונג, פון אָנהויב, פון חלוציות, איז פאַרן „הפועל הצעיר" דער עיקר געווען דער „אומקער צום באָדן", און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאַר אַ ר ב ע ט ע ר א י ן ש ט אַ ט.

פּועלי־ציון זענען דאָ אין ארץ־ישראל געווען שטרענג מאַרקסיסטיש, סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיש. זיי האָבן אויפגענומען ארץ־ישראל, ווייל די אויפריכטונג פונעם טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע איז אין די אינטערעסן פון אַ ל ו ו ע ל ט ל ע כ ן יידישן אַרבעטער־קלאַס. אויך אַנדערע קלאַסן פון יידישן פאָלק זענען פאַרינטערעסירט אין ארץ־ישראל, אָבער פאַר פּועלי־ציון האָט דעצידירט דאָס, וואָס דער י י ד י ש ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט נויטיקט זיך אין ארץ־ישראל. אין דעם האָבן זיי געזען די ערבות, אַז דער ציוניזם וועט רעאַליזירט ווערן, ווייל אין דער רעאַליזירונג איז פאַרינטערעסירט דער קלאַס, וועמען עס געהערט די צוקונפט. געוויס האָבן פּועלי־ציון געשאַצט דעם דע־צידירנדיקן ווערט פון אַגראַריזאַציע אין ארץ־ישראל, אָבער פּאַראַלעל דער־מיט האָבן זיי געזען די וויכטיקייט פון פּראָדוקטיוויזירן דאָס יידישע לעבן בכלל, אויך דורך איבעראַנדערשן די יסודות פון יידישן קיום אין שטאָט.

און נאָך עפּעס: פּועלי־ציון האָבן גלייך פון אָנהויב באַזירט נישט דווקא אויפן

ג ע וו אָ ר ע נ ע ם, נאָר אויפן „ג ע ב אָ ר ע נ ע ם" אַרבעטער. פאַראַן הונדערטער טויזנטער פּראָלעטאַריער, וואָס זענען אין אָט דעם סאָציאַלן מעמד, נישט מחמת זיי ווילן עס, נאָר ווייל זיי האָבן נישט קיין אַנדער ברירה. זיי דאַרף מען נישט אַגיטירן, אַז ס'איז גוט און ס'איז עטיש צו זיין אַ יגיע כפּימניק און לעבן פון אייגענער האָרעוואַניע. זיי איז נויטיק צו אָרגאַניזירן, זיי דאַרף מען לערנען צו קעמפן פאַר ענדערן די לאַגע פון אַרבעט און די באַדינגונגען פון אַרבעטער־קלאַס.

„הפועל הצעיר" און אַנדערע האָבן פאָרגעוואָרפן: איר קומט שוין מיט פּאַרטיקן סאָציאַליזם, בעת מיר האָבן נאָך נישט אַפילו קיין פונדאַמענט פון אונזער נאַציאָנאַלן בנין אין ארץ־ישראל. לאָמיר אַלע צוזאַמען אויפשטעלן דאָס הויז און דערנאָך, שפּעטער, וועלן מיר זיך אַמפּערן וועגן דעם „דאַך", דעם גייסט, וואָס זאָל הערשן אין אונזער געזעלשאַפט.

דערווייל איז אַ קאַמף פ אַ ר אַ ר ב ע ט, פּשוטו כמשמעו, פאַר שאַפן אַן אַרבעטער. קאָן מען זיך דערווייל נישט פאַרנעמען מיטן קאַמף פון די אַרבעטער גופא, ווי בײַ אַנדערע „פּאַרטיקע", נאַרמאַלע פעלקער.

פּועלי־ציון האָבן געענטפערט:

סאיז נישט ריכטיק דער ביישפּיל וועגן פריער אויפבויען די ווענט פון אַ הויז און דערנאָך דעם דאַך. קלאַסן־קאַמף איז נישט קיין „דאַך". דער סאָציאַליסטישער געדאַנק דאַרף בפירוש זיין אין י ס ו ד פון אונזער גאַנצער פּאַלעסטינע־אַרבעט, ווייל נאָר דאָס וועט באַרעכטיקן פאַרן יידישן אַרבעטער די קרבנות און די אָנשטרענגונגען, וועלכע עס פאָדערט פון אים דאָס ארץ־ישראל־ווערק.

פּועלי־ציון האָבן אויפגעהיט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט צווישן די יידישע אַרבעטער אין דער גרעסער וועלט און יענע גרופּן יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן באַוויזן זיך אויסצובילדן אין לאַנד.

פּועלי־ציון האָבן זיך באַמיט צו אָריענטירן די היגע, ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט אויף דער געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן און גורל מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס.

די רייבונגען צווישן פּועלי־ציון און „הפועל הצעיר" זענען געווען שאַרפע. בײַ דער אינטעליגענץ איז „הפועל הצעיר" געווען מער אָנגענומען. זי האָט זיך באַנוגנט מיט דעם נאַציאָנאַלן ראַדיקאַליזם און מיט דער „רעליגיע פון אַרבעט", וועלכע עס האָט געפּרעדיקט „הפועל הצעיר". ס'איז אין דעם געווען אַ סאַך עטישקייט און אויך אייגנטימלעכקייט, אָבער „נישט פון ביכער" און נישט פון מאַרקסן. ס'איז „תוצרת הארץ", אַ נייע ארץ־ישראלדיקע רעליגיע, וואָס

ציט יניקה פון דער היגערווירקלעכקייט און נאָכמער — פון דער גאַנצער היגער אַטמאָספער, וועלכע איז אָנגעטרונקען מיט די סאָציאַליסטישע מוסר־רייד פון די נביאים.

פועלי־ציון האָבן געהאַט צו קעמפן אַפילו פאַרן 1־טן מאַי, ער זאָל אָנער־קענט ווערן דורך יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. בעת דער ערשטער פייע־רונג פון פּראָלעטאַרישן יום־טוב אין פּתח־תקוה דורך אַ גרופּע פועלי־ציון מיט די חברים יחזקאל און חיה שרה כענקין בראש, האָט דער טעאָרעטיקער און גייסטיקער פירער פון „הפּועל הצעיר" א. ד. ג אָ ר ד אָ ן געהאַלטן פאַר זיין חוב אַ ר ו י ס צ ו ג י י ן צ ו ד ע ר אַ ר ב ע ט ד ו ו ק א א י ן ד ע ם ד אָ ז י ק ן ט.אָ.ג.

ס'איז אָבער געווען אויפפאַלנדיק, וואָס אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק האָבן זיך די אַרבעטער פון „הפּועל הצעיר" געהאַלטן גאַנץ נאָענט צו פועלי־ציון. וואָס מער איינער איז געווען ביי דער אַרבעט און פאַרזוכט דעם טעם פון עקספּלואַטאַציע נישט אין דער טעאָריע, נאָר אין דער פּראַקטיק, וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט דער ישוב און די סאָציאַלע דיפערענצן האָבן אָנגעהויבן שטעכן די אויגן, אַלץ מער אינטערעס האָבן די מאַסן אַרבעטער אַרויסגעוויזן צו די לאָזונגען פון פועלי־ציון.

פלעגט אָבער יעדעס מאָל אונטערקומען אַ נייע כוואַליע חלוצישע אימי־גראַנטן, וואָס זענען געגאַנגען זיך „מקריב זיין אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלן אויפ־בוי" און ווידער האָט זיך געשטאַרקט דער אַנטי־פּראָלעטאַרישער עלעמענט אין דער אַרבעטער־מאַסע פון ארץ־ישראל.

אנהויבן פון ארבעטער־ארגאניזאציע

ווי אַנדערשדיק און אייגנאַרטיק האָבן אויסגעקוקט די וועגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. אין פלוג איז דער געדאַנק פון אָרגאַ־ניזאַציע אויפגעקומען דאָ אַ סאַך שפּעטער, ווי אין אַנדערע לענדער, ווו אויך די יידישע גאַס האָט שוין פאַרמאָגט מעכטיקע אַרבעטער־פאַריינען, פאַרבאַנדן און אַפילו פּ אָ ל י ט י ש ע פּ אַ ר ט י י ע ן. פונדעסטוועגן האָט דאָ די דערפאַ־רונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער און יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַ לאַנגע צייט לגמרי נישט געווירקט, און די ערשטע יידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן פון פועלי־ציון זענען געשטאַנען געפּלעפטע פאַר די ספּעציפישע אומ־שטענדן, אין וועלכע עס האָט זיך געמאַטערט ביי איר געבורט די יונגסטע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין „הייליקן לאַנד".

די ארץ־ישראלדיקע אייגנטימלעכקייט האָט געשטאַמט דערפון, וואָס דער היגער ישוב האָט געהאַט זיין אייגענע, באַזונדערע געשיכטע. ער איז נישט

אַרויסגעוואַקסן ביסלעכווייז פון היגן באָדן און נישט געפּאַקט אויף היגער ערד, דורכמאַכנדיק לאַנגזאַם אָדער שנעל די נאָרמאַלע עטאַפּן פון אַנטוויקלונג; ער איז געווען אין זײַנע הונדערט פּראָצענט אַן אַריינגעקומענער, אַן אימיגרירטער. דערבײַ האָט די אימיגראַציע נישט געהאַט איין באַשטימטע פאַרב, און נישט איין און די זעלבע מאָטיוון האָבן באַוועגט אירע אַלע טיילן.

צוויי זענען געווען די הויפּט־שטראָמען פון יידישע איינוואַנדערער קיין ארץ־ישראל. די איינע האָט געצויגן דאָס רעליגיעזע, דאָס הייליקע, וואָס דאָס לאַנד האָט אין זיך איינגעזאַפּט זינט דורות און מבטיח געווען פולע הויפּנס דעם דורכשניטלעך גלויביקן רעליגיעז־דערצויגענעם ייד. די אַנדערע האָבן אויף ארץ־ישראל קאָנצענטרירט און פיקסירט זייערע שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער היינט־וועלטיקער ווידערגעבורט און אויפלעבונג.

האָבן זיך אין משך פון יאָרן אויספאָרמירט צוויי יידישע ישובים אין ארץ־ישראל — אַן אַלטער און אַ נייער. צווישןביידע האָט געלויערט א תהום פון קעגנערשאַפט און שנאה. זענען געשטאַנען איינע קעגנאיבער דער אַנדערער צוויי וועלטן, וואָס יעטוועדע האָט געזען די מעגלעכקייט פון אויפקום פאַר זיך נאָר דורכן אומקום פון דער צווייטער. ס'איז געווען נישט קיין צופעליקער ברוגז און מחלוקת פון אַמביציעזע פירער און גייציקע יחידים. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק די גאַנץ באַוווסטזיניקע לעבנס־ליניע, וואָס יעדער פון די צוויי ישובים האָט געוואָלט איינפירן און דורכזעצן ביי די יידישע מאַסן.

דער אַלטער ישוב איז געווען פאַרטאָן אין קדושה און געמאַכט געשעפט פון הייליקייט. זייט ביי זייט מיטן אומפּראָדוקטיוון, פּאַראַזיטישן לעבן אין ישיבות און אין שטיבלעך, ביי תהלים־זאָגער און וויל־לערנער, האָט מען זיך אויסגעקלוגט און אויפגעבויט אַ דרוקער־פּראָדוקציע, אַלס מאַטעריעלן יסוד פאַר הייליקע „ביזנעס”; זענען אויפגעריכט געוואָרן אין ירושלים גרעסערע און קלענערע דרוקערייען, ווו עס זענען געדרוקט געוואָרן הייליקע ספרים און ספרימלעך פאַרן פרומען גלות. אַ ספרל געדרוקט אין ירושלים האָט געהאַט מער חשיבות און אַ ווייט־אויסגעשפּרייטן אָפּזאַץ־מאַרק אין אַלע תפוצות ישראל.

האָבן זיך צונויפגעפּאַרט קדושה און טומאה אין אָט די דרוקערייען, וועלכע זענען געווען דער ערשטער אַרבעטס־פּלאַץ פאַר געדונגענע אַרבעטער אין ארץ־ישראלדיקן ישוב; די שענדלעכסטע עקספּלואַטאַציע האָט זיך אויסגעבויט אַ פעסטונג. מ'האָט דאָך געהאַט צו טאָן מיט פרומע יונגעלייט,

זענען איינגעשטעלט געוואָרן פּאַטריאַרכאַלע באַציונגען צווישן פּועל און באַלעבאָס, וועלכער האָט געהערשט איבערן אַרבעטער מיטן כּוח פון טראַ־דיציע, תורה און בית־דין. דאָ האָט אויך געפּאַסט די בייטש פון כּולל. אַרבעטער, אַלס מיטגלידער פון כּולל, האָבן באַקומען זייער חלק פון די צוגעשיקטע חלוקה־געלטער פאַר די כּוללים אין „לאַנד פון די אָבות". האָט דער אַרבעטער נישט געטאָרט צופיל איינרייסן מיטן באַלעבאָס, כּדי נישט אַרויסצורופן קעגן זיך דעם צאָרן פון כּולל און נישט פאַרלירן יענע קצבה, וואָס אָן איר האָט די אַרבעטס־שכירות נישט געקלעקט צום זשיפּען. דעם גרונט־טאָן פון אַלטן ישוב האָבן געגעבן די כּלי־קודש, וואָס האָבן אויסגעבויט כּלערליי מדרגות פון השפּעה און מאַכט איבער זייערע צאָן קדשים און נישט געלאָזט רירן דאָס פאַרגליווערטע.

דער נייער ישוב האָט אַלץ געבויט אויף אייגענער אַרבעט, אויף וועלטלעכער מאָדערנער קולטור, אויף פּראָגרעסיווע אידייען. דער אַלטער ישוב מיט זיינע מנהגים און געוווינהייטן, מיט זיינע אינערלעכע פאַרהעלטע־נישן און אָנגענומענע פירעכצן האָט געשטעקט פּלאָקנס אין די רעדער און געשטערט דער פרייער אַנטוויקלונג, געקעמפט פאַרביטערט קעגן דער נייער דערציִונג און אירע צילן, פאַרשאַלטן די דרכים פון די נייע אימיגראַנטן, זיך באַנוצט מיט דער קראַפט פון רעליגיעזן חרם און אין באַזונדערס וויכטיקע פאַלן אונטערגעטראָגן אַ מסירה דער פּאָליצייאישער מאַכט, אַבי עוקר מן השורש זיין די פּושעי ישראל, די „סאָציאַליסטן", „אַנאַרכיסטן"....

און נאָך אַ צעטיילונג האָט עקזיסטירט אין ארץ־ישראל אויף דער יידישער גאַס: אינעם „קיבוץ גלויות" האָבן זיך צונויפגעטראָפן מענטשן פון כּלערליי גע־מיינדעס, קהלות און גרופּן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט פון דעם איין יידישן פאָלק, צוליב זיין צעזייטקייט איבער פאַרשידענע מדינות. די הויפּט־טיילונג איז געווען צווישן אַשכּנזים און ספרדים. צו די ספרדים זענען צוגעקומען באַגלייט־גרופּן — די פאַרשידענע מזרח־עלעמענטן פון בוכאַרע און פון תימן, פון פּערסיע און פון גריכנלאַנד. דער גרעסטער טייל פון אָט די מזרח־יידן אין ארץ־ישראל איז פאַרבליבן אין דעם סאַמע פּרימיטיוון קול־טור־צושטאַנד און דעם אייראָפּעישן אימיגראַנט איז שווער געווען צוצוקומען צו דער שפּראַך פון זייער פּסיכיק. די מזרח־עלעמענטן זענען געווען אין אַ גרויסער מאָס דער אָנשפּאַר פאַר דער אַשכּנזישער אָרטאָדאָקסיע. דאָרט, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער מלחמת מצווה קעגן אַפּיקורסים זענען די אַשכּנזישע גאַטס־קאָזאַקן געווען זיכער צו קריגן די שטיצע פון די ספרדים און אַנדערע אָפּגעשטאַנענע, דערפאַר רעליגיעז־פאַנאַטישע גרופּן.

אָבער מחוץ דער מלחמה קעגן דעם נייעם ישוב, וואָס וויל ענדערן די מעשי בראשית, זענען פאַרבליבן פעסט די מ ח י צ ו ת צווישן די ספרדים און אַשכנזים, און דאָס האָט זייער געשטערט דעם אויפקום פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

לאָמיר זיין טריי דעם אמת פון דער געשיכטע און צוגעבן, אַז אויף וויפל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער אויפן יסוד פון סאָציאַליזם, אַלס באַזונדער אַרבעטער־קלאַס, האָט מען אַנגעטראָפן אין ארץ־ישראל די שאַרפסטע קעגנערשאַפט אויך מצד דעם בירגערלעכן טייל פון נייעם ישוב, אַריינגערעכנט די ציוניסטן, גרייליך אַנגעזעענע פירער און רעפּרעזענטאַנטן פון ציוניסטישע אַנשטאַלטן אין לאַנד.

כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר איז אין דעם פּרט דער ביטערער, עקשנותדיקער קאַמף, פול טראַגישע מאָמענטן, וואָס עס האָבן געפירט די דרוקער־אַרבעטער אין ירושלים. עטלעכע מאָל האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ פאַריין און געמוזט אים אַליין צעברעכן, ווייל זיי האָבן נישט באַוויזן אויסצוהאַלטן דעם איינהייטלעכן אַנגריף מצדן גאַנצן בירגערטום און קלער. ס'איז פּשוט געווען צו באַוואונדערן דעם אויסדויער און עקשנות פון די דרוקער־אַרבעטער. אַגב, כמעט אַלע געבוירענע אין ירושלים. זיי האָבן זיך אַליין, די אייגענע מיטגלידער, באַשוואָרן ביי ספר־תורה און געגעבן זיך אַ קעגנזייטיקן נדר, נישט צו פאַרלאָזן איינער דעם צווייטן און נישט אַרויסטרעטן פון פאַריין. זיך באַוואָרנט מיט אַ שבועה, אַז אַפילו דער בית־דין זאָל נישט האָבן קיין כוח צו ברעכן זייער נדר. ס'האָט איינמאָל בעת אַ שטרייק פּאַסירט, אַז דער בית־דין האָט זיך געשטעלט אויף דעם צד פון די אַרבעטער, אַנערקענט, אַז זייערע פאָדערונגען זענען גערעכטע. די פאָדערונגען זענען געווען: א) אַן אַרבעטס־טאָג פון 10 שעה אַנשטאָט 12 שעה. ב) די אַרבעטס־קאָנטראַקטן זאָלן זיין בלויז אויף אַ האַלב יאָר (אַנדערש איז אויסגעקומען, אַז באַנייט די קאָנטראַקטן האָט מען גרייליך אין אַ צייט, ווען די אַרבעט איז געווען שוואַך און דער באַלעבאָס האָט עס אויסגענוצט אַראָפּצודריקן די שכירות). ג) באַצאָלן פאַר יום־טובים (וואָס האָבן אין יאָר אויסגעמאַכט אַ דרייסיק טעג). דער בית־דין האָט נישט מתיר נדר געווען. דאָך זענען קעגן די אַרבעטער שאַרף אַרויסגעטרעטן די באַלעבאָטים בראש מיטן רעדאַקטאָר פון „חבצלת" פרומקין (דער פאָטער פון באַקאַנטן אַנאַרכיסטישן פובליציסט אַ. פרומקין און פון באַקאַנטן ריכטער אין ארץ־ישראל גד פרומקין). די באַלעבאָטים האָבן אויסגעזוכט דריי ספרדישע רבנים („חכמים"), וואָס האָבן זיך געלאָזט קויפן פאַר אַ גאַנץ קליינער סומע שוחד, און באַפרייט די אַרבעטער פון דער שבועה... פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אייגענעם רעליגיעזן געוויסן, האָבן שוין די אַרבעטער נאָכגעלאָזן און געגאַנגען צו דער

אַרבעט. אמת, די ערשטע פּאָדערונג האָבן זיי געוואונען, אָבער דערפאַר האָט מען זיי געצוואונגען אונטערשרייבן אַ טויט־אורטייל פאַרן פּ אַ ר יי ן.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן די אַרבעטער ווידער אויסגעבויט דעם פאַריין. אין יאָר 1909 איז צוליב אַ סכסוך אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק אין דרוקער־פאַך אין ירושלים. געוועזן שטרייק־ברעכער. געקומען צו געשלעגן. האָבן די באַלעבאַטים געגומען מסרן די אַרבעטער, רוסישע אונטערטאַנען, צום רוסישן קאָנסול, ער זאָל זיי אַרעסטירן, באַשר דאָס זענען „אַנאַרכיסטן”. ס'איז געווען די צייט פון „קאַפּיטולאַציעס”, ווען די אויסלענדישע קאָנסולן האָבן זיך אין טערקיי געפירט, ווי אין אַן אייגענער מדינה, געקאָנט טאָן מיט די אייגענע אונטערטאַנען, וואָס זיי האָבן געוואָלט. מ'האָט געפּועלט ביי דעם עסטרייכישן און דייטשן קאָנסול און אויך ביים טערקישן פּאַשאַ, זיי אַלע זאָלן אויסאיבן אַ דרוק אויפן רוסישן קאָנסול. דער עסק איז אָבער נישט געלונגען, און דער גאַנ־צער באַלעבאַטישער עולם האָט זיך מאָביליזירט אין אַן אינערלעכן איינהייטלעכן פראָנט קעגן די אַרבעטער. די מאַכערס פון די כוללים איז געלונגען צוצוציען נישט נאָר די פאָרשטייער פון יק"אַ (אַנטעבי) און פון דייטשן הילפס־פאַריין (אפרים כהן־רייס), נאָר אַפילו אַזעלכע משכילים, ווי י ח י א ל מ י כ ל פ י נ ע ס און ד ו ד י ע ל י ן, ווענען דער קלעריקאַלער בית־דין האָט שוין געוועסט פאַרשאָלטן אַלס אַפּיקורסים...

אָט די גאַנצע קאַליר־פולע חברותא האָט געחתמעט אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן „אין נאָמען פון פאָלק און י ש ו ב” געפאָדערט אַרויסצוטרעטן קעגן די אַלע „חברות, וואָס ווילן זיך באַנוצן מיט גוואַלט־מיטלען” און געמאָלדן, אַז „ס'איז פאַרווערט יעטווידן מענטש אין ישראל אָנצונעמען אַוועלכן עס איז אַרבעטער אָדער געבן אַרבעט יענע, וואָס ס'איז באַוווסט, אַז זיי זענען פאַרבונדן מיט די חברות, ביז זיי וועלן אַרויסגיין פון יענעם בונד און צוזאָגן, מער זיך נישט אומקערן”.

די אַרבעטער האָבן זיך נישט צוריקגעצויגן. זיי זענען שוין געווען אַ צייט לאַנג פאַרבונדן מיט פועלי־ציון און פון זיי אינסטרואירט. האָבן די אַרבעטער אויפגעשטעלט אַ מין פּעטיציע צום ירושלימער פּאַשאַ, וו זיי האָבן אויפגעוויזן זייער רעכט זיך צו אָרגאַניזירן און אויפגעקלערט, אַז דאָס קעמפן זיי אַצינד פאַר אָט דעם ר ע כ ט זייערן צו אָרגאַניזאַציע. ס'איז אַוועק אַ דעמאָנסטראַציע צום פּאַשאַ. צוערשט איז זי באַשטאַנען פון אַ 60 דרוקער־אַרבעטער, אויפן וועג איז זי זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן צו ע ט ל ע כ ע ט ו י ז נ ט מאַן סימפּאַטיקער, און דאָס ע ר ש ט ע מאָל האָט איבער די גאַסן פון הייליקן ירושלים געהילכט די

„מאַרסעליעזע", „זאָל לעבן די פרייהייט!", „זאָל לעבן דער דרוקער־פאַריין!"

זענען דעם זעלבן אויפדערנאַכט געקומען פון יפו די פאָרשטייער פון ציוניסטן, דער שריפטשטעלער מרדכי בן הלל הכהן און דער דירעקטאָר פון אַנגלאָ־פּאַלעסטינע באַנק ז. ד. לעוואָנטין. ס'האָט געהייסן, אַז מ'איז געקומען שלום מאַכן. האָט זיך אָבער גלייך אַרויסגעוויזן דאָס, וואָס מיר האָבן שפּעטער אָנגעטראָפן אויף שריט און טריט. די ציוניסטן האָבן מורא געהאַט פאַר דער אַרבעטער־אָרגאַניזירונג; אין די קלאַסן־צוזאַמענשטויסן האָבן זיי געזען אַ געפאַר פאַר דעם ישוב, פאַר זיין נאַציאָנאַלן כלל־ישראל־גאַנג. האָבן די ציוניסטישע עסקנים... פאַרראַטן די דרוקער־אַרבעטער. לעוואָנטין האָט אַרויסגעשליידערט דעם אַרבעטערישן שטרייק פאָנד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַנק, פאַר וועלכער עס האָבן שוין דאַן געאַרבעט מיט אַזוי פיל פלייס אויף פועלי־ציון אין אייניקע לענדער, און ווו עס האָבן אָן שום תנאים געקאָנט היטן זייערע געלטער כלערליי מענטשן און אָרגאַניזאַציעס.

מרדכי בן הלל הכהן האָט געפּועלט מיט ווייכע זיסע ריידעלעך ביי די אַרבעטער, זיי זאָלן איינגיין איבערצוגעבן דעם סכסוך פון דאָס ניי צו די רבנים, און די אַרבעטער האָבן פאַרלאָרן אי זייערע פאָדערונגען, אי זייער פאַריין.

מיר האָבן זיך מיט אַ כיוון אָפּגעשטעלט עטוואָס אויספירלעכער אויפן ביישפּיל פון דרוקער־פאַריין אין ירושלים. ס'איז געווען דער ערשטער כוחות־פאַרמעסט צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים אין שטאָט. האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט דאָס מאָל אָנצוקוקן פון דער נאָענט שוין ביי די ערשטע טריט די געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן און סאָציאַלע קרעפטן, וואָס וועלן מאַכן יד־אַחת איז קאַמף קעגן יידישן אַרבעטער און זיין אָרגאַניזירונג גראַד אין דעם לאַנד, ווו ער וועט זיין דערווירקלעכער בויער פון לעבן און שמידער פון פאָלקסגליק.

און דאָך. טראָץ דעם דאָזיקן פאַרייניקטן אָנגריף מצדן אַלטן און נייעם ישוב פון ספרדים און אַשכנזים, טראָץ דעם געשפּאַן פון תורה און השכלה אין איין שענדלעכער העץ־קאַמפּאַניע קעגן די אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזיר־אָנשטרענגונגען, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אויך אין ארץ־ישראל זיך געררוקט פאָרויס.

איך דערמאָן זיך די אומגעהויערע ווירקונג, וואָס אויף דעם קאַמף פון די דערמאָנטע דרוקער־אַרבעטער האָט געהאַט די עצם עקזיסטענץ פון דער דרו־

קעריי „אַחדות". ה' ז א ב א י ר, וואָס האָט מיט ליבע און ממש דירנדיקער איבערגעבנקייט צונויפגעשטעלט די דרוקעריי און זי אָפּגעהיט, האָט פאַרשטאַנען איר קאַמפּס־שליחות אויך אַלס אַרבעטס־צענטער פאַר יענע אַרבעטער, וועלכע מען דאַרף אַרויסהעלפן בעת זייער געראַנגל מיט זייערע פּיאָווקעס־באַלעבאַטים. האָבן אַ פּאָר אָפּגעזאָגטע אַרבעטער באַקומען אַרבעט אין אונזער דרוקעריי. איז עס געווען נישט בלויז אַ זייער נויטיקע מאַטעריעלע שטיצע פאַר זיי: נישט ווייניקער וויכטיק איז געווען דער פאַקט, וואָס זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדער גייסטיקער סביבה, אין דער אַטמאָספער פון חברישקייט, פון פּראָ־לעטאַרישע באַציונגען. זענען די ירושלימער בחורים איבערגעבאָרן געוואָרן. בפירוש געוואָרן אַנדערע, נייע מענטשן.

דעם שענסטן מוסטער האָבן אונז יענע אַרבעטער געגעבן אין דער פּערזאָן פון דעם ירושלימער בחורל י צ ח ק, וואָס האָט געאַרבעט אין אונזער דרוקעריי און אין מאָמענט פון סכנה פאַרן גליל, זיך מאָביליזירט אַהין. ער האָט מיטגע־נומען מיט זיך קיין גליל, צו זיין נייער אַרבעט דעם נאָמען „אַ ח ד ו ת י", וואָס איך האָב אים לויט זיין בקשה צוגעטראַכט. י צ ח ק א ח ד ו ת י — אַן אָנדענק פון דער דרוקעריי „אַ ח ד ו ת", פון סאָציאַליסטישן אידעאַל וועגן אַ ח ד ו ת פון אַלע אַרבעטער... מיט דעם נאָמען „אַחדותי" האָט דער ירושלימער דרו־קער־אַרבעטער, אויפגעצויגן דורך פּועלי־ציון, צו נייעם לעבן, אויך געפונען זיין ט ו י ט אין מרחביה און אַריין אין פּאַנטעאָן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, אין „יזכור".

מיר האָבן נישט פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט אינעם אַלטן ישוב. זייער אָפט האָבן מיר אויסגעזוכט אין די פאַרחושכטע, אויסגעקרומטע געסלעך פון דער אַלטער שטאָט, איינצלנע און גרעסערע גרופּן אַרבעטער, מיט זיי געפירט שמועסן וועגן די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון סאָציאַליזם. מיט די מזרח־עלעמענטן און אויך מיט די אַשכנזים, וואָס זענען געבוירן אין ירושלים, האָט מען געדאַרפט נוצן אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך. אַלץ איינס: יידיש, אָדער העב־ברעיש — די שפּראַך פון דער אַגיטאַציע, די בילדער און די באַגריפן האָבן מיר גענומען פון חומש און תנ"ך, די ביישפּילן האָבן מיר אויסגעקליבן פון מדרש און גמרא. דאָס איז ג ע ו ו ע ן זיי פ אַ ר ש ט ע נ ד ל ע ך. זיי האָבן אַזוינס גע־קאָנט גיכער און ריכטיקער תופס זיין, ווייל ס'האָט זיי נישט געשלעפּט אין נייע וועלטן. ס'איז געווען עטוואָס ענלעך צו דער אַגיטאַציע, וואָס אהרון ל י ב ע ר־מ אַ ן און משה לייב ל י ל י ע נ ב ל ו ם האָבן געפירט מיט יאָרצענדליקער פריער אין „האמת" און אין „אספת חכמים", און אויסן געווען די יידישלעכע אינטע־ליגענטן פון ישיבה און קלויז. דער חילוק צווישן יענער סאָציאַליסטישער משנה

און אונזער ירושלימער אַגיטאַציע איז געווען דער, וואָס מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט אמתע יגיע־כפּימניקעס, מיט אַרבעטער, וואָס דעם ענין עקספּלואַטאַציע און סאָציאַלע אומגלייכקייט האָבן זיי געוווּסט פון אייגענער טאָג־טעג־לעכער ביטערער ל ע ב נ ס ־ ד ע ר פ אַ ר ו נ ג. דערפאַר פלעגן טאַקע יעדעס מאָל ביי די צוהערער אויפגלאַנצן די מידע, עצבותדיקע אויגן און דער געפּאה׳טער קאָפּ האָט צוגעשאָקלט זיין הסכמה און פולע צושטימונג צו די אויספירן פון פּראָפּאַגאַנדיסט, ווי אַנומלטן צו דער קלאָר־געוואָרענער האַרבער סוגיא ערגעץ אין גמרא.

אונזער אַגיטאַציע האָט געהאַט קאָנקרעטע רעזולטאַטן. פון צייט צו צייט האָט אונז אָפּגעגליקט און מיר האָבן „געראַטעוועט אַ יידיש לעבן". געוווּנען פון אַלטן ישוב אַ נייעם מיטגליד, וועמעס אויגן ס׳האָבן זיך געעפנט און ער האָט דערזען אַ וועלט, ווו סגילטן אַנדערע אינטערעסן און ס׳רייצן אַנדערע גלוסטונגען. אונזער פּלאַן איז געווען, בּרענגען דערצו, אַז אָט די יחידים, אַרויסגעכאַפּטע פון זייער צעפוילטער סביבה און פּסיכיש־אידעאָלאָגיש איבער־געאַנדערשטע, זאָלן דערנאָך אַליין ווערן אַגיטאַטאָרן מיט דער אויפגאַבע צו באַאיינפלוסן די געוועזענע סביבה זייערע אויף ז י י ע ר שטייגער. ווער נאָך, ווי ז י י, קאָן זיך טויגן צו אָט דער „מיסיע"? זיי ווייסן די אייגנאַרטיקע בויטן פון יענע גרופּן, זיי האָבן דעם געהעריקן צוטריט צו יענער פּסיכיק, זיי וועלן האָבן דעם טאַקט, נישט ווי צו טאָן מיטאַמאָל, נאָר פאַרזיכטיק פּאַראַ־ליזירן דאָס טראַדיציאָנעלע.

מיר האָבן נישט געטראָפן. על פּי רוב האָבן די אַרויסגעראַטעוועטע יחידים פיינט באַקומען זייער נעכטיקע סביבה און נישט מסוגל געווען אָרגאַניש האָבן מיט איר פון דאָס ביי וועלכע עס איז מגע ומשא. זיי האָט שוין געצויגן צו אונז, צו די „רוסישע", צו אונזער אַרט לעבן און טעטיקייט. זייער אידעאַל איז געווען — ווערן אַזעלכע ווי מיר. זיי האָבן געחלומט וועגן אַ ס י מ י ל י ר ן זיך אינ־גאַנצן מיט די אַ ש כ נ ז י ם.

אויף וויפל כ׳דערמאָן זיך חברים פון צווישן די ספרדים, האָבן זיי אַלע שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ ש כ נ ז י ש ע מיידלעך; זיי איז שווער געווען צו געפינען אַ גייסטיקן קאָנטאַקט מיט די אָפּגעשטאַנענע, דער סביבה אונטער־טעניקע ספרדישע מיידלעך...

פון צווישן דער ספרדישער יוגנט, וואָס האָט זיך אונטער דער השפּעה פון אונזער אָרגאַניזאַציע דערנענטערט צום נייעם ישוב — וויל איך דאָ דער־מאָנען דעם איצט באַקאַנטן טאַלאַנטפולן העברעישן שריפטשטעלער י ה ו ד ה ב ו ר ל א און זיין חבר, דעם העברעישן לערער און טוער ד ו ד אַ ב י ש ר. אין

די זעלבע יאָרן האָבן מיר געוווּנען אויך אַ טייערן מוטיקן, ענערגישן קאָוו־קאָזער יונגנמאַן, יוסף בנימיני, ער האָט געהאַט אַ, משטיינס געזאָגט, שפייז־„געוועלבל״, אין אַ בלעכענעם באַראַקל פּונקט אַנטקעגנאיבער אונזער דרוקעריי אויפן ראָג פון יפוער גאַס און דער איצטיקער גאַס פון קעניג דזשאָרדזש. מיר פלעגן ביי אים איינקויפן שפייזן און גאַנץ אָפט כאַפּן אַ שמועס. ער האָט זיך אין ירושלים אַסימילירט מיט די אַשכנזים, גערעדט אַ געשמאַקן יידיש; בעת דער מלחמה, זענענדיק אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָט ער גע־נומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי, ספּע־ציעל אין קליוולאַנד, זיך אומגעקערט מיטן „יידישן לעגיאָן״ פון אַמעריקע און געווען צווישן די גרינדער פון כפר אביחיל, וווּ ער איז אויך דער־מאָרדעט געוואָרן.

אין יפו האָבן מיר צוגעקריגן אַ תימנער בחור יצחק נדב, וואָס האָט אין אונזער סביבה באַקומען דעם נאָמען יצחק תימנער. ער האָט זיך איינ־געלעבט זייער היימיש מיט אונז אַלע, געווען אַ גוטער טרייער חבר פון דער פּאַרטיי. אויפן ערשטן בליק האָט זיך נישט געגלויבט אין זיין תימנישער אָפּ־שטאַמונג. אַ ברייט־פּלייציקער, פעסט געבויטער געזונטער בחור מיט אַ זעל־טענער גוטמוטיקייט. ער האָט גערעדט פליסיק אַ פאָלקסטימלעכן געשמאַקן יידיש. געווען פון די ערשטע „השומרניקעס״, איינער פון יענער חברה, וואָס האָט דעם ערשטן פּונקט אין עמק יזרעאל, מרחביה, באַאַרבעט און באַשיצט און שפּעטער אויך אין תפיסה דערפאַר געזעסן.

און ווידער די זעלבע געשיכטע. יצחק תימנער האָט נישט געהאַט קיין שום השק צו חברן זיך מיט זיינע תימנים...

די פּאַרטיי האָט געפירט אינטענסיוו די אויפקלערונג און אָרגאַניזיר־טעטיקייט אויך צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אין ירושלים.

מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן ספּאָרט־קלוב „מכבי״. צווישן זיינע גרינדער און ערשטע קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן מיר געהאַט צוויי חברים: מ. חסין־אַרנוני און דער שרייבער פון די שורות. מיר איז אויסגעקומען אויפצוטרעטן אין נאָמען פון „מכבי״ אויף עפנטלעכע ספּאָרט־פאַרזאַמלונגען און אויך פאַר אַ יום־טובדיקן עולם פון פיל טויזנטער מענטשן אויפן פּלאַץ פון שמעון הצדיק ל״ג בעומר.

אין יפו איז אונזער אינטערעס געווען מער געווידמעט די אַרבעטער. יפו, איידער ס׳איז געווען תל־אָביב, האָט געדינט אַלס צענטער פון נייעם ישוב. דורך יפו איז אַדורך דער שטראָם איינוואַנדערער פון גלות. דאָ האָט זיך אויפגעהאַלטן דער אָנגעקומענער אַרבעטער איידער ער איז אַוועק אין

קאָלאָניע. דאָ איז ער געווען יעדעס מאָל, ווען ער איז געצוווּנגען געווען צו מאַכן אַ הפסקה אין זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערגעבורט, און גע־בליבן אָן אַרבעט. דאָ, און שפּעטער אין חיפה, זענען אַנטשטאַנען די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון נייעם ישוב. דאָ זענען געווען אומצאָליקע קליינע וואַרשטאַטלעך פון אַלט־היימישע בעלי־מלאכות.

אין די יאָרן 1909־10־11 איז נאָך אויסגעקומען צו פירן די אַגיטאַציע פאַר די ערשטע קעמערלעך פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, פאַר אויפשטעלן אַרבעטער־קאָמיטעטן אַלס אַנהויב פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַר איינ־אָרדנען וועלכע עס איז, פּרימיטיווע אַרבעטער־אינפאָרמאַציע, פאַר דעם פּרוּוו אויפשטעלן אַרבעטער־קיכן, פאַר אַ וועלכער עס איז פאָרם פון אַנטשעדיקונג ביי אָפּזאָגן אַן אַרבעטער.

און אַפילו ביי אָט די עלעמענטאַרע אָנהויבן האָט מען זיך כסדר אָנגעשטויסן אויף דער בכיוונדיקער פאַרביסענער קעגנערשאַפט מצד אַ היבשער צאָל אַרבע־טער צו יעטוועדער פאָרם פון קלאַסן־אָרגאַניזאַציע. אונטער דער השפּעה פון „הפועל הצעיר” האָבן זיי געוויכט פון קלאַסן־אָריענטאַציע און געבלאָזן אין ציוניסטישן תחיה־שופר, אַז אין ארץ־ישראל זענען זיי מוכן ומזומן אָוועקצו־קוקן פון די סאַמע עלעמענטאַרע סאָציאַלע רעכט, היות ווי דאָס פאַרלאַנגט דער העכערער אינטערעס פון נאַציאָנאַלן אויפבוי.

די דאָזיקע מליצה האָט נישט געהאַט קיין סאַך האַפט אין שטאָט. דאָ האָט צופיל געריסן דער פאַקט פון קלאַסן־אומגלייכקייט, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער און פאַרמאָגט די זעלבע פאָרם, ווי אינעם פאַרפלוכטן „גלות”. דער אַרבעטער אין שטאָט האָט נאָך דענסטמאָל נישט געפילט, אַז אויך ער בויט דאָס לאַנד. בויען בויט מען דאָך נאָר אין קאָלאָניע, דאָרט, ווו מען גייט־איבער צו לאַנדווירטשאַפט, צו באָדן. איז, מילא, אין דאָרף — צוליב בויען ארץ־ישראל — איז כדאַי פאַרבויגן דעם אייגענעם אינטערעס. אָבער אין שטאָט, — פאַר וועלכע מעשים טובים זאָל איך זיך דאָ לאָזן שפּייען אין קאַשע און דער באַלעבאָס זאָל האָבן אין מיר דאָס געוואַר? אין שטאָט איז דעריבער פונדעסטוועגן אָנגעגאַנגען, הגם מיט לאַנגזאַמע שריט, דער פּראָצעס פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־אָרגאַניזירונג.

נישט דער ערך שווער איז געווען די זאַך אין דאָרף. דאָרט האָט דאָ־מינירט דער אידעאַליסטישער מאָמענט, און די גרייטקייט צו קלאַסן־נאָכגיביקייט, צו סאָציאַלע וויתורים האָט דאָרט פאַרכאַפּט גאָר באַדייטנ־דיקע קרייזן.

צוליבן קאַמף קעגן פועלי־ציון דערלויבט מען זיך אַפט צונויפמישן צוויי גאַנץ באַזונדערע באַגריפן: אידעאַליזם אין האַנדלונג און טאַט און אידעאַליסטישע וועלט־באַנעמונג אָדער וועלט - אַנשויונג. פועלי־ציון האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט ארץ־ישראל און אויפן באָדן פון ארץ־ישראל אויסגעבראַכט גאַנצע אוצרות אידעאַליזם, געצייגט מוסטערן פון מסירת נפש פאַרן אידעאַל, וואָס וועלן שפּייזן דורות און דורות יידישע אַרבעטער נישט נאָר אין לאַנד, נאָר אין אַלע לענדער פון יידישער אויסגעשפּרייטקייט. פועלי־ציון האָבן אין דער זעלבער צייט פאַרמאָגט אַ מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון געשיכטלעכע דערשיינונגען און פּראָצעסן. זיי האָבן די איינוואַנדערונג און באַזעצונג פון ארץ־ישראל געבויט און אָריענטירט נישט אויף אידעאַליסטישע מאָטיוון, נאָר אויף מאַטעריעלע נויטן און אינטערעסן פון מאַסן. זיי זענען באַשטאַנען דערויף, אַז מאַסן וועלן גיין קיין ארץ־ישראל און זיך פאַרוואָרצלען אינעם לאַנד נאָר דערפאַר, ווייל זיי וועלן דאָ האָבן די געלעגנהייט צו באַפרידיקן אָט די מאַטעריעלע אינטערעסן. פון דעם האָבן זיי געדרונגען, אַז די אַרבעטער־פּיאָנערן מוזן, בכן, אויך זייערע ערשטע טריט שטעלן אַזוי, אַז מאַסן זאָלן זיין אימשטאַנד זיי נאָכצוגיין.

אַוודאי קענען יחידים זיין אידעאַליסטן און זיך מקריב זיין לטובת הכלל. זיי פאַרמאָגן דעם כוח מוותר צו זיין אויף ריין פּערזענלעכע, ריין אינדיווידועלע באַדערפעניש, אָפּזאָגן זיך פון זייערע ספּעציעלע רגילותן און האָבן אין זינען אויסשליסלעך דעם קאָלעקטיוו און זיין נוצן. אָט דעם אינדיווידועלן אידעאַליזם האָבן פועלי־ציון אָנערקענט, אַליין אים פאַרמאָגט און מאַניפעסטירט ביי יעטוועדער געלעגנהייט. אָבער מאַסן, האָבן זיי געהאַלטן, קאָנען און טאָרן נישט פאַרבויגן זייער אינטערעס; מאַסן טאָרן זיך נישט און וועלן זיך נישט מקריב זיין. זיי אַליין זענען דאָך אָט דער כלל, וואָס זיין טובה דאַרף מען אויסן־זיין, וואָס זיין גליק איז דער אידעאַל, פאַר וועלכן מען קעמפט. געוויס, אויפן וועג צום אידעאַל, אין קאַמף פאַר אים וועלן זיך מאַסן נישט אָפּשטעלן אויך פאַר קרבנות. זיי וועט נישט אָפּשרעקן דער אומקום נישט פון יחידים, און נישט פון הונדערטער, פון טויזנטער. אָבער נאָר דאַן, ווען זיי וועלן האָבן די אינערלעכע איבערצייגונג, אַז אָט די קרבנות פירן אומבאַדינגט צום כללישן מאַטעריעלן גליק.

די ערשטע, די פּיאָנערן דאַרפן שטענדיק האָבן אין זינען די נאָכקומענדיקע מאַסן. אָן ספק איז אַן אידעאַליסטיש־געשטימטער בחור מסוגל צו פּינסטערן אַפילו אין אַ שטאַל, גלייך ווי דער אַראַבישער אַרבעטער, און לעבן אויף אַ

פאר פרוטות. ער וועט שעפן כוח אין דעם באוווסטזיין, אז דערמיט וועט ער
אויסקאנקורירן דעם אראבער און איבערצייגן דעם יידישן קאלאניסט, אז צוליב
זיינע פראפיט־אינטערעסן איז נישט נויטיק צו באשעפטיקן דווקא אן אראַ־
בער. מען קען פונקט אזוי גוט מצליח זיין דורך עקספלואטירן א יידישן
ארבעטער. אדרבא, אין לעצטן פאל וועט דער קאלאניסט זיך קאנען איבער־
נעמען, באשר דורך עקספלואטירן דעם יידישן ארבעטער בויט ער ארץ
ישראל און האט א חלק אין „בנין הארץ". איז עס דאך לכל הדעות א גוט
געשעפט...

אזוינס קאן א יחיד. מאסן וועלן דערויף נישט איינגיין. מען קאן נישט
בויען דאס לאנד דורך פארקנעכטן דאס פאלק. א יחיד, א נעכטיקער אינ־
טעליגענט קאן האבן דעם אויפריכטיקן פארלאנג אויסצוטאן זיך פון „אינטע־
ליגענטישקייט" און גיין אין „פאלק"; ער קען זיך שטעלן אלס ציל צו פראלע־
טאריזירן זיך פיזיש, אריבערגיין צו פשוטער ארבעט, און צוזאמען דערמיט
אויסליידיקן הארץ און מוח פון אלע דערווארבענע קולטור־באגריפן און גע־
וווינהייטן, צו וועלכע די מאדערנע געזעלשאפט האט זיך דורך דורות ציווי־
ליזאציע דערהויבן און דערשלאגן.

דער יחיד קאן זאגן: א כפרה די „פוסטע", „פאלשע" קולטור־מסורה, ביי
אים קאן ווערן א מין ספארט אומצוגיין אן אפגעלאזענער, א שמוציקער,
א פארוואקסענער, נישט נעמען א בוד אין האנט, שפיגלען זיך אינעם שווארצן
אינטער די נעגל, ווי דאס וואלט געווען א שווארצע אבלות־ראם נאך דעם
נארישן קולטור־לעבן פון פריער ... איצט, ענדלעך, איז מען גלייך מיט די
פשוטע, אומקולטורעלע ארבעטער. „עמך — רידל און אקער"...

אבער אט די גאנצע „פילאסאפיע" איז דורך און דורך אן אינטעליגענטיש־
דעקאדענטישע, א פראדוקט פון דעם, וואס מען האט זיך איבערגעגעסן מיט
קולטור, אנגעפרעסן און אנגעזויפט אויפן חשבון פון מיליאנען צוריקגע־
שטאנענע, גייסטיק באעוולטע, וועמען מען האט נישט צוגעלאזן אפילו צו פאר־
זוכן דורך זייער ארבעט און דערפארונג דעראבערטער ציוויליזאציע...
אין ארץ־ישראל איז פאראן די נויטיקייט און עס זעט זיך פאר די אביעקטיווע
מעגלעכקייט אוועקשטעלן די יידישע מאסן אין אזעלכע באדינגונגען, ווו ארבעט
און די אויף איר אויפגעריכטע קולטור וועלן נישט זיין צעקריגט און צעשיידט,
נאר אויסבילדן א הארמאנישע גאנצקייט. דא איז בפירוש א פארברעך צו
פראפאגאנדירן אזא אפזאג פון העכערע קולטור־באדערפענישן, פון קולטור־
פאדערונגען לגבי די ארבעטער. באשר דער אינטעליגענט פון נעכטן, וואס
ווערט אן ארבעטער לשם אידעאל, איז שוין איבערגעזעטיקט מיט קולטור,

זאָל דעריבער דער אַרבעטער אַלס קלאַס לכתחילה צו דעם נישט צוקומען און דערפון נישט טועם זיין ? ?!

היינט צו טאָג, ווען עס ווערן געשריבן אָט די שורות, איז שווער צו באַנעמען אַ סאַך דערשיינונגען פון אַמאָל און נישט יעדערן איז גרינג תופס צו זיין דעם קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן אין די רייען פון די אַרבעטער גופא מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק אין ארץ־ישראל. היינט באַמיט זיך דער אָרעמסטער אַרבעטער־קאָלעקטיוו איינצופירן ביי זיך די מעגלעכסטע טעכנישע באַקוועמלעכקייטן, ווייל דאָס האָט, ווייזט זיך אַרויס, אַ פּעולה אויך אויף דער אַרבעטספעיקייט און פּראָדוקטיוויטעט פון די חברים. היינט קאָן זיך עין־שמר איבערנעמען מיט דער איינריכטונג פון בית־הכסא, פונקט ווי מרחביה מיט די באָד־צימערן און תל־יוסף מיט דעם עס־זאַל. היינט מוז יעדער איינער, וואָס וויל געווינען מאַסן, זען גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַרייַנען און קעמפן פאַר פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון אַרבעט און לעבן פון די מאַסן, ווייל אַנדערש איז נישט געמאָלט קיין לאַנג־אָנהאַלטנדיקע השפּעה אויף אַרבעטער־מאַסן.

ס׳איז אָבער דורכויס כדאַי אומקערן זיך צו דעם גאָר נאָענטן עבר און זען, ווי שווער עס איז אָנגעקומען די ערשטע סאָציאַליסטישע טוער, דער ערשטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּועלי־ציון דער קאַמף פאַר די סאַמע פּשוטע און איינפאַכע אָנהויבן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. און וואָס ס׳איז דערביי ספּעציעל אויפפאַלנדיק: דער קאַמף איז גאַנץ אָפט געווען געווענדעט נישט אַזוי קעגן דעם האַרט־לייביקן באַלעבאָס און אונטערנעמער, ווי קעגן דער איידעלער, ראַפינירטער אידעאַליסטישער אויפפאַסונג פון די הי־געוואָרענע אַרבעטער... מ׳האָט ביי די פרישע פּראָלעטאַריער געדאַרפט דערציען די פּסיכאָלאָגיע פון אמתע, איינפאַכע אַרבעטער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן די ריכטיקייט פון אַן אַלטן מאַרקסיסטישן כלל: דערמיט, וואָס דער קליינבירגערלעכער עלעמענט גייט אַריבער צו אַרבעט, קריגט ער נאָך נישט אַזוי שנעל, אַזוי אויטאָמאַטיש די פּסיכאָלאָגיע פונעם אַרבעטער. עס באַמבלען זיך אים נאָך, ווער ווייסט ווי לאַנג, די פּסיכישע אייגנשאַפטן און נטיות פון זיין פריערדיקן סאָציאַלן מעמד. פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע ביי אַן ערשט געוואָרענעם אַרבעטער קומט נישט פון העלער לופט; זי ווערט דערוואָרבן דורך אַ לענגערן פּראָצעס פון אָרגאַנישן אַריינוואַקסן און אַריינלעבן זיך אין דער נייער פּראָלעטאַרישער סביבה.

אין ארץ ישראל איז די אַלגעמיינע יידישע אומגעבונג געווען נישט קיין גינסטיקע פאַר דעם שנעלן טעמפּ פון דעם אָנגעוויזענעם פּראָצעס. סיי דער

נאַציאָנאַלער ע ב ר און סיי דער נאַציאָנאַלער ע ת י ד האָבן זיך געקלאָמערט אַרום יעדן געקומענעם אין לאַנד און אים אָנגערעדט די ערגסטע זאַכן אויפן סאָציאַ־ליזם, וועלכער מוז ברענגען אַן אומגליק אויף דער לעצטער האָפנונג פון פאָלק ישראל... איז בעסער נישט שטיין אין זיינע ד׳ אַמות און נישט צונויגן דאָס אויער צו זיינע רייד, וואָס, מעשה שטן, קלינגען זיי אָפּ, אונטער די בלויע ארץ־ישראל־הימלען, זייער ענלעך צו דעם נביאישן „והיה באַחרית הימים״...

האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל געשפּאַנט, גיכער געהונקען מיט געפּענטעטע פיס און פליגל.

אויב אין ש ט אָ ט האָבן מיר געהאַט צו קעמפן מיט אָ פּ ג ע ש ט אָ נ ע נ־ק יי ט פון אַרבעטער, האָבן מיר אין ד אָ ר ף געהאַט צו ראַנגלען זיך דווקא מיט אַ קולטורעל־אַנטוויקלטן, אויפגעקלערטן, אינטעליגענטן עלעמענט.

דאָ זענען געווען אַלץ אַ ר יי נ ג ע ק ו מ ע נ ע. זיי זענען ס׳רוב געקומען צוליבן אידעאַל פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר אויפלעבונג. פאָלק, לאַנד, שפּראַך — דאָס האָט פּאַרפלייצט דעם מוח און נישט צוגעלאָזט קיין שום אַנדער געדאַנק, וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין די באַשטימטע ראַמען פון דער אַ ל ג ע מ יי נ ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר א י ד ע אָ ל אָ ג י ע. אָבער צו דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען די פּועלי־ציון־עליה פון ראָסטאָוו, פון האָמעל... געווען פאַרשידענע פּרוון צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון די קאָלאָניעס אין איין אָרגאַניזאַציע, און יעדעס מאָל האָט עס געפּלאַצט. אַזאַ מזל האָט געהאַט די אָרגאַניזאַציע „החורש״. דאָס נעמלעכע האָט פּאַסירט מיט דעם פּרווו פון „עבודה״.

ביז עס זענען אונטערגעקומען צוויי אויסערגעווינלעכע דערשיינונגען, וועלכע האָבן גורם געווען דערצו, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן ערנסטער ממשותדיקער שריט צו דער אויפריכטונג פון אַן אָרגאַניזאַציע אויפן דאָרף.

אין 1911 איז אויסגעבראָכן אין גליל אַ שאַרפער קאַמף צווישן די אַר־בעטער און דעם דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער פערמע כ נ ר ת, דעם טרוי־עריק באַרימטן אַגראָנאָם ב ע ר מ אַ ן. דער דאָזיקער בערמאַן האָט געשמט מיט זיין באַציונג צו די אַרבעטער און מיט זיינע קאָמבינאַציעס, ווי אַזוי אָפּצונאַרן די אַרבעטער דורך געבן זיי כלערליי הבטחות, פון וועלכע עס פלעגט זיך שפּעטער אויסלאָזן אַ טייך. די אַרבעטער אין גליל האָבן שוין מיט דריי יאָר פריער דערקלערט אַ ב אָ י ק אָ ט אויף כנרת, כל זמן דאָרט רעגירט בערמאַן. דער באָיקאָט איז געבראָכן געוואָרן דורך אַרבעטער פון יהודה, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אָנרעדן פון בערמאַנען און געגאַנגען צו אים אַרבעטן. ס׳האָט זיך גוקם געווען דער פאַקט, וואָס עס עקזיסטירט נישט קיין אַ ל ג ע מ יי נ ע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פון אַ ל ע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. אַפילו נישט קיין

אָרגאַניזאַציעס אין יעדן טייל באַזונדער: אין גליל און אין יהודה. בערמאַן האָט ווייטער געפירט זיין מיסווירטשאַפט, אַריינגעיאָגט אין קאָלאָסאַלע הוצאות און אין וואַקסנדיקע דעפיציטן. אין דער זעלבער צייט האָבן די אַרבעטער אין דער פערמע נישט געהאַט די מינדסטע איינאָרדנונג און נישט געקאָנט פועלן מען זאָל אָנשטעלן לפחות עפּעס אַ פעלדשער, אַ פּאַרמאַצעווט אויפן פאַל פון קראַנק־הייט. דאָס האָט מען געפאָדערט נישט מחמת מ׳האָט געוואָלט מקיים זיין אַ טעאָרעטישן פּרינציפּ וועגן מעדיצינישער הילף. כנרת האָט זיך געהאַט קונה שם געוועזן צוליבן פיבער, וואָס האָט דאָרט כסדר געבושעוועט און משלח געווען געגוג חברה אויפן עולם האמת.

האָט פּאַסירט אַ פאַל מיט אַן אַרבעטער, וואָס איז געשטאָרבן פון פיבער, און די געמיינע אויפפירונג פון דעם דירעקטאָר האָט אַריינגעגאָסן דאָס לעצטע ביסל גאַל אין כוס פון פאַרביטערונג. די אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט, אַרויס־געשטעלט אַ ריי פאָדערונגען, וואָס דער ציוניסטישער „פּאַלעסטינאַ־רעסאָרט״ האָט זיי שוין געוווסט אויף אויסנווייניק. דאָס מאָל איז צוגעקומען אַ נ י י ע אולטימאַטיווע פאָדערונג: אָ פּ ז אָ ג ן ב ע ר מ אַ נ ע ן, דעם דירעקטאָר פון דער פערמע.

צ ו ו י י וו אָ כ ן האָט געדויערט דער שטרייק ביז ד״ר ר ו פּ י ן דער לייטער פון „פּאַלעסטינאַ־רעסאָרט״ האָט באַוויליקט צו קומען, הגם געוויינלעך פלעגט ער שנעלער מאַכן זיינע באַזוכן. גאַנצע פ י ר טעג האָבן זיך געצויגן די אונטער־האַנדלונגען אויפן אָרט צווישן ד״ר רופּין און די אַרבעטער. ד״ר רופּין האָט אָנערקענט אַלע פאָדערונגען, נאָר געפּסקנט, אַז „ביידע צדדים״ זאָלן פאַרלאָזן די פערמע. ער האָט נישט געוואָלט צוגעבן עפנטלעך און דעמאָנסטרירן, אַז די אַרבעטער האָבן אויסגעפירט, אַז זיי קאָנען דיקטירן דער נאַציאָנאַלער ריי־רעקציע ת נ א י ם... די אַרבעטער האָבן זיך צוערשט געבריקעוועט און נישט געוואָלט נאָכגעבן. האָט ד״ר רופּין אַרויסגעפּאַקט דעם „נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן געפיל און באַוווסטזיין״, באשר דאָ קאָן מען זיך נישט פירן ווי אין אייראָפּע, עלעהיי ס ת ם קאַפּיטאַליסטן און ס ת ם אַרבעטער. פאַראַן דאָך דאָ עפּעס אַ געמיינזאַמע אַחריות פאַר „בנין הארץ״. צו זיין שטוינונג האָבן זיך די אַרבעטער נישט גע־לאָזט פאַרנאַרן פון ד ע ם סאָרט מוסר. איז ד״ר רופּין ענדלעך געפאַלן אויף אַ „המצאה״ און גענומען זיך בעטן, מען זאָל א י ם פּ ע ר ז ע נ ל ע ך טאָן אַ טובה. דאָס אָוועקגיין וועט, חלילה, נישט באַדייטן, אַז די אַרבעטער זענען טאַקע אין דער אמתן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט אין דער פערמע. ניין. גלייך וועט קומען אַ צווייטער דירעקטאָר, אַגראָנאָם ג אָ ל ד ע, און די אַלע אַרבעטער וועלן זיך אומקערן. ד ע ר ו ו י ל נאָר, לפנים וועגן מוזן זיי אָבער פאַרלאָזן די פערמע.

זיי וועלן האָבן די סאַטיספאַקציע, וואָס בערמאַן וועט טאַקע אויך שטענדיק פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.
די אַרבעטער האָבן געפאָלגט.

דער שטרייק אין כנרת און זיינע רעזולטאַטן האָבן געווירקט אויסניכטערנדיק אויף די אַרבעטער. זיי האָבן זיך, ראשית, איבערצייגט, אַז דורך קאַמף קאָן מען אויספירן דאָס, וואָס זיי האָט נישט אָפּגעגאָלטן דורכצופירן אין משך פון דריי יאָר פשרות און אונטערהאַנדלונגען. צווייטנס, האָבן זיי איצט געזען בחוש, ווי וויכטיק עס איז צו האָבן אַ שטענדיקן פאַסיקן קאַמפס־פעיקן רעפּרעזענטאַטיוון אָרגאַן, ווי אַ שטייגער דער, וואָס זיי האָבן צופעליק געהאַט בעתן שטרייק.

און נאָך איין אויספיר האָט זיך ממש געבעטן: נעמלעך — אויב מיטן שכל קאָן דער אַרבעטער לייקענען די נויטיקייט צו פאַרטיידיקן זיינע קלאַסן־אינטערעסן און אַרויסווייזן די גרעסטע גלייכגילטיקייט צו דעם „פון ביכער אַרויסגעלייענטן קאָנפליקט אויפן באָדן פון דער איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער אַרבעט", איז אָבער בשום אופן אוממעגלעך צו דערשטיקן דעם אינסטינקט פון אַרבעטער, דעם אינסטינקט, וואָס איז ביי אים אין בלוט, און פּראָטעסטירט קעגן עוולה און אונטערדריקונג כלומרשט אין נאָמען פון עפּעס אַ העכערן ציל. ניין, נישטאָ, און עס קאָן נישט זיין אַזאַ העכערער עניין, וואָס צוליב אים זאָל דער אַרבעטער זיין מחויב צו לאָזן זיך טרעטן דורך יעדן מנוול אויפן קאָפּ און אויסשפּייען די נשמה...

דער רוף צו אָרגאַניזירונג האָט ביי די אַרבעטער אין גליל געפונען צו יענער צייט אַן אָפּקלאַנג אויך צוליב דעם, וואָס די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט געהאַלטן ביים דורכפירן פּראַקטיש אין לעבן דעם אָפּגעהיימערישן עקספּערימענט פון אַ קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין מרחביה. פון אויסלאַנד האָט געדאַרפט קומען אַ לייטער, אַן אַגראָנאָם, דיק. אויפן אָרט און טיילווייז אין אויסלאַנד האָבן געזאָלט רעקרוטירט ווערן אַרבעטער־מיטגלידער פאַר דער געזעלשאַפט. די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט געבראַכט צו געבן צוויי מיטגלידער אין דער פאַרוואַלטונג.

דאָס אַלץ האָט געפאָדערט באַטראַכטונג, שטעלונג און צוגרייטונג מצד די אַרבעטער. האָט געמוזט קומען אַן אויטאָריטעטע אינסטיטוציע און זאָגן איר וואָרט. אַזאַ איז נישט געווען בנמצא אין לאַנד. ס'איז אַלץ צעפאָרן. יעדע גרופּע אַרבעטער ווירקט אויף אייגענער אַחריות. איז נויטיק אַ קאָנפערענץ. אַגב, דער עקספּערימענט וועט רעאַליזירט ווערן אין מרחביה, האַרט נעבן גליל. מוזן די אַרבעטער פון גליל דערין מטפל זיין.

פּסח 1911 איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין גליל אין אומדזשוני (היינטיקע דגניה). אַ פּאָר וואָכן פאַר דער קאָנפערענץ בין איך אין שליחות פון אונזער פּאַרטיי אַרומגעפאָרן איבערן גליל, באַזורט פאַרשידענע פּונקטן, אומעטום געהאַט פאַרזאַמלונגען און צוגעגרייט די אַרבעטער צו דער קאָנפערענץ און צו די פּראָבלעמען, וואָס זי וועט האָבן צו לעזן. אין גליל זענען פּועלי־ציון געווען אַ כוח. קודם כל דורכן „השומר", וועלכער האָט געהאַט די וואָך אין די אַלע קאָלאָניעס פון אונטערשטן גליל. דאָן איז געווען אַ פּועלי־ציוניסטישע פעסטונג — מרחביה.

אויף דער צווייטער זייט ירדן, אין דער עלטסטער אַרבעטער־קבוצה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אינגאַנצן לויט דער איניציאַטיוו און אויפן יסוד פון דער דערפאַרונג פון די אָרטיקע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דער קערן פון דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין לאַנד. באַטייליקט האָבן זיך בלויז 17 דעלעגאַטן (8 אַרבעטער האָבן געווילט 1 דעלעגאַט).

אויף יענער קאָנפערענץ איז געווען גרויס די קעגנערשאַפט צום געדאַנק וועגן גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע. די חברים וועלן נישט האָבן, וואָס צו טאָן. די אַרבעטער, דער עיקר וועט זיין עובדא זיין: פּאַרטיידיקן אונזערע אָנגעזיי זענען צעשאָטן און צעוואָרפן איבער פאַרשידענע פּונקטן אָן שום פאַרבינדונג. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אָרעם און וועט נישט צושטעלן קיין גענוגנדיקן שטאָף פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע. מיט דער צייט וועט מען מוזן אויפשטעלן אַזאַ, אָבער דערווייל איז גענוג אַן אַנפיר־אָרגאַן, אַ רעפּרעזענטאַנץ. אַט דער קאָמיטעט וועט האָבן צו רעגולירן אויך דאָס אינערלעכע לעבן פון די אַרבעטער. דער עיקר וועט זיין עובדא זיין: פּאַרטיידיקן אונזערע אָנגעלעגנהייטן כלפּי חוץ.

אין שייכות מיטן אָפּענהיימערישן פּלאַן זענען געלופטערט געוואָרן גרינט־פראַגן. ס'איז געווען אַ פראַגע וועגן דעם באַשטימטן פון אויבן פקיד. צי מוז מען האָבן אַזאַ איינעם, אָדער מען קען זיך באַגיין אָן אים? צי איז עס אָן ענין בלויז וועגן אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער, אָדער דער לייטער איז נויטיק אין עיקר, כדי פירן די גאַנצע ווירטשאַפט; אויפשטעלן בנינים, שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט, — דאָס אַלץ פאָדערט וויסן, דערפאַרונג און אויך באַשטימטע אייגנשאַפטן, טאַלאַנט. זיכער וועט מען דאַרפן קעמפן פאַר איינשטעלן אַנדערע, מער מענטשלעכע באַציונגען צווישן ווירטשאַפטלעכן לייטער און די אַרבעטער, אָבער פון דעם דרינגט נאָך לגמרי נישט, אַז מ'דאַרף בכלל אָפּשאַפן דעם אַמט פון אַ לייטער.

נאָך קאָמפּליצירטער איז געווען די פראַגע וועגן דעם געמיינזאַמען לעבן אין דער נייער קבוצה. אַפילו ביי אַרבעטער, וואָס פאַרייניקן זיך אין אַ קבוצה אויף אַ צייט פון איין יאָר, קומען־פאַר רייבונגען און קאָנפליקטן. נאָר וואָס דען? ס׳איז דאָך פאַרט בלויז אויף א יין יאָר. קאָן מען זיך באַהערשן און דורכשטופּן די צייט, אַז די אַרבעט גופא זאָל דערפון נישט ליידן. אָבער די אָפּענהיימערישע קבוצה איז אַן ענין נישט אויף איין יאָר. מ׳קאָן נישט בויען דערויף, וואָס מ׳וועט די מענטשן כסדר אויסטוישן. מען מוז לכתחילה זיפּן און אָפּקלייבן פאַרזיכטיק דעם מענטשן־מאַטעריאַל, עס זאָלן דאָרט אַריינקומען נאָר אַזעלכע, וואָס זענען ווירקלעך, לויט זייער גאַנצער נאַטור און פסיכישער קאָנ־סטרוקציע, געצויגן צו אַ שותפותדיקן קאָמונע־לעבן.

ס׳איז אויך געשטאַנען די פראַגע וועגן נ י ש ט ־ ג ל י י כ ע ש כ י ר ו ת, פאַרשידענע לוינען פאַר די מיטגלידער. אין פלוג, ווי שיקט זיך אַזוינס? דאָ וועט זיין אַ פלאַץ פאַר אינערלעכע אַמפּערייען, פאַר קנאה און פאַרריסנקייט און אין רעזולטאַט — אומגלייכקייט אויף אַ ל ע אַנדערע געביטן. ס׳קאָן אָבער גריילעך זיין פאַרקערט, אַז דאָס זאָל אַנשפּאַנען די ענערגיע, אַרויסרופן די פּערזענלעכע איניציאַטיוו און אויפוועקן דעם חשק פון פ אַ ר מ ע ס ט, וואָס וועט מיט זיך מיטברענגען געשטייגערטע פּראָדוקטיוויטעט און פאַרשנעלערטן טעמפּ פון אַרבעט.

און נאָך אַלעמען קומט מען צו צו אַ פּשוטער זאַך, וואָס איז אָבער דער עיקר פון אַלע עיקרים: מען קאָן צו אַזאַ עקספּערימענט נישט גיין, אויב עס פעלט דער ג ל ו י ב ן אין דער נויטיקייט און וויכטיקייט פון דעם פּלאַן, אין דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אים. קוים איז אַזאַ גלויבן פאַראַן, איז שוין נישט שווער בייצוקומען שטערונגען און גובר זיין שטרויכלונגען.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעדריקט איר סימפּאַטיע צום אָפּענהיימערישן פּלאַן און זיך פאַרפליכטעט מיטצוהעלפן זיין פאַרווירקלעכונג מיט וואָס זי וועט קאָנען.

אין „האַחדות״ האָבן מיר באַגריסט דעם אויפטו פון דער קאָנפערענץ, אונטערגעשטראָכן, אַז שוין דער עצם פאַקט, וואָס זי איז פאָרגעקומען, איז פון גרויסער באַדייטונג. עס איז אַ באַווייז, אַז די אַרבעטער זענען נישט פאַר־צווייפלט און נישט גלייכגילטיק צו זייער גורל. זיי האָבן באַטראַכט, נישט אָפּ־געריסן, די אַלע ענינים פון שטאַנדפּונקט פון אַ ר ב ע ט ע ר און באַ־טאָנט דעם פּרינציפּ פון ז ע ל ב ס ט ע ט י ק י י ט. האָבן מיר פאַרפיקסירט: ד אָ ס א י ז ד ע ר ו ו ע ג, וואָס פירט צו אַ פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר א ו י ס ג ע ה אַ ל־ט ע נ ע ר פּ אָ ל י ט י ק.

נאָכן גליל איז געקומען יהודה. שבועות דעם זעלבן יאָר 1911 איז אין עינגנים ביי פתח־תקוה פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די אַרבע־טער אין יהודה, ביי דעם אָנטייל פון 27 דעלעגאַטן (12 פון פתח־תקוה, 5 פון לוד (בן־שמן), 4 פון חדרה, 2 פון חולדה, 2 פון רחובות, 1 פון ראשון לציון און 1 פון כפר סבא).

סאַראַ גוואַלדיקער אונטערשיד צווישן די צוויי קאָנפערענצן: אין גליל און אין יהודה. ס׳האָט זיך געשפּירט, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט גאָר אַן אַנדער טיפּ אַרבעטער. ער איז אין עצם געקנאָטן פון זעלבן טייג, וואָס דער גלילער. אָבער די אומשטענדן פון זיין אַרבעט, די סביבה איז דאָ לגמרי אַן אַנדערע, נישט צו פאַרגלייכן. אין גליל האָט זיך דער יידישער אַרבעטער געפילט, ווי ביי זיך אין דער היים. דאָ שאַפט ער, דאָ לייגט ער אַרויף זיין שטעמפּל אויף דעם, וואָס האַלט זיך ערשט אין פאָרמירן. איז פאַר די אַרבעטער אין גליל נישט געווען כלל קיין שאלה, צי ס׳איז נויטיק אַן אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי זאָל די אָרגאַניזאַציע געבויט ווערן?

אין יהודה האָבן זיך די פאַרזאַמלטע אַרבעטער פאַרשטייער פאַרנומען מיט דער פראַגע: צי איז ווירקלעך פאַראַן אַ נויטיקייט צו אָרגאַניזירן זיך? אין יהודה עקזיסטירן גאַנץ פעסטע רייכע יידישע ישובים מיט טויזנטער און טויזנ־טער אַרבעטס־פלעצער, און דאָך פעלט אַן אָרט אַפילו פאַר די פאַר הונדערט יידישע אַרבעטער. דער יידישער אַרבעטער האָט דאָ נישט, ווו צו אַנטפּלעקן זיין שאַפונגס־איניציאַטיוו, אַרויסברענגען זיין אייגנאַרט; די קאָלאָניסטן האַלטן דאָ נישט פון יידישער אַרבעט און אויך נישט פון יידישער שמירה. אָט טאַקע די זעלבע פתח־תקוה, אין שכנות פון דער קאָנפערענץ, האָט דאָך נישט איינמאָל באַשפּיגן דעם יידישן אַרבעטער און אים גערודפט דורך דעם שענדלעכסטן מיטל פון געזעלשאַפטלעכן עקאָנאָמישן באָיקאָט. טאָ צו וואָס די גאַנצע מי און אָנשטרענגונג, וויבאַלד ס׳איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן?

און דאָך האָט מען געפילט אויף דער קאָנפערענץ, אַז דער יידישער אַר־בעטער האָט אויך אין יהודה זיך פאַרוואָרצלט און מען וועט ביי אים נישט פועלן, ער זאָל שטעלן אַ מצבה אויף זיינע האָפנונגען דאָ. ס׳איז שוין אַזוי תמיד: דער איינצלנער אַרבעטער פאַלט אַריין אין יאוש און זעט נישט קיין אויסוועג. איז גענוג, ער זאָל זיך באַהעפטן מיטן קאָלעקטיוו, און פון זיך, פון פאַרבאָר־גענע טיפענישן קוואַלט אַרויס מוט און מונטערקייט און ס׳הערט זיך פאַר דעם בליק אַ וועג, מעג עס זיין אַפילו בלויז אין דער ווייטער ווייט...

אויף דער קאָנפערענץ אין יהודה האָט מען זיך אָפּגעגעבן, ווי געזאָגט, מיט דעם פּראָבלעם פון אָרגאַניזאַציע אין תוך: צו וואָס אַן אָרגאַניזאַציע?

אַ וואָסער כאַראַקטער דאַרף האָבן אַזאַ אָרגאַניזאַציע? די מערהייט האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז ס'וועט נישט זיין קיין ריין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. ס'איז נישט קיין ענין פאַר אונז צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אַן עקאָנאָמישע, וואָס זאָל זאָרגן דערפאַר, אַז דער אַרבעטער זאָל פאַרדינען נאָך אַ גרוש דעם טאָג. אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע וואָלט זיך פאַרנומען רק מיט פירן שטרייקן, אָדער עפּעס ענלעכס צו דעם. ניין, נישט דערין נויטיקן מיר זיך. מ'דאַרף שאַפן אַן אידעאַליסטישע אַטמאָספער, וואָס אַ דאַנק איר ווירקונג וועט דער אַרבעטער זיין פעיק צו פאַרבלייבן אין לאַנד אַפילו אין די ערגסטע באַדינגונגען. ווען מיר וואָלטן געהאַט אין זינען מאַטעריעלע באַדערפענישן, וואָלט געווען אַ סאַך גלייכער, מיר זאָלן פאָרן אין אַנדערע לענדער און דאָרטן אַרבעטן. ארץ ישראל פאָדערט אידעאַליזם. ארץ ישראל נויטיקט זיך אין אידעאַליזם. אויב עס מערקט זיך לעצטנס א יאוש ביי די אַרבעטער, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל עס פעלט דער מין אידעאַליזם.

דער אַלטער אַ. ד. גאָרדאָן האָט גערעדט טיף און שיין וועגן אידעאַליזם, וועגן דעם ציוניזם, וואָס האָט פריער געאַרבעט נאָר אין דער ברייט און איצט הויבט ער אָן גראָבן אין דער טיף. די פאַרטיפונג פון אַ געדאַנק ביי זיינע אָנהענגער קומט נאָר אין רעזולטאַט פון זייער ליידן פאַר אים. די יסורים דערנענטערן דעם אידעאַל און מאַכן אים אייגענער צו זיינע טרעגער. גאָרדאָן ווייס נישט, צי איז איצט די רעכטע שעה פאַר אַן אייגהייטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דאָס וועט די צייט ווייזן. דער עיקר איז: וויבאַלד דער מענטש דערפילט דעם אידעאַל ביי זיך אינעווייניק אין האַרצן, ווען ער איז קאַפּאַבל זיך מוסר נפש זיין פאַר אים, — דאַן קאָן מען גאָר אַ סאַך אויפטאָן. ווען מיר האָבן דריי הונדערט אַזעלכע געזונטע פרישע יונגע מענטשן, וואָלט אונזער תחיה־אידעאל געווען זיכער...

פּועלי־ציון האָבן באַשטריטן די משונהדיקע אַנטי־סאָציאַלע איינשטעלונג פון „הפּועל־הצעיר”. ס'איז פאַלש צו מיינען, אַז אַן עקאָנאָמישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז באַרופן מער נישט צו ווידערהאָלן איין פונקציע און כסדר „איינאָרדנען שטרייקן”. זי נעמט אַרום אַלע אָנגעלעגנהייטן און עלעמענטן, וואָס זענען ביכולת צו פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען דעם אַרבעטער. געוויס איז דער פונדאַמענט, די באַזע פאַר דעם אַלעם די מאַטעריעלע לאַגע. אָבער אויף איר קומען־אויף און וויקלען זיך פאַנאַנדער אויך די איבעריקע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ענינים. יעדע אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט איר אידעאַל, די צילן, צו וועלכע זי שטרעבט. דער אידעאַל רופט־אַרויס און שאַפט אינערלעכע איבערגעבנקייט, די מסירת נפש צו דער אַרבעט. אָבער רוחניותדיקער

לופטיקער אידעאַליזם, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, מוז זיך מיט דער צייט אויסוועבן און צעגיין ווי רויך. לעבנס־קראַפט פאַרמאָגן נאָר יענע אידעאַלן, וואָס ווערן נישט צוגעטראַכט, נאָר שטאַמען און שפּראָצן־אַרויס פון דער אַרבעט גופא. דער קאַמף פאַר די גינסטיקע באַדינגונגען פון אַרבעט איז אַ קאַמף דירעקט פאַרן אידעאַל. דריי הונדערט און דריי טויזנט אידעאַליסטן זענען נאָך ווייט נישט קיין ערבות פאַר דער רעאַליזירונג פונעם אידעאַל, אויב זיי וועלן זיין „אויסדערוויילטע", אַ מין „אַריסטאָקראַטישע שיכט", צו וועלכע די מאַסע וועט קיינמאָל נישט נתעלה ווערן צוליב די מאַטע־ריעלע באַדינגונגען פון איר לעבן, וואָס וועלן זי תמיד ציען צוריק, אַראָפּ...

איז אויפגעשוועמען אַ וויכוח וועגן צוויי מינים אַרבעטער: אשכנזים און תימנער (און אַנדערע מזרח־עלעמענטן). די ערשטע זענען פאַרגעשטעלט געוואָרן, ווי אַרבעטער־שעפער, וואָס כישופן־אויס ניי־לעבן; די אַנדערע זענען סתם־אַרבעטער, וואָס טוען זייער מלאָכה און — יוצא. די תימנער קאָן מען אויסנוצן בעת מען דאַרף אויסקאָנקורירן די אַראַבער. געזעלשאַפטלעך זענען זיי רוי און טויגן צו גאָרנישט. די אשכנזים, ווידער, זענען אידעאַליסטן, זיי זענען מסוגל אָפּצוגעבן זיך אַן אידעאַל און אויסהויערן נייע פאָרמען און אינהאַלט פון לעבן. אין ארץ־ישראל איז נישט גענוג, וואָס עמיצער אַרבעט סתם, מחמת ער דאַרף האָבן אויף ברויט. עס מוז זיין די פרייד פון אַרבעט, די חדוה פון יצירה, וואָס שטראָמט אַריין אין די אָדערן דורך דער אינטימער באַרירונג מיט פאָטערלענדישער ערד. אַזוינס זעט מען נאָר ביי די אשכנזים, און גראָד איז זייער צאָל לעצטנס פאַרמינערט געוואָרן, שטייט די אויפגאַבע צו פאַרמערן דעם אשכנזישן עלעמענט. דאָס איז מעגלעך דורך קבוצות. לאו דווקא ווי אין גליל, פאַר לענגערן דויער. גענוג, אויב אַזאַ קבוצה וועט איבערנעמען קאָלעקטיוו באַאַרבעטן אַ פּרדס, בפרט פון יענע אייגנטימער, וואָס וווינען נאָך דערוויל אין אויסלאַנד. וואָלט מען אַזוי אַרום געהאַנט פאַרגרעסערן די צאָל יידישע אַרבעטער. (ס'האָט זיך, ווי מיר זעען, שוין דאַן געפיקט דער געדאַנק פון שפּעטערדיקער אָרגאַניזאַציע „יכין").

אויך אין דעם פונקט, בנוגע די תימנער האָבן פועלי־ציון דעמאָלט פאַרטראָטן אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. מ'קאָן נישט אָפּשעצן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז נאָר די אשכנזים זענען ראוי צו זיין טרעגער פון אידעאַלן. די תימנער האָבן דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלע היסטאָרישע אַנטוויקלונג. קוים וועלן זיי פירן אַן אַנדער, פּראָדוקטיוו לעבן, זיין מיט אונז אין די זעלבע אַרבעטס־באַדינגונגען, — וועלן זיי בלי ספק זיך איבעראַנדערשן אויך געזעלשאַפטלעך. איז עס נישט ווילד, וואָס דווקא יענע, וואָס האָבן אַ פולן מויל מליצות וועגן

גאַנצקייט און איינהייט פון דער יידישער נאַציע, ווענדן אָן אין דער פּראַקטיק די שיטה פון טיילן די יידישע מאַסן אין באַזונדערע לאַגערן און רעדן אַצינד אין ערשטער ריי וועגן די אַ ש כ נ ז י ם. האָבן דאָך די זעלבע מענטשן ערשט־וואָס געזען די גאַנצע ישועה פאַרן תחיה־אידעאַל גראָד אין די תימנער, וועלכע עס האָט אַראָפּגעבראַכט ש. יבנאלי, אַ דאַנק זיין משיחישן גאולה־רוף אין תימן... די תימנער, האָט מען געהאָפט, וועלן רעאַליזירן דעם פּרינציפּ פון יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס. דאַן האָט מען געבויט גריילעך דערויף, וואָס די תימנער זענען זיך מסתפק במועט, האָבן נישט אַזעלכע גרויסע הצתרכותן, ווי די אייראָפּעישע אַשכנזים. וועלן זיי לגבי דעם קאָלאָניסט זיין „אַראַבער בצורת יידן", און ער וועט גערן מאַכן דעם בייט... האָט מען זיך אַנטוישט אין דער האָפנונג. דער קאָלאָניסט לאָזט זיך נישט גענאַרן. ער האָט דערשנאָפּט מיטן געזונטן אינסטינקט פון אַן אַרבעטס־געבער, אַז די תימנער וועלן נישט אייביק פאַרבלייבן אין זייער איצטיקן שפלדיקן צושטאַנד; זיי וועלן זיך אָנשטעקן פון די חברים אַשכנזים און פריער צי שפּעטער, אַרויף אויף זייערע רעוואָלוציאָנערע דרכים. זענען די ספּעציעל אַראָפּגעבראַכטע תימנער געבליבן מ ח ו ץ דער ארבעט אין דער קאָלאָניע און איצט דרייען זיי זיך אַרום מיט ליידיקע הענט.

פאַרוואָס זשע רעדט מען וועגן דער איינוואַנדערונג פון אַשכנזים, וואָס האָט זיך לעצטנס איבערגעהאַקט, און מען פאַרגעסט, אַז דאָ אויפן אָרט שפּאַנען־אום הונדערטער אַרבעטס־הענט, וואָס זוכן באַשעפטיקונג? באשר דאָס זענען הענט פון תימנער, ספרדים, מזרח־טיפּן, הענט פון ס ת ם אַרבעטער און נישט פון אַרבעטער־„ש ע פ ע ר"?

האָט אָט די דעפיניציע וועגן די צווייערליי מינים אַרבעטער אַ וועלכן עס איז גרונט? אויב מיר זאָלן זי יאָ אָננעמען, וואָלט עס אונז מחייב געווען צו זאָגן, אַז די אַשכנזים זענען אין דורכשניט מסוגל אויפצונעמען און פּ ר אָ־פּ אַ ג י ר ן דעם אידעאַל פון י י ד י ש ע ר אַ ר ב ע ט, אָבער נאָר די מזרח־עלעמענטן ווייזן אַרויס די פעיקייט אים צו פ אַ ר וו י ר ק ל ע כ ן אין לעבן. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דער תימנער איז פּסיכאָלאָגיש מער צוגעבונדן צום לאַנד, צום „ארץ הקודש", וואָס ער פאַרמאָגט די געהעריקע איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן פאַר צופּאַסן זיך צו די ספּעציפישע היגע באַדינ־גונגען אַ סאַך לייכטער, ווי אַן אייראָפּעער און וועט דעריבער זיך נישט איילן אַנטלויפן פון דאַנען. אים זענען די וועגן פון דער וועלט נישט באַקאַנט, — איז ער בטבע אַ מער איינגעזעסענער, אַ פּאַרטיקער ה י ג ע ר, און קאָן, בכן, בילדן דעם נ אַ ט י ר ל ע כ ן אַרבעטערישן עלעמענט, וועלכער איז נויטיק אַנט־

קעגן דעם „אידעאַליסטישן״ אַרבעטער, וואָס איז מער באַוועגלעך און טאָמער עפּעס־וואָס, כאַפּט ער זיך גלייך פאַרן וואַנדער־שטעקן... אַן איינהייטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועט וויסן ווי אַזוי די ביידע עלעמענטן אָוועקשטעלן אין דער לאַגע פון קעגנזייטיקער באַאיינפלוסונג און צופירן צו זייער אָרגאַנישער צונויפשמעלצונג; וועט זיך אין איר שויס אויסטראָגן אַ נייער טיפּ ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטער, וואָס וועט נישט צעריסן ווערן פון דעם אינערלעכן „ויתרוצצו״ צווישן „ריינעם אידעאַליזם״ און ר ע אַ ל ן מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם, נאָר זיין אידעאַליזם וועט באַזירן אויף אַ זיכערער מאַטעריעלער באַזע און דערפאַר זיין קרעפטיק און שעפעריש.

פאַראַן באַלדיקע, דרינגנדיקע אויפגאַבן: אָוועקשטעלן אַ גוט פונקציאָנירנדיקע „אַרבעטס־אינפאָרמאַציע״, קריגן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע, דער־נענטערן צו אונז די מזרח־עלעמנטן, אויסבילדן אַרבעטער־קאָמיטעטן אויף די ערטער אָנצופירן מיט דער לאָקאַלער אַרבעט און שטיין אין קאָנטאַקט מיטן צענטראַל קאָמיטעט אין אָנגעלעגנהייטן פון לאַנד־מאָסשטאַב און מער אַלגע־מיינעם כאַראַקטער. אַן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע קאָן נישט אויסקומען אָן אַן אייגענעם „אני מאמין״ וואָס זאָל פאַרפליכטן יעדן מיטגליד אירן. ווייזט אויס, אַז אַזעלכער פעלט אונז נאָך. טאָ הויבן מיר אָן פון די קאָמיטעטן. זיי האָבן גלייך פון דער ערשטער מינוט אַרבעט איבערן קאָפּ.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די וויטערדיקע באַשלוסן: זי אָנערקענט די נויטיקייט צו פאַרייניקן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער און ווילט אויס אַ צענטראַלן קאָמיטעט. זיינע אויפגאַבן זענען: פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע און גייסטיקע אָנגעלעגנהייטן פון די אַרבעטער; שטיצן און פאַרמיטלען בעת אַ סכסוך; זאָרגן, אַז אין די קאָלאָניעס זאָלן געבילדעט ווערט אָרטיקע אַרבע־טער־קאָמיטעטן; שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט אין גליל.

אויף דער קאָנפערענץ האָט מען זיך לאַנג און הייס ביז פאַרביטערונג מתווכח געווען וועגן פאַלעסטינע אַרבעטער פאַנד; דער וויכוח איז ווערט, מען זאָל אים אָפּגעבן אַ ספּעציעלן קאַפּיטל.

בנוגע דעם אָפּענהיימערישן עקספּערימענט האָט אויך די קאָנפערענץ אין יהודה אויסגעדריקט איר פאַרינטערעסירונג מיט זיין רעאַליזירונג און באַשלאָסן צוזאַמען מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט פון גליל דורכפירן די וואַלן פון צוויי אַרבעטער־רעפּרעזענטאַנטן אין דער פאַרוואַלטונגס־קאָמיסיע פון דער „געגנאָ־סנשאַפט״.

די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן אין אַ שטימונג פון געהויבנקייט און דערמונטערונג, טראָץ די שאַרפע דיסקוסיעס צווישן פועלי־ציון און „הפועל

הצעיר" ספעציעל אַרום דעם ענין פ. אַ. פ. האָט די קאָנפערענץ, אַ דאַנק איר אַרבעט, אויסגעלייטערט די אַטמאָספער, געצוווּנגען די דעבאַטאַנטן אַריינטראַכטן זיך אין די טענות פונעם קעגנער און זיי נישט לאָזן אָפּקומען מיט פוסטע פראַזן. דורכדעם זענען די פּראָבלעמען אין דער דיסקוסיע פאַרטיפט געוואָרן און אין לעצטן סך־הכל האָט זיך פאָרט אָנגעמערקט אַ פּלאַטפאָרם פאַר געמיינזאַמער אַרבעט און שותפותדיקן קאַמף פאַר אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון פאַרטיי־אָנגעהעריקייט, אויפן באָדן פון דער קאָנקרעטער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט — אַ פּלאַטפאָרם פון זעלבשטענדיקער אַרבעטער־טעטיקייט.

דאָס איז היסטאָריש געווען דאָס דעצידירנדיקע אויף דער קאָנפערענץ.

האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַקט, וואָס צו דער קאָנפערענץ אין עין גנים, (נישט מער, ווי צוויי שעה פאָרן פון יפו), האָט זיך נישט מטריח געווען צו קומען קיין איינער פון די „הויכע ציוניסטישע ספערן", נישט פון „פּאַלעסטינע־רעסאָרט", נישט פון חובבי־ציון און נישט פון די כל המינים ישוב־עסקנים; אויך קיינער נישט פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן און אַפילו נישט פון די היגע בירגערלעכע רעדאַקציעס. זיי אַלע האָבן, צו יענער צייט, אַרויסגעוויזן קנאַפּן אינטערעס צו דער פּראָלעטאַרישער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג" און זיי האָבן נישט געהאַט די מינדסטע נייגיריקייט צו הערן פון די אַרבעטער אַליין, וואָס זיי ווילן און וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן.

אָבער די חברים, וואָס האָבן זיך אין יענער קאָנפערענץ באַטייליקט, האָבן געוווּסט, אַז אָט די ביטול־באַציונג מצדן „ישוב" צו די אַרבעטער וועט זיך ענדערן, ווי נאָר די אַרבעטער וועט געלינגען אויפשטעלן און צעמענטירן דעם אייגענעם זעלבשטענדיקן פּראָלעטאַרישן כוח.

דער אָנהויב פאַר דער אויסבילדונג פון אָט דעם כוח איז געמאַכט געוואָרן אויף די צוויי קאָנפערענצן: פסח 1911 אין גליל און שבועות דעם זעלבן יאָר — אין יהודה.

אין קאמף פארן פאלעסטינע ארבעטער־פאנד

פון גרויסן היסטאָרישן אינטערעס, וואָס האָט גלייכצייטיק אָפּט אויך אַן אַקטועלע באַדייטונג איז דער קאַמף, וועלכער איז געפירט געוואָרן אין די יאָרן 1910—1911 אַרום דער פראַגע וועגן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד (פ. אַ. פ.). דעם פאָנד האָבן נאָר וואָס געשאַפן פועלי־ציון. ביי זיי איז עס געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער רייף־געוואָרענער איבערצייגונג, אַז מ'טאָר זיך נישט באַ־

נוגענען מיט סתם רייד וועגן פאַלעסטינע, נאָר מ'איז פאַרפּליכטעט אויך עפּעס ממשותדיקס צו טאָן. איין מאָל אַוועק. צווייטנס, אַז מ'קאָן נישט יוצא זיין מיט דעם, וואָס די אַלגעמיינע, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט פירן אַ קאָלאָניזיר־אַרבעט אין ארץ־ישראל מיט די אַלגעמיינע געלטער פון פאָלק ישראל, ווי די דעה איז פאַרט ביי דער בורזשואַזיע. די אַרבעטערשאַפט דאַרף שאַפן ספּעציעלע פינאַנץ־אינסטיטוטן פאַר איר אייגענער זעלבשטענדיקער פאַלע־סטינע־אַרבעט.

אין ארץ־ישראל גופא האָט דעם פּ.אַ.פּ. באַגעגנט אַ קעגנערשאַפט קודם כל מצד דעם „הפועל הצעיר" און אין אַ געוויסער מאָס אויך מצד די, וואָס האָבן זיך באַצייכנט אַלס אומפּאַרטייאישע, איך שטרייך אונטער: באַ־צייכנט, ווייל אין תוך זענען אַזעלכע עלעמענטן על פּי רוב געווען נאָענט צו דער אַלגעמיינער איינשטעלונג פון „הפועל הצעיר" בנוגע די פּראָבלעמען פון כלל ישראל און קלאַסן־קאַמף. ס'איז אָבער געווען אַ צייט, ווען ס'איז „גוט געווען" צו דערשיינען אין דער ראָל פון אַן „אומפּאַרטייאישן". דאָס האָט געמיינט אַ געוויסע אָביעקטיוויטעט קעגנאיבער די צוויי סוביעק־טיווע איינשטעלונגען פון די פּאַרטייאישע פועלי־ציון און „הפועל הצעיר". עס האָט געהייסן, אַ פּאַרטייאישער מענטש מוז האַנדלען אַזוי. אָבער אַן אומ־פּאַרטייאישער קאָן זיין אָביעקטיוו. נו, האָט זיך אַ צייט געפּרוב־פּערט אָט דער מין אומפּאַרטייאישע. אָבער יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט קומען צו אַ דעליקאַטן ענין, ווו די קאַמפן צווישן די פּאַרטייען פלעגן אָננעמען אַ שאַרפן כאַראַקטער און מ'האָט געמוזט דעצידירן, — דאַן פלעגט זיך אַרויס־ווייזן ווהין עס ציט די „אָביעקטיווע", „אומפּאַרטייאישע", מ'שטיינס געזאָגט...

די קעגנערשאַפט צום פּ. אַ. פּ. אין ארץ ישראל האָט געצויגן איר יניקה פון צוויי קוואַלן מיטאַמאָל. ערשטנס, — מ'האָט נישט געוואָלט האָבן קיין תמיכה פון גלות, נאָר אַלץ בויען אויף אייגענע כוחות; צווייטנס, — מ'האָט געווייכט פון אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט פּראָלעטאַרישקייט, מיט אָפּזונדערן זיך פון כלל ישראל, מיט קלאַס.

ארץ־ישראל איז געווען צעפרעסן פון „חלוקה". דער גאַנצער אַלטער ישוב האָט זיך געהאַלטן אויף חלוקה. מ'קאָן אפשר געפינען אַ זכות אויף דעם אינ־סטיטוט פון חלוקה אין דעם, וואָס אַ דאַנק אָט די געלטער, האָט מען אויפ־געהאַלטן אַ יידישן ישוב אין לאַנד און נישט איבערגעריסן לגמרי די לעצטע פעדים צווישן יידישן פאָלק מיט ארץ ישראל. דער אַלטער, אומפּראָדוקטיווער ישוב האָט פונדעסטוועגן אַרויסגעגעבן אַ צאָל פּיאָנערן פאַרן נייעם פּראָ־דוקטיוון ישוב סיי אין די שטעט און בפרט אין די קאָלאָניעס. איז דאָך פּתח־

תקיה אויפגעריכט געוואָרן דורך ירושלימער יידן. דער אַלטער ישוב אין די פיר הייליקע שטעט: ירושלים, צפת, טבריה און חברון האָט געבילדעט דעם יסוד פאַר דער פרישער איינוואַנדערונג פון בילוצעס און חלוצים און פאַר דער אויסברייטערונג פון דעם ישוב.

דאָס אַלץ איז ריכטיק. אָבער מען קאָן דאָך פאַרט נישט פאַרהוילן דעם אומגעהויערן שאָדן, וואָס די חלוקה האָט מיט זיך געבראַכט, ווי זי האָט פאַרפעסטעט די נשמות און די מוחות פון די מענטשן, ווי זי האָט די פסיכיק זייערע פאַרקריפלט און פאַרקרעציקט. אין די טויזנטער האָבן זיך געוואַלגערט יונגע לייט, פונקט ווי די זקנים און פאַרבראַכט זייערע טעג און נעכט אין כלומרשטן לערנען און תהלים זאָגן און ראַטעווען דורך תפילות די זינדיקע נשמות פון די יידן אין דעם גאַרן גלות... מ׳האָט צעריסן און צעפּיצלט דאָס ביסל יידן אויף צענדליקער באַזונדערע גרופּן, כוללים, אויפן יסוד פון מ אַ ט ע ר י ע ל ע, מ׳שטיינס־געזאָגט, אינטערעסן. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַ רייכער כולל האָט נישט געוואָלט זיך מתחתן זיין מיט אַן אָרעמען כולל, ווייל ס׳האָט זיך ניט געוואָלט צו פאַרגרעסערן די מיטגלידערשאַפט און דערמיט פ אַ ר ק ל ע נ ע ר ן דעם חלק ת מ י כ ה, וואָס פאַלט אויס אויף י ע ד ן איינעם אינעם כולל. האָט דאָך אין מיין צייט אויפגערודערט ירושלים דער אויפרוף פון כולל ז י ב נ ב י ר ג ע ן (אונגאַרן), אַז ס׳איז פ אַ ר וו ע ר ט זיינע מיטגלידער צו ט אָ ן אַ ש י ד ו ך מ י ט ע מ י צ ן פ ו ן אַ צ וו י י ט ן כ ו ל ל.. ס׳איז געווען באַוווּסט, אַז כולל זיבענבירגען איז איינער פון די רייכסטע אין לאַנד, ווייל ער האָט אַ קליינע מיטגלידערשאַפט און גראָד האָט ער זייער רייכע פּעטערס אין אַמעריקע... ממילא פאַלט אויס אויף יעדן זיבענבירגער אַ שיינע אַפּותיקע. האָט מען זיך געוואָלט אויסהיטן פון נייע פּרעטענדענטן אויף דעם פעטן ביסן...

ביי דער אַרבעטערשאַפט איז נאַטירלעכערהייט אויפגעקומען אַן אינערלעכער ווידערווילן קעגן י ע ד ע ר פאָרם פון חלוקה; די פיינשמעקער האָבן שוין אין יעדער זאַך דערשנאַפּט אַ ריח פון תמיכה, אויב אַפילו דאָס האָט גאָר נישט געהאַט דערמיט צו טאָן. ס׳איז מער געווען אַן א י נ ס ט י נ ק ט י וו ע קעגנערשאַפט, ס׳האָט געפעלט אַ ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע איינשטעלונג.

ס׳איז אָבער גענוג געווען, צוגיין צו דער קאָנקרעטער דערשיינונג מיט אַ קריטישער ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע ר מאָס און ס׳האָט זיך באַקומען אַן אַנדער רעזולטאַט, אַן אַנדער אָפּשאַצונג.

דער ציוניזם, למשל, ברענגט אויך געלט פון אויסלאַנד, אָבער ער זוכט צו שטעלן דורכדעם דעם כלל אויף אייגענע פיס.

דאָ טרעפן מיר זיך צונויף מיטן צווייטן קוואַל, פון וואַנען עס האָט גע־

פלאָסן די קעגנערשאַפט צום פּ. אַ. פּ. ציוניזם — יאָ. ציוניסטישע פאַנדן —
אַדרבא! ארץ ישראל האָט צו טאָן מיט פ אָ ל ק ישראל. אָבער פאַלעסטינע־אַ ר בּ ע ט ע ר ־ פ אָ נ ד, ווו דער טראָפּ איז אויפן באַגריף אַ ר בּ ע ט ע ר, וואָס וויל אויסדריקלעך באַטאָנען, אַז מיר, אַרבעטער, זענען אַ וועלט פ אַ ר זיך און דאַרפן האָבן אין זינען אונזערע א י י ג ע נ ע בּ אַ ז ו נ ד ע ר ע אָנגעלעגנהייטן אין דעם אַ ל ג ע מ יי נ ע ם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן אויפבוי־ווערק — ד אָ ס איז געווען דערווײַדער אַלע יענע, וואָס האָבן אינסטינקטיוו פיינט געהאַט די סאָציאַליסטישע קלאַסן־באַוועגונג און נישט געוואָלט פון איר וויסן.

זענען מיר דאָך אַהער, אין ארץ־ישראל, אַ נ ט ל אָ פ ן פון גלות און פון אַלע נאַכקרימעניש פון אַנדערע פעלקער — טאָ צו וואָס מיטשלעפּן מיט זיך אָט די פרעמדע „צוטשעפּעניש", וואָס צעטיילט דאָס פאָלק אין זיין באַפרייונגס־באַוועגונג, בעת מיר נויטיקן זיך דווקא אין פאַרייניקונג פון אַלע פאָלקס־כוחות, אַלץ איינס, וועד זיי זאָלן נישט זיין. וואָס מיר זענען — זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר, מיר אַ ל ע ווילן אַרויס פון גלות און מיר אַ ל ע ווילן די ג א ו ל ה. אַלע גלייך — אָרעם און רייך.

האָט מען זיך געבריקעוועט קעגן פאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, ווי קעגן אַ ס אָ צ י אָ ל י ס ט י ש ן אויפטו. מ'האָט מורא געהאַט, אַז דורכדעם וועט מען אַראָפּ פון דרך הישר און זיך אַוועקלאָזן אין די וועגן פון מאַרקס און ענגלס, אַנשטאָט צו שפּאַנען אין די דרכים פון הערצל און אוסישקין.

ס'איז געווען אַ ביטערער קאַמף צווישן אונז, פועלי־ציון און הפועל־הצעיר.

מיר האָבן אויפגעוויקלט אַ ברייטע אַגיטאַציע און אויפקלערונג וועגן דעם עיקר פּראָבלעם, אַרום וועלכן עס זענען אָנגעגאַנגען די קאַמפן אויך לאַנגע יאָרן שפּעטער: א ר ץ י ש ר א ל א ו ן ג ל ו ת. איז פאַראַן אַ שייכות צווישן זיי? אַ וואָסערע? איז ארץ־ישראל אַן ענין בלויז פון די חלוצים, וואָס וועלן שוין אַלץ מיטאַנאַנדער אויפטאָן? אָדער דער ווערט פון פּיאָנערן באַשטייט אין ד ע ם גרייַלעד, וואָס זיי זענען ווירקלעך פּ י אָ נ ע ר ן און טרעטן דורך אַ וועג פאַר אַנדערע, וועלכע זענען גרייט און זענען געצוווּנגען צו קומען? איז ארץ־ישראל אַן ענין פאַרן יידישן יונגנמאַן נאָר דאָ, ווען ער באַטרעט דעם היגן באָדן, אָדער עס איז באַרופן צו לייזן די היסטאָרישע טראַגישע פראַגע וועגן דער היימלאָזיקייט פון יידישן פאָלק און דער סטראַטעגישער באַזע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס?

שוין אויף דער ערשטער קאָנפערענץ אין י ה ו ד ה (שבועות 1911 אין פּתח־תקוה) איז פאָרגעקומען אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע,

ווי זאָל מען זיך באַציען צו דעם פּ. אַ. פּ., וואָס איז געגרינדעט דורך פּועלי־ציון. די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט דערקלערט: „א) די קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה אָנערקענט די נויטיקייט פון אַן ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־פאַנד פאַר דער ווירטשאַפטלעכער, געזעלשאַפטלעכער און גייסטיקער פאַרפעסטיקונג פון דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל; ב) מיט דעם פאָנד פאַרוואַלטעט די אַלגעמיינע הסתדרות פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל; ג) דער פאָנד ווערט געזאַמלט דורך אַ זעלבסט־שטייער פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל; ד) די קאָנפערענץ באַשליסט צו נעמען אָנטייל אין דעם פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, וואָס איז געשאַפן דורך פּועלי־ציון, און באַמיען זיך צוצופאַסן אים צו די אָנגענומענע פּרינציפּן".

אין לויף פון דער דיסקוסיע איז אַרויסגערוקט געוואָרן אויך אַזאַ מין טענה, וועלכע קלינגט משונה היינט: „דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד פון פּועלי־ציון נעמט געלט ביי יעדן איינעם און אומעטום און דורכדעם באַקומט דער פאָנד דעם כאַראַקטער פון אַ שנאָרער־אַנשטאַלט, און אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן אַ געפיל פון זעלבסט־ווערדע, אַפילו בלויז אַ געפיל פאַר שיינקייט, וועלן זיך באַציען מיט עקל צו אַזאַ אַנשטאַלט און וועלן זיך נישט אויס־שמירן די הענט מיט זיין געלט".

פון די תשובות איז כדאי צו ברענגען אַזאַ שטעל: „די פאַרשטאַרקונג און פאַרפעסטיקונג פון די אַרבעטער־פּאָזיציעס דאָ אין ארץ־ישראל האָט אַ גרויסן ווערט נישט בלויז פאַר די, וואָס זענען שוין אויפן אָרט, נאָר פאַר יענע, וועלכע דאַרפן ערשט קומען. די קלענסטע סומע געלט, וואָס ווערט דאָ אויס־געגעבן, כדי צו שאַפן מער גינסטיקע באַדינגונגען פאַר די אָרטיקע אַרבעטער, ברענגט גלייכצייטיק די גרעסטע טובה דעם גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס. די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער אין לאַנד וועט גילטן ווי דער וויכטיקסטער פאַקטאָר און סטימול פאַר דער איינוואַנדערונג פון פרישע כוחות אַהערצו. די פאַרפעסטיקונג איז דער בעסטער באַדינג און מיטל פאַר דער פאַרמערונג. נישט מחמת אַ געפיל פון רחמנות און מיטלייד קומט דער יידישער אַרבעטער אין חוץ־לאָרץ צום פּ. אַ. פּ., נאָר פון טיפער פערזענלעכער פאַראינטערעסירטקייט. הייסט עס, אַז מיר האָבן נישט צו טאָן מיט צדקה און נדבות, נאָר אויסשליסלעך מיט אַ פאַקט פון זעלבסטהילף. ס'איז אפשר פאַראַן האַפּט אין דער טענה, מען זאָל נישט נעמען קיין געלט ביי זייטיקע מענטשן סתם. אָבער אויך די טענה איז נישט קיין גערעכטע, ווייל דער געבער ווייסט, אויף וואָס ער גיט. יעדנפאַלס איז דאָס אַ טעכנישע פראַגע, און מען מוז אָנערקענען אין פּרינציפּ דעם פּ. אַ. פּ."

מ׳האָט אויך אָנגעוויזן, ווי משונה עס איז, וואָס די קעגנער פון פּ. אַ. פּ. האַלטן יאָ פון אַנדערע פאָנדן, וואָס קומען טאָן פאַר די אַרבעטער, און מ׳שמועסט נאָך וועגן דעמאָקראַטיזירן זיי. פון איין זייט וויל מען ווירקן אויף נישט דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן נישט דורך אַרבעטער און וואָס רעכענען זיך נישט מיט דער מיינונג פון די אַרבעטער, און פון דער אַנדער זייט רוקט מען זיך אָפּ פון אַן אַנשטאַלט, וואָס אָיז אין זיין יסוד אַ דעמאָקראַטישער, געשאַפן דורך אַרבעטער און גייט אינגאַנצן איבער אין רשות פון די אַרבעטער. נישט אַנדערש, נאָר דאָ גילט אַ ספּעציעלער מאָטיוו, אַ פּאַרטייאישער מאָטיוו, באַשר דער פּ. אַ. פּ. איז געשאַפן געוואָרן דורך פּועלי־ציון. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך אַזאַ „ערנסטער״ טענה איז נישטאָ וואָס צו ענטפערן...

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין יהודה (אין כסלו 1912) איז די פראַגע ווידעראַמאָל געשטעלט געוואָרן. די קעגנער האָבן געוואָלט אויפנעמען די זאַך, ווי די פּועלי־ציון ווילן געבן 6000 פראַנק, נאָר „מיר״ וועלן ניט נעמען דאָס געלט, ווייל „מיר״ ווילן ניט קיין תמיכה. מען דאַרף, בכן, אויפשטעלן אַזאַ אַנשטאַלט פון קעגנזייטיקער הילף, אָבער נאָר פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. אויך דאָ האָט זיך געפונען אַ יונגערמאַן, איינער ראַזלער, וואָס האָט דערקלערט: מען דאַרף אַרויסטרעטן מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט קעגן פּועלי־ציוניסטישן פּ. אַ. פּ., ווייל אָט דער פאָנד דערוועקט עקל. דאָס געלט זאַמלט מען ביי יעדן, וואָס מען באַגעגנט, און ביי יעדן בעט מען זיך ווי שנאָררערס: „טוט אַ טובה, האָט רחמנות און גיט אַ פּרוטה פאַר די אומגליקלעכע אַרבעטער אין ארץ־ישראל!״ אַ צווייטער, פרענקל, האָט דערקלערט: איך בין קעגן פּ. אַ. פּ., ווייל איך זע נישט די באַדערפענישן, וואָס זענען געמיינזאַם פאַר די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לאָרץ..

מיר איז אויסגעקומען אויף יענער קאָנפערענץ אַרויסטרעטן עטלעכע מאָל אין דער פראַגע און דורכפירן דעם קאַמף פאַר אונזער איינשטעלונג.

„וואָס זענען די פּרינציפּן, אויף וועלכע עס איז געבויט דער פּ. אַ. פּ.? דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע דרינגט פון דעם, ווי מיר פאַסן אויף בכלל אונזער אַרבעט אין לאַנד. אַלע וועלן צוגעבן, אַז די אַרבעט האָט נישט נאָר אַ לאָקאַלן ווערט, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן. דער ארץ־ישראלדיקער ישוב איז נוגע דעם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק. און ווען מען רעדט וועגן דעם ווערק פון די אַרבעטער, מוז מען זאָגן, אַז זייער אַרבעט איז נוגע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער אין חוץ־לאָרץ. די פראַגע

איז: צי ווילן מיר זיך אָפּטיילן פון גאַנצן פאָלק, צי ווילן מיר זיך אָפּטיילן פון די איבעריקע יידישע פּראָלעטאַריער, אָדער פאַרקערט, מיר אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען? יאָ, זיי זענען נאָך דערווייל אין אויסלאַנד, אָבער זיי וועלן קומען אַהער. ווען מיר וואָלטן דערין נישט געווען זיכער, וואָלט אונזער אַרבעט פאַרלאָרן יעטוועדן ווערט פון געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט. און, אויב מיר באַטראַכטן דעם קליינעם ישוב ווי אַ חלוץ, ווי די ערשטע מחנה, מוזן מיר דאָך אָנערקענען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן אונז און דער צווייטער און דריטער מחנה און א. וו. אָט די אינטערעסן־שותפות, זייער געמיינזאַמקייט פאַר די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לאָרץ — דאָס איז דער הויפּט־יסוד פון פּ. אָ. פּ. די אַרבעט און איר נוצן זענען אונז אַלעמען שותפותדיק, דאַרפן אויך די מיטלען זיין געמיינזאַמע. אַ געמיינזאַמער פאָנד — אָט ווען אַזאַ אַנשטאַלט גייט עס.

מען דאַרף ווייטער איינזען דעם חילוק אַפילו צווישן די ישובישע אינטערעסן, וואָס זענען דאָך געמיינזאַמע פאַר די אַרבעטער דאָ און אין חוץ־לאָרץ און צווישן יענע אינטערעסן, וואָס זענען געמיינזאַמע פאַר די אַרבעטער און אַנדערע פאָלקס־שיכטן. פאַראַן אַן אונטערשיד אין די באַדערפעניישן פון די אַרבעטער און פון די אַנדערע קרייזן. טאָ ווי קאָן מען עס אָננעמען געלטער פון די ציוניסטישע אַמטן און זיך אָפּטרייסלען פון געלטער, וואָס קומען פון אַרבעטער פון חוץ־לאָרץ? איז עס נישט משונהדיק: דאָס געלט פון אַרבעטער רופט אַרויס עקל און אין דער זעלבער צייט בענקט מען, גריילען, נאָכן געלט פון ארץ־ישראל־אַמט. באַשר דער ארץ־ישראל־אַמט געפינט זיך אין ארץ־ישראל און פון דעם חוץ־לאָרצדיקן געלט שמעקט מיט תמיכה, ווייל עס קומט פון חוץ־לאָרץ? דער ארץ־ישראל־אַמט לעבט דאָך אויך אויפן געלט, וואָס קומט פון די ציוניסטן פון חוץ־לאָרץ. די ציוניסטן זענען אין אויסלאַנד און דאָס געלט זייערס קומט פון אויסלאַנד. ווער זשע איז אונז נענטער: די ציוניסטן, וואָס געבן געלט אויף ארץ־ישראל און בלייבן אַליין דאָרט, און אויב זיי קומען אַהער, קעמפן זיי ס׳רוב קעגן די יידישע אַרבעטער, — אָדער די אַרבעטער, וואָס געבן געלט און קומען אַליין צו אַרבעטן האַנט ביי האַנט מיט אונז? געוויס, עס זענען פאַראַן אַ סאַך יוגנט סתם, וואָס זענען לויט זייער סאָציאַלער לאַגע נישט קיין פּראָלעטאַריער, אָבער קומענדיק אַהער ווערן זיי אַרבעטער — קאָן מען מסכים זיין, אַז אויך אָט די יוגנט קאָן זיך באַטייליקן אין אונזער פאָנד. יעדנפאַלס מוז מען אונטערשטרייכן און באַטאָנען די אַרבעטער־אינטערעסן. די ביידע דערמאָנטע עלעמענטן ווען לכל הפחות דאָ געהערן צו אונזער לאַגער, צום אַרבעטער־לאַגער.

טראָג איך אַריין דעם פאָרשלאַג, מיר זאָלן באַשליסן, אַז די קאָנפערענץ אָנערקענט די נויטיקייט פון אַ שותפותדיקן פאָנד פאַר די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לאָרץ, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער ארץ־ישראל־אַרבעט״.

אָט די באַגרינדונג מיינע, וועלכע האָט אַגב אָפּגעוואָרפן די אַלע רייד וועגן נעמען געלט ביי פועלי־ציון און געפאָדערט אַ קלאָרע שטעלונג צו אַזאַ שותפותדיקער אַנשטאַלט פון די יידישע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט, האָט ווידער אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע קעגנערשאַפט. אייניקע, וואָס האָבן שוין דאַן פאַרמאָגט ארץ־ישראל־פאַרריסנקייט, האָבן געטענהט: מיר מוזן דעמאָנסטרירן, אַז מיר אַליין פאַרמאָגן גענוג לעבנס־כוחות און קאָנען אַליין זיך באַזאָרגן. מירן נישט לאָזן אַנדערע, זיי זאָלן זיך קימערן וועגן אונז. אויב מיר וועלן וואַרטן ביז עמיצער וועט אונז קומען צו הילף, וועלן מיר אַליין גאָרנישט אויפטאָן. מען רעדט וועגן געמיינזאַמע אינטערעסן. אַדרבא, זאָלן זיי אַהערקומען און אַרבעטן מיט אונז צוזאַמען. זייער געלט ברויכן מיר נישט. זרובבל און זיינע אָנהענגער גלויבן נישט אין די כוחות פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער. ווערדליק זיי איז ער שוואַך און קאָן גאָרנישט טאָן אָן זייטיקער הילף. איז אויב יאָ אַזוי — טאָ צו וואָס דער גאַנצער געפילדער? ווי קאָנט איר חלומען וועגן אויפלעבן דאָס גאַנצע פאָלק, בעת איר זענט נישט בכוח צו שאַפן אַ זאַך, אין וואָס איר אַליין נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק?!

יודילעוויטש, וואָס האָט דעם גאַנצן מענה לשון אַוועקגעלייגט, האָט פאַרענדיקט מיט זידלען די פועלי־ציון, וועלכע קומען ווידער און ווידער מיט זייער פ.אַ.פ., „הגם מיר האָבן זיי אָפּגעשטויסן פון זיך. מיר ווילן אייך נישט האָבן!״

אין מיין ענטפער האָב איך דערקלערט: נישט מחמת אָנערקענען אונזער שוואַכקייט זענען מיר געקומען צום געדאַנק וועגן שותפות פון כוחות, נאָר צוליב אונזער קוק אויף דער גאַנצער אַרבעט פון ישוב. מיר גלויבן אין די שאַפונגס־כוחות פון יידישן פאָלק. מיר גלויבן און מיר קענען די לעבנס־כוחות פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. און דאָ, אויף דער קאָנפערענץ פון ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער איז נישט נויטיק צוצוגעבן, אַז זייער אַ סאַך בויען מיר אויף אייגענע כוחות. ווען נישט דאָס, וואָלטן די אַרבעטער נישט געקומען די ערשטע. אָבער אונזער כוח — דאָס איז אַ היסטאָרישער כוח, דאָס איז דער כוח פון אונזער קאָלעקטיוו. נישט אָנשטאָט דעם פאָלק זענען מיר געקומען, נאָר בראש פון פאָלק. ס׳איז אַ פאַרברעך צו צערייסן די פאַרבינדונג צווישן ארץ־ישראל און דעם גלות, ס׳איז אַ פאַרברעך אָפּצוטיילן זיך פון דער גאַנצער

מאַסע, וועלכע איז געבליבן דאָרט, אין איר צעשפּרייטונג. דען מיר אַלע, וואָס געפינען זיך אַצינד דאָ — די לעבנס־כוחות פון דעם פאָלק אין גלות האָבן אונז אַהער געבראַכט. היינט זענען דאָ מ י ר. מאָרגן וועלן קומען נ אָ ך. אָט דעם בונד צווישן ארץ־ישראל און גלות איז מעגלעך און נויטיק צו פאַרשטאַרקן גאָר דורך בשותּפותדיקער אַרבעט, דורך אויפשטעלן שותּפותדיקע אַנשטאַלטן. מיר באַזיצן אַ כּוח און מיר וועלן זיך באַטייליקן אַקטיוו אין שאַפן די שותּפותדיקע אַנשטאַלט: דער עיקר אָבער איז דאָס, וואָס ער גיט די מעגלעכקייט פאַרן אַנטייל אויך פון יענע אַרבעטער, וועלכע געפינען זיך נאָך דערווייל דאָרטן, אין „גלות". און נאָך עפּעס: איך רעד וועגן אַ שותּפותדיקן פאָנד, כּדי צו באַפרידיקן די שותּפותדיקע נויטן. אָבער חוץ דעם זענען פאַראַן ספּעציפישע באַדערפענישן ביי די היגע אַרבעטער, וואָס זענען טאַקע אויסשליסלעך און בלויז זייערע. דערצו וועט, פאַרשטייט זיך, נויטיק זיין צו שאַפן פאַרשידענע פאָנדן.

מ'האָט דאָ געזאָגט ליגן בנוגע דער געלט־זאַמלונג. פּועלי־ציון האָבן זיך קיינמאָל נישט געבעטן און ביי קיינעם נישט געבעטלט קיין נדבות פאַר אומגליקלעכע אַרבעטער א. ד. גל. זיי האָבן זיך געווענדעט צו די, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין אונזער אַרבעט, און פון יענע געפאָדערטע אַרבעט, וועלכע קאָן ביז אַ געוויסן מאָמענט זיך אויסדריקן בלויז אין שאַפן פינאַנץ־אַנשטאַלטן. ניין, פּ. אַ. פּ. אַפּעלירט נישט וועגן העלפן „אומגליקלעכע אַרבעטער". די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז פּ. אַ. פּ. שטיצט נישט קיין איינצלנע אַרבעטער, נאָר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

און וואָס שייך דעם אָפּשטויסן — איז ווער האָט וועמען געשטויסן? די אָנהענגער פון פאָנד זענען פונקט אַזעלכע אַרבעטער, ווי איר, און זיי, גראָד זיי לייגן פאַר ווידער צו שאַפן אַ שותּפותדיקן פאָנד.

מיין פאָרשלאָג איז, צו שאַפן אַ געמיינזאַמע אַנשטאַלט און נישט נעמען קיין תּמיכה פון קיין שום „ישוב"־אַנשטאַלטן. די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לאָרץ זענען איין אָרגאַניזם און מען טאָר אים נישט רייסן אויף שטיקער.

מיין רעזאָלוציע האָט באַקומען 13 שטימען פ אַ ר און 12 שטימען ק ע ג ן. די איין שטימע האָט דעצידירט. פּועלי־ציון האָבן שוין דאַן געוווּנען דעם היסטאָרישן דין־תּורה מיט „הפּועל־הצעיר" וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און דער איינהייט פון ארץ־ישראל און „גלות" לגבי דעם אַרבעטער־ארץ־ישראל.

קולטור און שפראך

דאָס קולטור־פּראָבלעם אין ארץ־ישראל האָט אין דער אויפקלער־אַרבעט פון דער באַוועגונג נישט פאַרנומען די ערשטע צייט דעם געהעריקן פּלאַץ און מען האָט אים נישט געשענקט די אַנטשפּרעכנדיקע אויפמערקזאַמקייט. מען איז יוצא געווען דערמיט, וואָס פון צייט צו צייט האָט מען געלופטערט די שפּראַך־פראַגע. ס'איז באמת שווער געווען פון דער ווייטנס תופס צו זיין דעם ענין קולטור אין ארץ־ישראל, קוים איז מען נישט געווען באַקענט מיט דעם גאַנצן אויסטערלישן אויסגעמיש פון גרופּן און טיפּן אין דעם אַלט־נייעם לאַנד און נישט נאָכגעפאָלגט מיט אייגענע אויגן די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, וואָס יעדער איינער פון די אַריבערגעקומענע „גלותן" מאַכט־דורך דאָ, באַגעגענענדיק זיך, אָדער צונויפשטויסנדיק זיך מיט די אַנדערע, אויבן־אויף אייגענע, און אין תוך — אַזעלכע הימלווייטע „ברידערלעכע" קבוצים.

נאָך אין רוסלאַנד אין יאָר 1907 האָבן מיר באַקומען בריוו פון די חברים אין פּאַלעסטינע, ווו מ'האָט אונז אינפאָרמירט, אַז כדי צו פירן אַ ברייטערע סאָציאַליסטישע אויפקלער־אַרבעט צווישן די אָרטיקע אַרבעטער, מוזן זיי האָבן ליטעראַטור אין... רוסיש. אמת איז אָבער אויך, אַז דעם ערשטן גע־דרוקטן אָרגאַן זייערן האָבן פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל אַרויסגעגעבן אין... יידיש. דער רעדאַקטאָר פונעם יידישן אָרגאַן „אַנפאַנג" איז געווען גראַד בן־צבי, וואָס אַלע זיינע יאָרן אויך אין חוץ־לאַרץ איז ער געווען אויס־געשפּראָכן פאַר העברעיש, על כל פנים אין ארץ־ישראל. זיינע איינדרוקן פון דעם ערשטן באַזוך אין ארץ־ישראל האָט ער געדרוקט אין העברעישן „הצופה", באַזעצנדיק זיך אין 1907 אין לאַנד האָט ער געהאַט, משטיינס־געזאָגט, פּרנסה פון העברעישע לעקציעס, ער איז דערנאָך געווען צווישן די גרינדער פון דער העברעישער גימנאַזיע אין ירושלים. וואָס האָט אים באַוויגן צו זיין דער רעדאַקטאָר פונעם „אַנפאַנג" אין יידיש? וואַר־שיינלעך האָט דאָ געווירקט דאָס, וואָס בן־צבי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין ארץ־ישראל אַ לעבעדיקע טראַדיציע פון אַ קעמפנדיקער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, פון אַ גרויסער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט זיך דאַן געראַנגלט צו קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג אין יידיש. ס'האָט זיכער געווירקט דאָס, וואָס די אָנגעקומענע אַרבעטער־אימיגראַנטן פון רוסלאַנד און גאַליציע האָבן מיט העברעיש קיין איבעריקע שייכות ניט געהאַט. אויך דער אַלטער ישוב, וועמען גראַד בן־צבי האָט געווידמעט אַ סאַך צייט און טיפן אינטערעס, ווי זעלטן ווער אַן אַנדערער צווישן אַלע אַרבעטער־טוער, האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלעבט אין יידיש און גאָר באַטראַכט, ווי אַן עבירה דאָס

באַנוצן די „הייליקע שפּראַך" פאַר וואָכעדיקע אַנגעלעגנהייטן. בן־צבי האָט זיך באַנוצט מיט יידיש, ווי מיט אַ מיטל צו סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און געטראַכט בלויז וועגן דעם, אַז דורך יידיש קאָן מען גיכער און לייכטער צוקומען צום עולם.

סיי ווי, ער האָט אויך פריער, אין חוץ לאָרץ, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג צו יידישער קולטור־אַרבעט, און זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך, אויב טאַקע נישט איינגאַנצן, מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, אָדער מיט געשיכטלעכער פאָרשונג, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ פאַרליבע פון די גאַר יונגע יאָרן. דאָס באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל האָט פאַר אַ סאַך חברים באַדייט פּאַקטיש איבעררייסן יעטוועדע באַציונג מיטן „גלות". אויב ביי בן־צבין איז אָט די טענדענץ נישט געווען די ערשטע צייט אַזוי קענטיק, איז עס דערפאַר, וואָס אים איז אויסגעקומען זייער אָפט צו מאַכן באַזוכן אין חוץ־לאָרץ: אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און פּועלי־ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענצן. זיינע נסיעות זענען געווען תמיד פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, און דער גייסטיקער אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון גלות, אויף וויפל זיי זענען נישט געווען דירעקט פאַר־בונדן מיט ארץ־ישראל, האָט זיך אַלץ מער אויסגעלאָשן. אָן ספק האָט זיך מיט דער צייט אָפּגערופן די אין דער פריער קינדהייט און יוגנט איינגעזאַפּטע השפעה פון דער „חובבי שפת עבר"־אַטמאָספער אין שטוב, וועלכע האָט איצט באַקומען פרישע קראַפט אין דער מיט עברית אָנגעפילטער „אוירא דארץ־ישראל". האָט געווירקט ראָמאַנטיק, היסטאָרישע רעמיניסצענצן, און אָקערשט, ווי מען קוקט זיך אום, האָבן מיר שוין געהאַט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז לגבי אים קאָנצענטרירט אין ארץ־ישראל, דורכגע־נומען מיט עברית.

ביי בן־צבין האָט עס גענומען אַ לענגערע צייט. אַנדערע חברים האָבן שנעלער דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן גלגול־מחילות־וועג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אַ נייע טעאָרעטישע קאָנצעפּציע, אַ מין ארץ־ישראלדיקער בונדיזם, אַ יידישע סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויונג, וואָס איז איינגעשרומפּן און טובלט זיך אין ארץ־ישראלדיקן לאָקאַליזם. אַלע פאַרוויקלטע טראַגישע פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט ווערן אויפגענומען דורך דער פּריזמע פון ארץ־ישראל און צוגעפּירט צום שמאָלן, אין זיך איינ־געקנוילטן ארץ־ישראל־ישוב, וואָס איז שוין, תוך כדי דיבור, לויט דער דאָזיקער אויפפאַסונג, אַן אָרגאַניזם פאַר זיך און ער דיקטירט. אַנשטאָט ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק, קומט־אויף אַ נייע פאָרמולע: דאָס יידישע פאָלק פאַר ארץ־ישראל. נישט בלויז פון שטאַנדפּונקט פון פּערספּעקטיוו,

אין היסטאָרישן זין, אַלס באַצייכענונג פון לאַנג־דויערנדיקן פּראָצעס, וואָס וועט אַוועקשטעלן דעם אויפגעריכטן טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל, ווי דעם צענטער פון גאַנצן פאָלק, וועלכער וועט אויך ווייטער לעבן און שאַפן אין אַנדערע לענדער. דער ארץ־ישראלדיקער בונדיזם הויבט־אָן שוין, ביז וואָס־ווען, באַטראַכטן זיך, דעם היגן ישוב און זיינע באַדערפעניִשן, ווי אַן אויסגאַנגס־פונקט פאַר דער טעטיקייט און פאַר דער גייסטיקער דערציונג פון די יידישע מאַסן אין גאָרער וועלט.

אָט דאָס אויסדרייען זיך מיטן רוקן צום לעבעדיקן אַלוועלטלעכן יידישן מאַסן־אָרגאַניזם האָט צוגעאיילט די העברעיזירונג פון ארץ ישראל. האָט דען ווער געקאָנט לייקענען, אַז דער שפּראַכן־געמיש אין ארץ־ישראל איז אַן אומגליק פאַר דעם ישוב, אַז די פיל־שפּראַכיקייט אין אַ שטער פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג און אויסבילדונג פון אַ יידישער פאָלקס־איינהייט אין לאַנד פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג ? !

אין פלוג איז די לעזונג פון דעם פּראָבלעם געלעגן אַזוי אויבן־אויף, אַז ס'איז כלל נישט נויטיק געווען צו ברעכן דעם מוח און מאַכן חשבונות מיט מיליאָנען יידן ערגעץ ווייט, בכל תפוצות הגולה. איז נויטיק איין שפּראַך פאַרן ישוב ? געוויס ! פאַראַן זענען אַ סאַך שפּראַכן ? לײדער ! טאָ וועלכער פון די פיל שפּראַכן גיט מען די בכורה, וועלכער גיט מען דעם אַטעסטאַט פון דער איינציקער, דער אויסדערוויילטער ? איז דען פאַראַן אויסצוקלייבן ? אויב איינע, איז דאָך נאַטירלעך, אַז דאָס איז לשון קודש, אָט די שפּראַך, וועלכע — צי עמיצער האָט זי יאָ באַנוצט, אָדער אַפילו קיין וואָרט אין איר נישט פאַרשטאַנען — איז ביי אַלעמען, ביים גאַנצן פאָלק שטענדיק געווען הייליק. צוליב איר וועט יעדע גרופּע מוותר זיין אויף דער אייגענער שפּראַך, מיט וועלכער מען האָט זיך באַנוצט אין דער „פרעמד", אין „גלות".

אָט דער אַרגומענט, וואָס האָט באַזירט אויף דער „פרעמד", אין „גלות". היגן ישוב, עס זאָל זיין איין שפּראַך, וואָס זאָל אַנערקענט ווערן פון דעם גאַנצן „קבוץ גלויות" אין לאַנד. דער אַרגומענט איז געווען דער שטאַרקסטער, ווייל ער האָט זיך כלומרשט נישט געוואָלט באַנוצן מיט קיין שום אַנדערע מאָטיוון, ווי נאָר מיטן זאַכלעכן, פּראַקטישן אינטערעס צו בויען געמיינזאַם, צו פאַרשטענדיקן זיך און אַנטוויקלען, דאָ אויפן אָרט, אַלע גרופּן צוזאַמען איין איינהייטלעכע קולטור.

און וואָס וועט אין דער זעלבער צייט פאַרקומען מיט דער קולטור־אַנט־וויקלונג פון די יידישע מאַסן־ישובים מחוץ ארץ־ישראל ? אין וועלכער שפּראַך וועלן זיי זיך פאַרשטענדיקן און בויען זייער לעבן היינט

און מאָרגן? אין וועלכער שפּראַך וועלן זיי אויפנעמען אַפילו דעם ענין ארץ־ישראל גופא, און דערציִען זייערע יונגע דורות צום קאַמף פאַר יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ווערטן?

אַזאַ פראַגע האָט נישט עקזיסטירט פאַרן ארץ־ישראלדיקן בונדיזם; זי האָט אָבער געמוזט שטיין און פאָדערן אַן ענטפער פון יעטוועדן פּועלי־ציוניסט, פאַר וועמען ארץ־ישראל האָט נישט געמיינט זעלבסט־מאָרד פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן מאַסן־לעבן אין אַנדערע לענדער.

די פּאַרטיי־קאָנפערענץ, פסח 1910 אין יפו, האָט אָנגענומען דעם ענד־גילטיקן באַשלוס אָנהויבן אַרויסגעבן דעם „האחדות" אַלס וואָכנשריפט. דער אָפיציעל פאַרעפנטלעכטער באַריכט דערציילט: „די וויכוחים ביי דעם פּונקט האָבן זיך געפירט דער עיקר אַרום דער פראַגע, אין וואָסער שפּראַך די צייטונג זאָל דערשיינען. כמעט אַלע רעדנער (בן־צבי, בן־גוריון, ז. אשור, יוסף נחמני, זשעוועליוק, אירזשאַווסקי, משולם דאַווידזאָן, משה שטיינפעלד, מרדכי חלדי, לוי, גאָלדבערג, גורוויץ, זינגער) האָבן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז די שפּראַך דאַרף זיין העברעיש. בלויז צוויי רעדנער (סעגאַלאָוויץ און מרדכי געצאָ־וויטש) זענען געווען פאַר „זשאַרגאָן", מאָטיווירנדיק זייער מיינונג דערמיט, וואָס די צייטונג איז באַשטימט דער עיקר פאַר די חברים אין חוץ־לארץ. יאַבלאָנקי האָט פאַרגעלייגט, אַז די פּראָגראַמאַטישע אַרטיקלען זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין העברעיש און אויך אין „זשאַרגאָן".

אַ האַלב יאָר שפּעטער, אויף דער פּאַרטיי־באַראַטונג סוכות, נאָכדעם, ווי מיר האָבן שוין געהאַט אַרויסגעגעבן די ערשטע דריי נומערן „האחדות", וואָס איז דערוויַיל דערשינען אַלס חודש־אָרגאַן, האָב איך געהאַט דעם רעפעראַט וועגן „אונזער קולטור־אַרבעט". אָט זענען אַ פּאָר פון מיינע הויפּט־טעזיסן:

„מיר זענען יידישע סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטישע וועלט מאַטערט זיך נאָך עד־היום אויסצוגעפינען דעם סינטעז צווישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן. פונדעסטוועגן זענען שוין איצט פאַראַן וויכטיקע אַזעלכע סאָ־ציאַליסטן, וואָס זאָלן אין פּרינציפּ פסלנען דעם נאַציאָנאַליזם. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק שלאָגט זיך דורך אַ וועג צו די טעאָריעס פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. אין דער פּראַקטיק פלעגט זיך דער סאָציאַליזם תמיד מוזן רעכענען מיט די נאַציאָנאַלע שטריכן אין דער קלאַסן־באַוועגונג.

אַ לאַנגע צייט האָט אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג נישט געקאָנט געפינען די אויסגלייך־ליניע פאַר די צוויי געזעלשאַפטלעכע שטראָמען פון

אונזער צייט און זי פלעגט בויגן אין איין זייט. דער „בונד“, למשל, האָט געפירט אַן אויסגעשפּראָכענע קאָסמאָפּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זענען די נאַציאָנאַלע מאָמענטן געוואָרן מער בולטע און אַלס פּראָדוקט פון דער נייעסטער צייט איז געקומען דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם.

האָט זיך ביי אים איבערגעחזרט אַן ענלעכע דערשיינונג, ווי ביים „בונד“, נאָר אויף דער פאַרקערטער זייט. דער „בונד“ האָט געהאַלטן, אַז דאָס יידישע איז ביי די יידישע אַרבעטער נאַטירלעך — האָט ער זיך אָפּגעגעבן דערפאַר דער עיקר מיט דער אַגיטאַציע פאַרן סאָציאַליזם. דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז די יידישע אַרבעטער פאַרמאָגן אַ גענוג אַנטוויקלטן קלאַסן־באַוווּסטזיין, נאָר ס׳פעלט זיי דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין.

איז דער סאָציאַליסט אויף דער יידישער גאַס אַרומגעגאַנגען נאָכאַנאַנד אַ צעשפּאָלטענער, אַ צעצווייטער, און געפילט, אַז עפּעס ביז גאָר וויכטיקס פעלט אים.

מיר זענען יידישע סאָציאַליסטן, און פון זיך גופא ווערט פאַרענטפערט די פראַגע וועגן אַ פאַרבינדונג צווישן די צוויי, כלומרשט באַזונדערע, עלעמענטן אין אונזער באַוווּסטזיין. דאָס לעבן האָט דעם ענטפער געגעבן און מיר האָבן בלויז די אויפגאַבע איינצושטעלן אין דער זעלבער ריכטונג אויך אונזער טעטיקייט. אונזער וועלט־אַנשויונג באַשטייט נישט פון צוויי סעפּעראַטע טיילן — אַ נאַציאָנאַלן און אַ סאָציאַלן — זי איז איינע, אַ גאַנצע און אַ האַרמאָנישע.

אין ארץ־ישראל איז אויף אונזער גורל אויסגעפאַלן צו זיין ביי דער געבורט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. לאָמיר זיך דאָ אויסהיטן פון צו איבערחזרן די פעלערן פון די ביז־איצטיקע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. אונזער אויפגאַבע איז: גלייך פון די ערשטע טריט דערציען דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל אין גייסט פון יידישן סאָציאַליזם. דעם אויבן־אָן מוז פאַרנעמען זיינע עקאָנאָמישע און גייסטיקע באַדערפענישן און נויטן. ס׳איז קלאָר: מיר נעמען אים אויף, ווי אַ באַזונדערע איינהייט.

אויפן באַזיס פון ווירטשאַפט און קולטור שפּראָצן־אַרויס אַ גאַנצע ריי ענינים, וואָס זייער באַפרידיקונג איז אָפּהענגיק פון דער לאַגע אין דער גאַנצער מדינה. דאָס פּאָליטישע לעבן אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע האָט זיין איינפלוס אויף דער לאַגע פון היגן יידישן אַרבעטער — מוזן מיר דערוועקן

ביי אים אינטערעס צו די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער גאַנצער מדינה און אים צוגרייטן צו אָט דעם אַלגעמיין־פּאָליטישן קאַמף.

דער ווייטערער שריט: דערציען דעם היגן יידישן אַרבעטער אַלס אַ טייל פון אַ גרויסער יידישער וועלט, אַלס גליד פון אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער וועלט.

אין ארץ־ישראל האָבן מיר אַן ערב־רב ברוכטיילן פון יידישן פאָלק. מיר זענען צעריסן און צעבערעקלט, הגם מיר פאַרמאָגן איין פאַרגאַנגענהייט און ס׳וואַרט אויף אונז אַלע דער זעלבער גורל אין דער צוקונפט. רוקט זיך אַרויס די אויפגאַבע: פאַראייניקן אַלע באַזונדערע גרופּן אין לאַנד, פאַראייניקן דעם אַלטן ישוב מיטן נייעם.

„אָבער די גרויסע מערהייט פון יידישן פאָלק געפינט זיך נאָך מחוץ ארץ־ישראל. עס זענען דאָ אַ סאַך צווישן אונז, וואָס ווילן אינגאַנצן איבערשניידן דעם פאָדעם, וואָס בינדט זיי צום גלות. זיי וואָלטן גערן אויסגעוואָרצלט ביי זיך יעדן זכר פון דאָרטן און ווילן דעם גלות אינגאַנצן פאַרגעסן. איך האַלט אָט די טענדענץ פאַר אַ זייער געפערלעכע. אונזער ציל איז דעם גלות צו פאַרניכטן, אָבער נישט אים סתם פאַרלייקענען. דאָס יידישע לעבן אין גלות איז פאַראַן, עס עקזיסטירט, און מיר מוזן זיך מיט אים רעכענען. אַפילו אַ פאַראייניקטער ישוב פון אַלע יידן אין ארץ־ישראל איז נאָך אַלץ נישט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אונזער פליכט איז צו דערוועקן ביי דעם אָרטיקן ישוב אַן אינטערעס צום לעבן פון די יידישע מאַסן אין גלות, פונקט אַזוי, ווי מיר דערוועקן ביי די יידישע מאַסן אין גלות אַן אינטערעס צום לעבן פון ישוב אין ארץ־ישראל. ס׳איז זייער נישט גוט צו פילן זיך דאָ אַלס אורחים, און זיין אינגאַנצן פאַרטאָן אין די אָנגעלעגנהייטן פון גלות. אָבער פונקט אַזוי טאָרן מיר נישט אַריינפאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם און זיך אָפּרייסן פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע פּראָבלעמען פון דער יידישער נאַציע, פון איר צוקונפט און פון איר קולטור".

פון אָט די אַלגעמיינע גרונט־הנחות בין איך געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז נויטיק פאַראייניקן די כוחות פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל מיט די כוחות פון די יידישע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט.

און — דער לעצטער שריט:

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז אין זיין קאַמף און דורך זיין אידעאַל פאַרבונדן מיט דער ברייטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַלע פעלקער אין אַלע לענדער. מיר בילדן איין לעגיאָן אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־אַרמיי. דאַרפן מיר תמיד שטיין אויף דער וואַך פון סאָציאַלן קאַמף, גיין האַנט

אין האַנט מיט די איבעריקע חברים אין זייער לעבן און שטרעבן, קומען זיי צו הילף און צוזאַמען שפּינען דעם ליכטיקן געדאַנק וועגן דער באַפרייונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. מיר דאַרפן אַריינפירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין היכל פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, צונויפּבריינגען אים מיט זיינע קאַמפּס־חברים פון אַנדערע פעלקער און לענדער.

נאָכדעם, ווי איך האָב אויספירלעך רעפערירט וועגן די מער פּראַקטישע אויפגאַבן פון אונזער ציימונג „האחדות" אין שייכות מיט די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון היגן לעבן און דער אייגנאַרטיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויך אויף דער שפּראַכן־פראַגע. וועגן דער ציימונג גופא איז שוין נישט געווען קיין שאלה. מיר האָבן אָבער געהאַלטן אין אויפנעמען די אַרבעט פון פ אַ ר ל אַ ג „אחדות", איז אויפגעשוווּמען אַ פריש פּראָבלעם: צי דאַרף דער פאַרלאַג זיך באַנוצן בלויז מיט העברעיש, אָדער ער דאַרף אַרויסגעבן בראָשורן און ביכער אויך אין אַ נ ד ע ר ע שפּראַכן, למשל, אין יידיש, שפּאַניאָליש, און אַפילו אין אַראַביש.

דאָ איז מיר געקומען צו הילף די אָריענטאַציע אויף צ וו ײ ־ שפּראַכיקייט, וואָס איז דענסטמאָל געווען אָנגענומען אין דער פּועלי־ציון װ ע ל ט ־ ב אַ ־ װ ע ג ו נ ג. אַרויסגעבן בראָשורן און שאַפן אַ ליטעראַטור אין ה ע ב ר ע י ש איז נויטיק לכל־הדעות. כאַראַקטעריסטיש איז פאַר מיין דעמאָלסטיקער איינשטעלונג געווען די באַגרינדונג. איך האָב פאַרלאַנגט אַ ליטעראַטור־טעטיקייט אין העברעיש, ווייל שוין ביים היינטיקן טאָג וואַקסט אין ארץ־ישראל אַ דור, וואָס ווערט דערצויגן אויסשליסלעך אויף ה ע ב ר ע י ש ע ר קולטור און ער פילט אַ מאַנגל אין אַנטשפּרעכנדיקער גייסטיקער שפּייז. איז אָדער ער וועט זיין געצוווּנגען זיך ווענדן צו פרעמד־שפּראַכיקער ליטעראַטור, אָדער, די העברעישע ליטעראַטור וועט זיך אונטערנעמען באַפרידיקן אָט די באַדערפענישן זיינע און זיך אַליין באַרייכערן.

נאָך ערגער איז בנוגע די אַ ר ב ע ט ע ר. פאַראַן שוין אין ארץ־ישראל אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל אַרבעטער, וואָס קענען און ווילן זייערע גייסטיקע באַדערפענישן באַפרידיקן נ אָ ר אין העברעיש. מיר האָבן קיין שום רעכט נישט אונטערצודריקן אָט דעם פאַרלאַנג זייערן, וויבאַלד ער איז אַ נ אַ ט י ר ל ע ־ כ ע ר פּראָדוקט פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין לאַנד. דאָך קאָנען מיר עס נישט באַוויזן, ווייל מיר באַזיצן נישט לגמרי קיין ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ליטעראַטור אין העברעיש.

מיט 30 יאָר צוריק איז דערשינען ליבערמאַנס „האמת" — דער ערשטער סאָציאַליסטישער אָרגאַן אין העברעיש. מיר, די שעפער פון „האחדות", זענען,

אין אַ געוויסן זין, די יורשים פון „האמת". דאָך איז פאַראַן אַ טיפער, עיקר־דיקער אונטערשיד צווישן אונזביידע. ליבערמאַן און זיינע חברים האָבן זיך מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע נישט געווענדעט צו אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, נאָר צו די ישיבה־בחורים און צו די משכילים פון זייער צייט. זייער סאָציאַליזם איז נישט געווען קיין פּראָדוקט פון דער יידישער ווירקלעכקייט, נייערט אימפּאָרטירט פון דרויסן. דעריבער איז ער נישט געווען באַהאַפטן מיט אַ יידיש־נאַציאָנאַלער סביבה — געווען קאָסמאָפּאָליטיש. העברעיש האָט זיי געניצט בלויז ווי אַ מיטל צו אַגיטאַציע און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט שטעלן קיין ציל: שאַפן קולטור אין העברעיש. אין העברעיש האָבן זיי פּראָפּאַגאַנדירט אַסימילאַציע!

מיר קומען צו אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, צו יידישע אַרבעטער. זיי, די אַרבעטער, דער המון, זענען לויט זייערע מהות נאַציאָנאַל, זיי זענען דער יסוד פון דער נאַציע, און יעטוועדע טעטיקייט צווישן אָט די שיכטן טראָגט ממילא אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. איז, מהאי טעמא, אונזער סאָציאַליזם נישט קיין סתמיקער, אַנאָנימער, — ער האָט זיינע וואָרצלען אין דעם אינטערעסן־באָדן פון דעם יידישן אַרבעטער.

אין ארץ ישראל באַנוצן מיר זיך מיט העברעיש נישט ווי מיט אַ מיטל צו אַגיטאַציע, נייערט מיר ווילן פאַרטזעצן דאָס איבערגעריסענע, שפּינען די נאַציאָנאַלע קולטור. אָט פאַרוואָס מיר האָבן צו זאָרגן, אַז די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון אונזער צייט זאָלן אַריינקומען אויך אין אונזער העברעישער שפּראַך".

אין פלוג האָט אָט די באַגרינדונג פון דער קולטור־אַרבעט אין העברעיש געדאַרפט אַסרן יעטוועדע פּאָזיטיווע קולטור־אַרבעט אין יידיש. ביי מיר איז עס אויסגעקומען אַנדערש. אַדרבא. פונקט, ווי צו העברעיש טאָר אונזער באַציונג אויך צו יידיש נישט זיין ווי צו אַ טעכניש מיטל, מיט וועלכן מ'באַנוצט זיך נאָר צייטווייליק ביי באַשטימטע געלעגנהייטן און דערנאָך לאָזט מען עס אויף הפקר...

אַלע וועלן מיט מיר מסכים זיין, האָב איך דערקלערט, אַז די העברעישע ליטעראַטור אַליין פאַר זיך גענוגט נישט פאַר יענעם עלעמענט אַרבעטער, וואָס מיר פאַרמאָגן אין ארץ־ישראל. נישט בלויז די ניי געקומענע, נאָר אויך אַ גרויסער טייל פון די הי־געבאָרענע, פאַרשטייען און רעדן אויסשליסלעך יידיש (דאָ איז אין „האחדות" געקומען אַ באַמערקונג אין נאָמען פון דער רעדאַקציע: „בשם „יהודית" קורא המחבר לשפה המדוברת של אחינו האשכנזים

— מיטן נאָמען „יידיש רופט דער מחבר די שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט דורך אונזערע ברידער די אַשכנזים). איך האַלט, אַ גרויסער טייל פון זיי וועט אויך ווייטער זיך אויסלעבן אין יידיש (דאָ האָט ווידער די רעדאַקציע זיך צוגעאיילט מיט אַ באַמערקונג, אַז „די דאָזיקע מיינונג איז אינגאַנצן אויף דער אַחריות פונעם מחבר") און דערמיט דאַרפן מיר זיך רעכענען. פּונקט אַזוי, ווי אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען באַנוצן מיר זיך מיט יידיש, כדי אַ ל ע אונזערע חברים זאָלן אונז פאַרשטיין, דאַרפן מיר זיך אַזוי פירן אויך בנוגע דער ליטעראַטור. אונזערע חברים זענען מיט לייב און לעבן איבערגעבן דעם „האַחדות", אַרבעטן געשמאַק פאַר זיין עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. און פונדעסטוועגן פעלט ביי אַ סאַך פון זיי די נשמהדיקע, האַרציקע פאַרבינדונג מיט דער צייטונג, ווייל זיי זענען נישט אימשטאַנד צו לייענען זי און דערקענען איר אמתן מהות. מיר קאָנען אָט די חברים נישט אָפּשיקן צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דערשיינט אין חוץ־לאָרץ. דאָרט קאָנען זיי, אין בעסטן פאַל, געפינען אַן ענט־פער אויף אַ ל ג ע מ יי נ ע פראַגן. אָבער אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן זייערע אינטערעסן, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון דעם היגן, ארץ־ישראלדיקן באָדן, און זענען צונויפגעפלאָכטן מיט די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון אַ באַשטימטער סביבה — דאָ פאָדערט זיך, די תשובה זאָל קומען א ו י פ ן אָ ר ט. מוזן מיר, הייסט עס, אַרויסגעבן אויף יי ד י ש אין אַ בראָשור־פאָרם די מער וויכטיקע אַרטיקלען מכוח דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער, וואָס דערשיינען אין „האַחדות".

מיר האָבן נישט בדעה צו ווירקן בלויז אויף „דוברי עברית"־אַרבעטער, נאָר אויף אַ ל ע יי ד י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר ב כ ל ל, און מיר מוזן זיך ווענדן צו זיי אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן זיך אַנטוויקלט".

אין דער דיסקוסיע האָבן אייניקע חברים, ספּעציעל י ו ס ף נ ח מ נ י, באַטאָנט, אַז דעם „האַחדות" לייענט מען ווינציק אין אַלטן ישוב, ווייל ער דערשיינט אין העברעיש. ס'וואָלט אַ סאַך גלייכער געווען, ער זאָל אַרויסגע־געבן ווערן אין דער שפּראַך, וועלכע איז גאַנגבאַר ביי די ברייטע מאַסן. אויך אין דער מינדלעכער אַגיטאַציע האָבן מיר זיך ס'רוב נישט געקאָנט באַנוצן מיט העברעיש. די ספרדישע אַרבעטער ווייסן נאָר צו זאָגן אין העברעיש „שלום" און „כיצד שלומך?", אָבער רעדן העברעיש קענען זיי נישט. ביי די סטאָליאַרעס און אויף אַנדערע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען האָבן מיר גערעדט יידיש און שפּאַניאָליש.

ב ן ־ צ ב י און ר ח ל י נ א י ת זענען אַרויסגעטרעטן קעגן אַרויסגעבן „זשאַרגאָנישע איבערזעצונגען" צוליב אַ קליינער מינדערהייט. די היגע מאַסן,

אויף וויפל זיי לייענען, באַזיצן זיי העברעיש, סיידן די ניי־געקומענע. אָבער מיר האָבן זיך צו רעכענען נאָר מיט אַלע אַרבעטער פון אונזער לאַנד, און נישט מיט די נייע באַזונדער און מיט די אַלטע באַזונדער. אַגב, אַ ריי פאַר־זאַמלונגען, למשל, ביי די דרוקער, זענען גראַד געפירט געוואָרן אין העברעיש.

אַ שאַרפע פּרינציפּיעלע העברעיסטישע שטעלונג האָט פאַרנומען בן־גוריון:

„מ׳האָט דאָ גערעדט אַ סאַך וועגן „האַחדות" און פאַרלאַג „אַחדות" און פאַרגעסן וועגן דער אַחדות פון פאָלק און דער אַחדות פון די אַרבעטער. אונ־זער פאָלק איז צעריסן און צעטיילט, די יידישע אַרבעטער זענען איינער פון צווייטן ווייט אַ דאַנק דעם געמיש פון שפּראַכן. צי זאָלן אויך מיר פאַרטיפן אָט דעם תהום דורך באַנוצן עטלעכע שפּראַכן? אָדער אפשר איז אונזער פליכט צו צעשטערן די מחיצות און פאַרייניקן די צעריסענע שטיקער דורך דער אייגן נאַציאָנאַלער שפּראַך אונזערער? אויב אין דער אַגיטאַציע און אין רעדן זענען מיר נאָך געצווונגען צו באַנוצן אַ סאַך שפּראַכן, — זענען מיר אין אונזער קולטור־טעטיקייט נישט באַרעכטיקט צו באַנוצן זיך סיידן נאָר מיט אונזער העברעישער שפּראַך. וואָס שייך שפּראַך, שיקט זיך נישט צו רעכענען בלויז מיט זאַכלעכע און צייטווייליקע מאָטיוון, ווייל דאָס איז אַן עיקר־פראַגע, וועלכע רירט אָן דעם סאַמע וואָרצל פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום און אונזער צוקונפט אַלס אַ געזונט איינהייטלעך פאָלק אין זיין לאַנד".

מיין ענטפער איז געווען:

„די שפּראַכן־פראַגע איז נישט קיין פראַגע פון טעכניק, נאָר פון קולטור. דאָס מיינט, אַז ס׳איז נישט קיין לאָקאַלע, נאָר אַן אַלגעמיין־יידישע פראַגע. ס׳איז אמת, אַז אין דער פיל־שפּראַכיקייט אַנטפּלעקט זיך די טראַגעדיע פון אונזער גייסטיקן שאַפן. דעם תהום איז אוממעגלעך צו פאַרשיטן דורך דער העברעישער שפּראַך אין ארץ־ישראל. מיליאָנען יידן רעדן און טראַכטן יידיש, און ביי מיר איז קיין ברעקל ספק נישטאָ, אַז די נאַציאָ־נאַלע קולטור אין „גלות" וועט אויך ווייטער געשאַפן ווערן אין יידיש.

אויב העברעיש איז דער צעמענט, וואָס וועט פאַרייניקן אַלע טיילן פון יידישן פאָלק אין ארץ ישראל, איז יידיש דער שטאַרקסטער פאַקטאָר, וואָס ווירקט אויף דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די יידן אין גלות. מיך אַרט נישט, וואָס די דאָזיקע שפּראַך שטאַמט פון דייטש. פאַר מיר איז גענוג דער פאַקט, וואָס די יידישע פּסיכיק האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אָט דעם „זשאַר־גאָן", שאַפט און קעמפט אין אים. מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם — דאָס זענען

פלאַסטן פון יידישער קולטור. אַזאַ אינטים־יידישער ספר, ווי פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז געשאַפן געוואָרן אין יידיש.

אַלע חברים זענען מסכים, מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט יידיש פאַר אַגיטאַ־ציע, אָבער נישט מער. אויך דער „בונד" האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ באַציונג צו „זשאַרגאָן". נאָר די טבע פון אַ שפּראַך איז שוין, אַז קוים באַנוצט מען זי בסדר און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווערט זי רייכער און קריכט אַריין אין די עצמות און אין נשמה פון די יעניקע, וואָס באַנוצן זי, ביז זי הערט־אויף צו זיין אַן אויסערלעכער מיטל און ווערט אַ טייל פון גייסטיקן „איך".

אַזוינס קאָן פּאַסירן אויך בנוגע יידיש אין ארץ ישראל. עס לאָזט זיך נישט אָנצייכענען אַ גרענעץ פאַר דער קולטור־טעטיקייט, וואָס נאָר ביז אָט דער גרענעץ איז דערלויבט צו באַנוצן יידיש. דער דורשט פון גייסט מאַכט אַ תל פון אַזעלכע קינסטלעכע גרענעצן.

מיך שרעקט נישט דער געדאַנק, אַז ס'וועלן עקזיסטירןביידע שפּראַכן.

פּונקט אַזוי, ווי קיינמאָל וועט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זיך נישט אַריבערפּעקלען קיין ארץ־ישראל, וועט אויך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק נישט אַריבער צו העברעיש. און אָפּזונדערן זיך, אָפּרייסן זיך פון דעם גרעסטן טייל פון אונזער פאָלק נאָר דערפאַר, באשר ער רעדט און שאַפט זיין אמתע נאַציאָ־נאַלע קולטור אין יידיש — דערצו האָב איך נישט קיין חשק.

אין אונזער אינערלעכער אַרבעט מוזן מיר האָבן אין אויג די דאָפּלטקייט פון אונזער קולטור. איך האָב נישט מורא, טאָמער חלילה וועט די שפּראַך פון אַגיטאַציע ווערן די שפּראַך פון קולטור. דאָס איז אַ לעבעדיקער פאַקט, און גריילעך נישט קיין נעגאַטיווער. אין משך פון נאָך פיל דורות וועט זיך אונזער לעבן אויף אַלע אַנדערע געביטן אַנטוויקלען אין צוויי הויפּט־שטחים, אין ארץ־ישראל און אין „גלות", — דעריבער וועלן מיר זיין געצוווּנגען און פּאַקטיש וועלן מיר אַנטוויקלען אונזער קולטור אין די ביידע שפּראַכן.

יעדנפאַלס — די שפּראַכן־פראַגע איז זייער ערנסט און קאָמפּליצירט, זי פאָדערט אַ שטודיום, און מיט בלויז עקשנות וועלן מיר זי נישט לעזן".

מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר האַלב־פּריוואַט אַרויסגעגעבן זאַמלביכער „דאָס לאַנד", ווו עס זענען געבראַכט געוואָרן אין יידישער איבערזעצונג פאַרשידענע אַרטיקלען פון „האחדות". געהייסן האָט עס, אַז „דאָס לאַנד" איז אויסגערעכנט אויף די חברים אין אויסלאַנד, וועלכע מוזן אויפגעקלערט ווערן וועגן די אַקטועלע פּראָבלעמען פון ארץ ישראל און קאָנען בשום אופן זייער באַרעכטיקטן גייסטיקן הונגער נישט שטילן דורך דעם העברעישן „האחדות".

די קולטור־טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין ביידע שפּראַכן — סיי

שריפטלעך און בפרט מינדלעך. רעפעראַטן זענען געהאַלטן געוואָרן דורך חברים, הויפּטזעכלעך דורך מיר אין יידיש ביי די פאַרשידענע געלעגנהייטן. אָבער נאָר אין אונזערע אייגענע לאָקאַלן. קיין עפנטלעכע לאָקאַלן האָט מען פאַר יידיש נישט פאַרדונגען. אין שריפט פלעגט פון מאָל צו מאָל דערשיינען אַ בראָשור אין יידיש. צייטונגען, זאַמלביכער זענען אָבער אַ צייט לאַנג, יעדנפאַלס ביז נאָך דער מלחמה דערשינען אויסשליסלעך און בלויז אין העברעיש.

די געציילטע חברים, וואָס זענען געווען טיף אינערלעך און גייסטי פאַר־בונדן מיט יידיש און געפילט די עוולה אין דערשטיקן די שפּראַך פון מיליאָ־ניקע יידישע מאַסן דווקא אין לאַנד, ווו יידן גופא האָבן די פולע און אויס־שליסלעכע דעה אויף זייער קולטור־לעבן, — זיי האָבן געהאַט איין טרייסט און אויסזיכט: ווען זיך נאָר ברייטער עפענען די טויערן פון לאַנד אין ארץ־ישראל וועט ווערן אַ צוציונגס־פּלאַץ פאַר אַ יידישער מ אַ ס ן - איינוואַנדערונג, וועלן די מ אַ ס ן מיט זיך ברענגען אויך זייער יידישע שפּראַך און דאַן אויס־קעמפן פאַר א י ר, ס׳הייסט פאַר ז י ך אויך אַן אַנדער מער קולטורעלע באַציונג און ווירדיקע פּאָזיציע.

די פּאָזיציע פון יידיש אין ארץ־ישראל הענגט־אָפּ אינגאַנצן פון דער פּאָזיציע, וואָס ארץ־ישראל וועט פאַרנעמען אין לעבן פון די יידישע מאַסן.

„השומר" און „פּועלי־ציון"

אונזער „שיינדל", דער שטאָלץ פון דער פּאַרטיי איז געווען דער „השומר". אין פלוג איז דער „השומר" געווען אַן אָרגאַניזאַציע פ אַ ר ז י ך. אַ שטרענג קאָנ־ספּיראַטיווע, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך — האָבן אויך אַקטיווע פּועלי־ציון־חברים נישט געהאַט קיין שום באַרירונג מיטן „השומר". פונדעסטוועגן האָט עס גע־הייסן אין לאַנד, אַז „ה ש ו מ ר" א י ז ד י אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פ ו ן פּ ו ע ל י־צ י ו ן, זייער אויפטו, און אַז די גאַנצע טעטיקייט זיינע ווערט געפירט אין גייסט פון דער פּאַרטיי.

אַזוי ווייט איז אויך געווען אמת. די אָנפירונג פון „השומר" איז באַשטאַנען פון פּועלי־ציון־חברים. די אַקטיוויסטע מיטגלידער האָבן געהערט צו דער פּאַר־טיי. דער עצם געדאַנק פון „השומר" איז געבוירן געוואָרן אין שויס פון פּועלי־ציון און די פּועלי־ציון אידעאָלאָגיע האָט אים אָפּגעהיט פון פאַרקריכן אויף זייטיקע דרכים.

אויבן־אויף גענומען — וואָס פאַרא מחותנים זענען פּועלי־ציון מיט אַן אָרגאַניזאַציע פון וועכטער? סיידן זיי אָרגאַניזירן צום קאַמף פאַר גוטע אַר־בעטס־לוינען, פאַר באַקוועמערע און מער גינסטיקע אַרבעטס־באַדינגונגען.

נישט אין דעם איז געגאַנגען דעם „השומר". דער „השומר" האָט אין אַ גע־וויסן זין ווייטער פאַרטגעזעצט די אַקטיווע טראַדיציע פון זעלבסט־שוץ, וואָס פּועלי־ציון האָבן מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד; ער האָט זי אָבער איבערגע־קאַכט אין דער ארץ־ישראל ווירקלעכקייט און זי פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם אייגנאַרטיקן, עכט ארץ־ישראלדיקן אויפטו.

אַ גלגול פון אַ ניגון — אין זיין שטייגערונג און דערהויבונג.

פאַרטיידיקן זיך בעת אַן אָנפאַל, נישט לאָזן זיך אויסשעכטן, ענטפערן מיט אַ קלאַפּ אויף אַ קלאַפּ, — דאָס איז געווען עלעמענטאַר פאַר יעדן איינעם, וואָס איז געקומען זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל.

וועכטעווען און אָפּהיטן יידיש האָב און גוטס נישט צוליב האָנאָראַר, נישט צו־ליבן געהאַלט, וואָס מען קריגט דערפאַר באַצאָלט, נאָר צוליבן אידעאַל פון אויפהויבן די חשיבות, דעם פרעסטיזש פון יידישן כלל אין די אויגן פון די אַראַבישע שכנים — אַזאַ ציל איז שוין געווען ווייט מחוץ די ראַמען און אויפ־גאַבן פון אַ געוויינלעכן פּראָפעסיאָנעלן פאַרייך.

דער „השומר" האָט בפירוש נישט געהאַט אין זינען צו פאַרהיטן דעם יידישן קאָלאָניסט פון גנבות; די חברים האָבן גוט געקענט דעם קאָלאָניסט אין גליל און דעם פּלאַנטאַטאָר אין יהודה, און אַ סברא, אַז זיי וואָלטן זיך בדרך כלל ווינציק געקימערט וועגן זיין פאַרמעגן, אויב אויף דעם זאָל וואַרפן אַן אויג אַ יידישער גנב. דער „השומר" האָט געוואָלט פאַרהיטן יידיש האָב און גוטס פון אַראַבישע גנבים און איבערפאַלער. אין עצם איז ער אויסן געווען נישט גראָדע די גנבים, נאָר די אַראַבער בכלל. דאָ זענען גענומען געוואָרן אין חשבון גאָר און גאָר אַנדערע מאָטיוון, סיי נאַציאָנאַלע און סיי סאָציאַלע.

דער דורכשניטלעכער אַראַבער האָט זיך צוגעוווינט צו קוקן אויף יידן פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף איבערגעשראָקענע, וואָס ציטערן פאַר אַ קלאַפּ און ווייסן נישט, וואָס מיינט ענטפערן אַן אָנגרייפער. די אַראַבער האָבן פון דור־דורות „געלעבט אויפן שווערד", געווען אינטים מיטן ביקס און געשטאַלצירט מיטן יחוס פון דער אַראַבישער שקאַפע, דער „אַצילה". גנבענען פלעגן אַראַבער אויך ביי אייגענע, ביי אַראַבער, און דערין איז נישט געווען קיין באַזונדערע „זיי־טיקע כוונה". גנבות זענען אין אונזערע צייטן, אין אונזערע סאָציאַלע באַדינ־גונגען אַ „נאַטירלעכע" דערשיינונג.

גנבות ביי יידן האָבן לגבי דעם אַראַבער פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן מיין. יידן אַליין האָבן נישט געהיט. זיי זענען געהיט געוואָרן פון אַראַבער. אַראַבישע וועכטער זענען געווען אויסגעבונדן מיט די אַראַבישע גנבים, אָפט געמאַכט

מיט זיי „יד־אַחת" און באַקומען אַ טייל פון געריבטן אַלס „לאַ יחרץ"־פּרעמיע. דעריין איז שוין געווען גרינגשעצונג לגבי דעם ייד. נישט דווקא לגבי דעם איין ייד, דעם אייגנטימער, נייערט לגבי אַלע יידן, לגבי דעם כלל יידן. יידן, איז דורכשניט, האָט עס געהייסן, האָבן מורא, זענען נישט פעיק צו פאַרטיידיקן זיך, טרעטן אָפּ דעם וועג און שלינגען אַראָפּ אַ באַליידיקונג, מ'קאָן זיי קריכן אויפן קאָפּ און ס'איז זיי לייכט אַנשרעקן.

אָט די באַציונג צו יידן האָט דער „השומר" געוואָלט ענדערן. אויס־וואָרצלען ביים אַראַבער אַזאַ דערנידעריקנדיקע פאַרשטעלונג וועגן יידן, ווייל זי האָט געקאָנט פאַטאַל זיך אָפּרופן אויף דער גאַנצער אַרבעט אונזערער אין לאַנד.

דאַרף מען קודם כל נעמען די שמירה אין אייגענע הענט. זיך אַליין היטן, זיך אַליין באַשיצן, באַווייזן באַשיימפּערלעך, אַז יידן קאָנען אַליין זייער אייגן שטעטל באַשטיין.

„השומר" האָט נישט געוואָלט „לערנען בלק" מיט די אַראַבער. ער האָט זיי געוואָלט איבערדערציען. אָבער נישט דורך איינקנעלן טעאָריע און זאָגן תוכחה, נאָר דורכן אָנשוילעכן מעטאָד, דורך ווייזן זיי אַן אַנדער יידישע ווירקלעכקייט, דורך אַרויספירן פאַר זיי אַ רעאַלן נייעם יידישן טיפּ.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז וויכטיק נישט בלויז דאָס שטיין אויף דער וואַך אין אַ פינסטערער נאַכט און אומגיין „הינטער דער וואַנט" פון קאָלאָניע. אַ „השומרניק" מוז קאָנען אויסגעצייכנט רייטן און וויסן ווי אומגיין מיט דער ביקס, ממש, ווי אַ געבאָרענער אַראַבער. דער יידישער רייטער זיצט אויף דער שקאַפּע לייכט און גראַציעז, און די שקאַפּע טאַנצט אונטער אים. זי, די יחסנטע, די עמפּינדלעכע און צעבאַלעוועטע, פילט דעם יידישן רייטער ווי אַן אייגענעם הערשער און האָט אים גערן. ער מאַכט „פאַנטאַזיע", פּראַוועט פאַרשידענע שטיק אויף דער שקאַפּע, וואַרפט קונציק די שפּיז אין לופטן און טרעפט מיט דער קויל אין ציל לויפנדיק... דער אַראַבער איז טיף און אמתדיק פאַרוווּנ־דערט: דאָס זענען דאָך כלל נישט קיין יידן. דאָס זענען גאָר „מאַסקאָבי"... אָדער... די קינדער פון אַמאָליקע „בני ישראל"... אַן אייגנאַרטיקע פאַרקני־פּונג צווישן דעם נייעם ייד און זיין אַמאָליקן עלטער־זיידן אויף דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, צו וועמען די אַראַבישע מסורה באַציט זיך מיט דרך ארץ און פאַרערונג.

דער „השומר" האָט זיך געלערנט די שפּראַך פון די אַראַבישע שכנים, זיך באַקענט מיט זייערע מנהגים, פירונגען, איבערגענומען אַ טייל פון זייער

קליידונג, זיך באַנוצט מיט זייערע ווערטלעך און אָפּט זיך צעלאָזט אויפן פייפל אָדער זיך צעהיצט אין אַ „דעבקע", עלעהיי באַדואינער מבטן ומלידה...

אינעם „ישוב" האָט מען אַפילו גענומען אונטערמורמלען קעגן דער „אַ ר אַ ב י ש י ז אַ צ י ע", וואָס דער „השומר" פירט איין אין אונזער סביבה. הפועל־הצעירניקעס האָבן געוויכט פון „השומר", חוץ זעלטענע איינצל־פאַלן. „השומרניקעס" האָבן גוטמוטיק, אין אַמפּערניש און מחלוקת זיך מכבד געווען מיטן זידל־וואָרט „פאַסקודנער פועל־צעירניק".

ס'איז אין דער אמתן געווען אין גרונט פאַלש אַזאַ אַבסורדאַלע טענה לגבי דעם „השומר". ס'איז אין זיין פּאָליטיק לגבי אַראַבער געווען אַ גאַנץ אויס־געשפּראָכענע קלאָר־דורכזיכטיקע כוונה: דערנענטערן זיך צום אַראַבישן שכן, אָפּשאַפן אומנויטיקע אויסערלעכע, טעכנישע מחיצות, וואָס שטערן צו דערוועקן צוטרוי, מאַניפעסטירן פאַר דער אַראַבישער סביבה, אַז מ'האַלט זיך ווי גלייכע, גלייכווערטיקע, אייגענע, ווי שכנים, וועמען ס'איז באַשערט צו לעבן אונטער איין הימל, אויף איין ערד.

ס'איז געווען אַ געבאָט ביים „השומר" צו שיסן און צילן אין אַראַבער נאָר אין עֶרגסטן פאַל, בלית ברירה. אַדרבא, ביי יעדער געלעגנהייט דעמאָנסטרירן כוח, מוט, געוואַגטקייט, אומדערשראָקנקייט, פעסטן ווילן, דרייסטקייט און ריקזיכטסלאָזיקייט, פלינקייט, ניכטערקייט, באַרעכנטקייט און ציל־באַוווסטקייט. אָבער אין דער זעלבער צייט אונטערשטרייכן און אַרויסברענגען מיט דער גאַנ־צער דייטלעכקייט און אומאָפּפרעגלעכקייט דעם ווילן צו פאַרשטענדיקונג, צו גוטע שכנימשע באַציונגען, צו שלום.

אָט די פּאָליטישע טענדענץ איז נישט געווען קיין צ ו פ ע ל י ק ײ ט אין דער ליניע פון „השומר" — דאָ איז געקומען צום בולטסטן אויסדרוק די פּ אָ ל י ט י־ ש ע א ײ נ ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן פּ ו ע ל י צ י ו ן.

מיר ווילן די אַראַבער נישט פאַריאָגן און מיר וועלן זיך נישט אויפבויען אויף זייער חורבן. מען דאַרף אויך ביי זיי איינפלאַנצן די איבערצייגונג, אַז פונקט אַזוי האָבן זיי נישט צו חלומען וועגן פאַרטרייבן יידן פון דאַנען, אָדער וועגן אָפּשרעקן יידן פון צו קומען אין לאַנד.

מיר וועלן מוזן לעבן אין ארץ־ישראל צ ו ז אַ מ ע ן מ י ט ד י אַ ר אַ ב ע ר און מיר מ ו ז ן ז י ך מ י ט ז י י פ אַ ר ש ט ע נ ד י ק ן. אַזאַ פאַרשטענדיקונג האָט נישט געקאָנט געמאָלט זיין כל זמן די אַראַבער האָבן זיך באַצויגן צו די יידן מיט ביטול, ווי צו בטלנים, ווי צו פחדנים, ווי צו פרעמדע, וואָס קענען נישט דאָס לאַנד און ווייסן נישט, ווי זיך דאָ אומצוגיין.

דאַרף מען דערוועקן ביי די אַראַבער צ ו ט ר ו י דורך דערנענטערן זיך צו

זיי מ ע נ ט ש ל ע ך, נישט מבזה זיין זייער אַרט לעבן און, ריין טאַקטיש, אַפילו איבערנעמען געוויסע מידות ביי זיי. מען דאַרף ביי זיי דערוועקן אַ כ ט ו נ ג און אָ נ ע ר ק ע נ ו נ ג, דורכדעם, וואָס מ׳וועט זיי צולאָזן צו זיך און געבן זיי די געלעגנהייט צו זען אונזער פירונג, אונזער אַרט לעבן, אונזערע אויפטוען און דערגרייכונגען, וואָס קאָנען האָבן אַ באַדייטונג אויך פאַר זיי, פון וואָס זיי קאָנען זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל, ווי אַזוי זיך אויפצוהייבן פון אייגענער געפאַלנקייט און אָפּגעשטאַנענקייט.

ס׳איז אַ פאַקט, אַז חוץ איינצלנע אויסנאַמען, זענען אין לאַנד נישט געווען, על כל פנים אין דער אַרבעטער־סביבה, קיין מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי אויס־געבינדן מיט דער אַראַבישער סביבה ווי די מיטגלידער פון „השומר״.

דער „השומר״ האָט ביי די אַראַבער דערצויגן אַ נייע באַציונג צום יידישן כלל, דערוועקט ביי זיי רעספּעקט און אַכטונג. אויף די בעסערע מער דענ־קנדיקע צווישן די יידישע אַרבעטער האָט דער „השומר״ אויך געהאַט אַ פּעולה: ער האָט פון זיי געמאָנט אַן אַנדער, מ ע נ ט ש ל ע כ ע באַציונג צום אַראַבער און געצווונגען צו טראַכטן וועגן דעם פּראָבלעם יידיש־אַראַבישע באַציונגען מ אָ ר ג ן און א י ב ע ר מ אָ ר ג ן.

איך האָב געהאַט זייער נאָענטע אינטימע פריינט צווישן „השומר״. ישראל שוחט, ישראליק גלעדי, מנדל פּאָרטוגאַלי, צבי בעקער, שמולעק העפּטער, יחזקאל כענקין, אַלכסנדר זייד און מאירקע כאַזאַנאָוויטש זענען געווען אַקטיווע פּאַרטיי־חברים. אייניקע פון זיי — מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט. קיילע גלעדי, חיה שרה כענקין, אסתר בעקער זענען געווען טרייע חברטעס נישט נאָר אין „השומר״, נאָר אויך אין פּאַרטיי. בכלל די גאַנצע שומרישע סביבה — מאַניע (ווילבושעוויטש), צבי נדב, צבי ניסאַנאָוו און יצחק תימני, יששכר סיטקאָוו, זלמן אָסושקין, גד אַוויגדאָראָוו, בן־ציון מאַשביץ, און יגאל, צלאָל און שניאורסאָן (קאַליפּטע), ספּעקטאָר און שטורמאַן און נחום הורוויץ, און יוסף נחמני, „יאַנקעלע גזלן״ און „קורעק״, „פּעטער לוזער״ און פליישער און פיינבערג — מיר זענען געווען אויסגעבונדן צווישן זיך, טרעפנדיק זיך נאָכאַנאַנד ביי דער אַרבעט, אויף די ערטער, באַטראַכטנדיק צוזאַמען די דערשיינונגען און פּראָ־בלעמען, וועלכע האָבן געמאָנט און געמאָנט אויפקלערונג, אַן ערלעכע אויפריכטיקע תשובה.

נעכט פלעגט מיר אויסקומען אומצוגיין מיט די „השומר״־חברים הינטער „דער וואַנט״ אין מסחה, אָדער אין יבנאל, אין אַ ווייַנגאָרטן פון רחובות, צי ראשון־לציון, און דיסקוטירן צווישן זיך פראַגן, וואָס זענען אויפגעשווומען פון דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק, אָדער דערציילן זיי וועגן דעם לעבן און קאַמף

פון די יידישע אַרבעטער אין דער גרויסער וועלט, פון פּועלי־ציוניסטישע דערד גרייכונגען אָדער דורכפאַלן אויפן אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן, צי אינערלעך־יידישן אַרבעטער־פראָנט.

באַזונדערס אויספירלעכע און גרינטלעכע שמועסן זענען געווען מיט גלעדי און פּאָרטוגאַלי, צענטראַלע פיגורן, מיט וועמען מ׳האָט געקאָנט זיך טרעפן אויך בייטאָג און וועלכע זענען, אַגב, געווען אויך מער צודרינגלעך אין פאָדערן פּאָליטישע קלאָרקייט און שטעלונג צו די אַקטועלע פראַגן פון יידישן אַרבעטער־לעבן און קאַמף אין ארץ־ישראל.

שווער איז געווען דאָס לעבן פונעם „השומר״. קיינמאָל נישט זיכער מיטן אָרט, צו יעדן מאָמענט זיין גרייט אַריבערציען זיך אין אַ נייעם פּלאַץ. היינט גליל, מאָרגן אין שומרון, און פּלוצים גאָר — אין יהודה. חברה האָט נישט ליב געהאַט יהודה. צו באַלעבאַטיש און פאַרפּוצט, צו פאַרבירגערלעכט און „אינטעליגענטיש״. גליל — דאָס איז דאָס אמתע ארץ־ישראל. דאָ שמעקט ערד. ס׳איז אפשר עטוואָס פאַרגרעבט, אָבער מער יאָדערדיק, קערנדיק, איינ־געוואָרצלט, פּשוט און עכט־פּויעריש.

„השומר״ האָט געחלומט וועגן אַ דאָרף, וועגן אייגענע שומרישע דערפער. נישט אייביק וועט מען דאַרף היטן קאָלאָניסטן. ס׳וועלן זיכער קומען אַנדערע צייטן און ס׳וועלן זיך איינשטעלן אַנדערע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. פאַרהיטן פון גנבות בדרך כלל איז אַן ענין פאַר פּאָליציי, האָט צו טאָן מיט אַ רעזשים פון רו און אָרדנונג אין לאַנד. אָבער דאָרף — דאָס איז אַן ענין פאַר זיך, פאַרן יידישן אַרבעטער. באַהעפטן זיך מיטן באָדן, אַליין אים אויפ־אַקערן, פאַרזייען, שניידן און באַשיצן — אַ שומרישער דאָרף אַלס מוסטער, און אפשר אַלס דערציונגס־אַנשטאַלט, וווּ ס׳וועט אויפקומען אַ נייער טיפּ יידישע אַרבעטער־מענטשן, קרעפטיקע אין קערפּער און אין גייסט, וואָס וויסן, ווי צו לעבן און האָבן פאַר וואָס צו שטאַרבן...

ס׳איז געווען אַ חלום ביי ישראליק גלעדי. ביי אַנדערע.

די פּאַרטיי האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן „השומר״ — פּאָלי־טיש־געזעלשאַפטלעך. אָבער אויך לגבי דעם מענטשן־מאַטעריאַל.

כ׳דערמאָן זיך ווען אין גליל האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערע צייט. כמעט יעדן טאָג צוזאַמענשטויסן מיט אַראַבער אין פעלד ביי דער אַרבעט, צי מיט פּאַסטוכער, וואָס האָבן אַרויפגעיאָגט זייערע טשערעדעס אויף יידישן באָדן. כמעט יעדן אויפדערנאַכט אונטערצינדונגען מיט גרויסע היזקות.

מען האָט געמוזט פאַרשטאַרקן די שמירה. די אחריות איז געפאַלן אינגאַנצן אויפן „השומר״. איז געקומען אַ רוף צום צ. ק. וועגן הילף. האָט די פּאַרטיי

דורכגעפירט אַ מאָביליזאַציע. דאָן איז אַוועק פון דרוקעריי „אַחדות" אין ירו־שלים יצחק אַחדותי קיין מרחביה אַלס אַרבעטער און חבר י ו ס ף נ ח מ נ י איז אַוועק צו דער וואַך. ער האָט איינגיכן פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אָרט אין דער משפחה פון „השומר". דער „השומר" פלעגט אין אַ סאַך ערטער אויס־טרעטן דעם וועג פאַר דער פאַרטיי. ווו ער איז געקומען, איז אים גלייך נאָכ־געקומען די פאַרטיי. אַזוי אין גליל, אַזוי אין חדרה, אַזוי אין רחובות. דער צענטער פון „השומר" איז אויך געווען אַ צענטער פאַר פועלי־ציון. קודם פלעגן אָנפירנדיקע חברים קומען אַהין „צו גאַסט", זען דעם נייעם „דעראָבערטן פונקט" פאַר „יידישער שמירה". פלעגט שוין איינגעאָרדנט ווערן אַ רעפעראַט, אַ פאַרזאַמלונג, אַ שמועס, און אַזוי פלעגט זיך שוין אַרום דעם פאַרטיי־קערנדל פון „השומר" אָנהויבן אַרומוויקלען אַ גרעסערע מיטגלידערשאַפט און אַנטשטיין אַ ספּעציעלע גרופּע. דער צ. ק. האָט טאַקע געפאָדערט פון די פאַרטיי־מיטגלי־דער אין „השומר, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן אויך מיט אַקטיווער פאַרטיי־אַרבעט. ווייל „השומר"־פונקציעס, פאַר זיך גענומען, זענען נישט גענוג. ס'איז צו ווינ־ציק, כדי צו זיין אַ גוטער „השומרניק", מוז מען זיין אַקטיווער אין דער פאַרטיי.

איז דער „השומר" באַקעמפט געוואָרן פ אַ ל י ט י ש, אי פון הפועל־הצעיר, אי פון די „אומפאַרטייאישע".

אין „האַחדות" נומ. 1 פון יאָר 1913 האָט אַ ל כ ס נ ד ר ז י"ד פאַרעפנט־לעכט אַ „בריוו אין רעדאַקציע", ווו ער „באַשולדיקט דעם מיטגליד פון צ. ק. פון די אַרבעטער אין יהודה, ר ו ט ב ע ר ג ן, אַז „ער גראָבט אונטער דעם „השומר" און ברענגט דערמיט גרויסן שאָדן דער יידישער שמירה אין יהודה". זייד באַשולדיקט די איבעריקע צ.־ק.־מיטגלידער, אַז לאַ די זיי שטעמפּלען נישט רוטבערגס האַנדלונג, דרייען זיי זיך בכלל אַרויס פון צו באַקעמפן אַזעל־כע פאַלשע געננג.

ס'האַנדלט זיך וועגן אַ גרופּע וועכטער, וואָס זענען צוליב פאַרשידענע טעמים אויסגעשלאָסן פון „השומר" און זיך געשאַפן אַ נייע וועכטער־אָרגאַני־זאַציע מיטן נאָמען „הנוטר". וואָס ווילן זיי? פרעגט זייד און ענטפערט: „אייניקע פון זיי זוכן פראָסט פשוט וועכטער־פּאָסטנס, און היות ווי דער „השומר" באַציט זיך צו זיי מיט אומצוטרוי, האָבן זיי זיך מישב געווען און אַרויסגעטרעטן קעגן אים. מיט אַנדערע ווערטער: זייערע פּריוואַטע אַנגעלע־גנהייטן האָבן ביי זיי איבערגעוויגן די אַנגעלעגנהייטן פון שמירה.

אָבער וואָס זענען אויסן די פירער?

איך פרעג דיך, רוטבערג, פאַרוואָס ווילסטו, עס זאָלן דווקא זיין צ ו ו י י אָרגאַניזאַציעס פון וועכטער? צי איז עס נישט צוליבן זעלבן מאָטיוו, פאַרוואָס

דו האָסט פאַרוואָנדעט אַזוי פיל ענערגיע און כוחות, כדי אונטערצוגראָבן דאָס אַרבעטס־ביוראָ (פון פּ. אַ. פּ. — זר.) און אויפשטעלן אַ אַנדער אַרבעטס־ביוראָ, וואָס זאָל קאָנקורירן מיט דעם שוין עקזיסטירנדיקן? און לאָמיר זאָגן אַז דיר וועט געלינגען צו רייסן אויף צווייען די אינפאָרמאַציע־טעטיקייט פון די אַרבעטער און דעם „השומר"־פאַריין — וואָס רעכנסטו צו טאָן ווייטער? אפשר — צערייסן אויך די „הסתדרות"? ח' רוטבערג, טוסטו דאָס אַלץ פון אייגענער איניציאַטיוו און אויף אייגענער אַחריות, אָדער לויט אַ באַפעל פון „דאָרט"?

מיטגלידער פון הסתדרות! אין די אָנפאַלן פון אונזער צענטראַל־קאָמיטעט אויף דעם „אַרבעטס־ביוראָ" איז שוין פון לאַנג דערוויזן געוואָרן באַשיימפערלעך, אַז אונזער צ. ק. טוט גאָר נישט לויטן אייגענעם ווילן, נאָר לויטן ווילן פון „הפועל הצעיר". איצט חזרט זיך איבער די זעלבע געשיכטע. דאָס קאָנען מיר בשום אופן נישט פאַרשווייגן. אויב דעם „הפועל הצעיר" איז נישט צום האַרצן דאָס אַרבעטס־ביוראָ, אָדער „השומר" — איז עס זיין זאַך. ס'איז אָבער אַ פראַגע, צי די פאַרשטייער פון דער „הסתדרות", אויב זיי געהערן אַפילו צופעליק צו „הפועל הצעיר", האָבן דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן אין קאַמף קעגן „השומר".

אין נומ. 5־6 „האחדות" האָט דער קאָמיטעט פון „השומר" אָפּגעדרוקט „אַ בריוו אין רעדאַקציע", ווו עס ווערט געזאָגט: „אין נומ. 5־6 „הפועל הצעיר" איז ח' אַהרונוביץ אַרויס מיט אַן אַרטיקל קעגן דער כלומרשטער „זשאַרגאָנישער השפעה" פון „השומר", קעגן „נאָכמאַכן די מנהגים און קליידונג פון די אַראַבער" דורך די שומרים און ד. גל. ס'איז נישט פאַר אונזער כבוד און מיר האָבן נישט קיין חשק צו פּאָלעמיזירן מיטן אַרטיקל־שרייבער און מיט דער צייטונג, וואָס האָט געגעבן פּלאַץ פאַר אָט די לעכערלעכע אָנפאַלן. אָבער מיר האַלטן יאָ פאַר נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מ'פּרובירט פאַרמינערן דעם ווערט פון „השומר" אַלס אַזעלכן. אָנשטאָט צו העלפן אים מאַטעריעל, מיט גייסט און מיט טאָט. דאָס איז אַ משונהדיקע און טרויעריקע דערשיינונג, ווייל נישט איינמאָל האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער ארץ ישראלדיקער פּרעסע מיט דער פאָדערונג, וועלכע איז פאַרשטענדלעך פאַר די אַלע, וואָס ווייסן די באַדינגונגען פון אונזער אַרבעט און לעבן, נישט מתעסק זיין זיך ביי אונזער פאַריין אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען און נישט פאַרוואַנדלען די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון „השומר" אין אַן ענין פון עפנטלעכע רייבונגען און וויכוחים, אַז אויב עס איז פאַראַן וואָס אויפמערקזאַם צו מאַכן אָדער אויסבעסערן אין שייכות צום „השומר" און

צו דער שמירה, זאָל מען זיך ווענדן דירעקט צו דער אָנפירונג, וועלכע וועט אויפנעמען גערן יעטוועדן נוצלעכן פאָרשלאַג.

און אויב נאָך די פילמאַליקע התראות האָט זיך די דערמאָנטע צייטונג דערלויבט נישט צו רעכענען זיך מיט אונזער מיינונג, ווייזט עס, אויב נישט קיין שלעכטן ווילן, איז לפּחות אַ פולשטענדיקן נישט־פאַרשטיין די לאַגע און די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר געפינען זיך".

די ביידע בריוו אין רעדאַקציע, פון אַלכסנדר זייד און פון קאָמיטעט פון „השומר", זאָגן עדות, אַז די אָנגריפן מצדן „הפועל הצעיר" און מצד די אַזוי־גערופענע „אומפּאַרטייאיִשע" אויפן „השומר" זענען געווען נישט קיין צופעליקע און געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן פּאָליטישן כאַראַקטער. האָט מען שוין נישט געקאָנט שווייגן. מ'איז גֶעווען געצווונגען אַליין צו ברעכן אַ טראַדיציע און אַרויס אין דער ע פ נ ט ל ע כ ק י י ט, כדי צו פאַרינטרעסירן מיטן ענין אויך די ברייטערע קרייזן פון דער אַרבעטערשאַפט, ביי וועמען ס'איז געווען אַן אמת וואַרעמע, האַרציקע באַציונג צום „השומר", צו זיינע איינצלנע חברים און בפרט צו דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַרויסגערופן גלייך פון איר אַנטשטיין טיפע אַכטונג און אָנערקענונג.

ביי דער יוגנט איז דער „השומר" געוואָרן אַ לעבעדיקע ראָמאַנטישע לעגענדע, צו וועלכער מען האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און וועגן וועלכער מ'האָט געחלומט אויך בייטאָג. י ג א ל, דער העלד פון מרחביה, איז געוואָרן שנעל דער העלד פון מאַמישע וויג־לידער, וואָס האָבן פאַרוויגט קליינע קינדער. א. ראובני האָט פאַרפאַסט אַ שומריש וויג־ליד, וווּ ס'איז צוגעזאָגט געוואָרן דעם קינד, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ העלד... ווי יגאַל. דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אין לאַנד, און ס'האָט נישט גענומען קיין סאַך צייט, ווי דורך פּועלי־ציון איז דאָס ליד וועגן יגאל פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע לענדער, וווּ ס'האָבן זיך געפונען קאָמפּאַקטע יידישע ישובים. ס'איז געוואָרן אַ פאָלקס־ליד. אַ צייט שפּעטער איז דאָס ליד איבערזעצט געוואָרן אין העברעיש און פאַרשפּרייט געוואָרן אין לאַנד אויך צווישן יענע מאַמעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואָך פון דער העברעישער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

די מיטגלידער פון „השומר" זענען געווען באמת געקליבענע, נישט נאָר פיזיש. געוויס האָבן געקאָנט אימפּאָנירן אויך מיט זייער אויסערלעכן אויסזען אַזעלכע „טענענבוימער", ווי דער ברייטפּלייציקער מענדל פּאָרטוגאַלי, אָדער יחזקאל כענקין, צי יצחק תימנער, אָדער אַזאַ שלאַנקער יגאל, וואָס האָט פאַרמאָגט ממש אַ מוזיק אין זיינע באַוועגונגען, און נאָך זייערס גלייכן, אָבער

די שומרים האָבן אויסגענומען אַ סאַך מער מיט זייער אינערלעכער שיינקייט. איז דאָך מאירקע חזנוביץ געווען דער ליבלינג פון אַלע, סיי בחורים סיי מיידלעך, צוליב יענער ווילדער פרייד, וואָס האָט געשפּאַרט פון אים און וואָס האָט געקאָנט מיטרייסן אַלע, אַלע, ווען מאירקע איז אַרויס אין אַ „דעבקע“ און נאָך צוגעשפּילט אויף זיין האַרמאָניקע. האָבן דאָך ישראליק גלעדי אָדער צבי נדב בלויז מיט זייער בליק געקאָנט נעמען מענטשן געפאַנגען. אַזוי פיל קאָנצענטרירטער ווילן און אַזוי פיל צאַרטקייט און ווייכער ליריזם איז געווען אין אים. ביזט צו זיי צוגעבונדן געוואָרן אין דאַנקבאַרער טריישאַפט פאַר דער שיינקייט פון מענטש, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיי. האָט דאָך דער קורצגעוויקסיקער שמואליק העפּטער מיט זיינע ברענענדיקע שאַרף־שוואַרצע אויגן און דינעם גוף אויסגעדריקט אַזוי פיל הונגער נאָך לעבן, אַזוי פיל קוועקזילבערדיקע קראַפט און פעיקייט בייצוקומען אַלע סכנות. האָט דאָך אַ צבי ניסאַנאָוו, דער קאַווקאַזער בחור מיטן זודיקן בלוט, מיטן פּרימיטיוון פאָלקס־הומאָר און כלומרשט זאָרגלאָזער שטיפערישקייט, געקאָנט זיך אַליין צווימען און דורך שומרישן פליכט־באַוווסטזיין איינהאַלטן זיין צעכראַסטעטע נאַטור גראָד אין די מאָמענטן, ווען זי האָט זיך געוואָלט צוליב נקמה אַוועקלאָזן גאַלאָפּ, אומוואַרפנדיק אַלע אָנגענומענע קולטור־כללים פון מענטשלעכער פירונג... האָט דאָך יחזקאל כענקין מיט זיין מתיקותדיקער שטימע און ווייכער פאַנטאַזיע געקאָנט אַוועקפירן די ניכטערנסטע אין די ווייטע עולמות פון זיין דמיון און פאַרגעסן זיך אָן צרות און געווינען אַזוי פיל נאַטירלעכן גלויבן אין זיך, אין אונז, אין אונזער ווערק, אין מאָרגנדיקן טאָג. איז דאָך „פּעטער לוזער“ געווען ווירקלעך ווי אַ ליבער, צוגעלאָזענער פּעטער, וואָס האָט נישט דערלויבט קיינעם צו פאַרבלייבן לאַנג אין עצבות, נאָר דערהויבן און דערמונטערט מיט זיין פשטות און עקשנות יעדן, וואָס איז געווען יאַגן זיין געזעלשאַפט. האָבן דאָך קיילע גלעדי און חיה שרה כענקין געווירקט אָפּפרישנדיק אויף יעדן חבר צו לערנען אים אויפנעמען דעם אמת אינעם לעבן פון אַ פּיאָנער; אַזעלכע ווי אסתר בעקער אָדער צפורה זייד האָבן געוועקט אַפילו ביי בחורים קנאה מיט זייער געוואַגטקייט און אַרבעטסזאַמקייט. אַלכסנדר זייד איז דאָך געווען אַ שם־דבר שוין אין יענע צייטן. זיין זיכערקייט און אוממיטלבאַרקייט, זיין פאַרליבטקייט אין נאַטור און אין לעבעדיקע וועזנס, זיין פעיקייט אָפּצוטאָן די שווערסטע געפערלעכסטע זאַכן אַזוי רואיק, סטאָיש, מיט אַן אינערלעכן קנייטש אין נשמה און מיט אַן אומגעהערט ליד אויף די ברעמען פון די בלויע מענטשלעכע אויגן זיינע. האָט דאָך דער בערדיקער צבי בעקער פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל קינדערישע פרייד און אַזאַ טיף

ווירקנדיקע בענקשאַפט נאָכן אמת פון אונזער לעבן, פון אונזער קאַמף, אַז זיינע טענות און שאלות האָבן דיך קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזן און נישט געגעבן קיין מנוחה, האָט דאָך מענדל פּאָרטוגאַלי אַרויסגערופן שטוינונג און פאַרוווּנדערונג: ווי קומט אַזאַ לירישע פיל־טאָניקייט און קאָלירנדיקע זינגעווּר־דיקייט צו זיין מאַסיווער פיגור?!

די גאַנצע יונגערע גרופּע שומרים און ווי איבער זיי, אָבער באמת — זיי אַלע דורכגענומען, ישראל שוחט און מאַניע ווילבושעוויטש; שטרענג און ווייך, באַפעלעריש און סענטימענטאַל, ניכטערער באַוווּסטזיין און דיכטערי־שע טרוימערישקייט, ווילן און נשמה, קאָמאַנדירן און חברים...

ווו זענען זיי, יענע טענער, וואָס קלינגען נאָך אויף אַלע וועגן, בערג־אָפּהענג און וואַדיס אין ארץ־ישראל!...

ס׳האָבן זיך געביטן די צייטן, ס׳האָבן זיך געענדערט די באַדינגונגען פון לעבן און אַרבעט אין ארץ־ישראל. דער „השומר" האָט אין די שווערע טעג פון וועלט־מלחמה געהאַט אויסצושטיין די דערלעכסטע רדיפות און די איינצלנע מיטגלידער זיינע — אומגלויבלעך פּיזישע ענויים און גייסטיקע באַ־ליידיקונגען. אָבער גראָד אין יענע טעג האָבן די איינצלנע מיטגלידער זיינע באַוויזן, סאַראַ גוואַלדיקע מאָראַלישע גבורה זיי פאַרמאָגן, און מיט זייער האַל־טונג און פירונג באַרעכטיקט די לעגענדע, וואָס זיי האָבן געשאַפן וועגן דער ניי־צייטיקער גבורים־משפחה פונעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

די באַוועגונג פועלי־ציון האָט זיך אויף אייביק פאַרברידערט מיטן „השומר" און האָט אויף זיין ביישפּיל פון אַמאָל דערצויגן די יידישע אַרבעטער אויף ווייטער — ווי צו לעבן און ווי צו שטאַרבן אין ארץ־ישראל.

דער לעצטער איינדרוק, וואָס כ׳האָב געהאַט פון מיין באַגעגעניש מיט אַלכּסנדר זייד פאַר דער מלחמה איז פאַרבונדן מיטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין חדרה. פאַרוואָס חדרה? ווייל אין חדרה איז איצט דער „השומר", ווייל חדרה איז אויפן מיטן וועג צווישן יהודה און גליל. האָבן דענסמאָל זיך געצויגן מחנית חברים אַרבעטער פון אַלע עקן לאַנד קיין חדרה. ס׳איז געווען אין יאָר 1912. בן־צבי און בן־גוריון זענען געווען אין טערקיי, געשטודירט. רחל ינאית איז געווען אין אויסלאַנד, אין מאָנפּעליע, זיך צוגעגרייט צו אַגראָנאָמיע. די פאַרטיי־חברים פון „השומר" האָבן זיך באַטייליקט זייער אַקטיוו. חבר גלעדי איז געווען אין פּרעזידיום. אַלכּסנדר זייד האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט זעלטן גערעדט; געווען דער איינדרוק, ווי ער רעדט צו זיך אַליין; אָבער ער פלעגט צושמידן צו זיינע ווערטער די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער

אוידיטאָריע. ער האָט ליב געהאַט די פּאַרטיי. איר טעמפּעראַמענט, איר פאַר־בונדנקייט מיט דער אַרבעטערשאַפט נישט על פּי טעאָריע, נאָר אין יעדער אַר־בעט, איןליידן און אין פריידן. אים האָט געפרייט די אַרבעט פון צוזאַמענפאָר, ווו עס האָבן געפעלט אַזעלכע „בערן״, ווי בן־צבי און בן־גוריון. אַ פּאַרטיי איז, הפּנים, אַ כוח פאַר זיך און אַחוץ די איינצלנע טוער, די גרויסע יחידים, קאָן אויך דער קאָלעקטיוו, אַלס אַזעלכער, אויפטאָן און שאַפן.

ער האָט געשיינט, זייד, פון דעם באַוווסטזיין פון אונזער קאָלעקטיוון כוח.

ס׳איז שוין צייט פון נעילה. איך האַלט די שלוס־רעדע. ס׳איז אַ פייערלעכע ערנסטע שטימונג. פּלוצים באַמערק איך, ווי זייד שאַרט זיך אַרויס פון צימער. בעתן רעדן האָט עס מיר אַ שלאָג געטאָן אין מוח: ווי קומט עס צו זיידן, ער זאָל פּונקט אין אַזאַ מאָמענט זיך „אַרויסגנבענען״ פון צימער?

זייד איז אַרויס אין דרויסן און געבליבן שטיין ביים אָפענעם פענסטער.

ווי נאָר איך האָב אויסגערעדט דעם זאַץ, אַז דערמיט שליס איך דעם 8־טן צוזאַמענפאָר פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי פּועלי־ציון, האָט זיך אין דרויסן דערהערט אַ קנאַלעריי. — איינס... צוויי... דריי... אַכט!

דער עולם איז אויפגעשפּרונגען, אַנגעשפּיצט. מ׳האָט זיך גלייך געכאַפּט: דאָס האָט אַלכסנדר זייד לכבוד דעם 8טן צוזאַמענפאָר געגעבן די אַנטשפּרעכנ־דיקע צאָל שאָסן.

זייד האָט נישט געהאַלטן פון אויסברענגען קוילן סתם.

דאָס האָט זייד, דער „השומר״ געשאָסן אויף „וויוואַט״ לכבוד דעם צוזאַ־מענפאָר פון פּועלי־ציון.

4. אמעריקע

אין שליחות פון פראלעטארישן ציוניזם

ס׳איז געווען אין יאָר 1912. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראל־דיקער פועלי־ציון־פּאַרטיי איז אַקטועל געוואָרן די פּראַגע וועגן שיקן אַ דע־לעגאַט קיין אַמעריקע. קודם כל האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן „האַחדות״. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל איז פּאַרט שווער אויפצו־האַלטן די דרוקעריי און די וועכנטלעכע צייטונג „האַחדות״ אָן הילף פון דרויסן. די חברים פון אויסלאַנד האָבן זיך אַפילו ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן יאָ דערמאָנט אָן „האַחדות״ און יעדעס מאָל פאַרקויפט אַפּאָר אַקצ־יעס. דאָס איז געווען זייער צושטייער צו דער אַרבעט פון דער ארץ־ישראל־פּאַרטיי, דער פּ י אָ נ ע ר י ן פון דער וועלט־באַוועגונג. אָבער אַזאַ הילף — אַ נישט רעגולערע און קנאַפּע — האָט נישט געקענט ענדערן די לאַגע פון דער צייטונג גרינטלעך. עס האָט זיך געפּאָדערט אַ גרעסערע איינמאָליקע אָנשטרענגונג, וואָס זאָל צילן צו מער באַדייטנדיקע ממשותדיקע פינאַנציעלע רעזולטאַטן.

איז אויפגעשוווּמען די פראַגע וועגן פאַרבינדן זיך מיט אַמעריקע דורך אַ לעבעדיקן שליח.

די „גאָלדענע מדינה״ האָט שוין זינט אַ צייט געגאָלטן אַלס אומדערשעפּ־לעכער קוואַל, פון וואַנען די פּריוואַטע־באַוועגונג אין דער „אַלטער וועלט״ האָט נאָכאַנאַנד געשעפּט. אין ערשטער ריי זענען עס געווען די רעוואָלוציאָ־נערן פון צאַרישן רוסלאַנד. די מאַסן, וואָס זענען אַנטרונען פון רוסישן גהינום קיין אַמעריקע, האָבן געהאַט אַ באַדערפעניש „אויסצוקויפן״ זיך ביי דער רעוואָלוציע, באשר זיי זיצן איצט פאַרט דאָ אין באַקוועמע באַדינגונגען און „מאַכן אַ לעבן״ בעת זייערע חברים זענען אויסגעשטעלט ווייטער דער גאַנצער רשעות און אכזריות פון דעם רעזשים פון ראָמאַנאָווישער זעלבסט־הערשאַפט. איז איינמאָל געקומען ג ר ש ו נ י, וואָס האָט זיך אַרויסגעגנבעט דורך אַ פעסל קרויט פון סיבירישער קאַטאָרגע. אַ צווייט מאָל איז געקומען די „באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע״, יעקאַטערינאַ ב ר ע ש ק אָ ו ס ק אַ י אַ, צוזאַמען

מיטן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. זיי האָבן אַלע באַוויזן צו שאַפן גרויסע פאָנדן פאַר דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן (ס. ר.), וועלכע האָט אַלעמען געכישופט און פאַרפּליכטעט דורך דעם דערנער־קראַנץ פון רוסישער רעוואָלוציע אויף איר קאָפּ.

די דערמאָנטע דעלעגאַציעס זענען געווען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, זיי האָבן זיך געווענדעט צו דער רוסישער עמיגראַציע בכלל, הגם פאַקטיש האָבן זיי זיך געדרייט אויסשליסלעך אין די יידישע קרייזן. צו זייער דינסט איז געשטאַנען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז אויך נישט נאָר אָנגעפירט געוואָרן דורך יידן, נאָר צו יענער צייט כמעט אינגאַנצן באַשטאַנען פון יידישע אימיגראַנטן. די צייטונגס־„פּובליסיטי״, די רעקלאַמע אין דער פּרעסע אויפן עכט אַמעריקאַנישן אויפגעבלאָזענעם שטייגער האָט גענומען אויף זיך די יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג „פאָרווערטס״. דאָך — דער נאַציאָנאַלער, יידישער מאָמענט איז געווען אָפּגעדרוקט עטוואָס אין הינטערגרונט.

ס׳האָבן זיך אָבער גיך באַוויזן אויפן אַמעריקאַנעם באָדן אויך ספּעציעל יידישע דעלעגאַציעס. דער ערשטער האָט דער „בונד״ געשיקט זיינע שליחים צו די יידישע מאַסן פון אַמעריקע וועגן הילף פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט צוליב איר אָנטייל אין דער רעוואָלוציע. כידוע, איז דער „בונד״ אין טעאָריע געווען קעגן יעדן אָנדייט אויף אַלוועלטלעכקייט פון יידישן פאָלק און אַרבעטער־קלאַס. ער האָט זיך אָבער פון תמיד אָן אויסגעצייכנט מיט זיין פּראַקטישקייט. דעריבער האָט ער דווקא דער ערשטער עקספּלואַטירט אָט די פּראַקטישע אַלוועלטלעכקייט אין די באַציונגען צווישן יידישע ישובים און איז געקומען צו יידן אין אַמעריקע, געשפּילט אויף זייערע סאָלידאַריטעטס־געפילן מיט די יידן, וואָס ליידן אין רוסלאַנד פון פּאָגראָמען און נויטיקן זיך דעריבער אין זעלבסטשוץ, ווי בכלל אין דעם קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם צאַרישן רעזשים, ווייל אויף אַזאַ אופן וועלן זיי פּטור ווערן ענדגילטיק אויך פון פּאָגראָמען. דער „בונד״ האָט דעלעגירט קיין אַמעריקע איינעם פון זיינע גלענצנדסטע פאָרשטייער, ליבער, אַ צווייטן מאָל דעם חבר מאַקסים, וואָס איז רעקלאַמירט געוואָרן אַלס „פּרעזידענט פון דער באַלטישער רעפּובליק״, ווייל ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט בעת די רעוואָלוציאָנערע טעג אין דער באַלטישער געגנט אין יאָר 1905.

אויך די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס. ס.) האָבן זיך צוגעאיילט און אַראָפּגע־

שיקט קיין אַמעריקע דעם חבר א י ס אַ ק ד נ י א ל י (שפּעטער אַדוואָקאַט ט ש ע ר נ י כ אָ ו פון ווילנע).

נישט בלויז דער יידישער „גלות" איז געקומען מיט זיין פּושקע קיין אַמעריקע. אויך א ר ץ - י ש ר א ל איז שוין געהאַט געקומען אין באַרירונג מיט אַמעריקע. אַ חוץ די אַלע כוללים, וואָס האָבן די „חלוקה"-געלטער געצויגן פון דאָרט, האָבן שוין די ציוניסטן אויך געוווסט דעם וועג אַהין. אָבער זייער אַגיטאַציע האָט נישט געקאָנט טרעפן אין דער נייער מדינה צו יענע יידן, וואָס זענען דאָרט אַריינגעקומען אין דעם קעניגרייך פון א ר ב ע ט. אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען און אָנגעגאַנגען דער גראַנדיעזער אומשיכטונגס-פּראָצעס פון יידישע מאַסן, וואָס האָט זיין גלייכן נישט געהאַט אין דער יידישער געשיכטע. הונדערטער טויזנטער נעכטיקע באַלעבאַטישע קינדער, זיידענע יונגעלייט, לופט-מענטשן, בטלנים און ליידיק-גייער זענען דורך נאַכט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם קעסל פון גרויס-קאַפּיטאַליזם און זיך איבערגעקאָכט ביז צו עכטע פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר פון „ש אַ פּ" און „פ ע ק ט אָ ר י" ביי דעם „שוויץ-סיסטעם" פון עקספּלואַטאַציע, וועלכער האָט אויך זיין גלייכן נישט געהאַט ערגעץ-ווו.

צו אָט די אַ ר ב ע ט ע ר, צו די פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר, וואָס ריכטן-אויף מיט זייער שווערער פּראָצע די „נייע וועלט", האָט מען נישט געקאָנט צוקומען בלויז מיט דרשות וועגן שיינעם יידישן ע ב ר אין ארץ-ישראל, אויך נישט מיט דעם נאַציאָנאַליסטישן חלום פון „חדש ימינו כקדם", אויב מ'האָט נישט געהאַט פאַרטיק אַ תשובה אויף דער פראַגע: וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיטן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר, וואָס וועט ע ר אַלס אַרבעטער און סאָציאַליסט, האָבן פון ארץ-ישראל, ווו קאַפּיטאַל וועט סיי ווי פירן די גרענעדע?

רעוואָלוציע? סאָציאַליזם? ד אָ ס האָט צוגעשטעלט ר ו ס ל אַ נ ד!

פּ אַ ל ע ס ט י נ ע האָט דעמאָלט געהאַט איין אויסטייטש: דער מוטער רחלס קבר, דער כותל מערבי, די מערת המכפלה — און די אַמעריקאַנער יידישע פּראָלעטאַריער האָבן זיך וועגן אָט דעם גאַנצן קלאַפּער-געצייג ווינציק-וואָס געקימערט. די מער באַוווסטזיניקע צווישן זיי זענען דאָך געקומען אַהער אין דער נייער וועלט שוין אויסגעאַגיטירטע מיט אַ פּ אָ ל י ט י ש ן באַגאַזש, ווו בלינדע שנאת-ציון האָט פאַרנומען דעם אויבן-אָן.

די יידישע אַרבעטער-אַמעריקע האָט נאָך נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן דעם, וואָס דער י י ד י ש ע ר ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר אַ ר ב ע ט ע ר פאַר-בינדט מיט ארץ-ישראל, וואָס ע ר זוכט דאָרט, צו וואָס ע ר שטרעבט דאָרט, און דער ע י ק ר — וו אָ ס ע ר ט ו ט דאָרט. קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס

ער האָט שוין דאָרט אויפגעטאָן. פאַראַן אין אַמעריקע אַ פּאַרטיי פּועלי־ציון. זי אַגיטירט פאַר ארץ־ישראל. זי זאַמלט אַמאָל אַפּאָר סענט פאַר ארץ־ישראל. פונדעסטוועגן איז אמת, אַז אַפילו אייגענע חברים האָבן אויך אַ גאַנץ בלאַסע פאַרשטעלונג וועגן לאַנד און זענען קנאַפּ באַהאַוונט אין די קאָנקרעטע אַרבעטס־ און קאַמפּס־פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטער־שאַפט אין דעם נייעם ארץ־ישראל.

פאַר אונז, אין ארץ־ישראל, איז קלאָר געווען, אַז די יידישע מאַסן פון אַמעריקע וועלן נאָך אויספילן אַ גרויסן בלויז אין דער אויפריכטונג פון דעם טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער. טאַקע צוליב זייער דערפאַרונג אין אַמעריקע, צוליב זייער העכערן לעבנס־ניוואָ דאָרט און געשטייגערטע פאָדערונגען צום לעבן. ס׳האָט אויפגעפרישט אין מוח אַ געדאַנק, וואָס דער העברעישער דיכ־טער יהודה לייב גאָרדאָן האָט אַרויסגעזאָגט אַנומלטן: „די יידן וועלן קיין ארץ ישראל גיין דורך אַמעריקע". אין אונזער אַגיטאַציע האָבן מיר לאַנג פריער אָנגעוויזן, אַז אויך אין אַמעריקן ווייכן די יידן פון לאַנדווירט־שאַפט און קאָנצענטרירן זיך אין פאַכן, ביי וועלכע זיי זענען (נאַטירלעך — נישט אין אַזאַ צאָל און פּראָפּאָרץ), געווען באַשעפטיקט אויך אין דער אַלטער היים, אַז אויך אין אַמעריקע פעלט דער מאָמענט פון טעריטאָריאַליזירונג ביי דער יידישער איינוואַנדערונג, אַז, בכן, וועט סוף כל סוף אויך פאַר זיי אויפשווימען די פראַגע וועגן ארץ־ישראל. נישט ווי אַ פראַגע צו העלפן עמיצן, נאָר ווי אַ פּראָבלעם פון העלפן זיך.

מיר האָבן שוין דאַן, אין יאָר 1912, געזען דעם עיקר חילוק צווישן דעם גאַנג פון יידישן לעבן אין אַמעריקע און אין ארץ־ישראל, און ס׳האָט זיך אָנגעמערקט באַצייטנס די אויפגאַבע צו געווינען די יידישע מאַסן פון אַמעריקע פאַר אונזער פּאָליטישן אידעאַל. קוים אָבער האָט מען אַזאַ בליק אויף דער ווייטערער אַנטוויקלונג, קאָן שוין נישט זיין קיין צוגאַנג צו אַמעריקע בלויז פון געלט־שטאַנדפּונקט, וואָס מ׳וועט דאָרט דורכפירן אַ געלונגענע געלט־קאַמפּאַניע. אדרבא, ס׳איז לכתחילה פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אונזער ערשטע שליחות קיין אַמעריקע דאַרף זיין אַ פּאָליטיש־אויפקלערישע, אַ דערציערישע אין זין פון געווינען מאַסן אידעאָלאָגיש, זיי זאָלן פאַרשטיין אונזערע שטרעבונגען און איבערנעמען זיי. וועט דאָס געשען, וועט קומען אַזאַ פּסיכישע איינשטעלונג ביי די יידישע מאַסן אין אַמעריקע צום יידישן פּראָבלעם און צו דעם ענטפער, אין וועלכן ס׳איז איינגעוועבט אַ סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל, — אַ, דאַן וועט שוין זיין פון די לייכטסטע זאַכן צו שאַפן אַ געלט־פאָנד אין אַמעריקע. פאַראַן אין

דאָרט געלט גענוג. מען דאַרף נאָר וויסן, ווי צו נעמען עס. מען דאַרף וויסן, ווי צו דערוועקן דעם אינטערעס ביי די געבער, זיי זאָלן עס געבן אויף דעם באַשטימטן צוועק.

אַלזאָ, כלפּי חוץ — אַן אויפקלערער־אַקציע פון ברייטערן יידיש־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, און כלפּי פּנים, צווישן אייגענע און מער נאָענטע — אויך אַ פינאַנציעלע אַקציע.

דער לאָזונג פאַר דער פינאַנץ־אַקציע האָט געזאָלט זיין דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט אין ארץ ישראל — די צייטונג „האַחדות". די פאַרפעסטיקונג און זיכערונג פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטונג אין פּאַלעסטינע. עס האָט זיך, אמת, געפילט אַ געוויסע אומבאַקוועמלעכקייט אין דעם, וואָס מיר קומען וועגן אַ צייטונג אין העברעיש צו מאַסן, וועלכע וועלן אַליין פון דער דאָזיקער צייטונג נישט קאָנען געניסן, מחמת זיי פאַרשטייען נישט איר שפּראַך. ס'וועט זיכער זיין אויך שווער צו דערוועקן ביי זיי אינטערעס פאַר אַן אָרגאַן, וועלכן זיי אַליין וועלן אפילו נישט זיין ביכולת צו לייענען

דעריבער טאַקע איז געפּלאַנט געוואָרן, אַז בנוגע געלט וועט מען זיך דאַרפן אָריענטירן כמעט אויסשליסלעך אויף חברים און סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג, אָט די, וואָס האָבן פּאָליטיש שלום געמאַכט מיט דער צווייִשפּראַכיקייט, וואָס מיינט, אַז אין ארץ־ישראל מוזן מיר פירן די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע קודם כל אין העברעיש, נעמענדיק אין אַכט דעם פאַקט, וואָס דאָ זענען פאַראַן זייער אַ סאַך יידישע עלעמענטן פון פאַרשידענע לענדער, וווּ יידיש איז נישט אָנגענומען. אָט יענע מאַסן קאָן מען געווינען פאַר העברעיש, ווייל ס'איז די שפּראַך פון חומש און תנך, וואָס „אַלע יידן אָנערקענען זי" אין דער אָדער יענער פאָרם ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

די פּאָליטישע שליחות וועט זיין געווענדעט צו דער גאַנצער יידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. די פראַגע פון שפּראַך איז אין דעם פאַל נאָך אַלעמען אַ פּרט, אמת, אַ זייער וויכטיקער, אָבער בשום אופן נישט דער פונדאַמענט פונעם פּאַלעסטיניזם, ווי ס'פּאַסן אים אויף מאַרקסיסטן. דעם יסוד פון אונזער פּאָליטישן פּראָגראַם בילדן פאַרט די סאָציאַלע ווי ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג און די פּאָליטישע פּערספּעקטיוו. וועגן דעם דאַרף גיין דאָס וואָרט אונזערס צו די גרויסע מאַסן, כדי זיי אַלע אויפצוטרייסלען און צווינגען זיי אויפנעמען דאָס פּראָבלעם פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ווי אַן אייגענע לעבנס־אויפגאַבע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאָרער וועלט.

די שווערע אַחריות און גרויסע זכיה דורכצופירן די ערשטע שליחות

פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל אין אַמעריקע האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט איבערגעגעבן מ י ר. איך האָב עס אויפגענומען בפירוש, מיטן באַוווסטזיין און געפיל ווי אַ גרויסע ז כ י ה. איך האָב שוין ביז יענער צייט געגוג מאָל גע־רעדט וועגן ארץ־ישראל, סיי אין חוץ לאָרץ און סיי אין לאַנד גופא, און געהאַט צו פאַרצייכענען אין מיין פאַרטייאישן אַקטיוו הונדערטער פאַרזאַמלונגען וועגן פועלי־ציוניזם. איצט אָבער וועט מיר אויסקומען דאָס ע ר ש ט ע מאָל צו רעדן אין נ אָ מ ע ן פון ארץ־ישראל, אַלס איר רעפּרעזענטאַנט און שליח. נישט פון אַן אַבסטראַקטן אידעאַל, נישט פון אַ טעאָרעטישער קאָנצעפּציע וועל איך דאַרפן רעדן נאָר פון אַ צאַפּלדיקער ווירקלעכקייט, וועלכע גייט־אויף פאַר מיינע אויגן מיט יעדער שעה און יעדער רגע, ווו „מעשי בראשית" איז נישט קיין מליצה, נאָר אַ כסדרדיקע פּאַסירונג, וואָס לויפט דיר פאַר־אויס און באַגלייט דיך ווו דו קערסט זיך און ווענדסט זיך. מיר וועט דאָס מאָל אויסקומען אויפצוטרעטן אין נאָמען פון יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל, דעם יינגסטן גליד אין דער משפחה פון אַלוועלטלעכן יידיש פּראָ־לעטאַריאַט. כ'האָב געשפּירט מיט אַלע מיינע חושים און נערוון, אַז כ'וועל האָבן צו רעפּרעזענטירן אַ וועזן, וואָס איז ערשט אין עמבריאָן, וואָס ווערט ערשט פאָרמירט אין דעם איינגעווייד פון געשיכטע און מיר אַליין ווייסן נאָך נישט גענוי זיין קומענדיקע געשטאַלטונג. כ'האָב באַנומען, אַז דאָ וועל איך דאַרפן צו דער וואָר, ווי זי איז, צו דער „וואָרהייט" צוגעבן אויך „דיכטונג". דאָס טאָר אָבער נישט זיין קיין פּוסטע פאַנטאַזיע, נאָר ז ע א ו נ ג, עכטע ד י כ־ט ו נ ג פון אַ נייער וועלט, פון אַ נייער געזעלשאַפט, פון אַ נייעם טיפּ יידישן מענטש, צו וועלכע עס מוז אָביעקטיוו, מיט דער קראַפט פון היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט ברענגען די פריי פאַנאַנדערגעוויקלטע שאַפונגס־ענערגיע פון יידישע מאַסן.

מיר שטייען מיט ביידע פיס אין דעם הייַנט פון ארץ־ישראל. ווערן מיר נאָכאַנאַנד אומגערן געשטרויכלט: קברים פון אַמאָל ציען, חורבות פון פאַרשוווּנדענע צייטן זייען יאוש און אָפּהענטיקייט. די איצטיקע וואָר איז אַ צעאייטערטע, אַ פאַרעיפּושטע: חלוקה־יידן ווימלען, ווי אַלטע שמות און קלעפּן זיך, ווי קוויטלעך און קמיעות, שנאָרערס דורכגעטריבענע און פאַרנאַרטע האַנד־לען מיט ארץ־ישראל־ערד און מיט עולם־הבא, וויסטער מדבר און פעלזיקע נאַקעטקייט בילדן אַ רעאַליטעט, איבער וועלכער עס קלאָגן שאַקאַלן. אין דורכזיכטיקער לופט שווימט־אַרויס אַן אויפגעלעבטע די געשיכטע פון טויזנטער יאָרן צוריק אין איר גאַנצער פּרימיטיווקייט און הילפלאָזיקייט. דריקט די וואָר, ווו עס האָבן זיך צונויפגעפּלאָנטערט אינטערעסן און תשוקות פון פאַרשיידענע

אמונות און מדינת און דער אידעאַל פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און סאָציאַלער באַפרייונג ווערט פאַרשאָטנט אין אַ לאַנד, ווו עס שטייען גרייט צום דינסט פון נעכטיקע בילויער פאַרגליווערטע אין זייער טראַדיציאָנעלער שקלאַ־פעריישקייט אַראַבער מיט ווייבער און קינדער און רינדער.

כ׳האָב אָבער געזען בחוש, ווי אין דעם דאָזיקן געשיכטלעך פאַרשטענד־לעכן ווירוואַר און כאַאָס האָט זיך געגומען אַריינגיסן די זודיקע פּאַטאָס־לאַווע פון יידישן אַרבעטער, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אָט דאָ, אין דעם ווינקל פון דער וועלט צו ברעכן צוימען און אויסוואָרצלען געוווינהייטן, ביי זיך אַליין און ביי דער אַרומיקער סביבה, כדי אויפצועפענען סוף כל סוף דעם דורות־לאַנג פאַרשטאָפּטן קוואַל פון אייגענער לעבנס־ענערגיע, מסירת־נפש און שאַפונגס־פרייד, וועלכע פלעגן נאָר אין זעלטענע פאַלן, אין איינצלנע מאָמענטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע אַרויסשלאָגן אויף דער אויבערפלאַך און באַלד צוריק אַריינזינקען אין שלומער פון יידישער ווירקלעכקייט. כ׳האָב עמפּונדן מיטן גאַנצן וועזן מיינעם, אַז דאָ איז פאַקטיש דער איינציקער אָרט אין דער וועלט, ווו דער יידישער איינוואַנדערער האָט, צי ער וויל, צי ער וויל נישט, די אויפגאַבע און די פליכט איבערצונעמען אויף זיך די א ח ר י ו ת פאַרן ג אַ נ צ ן ל ע ב ן, ווו פון א י ם, בפירוש טאַקע פון א י ם, אַלס י ח י ד און אַלס ק ל אַ ס, פון זיין טאַט און געשיקטקייט, פון זיין שכל און חכמה, פון זיין טרייקייט און אויפריכטיקייט, פון זיין עקשנות און אויסדויער, פון זיין באַוווסטזיניקייט און פעסטן ווילן הענגט אָפּ אַ ל ץ, אין ת ו ך, דער ע צ ם פּראָצעס פון א ו י פ ג ײ ע נ ד י ק ן ל ע ב ן.

קאָן, ניין — איז מ ח ו י ב דער יידישער אַרבעטער ב אַ צ ײ ט נ ס זאָרגן פאַר יעדער „ק ל ײ נ י ק י י ט" אין דער צוגרייטונגס־תקופה, ערב דער לעבנס־אַנטפּלעקונג, ווייל דאָס וועט משפּיע זיין דאָס גאַנצע ווערק, ווייל פון די טויזנטער איינצלנע קלייניקייטן ה ע נ ג ט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס, צי וועט דאָ נישט אויפגעריכט ווערן איינער פון די פיל עקזיסטירנדיקע גלות־ווינקלען, אָדער דאָ וועט ווירקלעך פאַרלייגט ווערן אַ זיכערער פעסטער פונדאַמענט פאַר אַ גרויס גראַנדיעז ווערק, וואָס וועט האָבן אַ באַדייטונג נישט בלויז פאַר י י ד י ש ע אַרבעטער, נאָר פאַר דער גאָרער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

איך האָב מיט דער גאַנצער באַשיימפּערלעכקייט באַנומען, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע דאַרף באַקומען דעם באַגריף וועגן יידישן אַר־בעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל נישט לויט זיין היינטיקער צאָל פון עטלעכע הונדערט אָרגאַניזירטע, אָדער אַ פּאָר טויזנט צעשטויבטע און צעשאָטענע האָ־רעפּאָשניקעס, פאַנאַנדערגעטיילטע אין פאַרשידענע געמיינדעס און לאַדסמאַנ־

שאַפֿטן, צי נאָר כוללים, נאָר אין זיין היסטאָרישער גרויס. אין דעם ריזיק־פֿאַנאַנדערגעוואַקסענעם אַמעריקע דאַרף שוין איצט אַרויסגעבראַכט ווערן דער שווּנג און פּאַטאָס פֿון סאָציאַלן שאַפֿן, מיט וועלכע עס איז אָנגע־זאַפּט און דורכגעדרונגען דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער, זיין אַנטשיידנ־דיקע ראָל אין דער פֿרייהייטס־באַוועגונג פֿון יידישן פֿאָלק און זיין פּיאָנע־רישע, באַן־ברעכערישע שליחות אין דער סאָציאַלער אויפֿוואַכונג פֿון דעם אַרבעטער־פֿאָלק אין גאַנצן נאָענטן מזרח.

מיט אַ געפֿיל פֿון אינערלעכן ציטער און פֿרייד, מיטן באַוווסטזיין פֿון גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם ערשטן אַרויסטריט פֿון דעם אַר־בעטנדיקן ארץ־ישׂראל אין דעם פֿאַרביזנעוועטן און פֿאַרהאַוועטן אַמעריקע האָב איך איבערגענומען מיין שליחות. נאָך אַ פּאָר יאָר אָפּטן שפּאַנען אין טיפֿע, שווערע זאַמדן, שלעפּן זיך אויף איינגעשפּאַרטע אייזלעך, וואַלגערן זיך אין פֿאַרוועריעמטע אַראַבישע חושות און אין אָפּגעלאָזענע תּימנישע דירות אין ירושלים, נאָך יאָרן אויסעסן זיך די גאַל אין די פֿאַרביטערטע וויכוחים מיט אַ קליין הייפֿל יידישע אַרבעטער, געבאָרענע און געוואָרענע, וועגן עלעמענ־טאַרע אמתן פֿון סאָציאַליזם און די אומאָפּפֿרעגלעכע אויפֿגאַבן פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס גראָד אין ארץ־ישׂראל, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן צו די ברעגעס פֿון דער נייער וועלט — אַמעריקע, צום מיליאָניקן יידישן ישוב מיט זיין מעכטיקער צאָלרייכער אַרבעטער־באַוועגונג.

אינם לאַנד, וווּ מען „מאַכט אַ לעבן"

די פּועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע איז נאָך דאַן געווען אין די וויקעלעך. זי, האָט, אמת, שוין עקזיסטירט אַ שפּאָר ביסל יאָרן. די ערשטע אַגודה פּועלי־ציון איז אויפֿגעקומען אין ניו־יאָרק נאָך אין יאָר 1903. פֿונ־דעסטוועגן האָט עס געדויערט ביז מען האָט געפּאַקט און געמאָזלט, דורך שפּאַלטן זיך אויף טעריטאָריאַליסטן און פּאַלעסטינצעס און צוריקפֿאַרייניקן זיך, און נאָך 10 יאָר האָט די פּאַרטיי אַלס גאַנצע, ערשט געמאַכט אירע ערשטע טריט אויסצוקריסטאַליזירן אירן אַן אייגענעם פּרצוף.

ס'איז שוין אַ קימא לן פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט, דאָך קאָן מען אָן אַ ברעקל גוזמא זאָגן, אַז שוין דאַן האָבן זיך קלאָר אָנגעצייכנט די הויפּט־שטריכן פֿון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע, וואָס האָט נאָך דער שפּאַלטונג אין יאָר 1920 אויפֿגעהיט ביי זיך די גרויסע מאַיאָריטעט מיטגלידער.

פּועלי־ציון זענען געווען וואַרעמע יידן; מענטשן מיט קנאַפּ טעאָריע

און מיט אַ סך הארץ. דאָס אַרבעטערישע אין זיי האָט נישט געריסן די אויגן. דאָס יידישע האָט דאָמינירט. צווישן די גרינדער און פירער זענען געווען אַ סך אַריבערגעקומענע פּועלי־ציון פון דער „אַלטער היים". אין זייער מערהייט האָבן אָבער די מענטשן נישט אַדורכגעמאַכט די יאָרן פון „שטורעם און דראַנג" אין צאַרישן רוסלאַנד, און נישט באַוויזן צו קריגן די רעוואָלוציאָנערע טבילה אין דירעקטן קאַמף פון אויפשטייענדיקן פּראָלעטאַריאַט.

אין אַמעריקע האָבן זיי געטראָפן אַ גרויסע מאַסע יידישע פּראָלעטאַריער, נאָר פון אַן אַנדער טיפּ, ווי אין דער „היים". אָרגאַניזירטע אין יוניאָנס, וואו די רעדלפירער זענען על פּי רוב סאָציאַליסטן, אָבער דער סאָציאַליזם גופא איז עפּעס פון אַן אַנדער מאַרקע, ווינציק געראָטן אין דעם פון דער „אַלטער וועלט". די אַרבעטער אַליין האָבן זיך דאָ נישט געריסן צום סאָציאַליזם און זענען נישט געלאָפן צו דער „בירזשע", — נישט געווען דורשטיק נאָכן וואָרט פון באַפרייונג.

אויך פאַרן יידישן מאַסן־מענטש האָבן זיך אינעם לאַנד פון „אומבאַגרע־נעצטע מעגלעכקייטן" געעפנט נייע האָריזאָנטן. אַבי. קאַהאַן האָט עס אַנומלטן אויסגעדריקט פּשוט, אויף זיין שטייגער. אין רוסלאַנד, אויב איינער איז געווען אַן אַרבעטער, האָט עס געמיינט: אויף אייביק אַרבעטער, שטאַרבן אַן אַרבעטער. אין אַמעריקע האָט אַן אַרבעטער געקאָנט ווערן אַ מיליאָנער. דאָ האָט אויך אין געוויינלעכן פאַרקער געפעלט דער מהלך, די דיסטאַנץ צווישן אַרבעטער און באַלעבאָס, ווי צווישן פריץ און שקלאַף. אין לעבן, אין מענטש־לעכע באַציונגען האָט געהערשט אמתע דעמאָקראַטיע. דער פאַרמעגלעכער האָט זיך נישט געיחסנט און נישט געבלאָזן פון זיך לגבי דעם אָרעמען. האָט דאָך יעדער אַרבעטער פון היינט געקאָנט נישט נאָר חלומען, נאָר טראַכטן גאַנץ רעאַל וועגן זיך, ווי וועגן אַ „באָס" מאָרגן. ביישפּילן זענען געווען אויף שריט און טריט.

האָט מען זיך אַריינגעטאָן איבערן קאָפּ אין אַרבעטן און אָפּשפּאָרן אַ גראָשן; מען האָט זיך געמיט, וואָס גיכער „אויסגרינען" און ווערן אַן אַמע־ריקאַנער, — סיי מיט שפּראַך, סיי מיט פאַרלאַנגען און סיי מיט אידע־אַל. דער אַלגעמיינער, אָנגענומענער און רעאַליסטישער, פּראַקטי־שער אידעאַל איז געווען „ביזנעס". פאַרשטיין ביזנעס, טראַכטן וועגן ביזנעס, מאַכן ביזנעס; זיין אַ „ביזנעסמאַן" האָט נישט געמיינט דווקא אַליין זיין אַ סוחר; גיכער האָט עס געהייסן אויפנעמען דאָס לעבן זאַכלעך, ביזנעסמעסיק.

סאָציאַליזם איז צו יענער צייט נישט געווען אין אַמעריקע קיין אָנ־ציענדיקער אַרטיקל, סיידן מען זאָל אים גופא פאַרביזנעווען, צופּאַסן

אים צו די באַגריפן פון דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער און אויסבייטן דעם קאַמפּס־אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אויף קליינגעלט, וואָס עס לוינט טשאַרלין און וואָס עס איז באַקוועם פאַר סיידין.

אין אַמעריקע האָט מען באַוויזן אויסבויען אַ טרייד־יוניאַן־באַוועגונג צום קאַמף פאַר שכירות, פאַר קאָנקרעטע דערגרייכונגען, און ס'איז אָנגעקומען ווי קריעת ים־סוף די אויפריכטונג פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי. עס האָט אָפּגעגאָלטן אויסצובויען אַן „אַרבעטער־רינג" אַלס אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף און פאַרזיכערונג, און געווינען מיטגלידער אין די צענדליקער טויזנטער, אָבער אַ פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטיי מיט ווייטע פּערספּעקטיוון, מיט קאַמפּס־פעיקייט און קרבנות־גרייטקייט — איז יאָרצענדליקער געבליבן נישט מער, ווי אַ פרומער ווונטש.

די מאַסן אַרבעטער האָבן געהאַרעוועט שווער אויפן שטיקל ברויט, דורכ־געגאַנגען די שבעה מדורי גיהינום פון אַמעריקאַנעם „שאָפּ" מיט זיין באַרימט געוואָרענעם „שוויץ־סיסטעם" און ס'איז נישט געקראָכן אין קאָפּ קיין סאָציאַ־ליסטישע תורה. אַ פּשיטא האָט זיך שווער אָנגענומען אינעם אַמעריקאַנעם באָדן די „האַר־שפּאַלטעריי" פון פועלי־ציון איבער „„אַבסטראַקטע", יידישע „פּראָבלעמען", די „חקירה" וועגן יאָ אָדער נישט „פּראָלעטאַריזירן" זיך. אויבן־אויף האָט געשיינט, אַז דאָ, אין אַמעריקע האָבן געפּלאַצט אַלע פּועלי־ציון־טעאָריעס וועגן פאַרקריפּלטער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור, וועגן נישט אַריינקריגן זיך אין אַ ריי גרינטלעכע עיקרדיקע צווייגן פון דער פּראָ־דוקציע און ד. גל. אַדרבא, דאָ, אין לאַנד פון ראַשער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג און אויסגעמיש פון פעלקער, זענען טיר און טויער אָפן פאַר יעדן אײנעם צו אַלע מלאכות און באַשעפטיקונגען סיי אויפן געביט פון גשמיות און סיי אין היכל פון רוחניות. אַנטיסעמיטיזם — נישטאָ קיין שפור. פּאָגראָמען — אַפילו נישט אין חלום. אָט שטייט אויף דער ערד דער לייטער פון סאָציאַלע „אומבאַשרענקטע מעגלעכקייטן", און יעדער איינער קאָן אויף אים קלעטערן און דערגרייכן ביז צום סאַמע שפּיץ. יעדער איינער האָט די געלעגנהייט, אַלע האָבן דעם „שאַנס". אַמעריקע פאָדערט אַרויס דעם געבויזנעם און אַהער־געקומענעם און אַפּעלירט צו יעדן: „טעיק עי טשענס" (כאַפּ אַריין און נוץ־אויס די געלעגנהייט!).

זענען געקומען פּועלי־ציון אין אָט דער פאַרביזנעוועטער, פאַרמאַטעריאַ־ליזירטער אַמעריקע און גענומען רעדן וועגן אַן אייגן פאָלק און אַן אייגן לאַנד, וועגן אַן אייגענער קולטור און אַן אייגענער שפּראַך, וועגן נאַ־ציאָנאַליזם, אַלס אַ יסוד אינעם לעבן סיי פון כלל און אויך פונעם יחיד,

וועגן אַן אידעאַל פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג ערגעץ־ווו אין ווייטן וויסטן פּאַלעסטינע, ווו ס׳וואָיען שאַקאַלן און עס שלעפּן זיך קעמלען, ווו מען טרינקט וואַסער פון לאָגלען און מען האָט צו טאָן מיט אַראַבער אין ברייטע ווייבערישע הויזן־קליידלעך... פּועלי־ציון זענען געקומען מיט אַ בענקשאַפט נאָך לעבן, נאָך אויסלעבן זיך. די בענקשאַפט האָט געדריקט אויף דער נשמה און אַרויפגעיאָגט אַן עצבות אויף זייערע געזיכטער. עפּעס האָבן זיי געהאַט אַ פּנים פון פאַרחלומטע בטלנים, עלעהיי די זיבן בעטלער, וואָס גייען אַרום איבער מיסטהויפנס און זוכן פונקען פון נשמה און פון האָרץ. און ווי גאַסן־בעטלערס האָבן זיי געזונגען זיס־אומעטיקע יידישע און יידישלעכע ניגונים, וואָס האָבן געצופּט ביי האַרצן און געוועקט דאָס געוויסן, נישט צו פאַרזינקען אין ביזנעס און נישט פאַרקויפן זיך דעם דאָלער, נאָר טראַכטן און חלומען וועגן דעם עולם שכולו טוב, וועגן דעם סאָציאַליזם, וואָס ברענגט פרייהייט פאַר אַלע און אויך פאַרן יידישן פאָלק. אָבער פרייהייט דאַרף אויסגעקעמפט ווערן פון אונז אַליין. „אם אין אני לי — מי לי?״ — דאָס איז געוואָרן דער מאָטאָ, דער פּאַקטישער לייט־מאָטיוו ביי פּועלי־ציון אין אַמעריקע. רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם איז געווען דער תוכן פון זייער פּראָפּאַגאַנדע, ארץ־ישראל — די קרוין פון זייערע שטרעבונגען און האַרץ־באַגערן.

די ערשטע צייט האָט מען מורא געהאַט אויפצועפענען אַ מויל וועגן דעם, אַז יידישע מאַסן פון אַמעריקע וועלן נאָך ווען עס איז אויסוואַנדערן אַליין קיין ארץ־ישראל. דער עיקר איז געגאַנגען צו געווינען ביים עולם פאַרשטענדעניש פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט, וואָס ווערט שוין געטאָן אין ארץ־ישראל, דורך די יידן פון אַנדערע לענדער, דורך יענע, וועלכע נויטיקן זיך אין אַ מקום מקלט פאַר זיך. ס׳האָט זיך אָבער שוין אָנגעמערקט די נטיה צו אָרגאַניזירן און איניציירן אַרבעטן, אין וועלכע מיר אַלע זענען אָדער וועלן זיין פאַראינטערעסירט. שטילערהייט פלעגט מען פאַרטרוילעך צוגעבן: פאַראינטערעסירט — אויך פון פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט. ווייל דאָך דער סאָציאַליזם פאַרווירקלעכט ווערן נישט נאָר מחמת דער אַרבעטער ווייל זוכן אַ דאַר שטיקל ברויט, נאָר ווייל ער וועט אויך שטרעבן צו אַ העכערן און פולערן שאַפונגס־לעבן; — פונקט אַזוי איז אויך דער ציוניזם נישט נאָר אַ פּראָדוקט פון צרות און פון נויט. אַזאַ איז ער פאַר די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד. אין תוך אָבער איז עס אַ באַוועגונג פון נאַציאָנאַלער שטייגערונג, פון פאָלקס־אויפלעבונג און אין איר קומט צום אויסדרוק דער ווילן פון יידישע מאַסן צו העכערע און פולערע פאָרמען פון אויסלעבן זיך. אַזאַ לעבנסווילן איז גריילעך כאַראַקטעריסטיש פאַר מענטשן און גרופּן, וואָס האָבן זייערע

עלעמענטאַרע באַדערפֿענישן פֿון מער איינפֿאַכן מאַטעריעלן כאַראַקטער יאָ באַפֿרידיקט. און ערשט איצט ציט זיי צו העכערס...

פֿריער אָדער שפּעטער מוז, בכן, אויך אין אַמעריקע ביי יידישע מאַסן אַנטשטיין די אומצופֿרידנקייט מיטן לעבן און דאַן וועט ארץ־ישראל פֿאַר זיי ווערן אויך אַן אייגענער, פּערזענלעכער ענין. דאָס האָט מען נישט געפֿרעדיקט צו שטאַרק אויפֿן קול. אָבער אַליין האָט מען אין דעם געגלויבט און פֿון דעם דאָזיקן באַוווסטזיין געשעפּט מוט צו שפּאַנען קעגן שטראָם.

פּועלי־ציון זענען אין אַמעריקע געווען די פּאַרטיי פֿון קעגן שטראָם. — די קעגנערישקייט צו פֿאַרגליווערטע נאָרמען און טראַדיציאָנעלע דאָגמעס איז געווען אפֿשר דער סאַמע קענטיקסטער צייכן אירער, איר סימן־מובהק.

פּועלי־ציון האָבן די ערשטע, אַלס געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע, אויפֿגענומען דעם קאַמף פֿאַר קולטור־דערהויבונג פֿון די מאַסן, פֿאַר פֿלעגן די יידישע שפּראַך און מיטהעלפֿן דעם וווקס פֿון יידישער ליטעראַטור. געווען נאָר אין איינציקער מענטש, וואָס האָט אויף זיינע פּלייצעס אַרויפֿגעוואַלגערט די לאַסט פֿונעם מאָדערנעם קולטור־קאַמף אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט דורכגעפֿירט אַן אַרבעט פֿון גרויסן היסטאָרישן ווערט און אומגעהויערער באַדייטונג, סיי אין וואָרט, אין זיין זעלטן נאָרהאַפֿטן פֿערלדיקן און קערנדיקן יידישן וואָרט, און סיי אין פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכער שריפֿט האָט זשיטלאָווסקי דורכגעלייגט די רעלסן, אויף וועלכע עס איז שפּעטער געגאַנגען די פֿאַרצווייגטע יידישע קולטור־טעטיקייט אין אַמעריקע. אָבער פּועלי־ציון זענען געווען די ערשטע און לאַנגע יאָרן אַלס געזעלשאַפֿטלעכער כּוח די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט די דאָזיקע אַרבעט געטאָן, און נאָך ווי געטאָן! מיט וואָס פֿאַראַ ברען, התמדה און התלהבות!

פּועלי־ציון האָבן געבויט די ערשטע יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין אַמעריקע. קיינער האָט פֿון אַזאַ אַרט „נאַציאָנאַליסטישער״, אַנטי־אַמעריקאַנישער דערציונג נישט געוואָלט וויסן. דער „אַרבעטער־רינג״ האָט זיך מתעסק געווען ביי שאַפֿן „סאַנדעי־סקולס״, זונטאָג־שולן, וווּ מען האָט מיט די קינדער פֿון זיינע מיטגלידער געקנעלט „סאָשעליזם״. דאָס האָבן זיך די עלטערן געווערט קעגן זעלבסט־פֿאַרלייקענונג און קעגן אידעישן זעלבסטמאָרד. נישטאָ נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט, ווו די שול זאָל אַזוי אָוועקרייסן קינדער פֿון עלטערן, ווי אין אַמעריקע. די „פּאַבליק־סקול״ האָט די איין אויפֿגאַבע: מאַכן דאָס קינד פֿאַר אַן אַמעריקאַנער „סיטיזן״. כּדי צו ווערן אַזאַ בירגער פֿון דער נייער וועלט האָט מען געזאָלט אויסוואָרצלען ביים קינד

פון אימיגראַנטישע עלטערן יעדן שפּור און זכר פון די היים־לענדער. האָט די שול אָפּגעריסן דאָס קינד נישט נאָר פון דעם אויסוואַנדערונגס־לאַנד, נישט נאָר פון זיין פאָלק, נאָר פאַר איין וועג אויך פון די עלטערן, וואָס האָבן נאָך אויפגעהיט זייער פּרצוף אין דעם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ און נישט פאַרמעקט די צייכנס פון זייער אָפּשטאַם.

איינגאַנצן פאַרטאָן אין קאַמף פאַרן קיום, אין מאַטעריעלע „ביזנעס", האָבן די עלטערן אויפגעהיט ציטעריק און זאָרגזאַם די זכרונות פון זייער אַמאָל, דעם רעוואָלוציאָנערן אַמאָל, ווען מען האָט אַליין צוגעלייגט אַ האַנט און אונטערגעשטעלט אַן אַקסל אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. האָט מען זיך איצט געקלאַמערט אין די פּאָר טעג אַרעסט, צי אין דער פּאָליצייאישער אונ־טערזוכונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער דירה, אַ פּשיטא, אין אַ פּאָר יאָר טורמע, צי גאָר סיביר... דאָס זענען געווען ליבע, טייערע דערינערונגען, וועלכע מען פלעגט היטן טיף אין האַרצן און אַרויסנעמען פאַרזיכטיק אין אַ יומא דפּגרא, ווען מ'איז געווען אויפגעלייגט, און פאַרטרוילעך, מיט אַ קול פון מגלה טמירין, דערציילט וועגן דעם, אַז מ'איז אַמאָל אויך געווען אַ מענטש פון דער „באַוועגונג", זיך מוסר נפש געווען פאַרן אַרבעטער־קלאַס און געטאָן פאַרן גליק פון דער מענטשהייט... דאָס איז געווען אַ ציטעריק אָפּגעהיט פאַרמעגן, מיט וועלכן ס'האָט זיך געגלוסט אַ שטאָלציר־געבן אויך לגבי די קינדער, זיי זאָלן נישט מיינען, אַז טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען נישט מי יודע סאַראַ ידענים אין ענגליש, זענען טאַקע אַבי־ווער. אַכטונג און דרך־ארץ פאַר די מאַרטירער פון רעוואָלוציע און פרייהייטס־קאַמף!

איז געקומען די אַמעריקאַנער „פאָלקס־שול" און אַרויסגעיאָגט מיט שטעקנס דעם אָפּשיי פאַר קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליסטישן קידוש־השם. זי האָט דערצויגן די קינדער אין אַזאַ גייסט, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט באַנעמען די וויכטיקייט פון דעם קאַמף, וועלכן די עלטערן האָבן געפירט פאַר „סאָשע־ליזם", וויבאַלד אין אַמעריקע טראַכט מען גאָר וועגן אַן אַנדער תכלית, וועגן אויסנוצן די שאַנסן צו „מאַכן אַ לעבן"... דער „אַרבעטער־רינג" האָט געוואָלט ראַטעווען דעם אָנזען און די חשיבות פון די עלטערן־אימיגראַנטן אין די אויגן פון זייערע אייגענע קינדער; האָט מען אָנגעהויבן שפּייזן די דאָזיקע קינ־דער מיט אַ פּאַרציע „סאָשעליזם" יעדן זונטיק. נאַטירלעך האָט עס נישט געהאָלפן צו טאָן נישט מיטן יידישן לעבן און נישט מיטן יידישן פאָלק און נישט מיט דער יידישער שפּראַך. ס'איז געווען ־ספּעציפישע תורה, סאָציאַליסטישע משנה אין ענגליש, אין גייסט פון עכטן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס זיין פּשט ביי יידן איז — מיאוסע אַסימילאַציע.

דער „אַרבעטער־רינג“ איז געווען סאָציאַליסטיש אָריענטירט. סאָציאַליזם וויל, כלומרשט, נישט וויסן פון אונטערשידן צווישן ראַסן און נאַציעס. אַלע פּראָלעטאַריער — אַנגלאָ־זאַקסן, פראַנצויזן, דייטשן און איטאַליענער, נעגערס און יידן — אַלע זענען אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריער, אַלע זענען גלייך.

דער „אַרבעטער־רינג“ האָט זיך באַנוצט מיט י י ד י ש — לשם אַגיטאַציע; פּונקט אַזוי האָט ער זיך באַנוצט מיט ר ו ס י ש. זיינע פירער, ווי די יידישע אינטעליגענץ פון רוסלאַנד בכלל, האָט זיך אויסגעלעבט דער עיקר אין ר ו ס י ש. ערשט אונטערן דרוק פון די מ אַ ס ן, נאָר כדי צוקומען צו אָט די מאַסן האָט מען בלית ברירה, זיך געמוזט באַנוצן מיט יידיש, אָן שום ליבע און אָן שום אַכטונג צו דער שפּראַך, וועלכע איז דאָך, נעבעך, אַ „זשאַרגאָן“.

פּועלי־ציון האָבן אָנגעהויבן בויען שולן נישט נאָר מיט יידיש אַלס ש פּ ר אַ ך פ ו ן א ו נ ט ע ר ר י כ ט; זיי איז געגאַנגען וועגן אַן אַנדער ע י ק ר; זייער צ י ל — געבן דעם יונגען דור אַ נייעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן א י נ ה אַ ל ט, פאַרבינדן די קינדער מיטן יידישן לעבן, זיי זאָלן זיך אַליין דערקענען און באַנעמען, אַלס קינדער פון אַ יידיש פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאַכט זיין אייגנ־אַרטיקע ג ע ש י כ ט ע, לעבט אַן אייגנטימלעכן לעבן ה יי נ ט און האָט אַ פליכט לגבי זיין צ ו ק ו נ פ ט. די נייע, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול האָט געדאַרפט ד ע ר צ י ע ן אַ נייעם טיפּ יידישע קינדער אין אַמעריקע, וואָס זאָלן זיך שטעלן גאַנץ באַוווסטזיניק אויך אויפגאַבן לגבי דעם יידישן לעבן.

פּועלי־ציון האָבן אויסגעבויט אַ צווייטע אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף און פאַרזיכערונג, דעם „יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד“ (א.נ.א.פ.). זיי האָבן דורך דעם נישט געהאַט אין זינען צו קאָנקורירן מיטן „אַרבעטער־רינג“. פאַרקערט. אין די רייען פון פּועלי־ציון איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח, צי ס'איז בכלל נויטיק אויפצושטעלן אַ נ יי ע אָרגאַניזאַציע. צי איז נישט גלייכער אַריינטרעטן אין „אַרבעטער־רינג“ און אינעווייניק דאָרט אויסקעמפן די ענדערונגען, וועלכע מען האַלט פאַר וויכטיק. געזיגט האָט די מיינונג, וואָס האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ סך לייכטער אויפצושטעלן אַ נ יי ע אָרגאַניזאַציע אויף נ יי ע פּרינציפּן, איידער פועלן ביי אַ שוין עקזיסטירנדיקער איינגעפונדעוועטער אָרגאַניזאַציע צו ענדערן אירע אַלטע איינגעבירגערטע פּרינציפּן. דער „אַרבעטער־רינג איז אין פלוג אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע און איז נישט אָנגעשלאָסן אָן אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ר פּ אַ ר ט יי. אין זיין יסוד איז דאָ סאָציאַליזם. אָבער אַזאַ סאָציאַליזם, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט יידישן לעבן. ערגער נאָך. יעטוועדע טעטיקייט אין יידישן לעבן, וואָס טראָגט אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, באַטראַכט דער „אַרבעטער־רינג“, זיינע פירער ווי אַ רעאַקציע,

ווי שאָוויניזם, וועלכע מען מוז באַקעמפן. ווער רעדט שוין וועגן ארץ־ישראל, ציוניזם. דאָס זענען דאָך זאַכן, וואָס בלויז ביי דערמאָנען אַזעלכע נעמען דאַרף זיך אַ כשרער סאָציאַליסט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, ער זאָל חלילה נישט גע־ניזוקט ווערן.

פּועלי־ציון האָבן אויפגעבויט דעם „אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַר־באַנד", כדי צו קאָנען טאָן אַרבעטן אין אייגענעם גייסט, אָבער דערביי אַריינ־ציען אין קרייז פון זייער איינפלוס אַנדערע, נישט־פּאַרטייאישע עלעמענטן. אייגנטלעך איז אויך אַרום דער פראַגע אָנגעגאַנגען אַ ליידנשאַפטלעכע דע־באַטע: צי זאָל דער „פאַרבאַנד" זיין אַ ריין־פּאַרטייאישער, אָדער אַן אומפּאַרטייאישער. אויב די אָרגאַניזאַציע איז לכתחילה אַ פּאַרטייאישע, קאָן מען זי תיכף, פון דער ערשטער מינוט אויסנוצן און איינשפּאַנען אין דעם וואָגן פון אַרבעט און פליכטן. מיט אַן אומפּאַרטייאישן עלעמענט דאַרף מען אומגיין פאָרזיכטיק, נישט איבערציען דאָס שטריקל און כסדר פרעגן אַ שאלה, צי ס'איז כשר, אָדער טריף.

און וואָס טוט מען, אויב אַ מערהייט אומפּאַרטייאישע גיט טאַקע אָפּסקן־אָפּ: טריף?!

פונדעסטוועגן האָט געזיגט די מיינונג, אַז די אָרגאַניזאַציע דאַרף נישט זיין כתם אַ נייער שילד פאַר דער זעלבער, שוין פאַראַנענער פּאַרטיי, נאָר באמת אַ פלאַץ און אַ מיטל אַריינצוציען נייע קרייזן, אַזעלכע, וואָס זיי איז שווער, צוליב פאַרשידענע טעמים, איינשפּאַנען אין אַ פּאַרטייאישער דיסציפּלין און פאַרשנורעווען אין אַ קאָרסעט פון פּאַרטיי־פּראָגראַמען, איסורים מיט היתרס. אָמער וועלן מיר אויסברייטערן אונזער השפעה אויף נייע, פון אונז ווייט־שטייענדיקע, מענטשן און דערציען זיי לויט אונזער וואָס, אַז מיט דער צייט זאָל מעגלעך זיין זיי געווינען אויך פאַר געוויסע, אויב נישט פאַר אַלע אונזערע אַקטיוויטעטן.

דער „פאַרבאַנד" האָט געזאָלט, לויטן פּלאַן פון זיינע גרינדער, ווערן אַ פעסטונג צום קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קעגן אַנטי־פּאַלעסטיניזם פון „אַר־בעטער־רינג". ס'איז געווען קלאָר, אַז מיט אָט די אידעאַלן אַליין וועט זיין שווער אָפּצוציען פון „אַרבעטער־רינג מאַסן. אמת, עס זענען נאָך פאַראַן גענוג מאַסן אויך מחוץ „אַרבעטער־רינג". זעט מען דאָך, ווי עס גרינדן זיך כסדר נייע אָרגאַניזאַציעס פון ענלעכן כאַראַקטער. אָבער דערצו פאָדערט זיך, אַז די רעקרוטירטע מיטגלידער פאַר דער נייער אָרגאַניזאַציע זאָל ציען און לאָקן אויך אַ מאַטעריעלער געווינס אין פאַרגלייך מיטן „אַרב.־רינג". האָבן זיי אויפגענומען אַ מער פּראָגרעסיווע פאַרזיכערונגס־פּאָליטיק, וואָס האָט

אויך אויסגעמאַכט ביליקער. און נאָך עפּעס. דער „אַרבעטער־רינג" האָט גע־האַט אַ „טשאַרטער", אַ רעכט צו אַרבעטן נאָר אין די פּאַרייניקטע שטאַטן און דער „אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד" האָט באַקומען אַ „טשאַר־טער" צו עפענען אָפּטיילונגען אויך אין קאַנאַדע. דאָס איז געווען אַ היב־שער טריומף ביים יונגן „פאַרבאַנד".

פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָבן אויפגעבויט דעם שענסטן אָרגאַן פון ראַדיקאַלער יידישער קולטור. זייער וואָכנשריפט „דער יידישער קעמ־פער", אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר, איז געוואָרן אַ טריבונע פאַרן פרישן, אָריגינעלן יידיש־וועלטלעכן געדאַנק, פאַרן זויבערן יידישן וואָרט, פאַרן דרייסטן שווונג און פלי פון מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער קול־טור. ער האָט פאַרמאָגט דאָס שענסטע פון דער ראַדיקאַלער יידישער זשור־נאַליסטיק אין די שטאַטן און אין אים האָבן זיך באַטייליקט אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער פון אייראָפּע. דער „קעמפער" האָט אָפּגעגעבן אַ סאַך פּלאַץ פאַר שיינער ליטעראַטור און קריטיק. ס'איז קיין ספק נישט, אַז מיט זייער אָרגאַן האָבן פּועלי־ציון אַריינגעשריבן איינעם פון די רייכסטע און פאַרביק־סטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער ראַדיקאַלער יידישער פּובליציסטיק אין אַמעריקע. כ'זאָג אויסדריקלעך: ראַדיקאַלער און נישט סאָציאַלי־סטישער. ווייל דער טראָפּ איז דאָרט געשטעלט געוואָרן אויפן באַגריף קול־טור, מער איידער אויפן סאָציאַליסטישן אינהאַלט. פון דער צייטונג האָט געאָטעמט מיט עסטעטישער אַטמאָספער, מיט שיין־גייסט און מיט מאָדערנער קולטור, און אין דעם איז באַשטאַנען דער היסטאָרישער אויפטו.

פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָבן שוין דאַן געאַרבעט פאַר ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דער אַרבעט פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטישע פאָנדן, פאַר וועלכע זיי האָבן, אַגב, געפירט די אַרבעט געמיינזאַם מיט די ציוניסטן אין די בשותפותדיגע „זייאָן־קאָונסילס"; זיי זענען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַ זעלבשטענדיקע פּאַלעסטינע־אַרבעט פון דער פּאַרטיי. אַקציעס פון „האחדות", שטיצע פאַרן „השומר" און זאָרג פאַר אַן אייגענער קאָלאָניזיר־טעטיקייט פון די חברים, פאַר זייער אייגענעם אַריבערפאָר אין ארץ־ישראל — דאָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער שפּעטער אויפגעכוואַליעטער ברייט־פאַרמאָסטענער פּאַלעסטי־נע־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן אין אַמעריקע.

די ערגסטע זאַך, וואָס האָט מיך צום ביטערסטן געטראָפן, איז געווען די גלייכגילטיקייט פון דער פּאַרטיי צו דעם אַמעריקאַנער לעבן גופא, איר אָפּ־געריסנקייט פון די דאָרטיקע פּראָבלעמען, די פרעמדקייט צום אַרבעטער־

געראַנגל אויך פון די יידישע פּראָלעטאַריער. ס׳האָט זיך געפילט אויף שריט און טריט די אימיגראַנטישקייט און עמיגראַנטישקייט, וואָס האָט זיך גענערט אָדער פון דער אַלטער היים אין רוסלאַנד, אָדער פון דער נייער היים אין... ארץ־ישראל. דער פּועלי־ציוניזם איז דאָ געווען אַן אימפּאָרטירטע סחורה, אָן פאַרבינדונג מיט דערשיינונגען פון אָרטיקן אייגנאַרטיקן אַמעריקאַנער לעבן. ס׳האָט שאָקירט בפירוש דער אינדיפערענטיזם צו די יוניאָנס און צו דער אַרבעט אין זיי. דער אַרבעטער, דער מיטגליד פון יוניאָן האָט צוטרוי און הערט זיך קודם כל צו צו דעם, וועמען ער טרעפט טאָג־איין טאָג־אויס ביי זיין וואָכעדיקער אַרבעט, איז באַטייליקט אין זיין געוויינלעכער זאָרג און טראָגט אויף זיין קאָפּ זיינע דאגות אין ביטערע שלעכטע צייטן. האָט זיך אין יוניאָן אַריינגעריסן פון פריער דער געכטיקער מעבר־לימימדיקער בונדיסט, דער על־טערער אימיגראַנט, פאַרכאַפּט די „פּאָזיציע״ און נישט צוגעלאָזן קיין „קאָנקו־רענט״. האָט ער געשפייזט דעם יוניאָן־מאַן מיט בונדישער שנאת־ציון און אויסגעהוזקט, מעשה רעוואָלוציאָנער, אַלץ, וואָס האָט געהאַט די מינדסטע שייכות צו ארץ־ישראל, ווו ס׳איז דער כותל מערבי און די מערת המכפּלה. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַראַ סאָציאַליזם עס קאָן שוין געמאָלט זיין נעבן אַזאַ פאַרצייטיקער מערת המכפּלה!...

דער „פאָרווערטס״ איז דאַן געווען אין זיין פּאַנאַנדערבלי. זיין השפּעה איבער דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז געווען גאָר גרויס, די צאָל לעזער איז כסדר געשטיגן. זיינע יאָר־בעלער האָבן צונויפגעבראַכט ריזיקע מאַסן פון אַלע אַרומיקע שטעט און די הכנסה איז געגאַנגען צו שטיצן „אָרעמע קרובים״ — די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרשידענע אַרבעטער־אינסטי־טוציעס. האָבן יענע דעם „רייכן פעטער״ געקוקט אין האַנט אַריין און פאַר־נומען געהאַרכזאַם אַלץ, וואָס עס גייט אַרויס פון זיין „הייליקן״ מויל, הגם ס׳האָבן זיך געמערט זיינע קעגנער און שונאים, וואָס האָבן שוין איינגעזען דעם אומגעהויערן היזק, וואָס דער „בינטל״־סאָציאַליזם ברענגט דער אַר־בעטערשאַפט.

ס׳איז נאָר־וואָס אויפגעשטעלט געוואָרן די 10־שטאָקיקע געביידע פון „פאָר־ווערטס״ — די העכסטע געביידע אויף דער „איסט־סייד״, און ס׳האָט זיך פון גאַנץ ווייט געוואָרפן אין די אויגן די אויפשריפט „פאָרווערטס״, מיט יידישע אותיות אין דער הויך. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַן אַרויסרוף. נישט צו דער אַרומיקער, נישט־יידישער וועלט. דאָ אין אַמעריקע איז לגמרי איבער־ריק געווען אַזאַ דרויסנדיקע דעמאָנסטראַציע. גיכער איז עס געווען אַ מאַניפעסטאַציע כלפּי פנים, פאַר דער אייגענער יידישער גאַס: פאַררייסט

דעם קאָפּ ארויפצו און זעט, ווי איבער אייך אַלע הויבט זיך הויך אַרויף דער „פאָרווערטס״; אויפן צענטן „פלאָר״ זיצט, פעסטער ווי ווען, זיין רעדאַקטאָר, אַב. קאַהאַן, וואָס וועט איצט מיט נאָך מער תקיפות שפרייטן „דאָס בינטל בריוו״ און צוויילן דעם פּראָצעס פון אייער אויס„גרינען״ זיך, כדי צו ווערן ראוי איינגאַנצן פאַר דעם איינפלוס פון געלן סאָציאַליזם.

מיין אָנקום איז אין „פאָרווערטס״ פאַרצייכנט געוואָרן קאַרג אין דער כראָניק, בלויז פון יוצא וועגן. די „וואָרהייט״, ווו עס האָט געאַרבעט יואל ענטיק, האָט מיך אויפגענומען זייער וואַרעם. מ׳האָט געמוזט זיך באַנוצן מיט אַנאָנסן, כדי צו שאַפן די געהעריקע „פּובליסיטי״ און רעקלאַמירן מיין אָוונט. איך בין אַפילו געווען אַן אָפּגעהיטענער אין מיין הלבשה און געקומען פון ארץ־ישראל אין אַ ספּעציעל אויפגענייטן אָנצוג. פונדעסטוועגן האָט מיך ח׳ עהרענרייך, דער סעקרעטאַר פון צ. ק. גלייך גענומען אין קליידער־געשעפט פון מ. קולאַק און מיר פאַרשאַפן נייע מלבושים: אין אַמעריקע האַלט מען נישט פון ירושלימער „שניט״, און איך האָב אויך אין דעם פּרט געמוזט זיין אַ דיסציפּלינירטער חבר.

„קלינגטאָן־האָל״ איז געווען געפּאַקט. אַ יום־טובדיק געשטימטער עולם. געווען אַ סאַך, וואָס האָבן מיך שוין געקענט פון רוסלאַנד, פון גאַליציע. אַ סאַך האָבן געוואָלט בלויז „כאַפּן אַ קוק״ אויפן גאַסט. די פּועלי־ציון פון אַמעריקע האָבן פון זייער פּריסטער יוגנט געשמט אַלס חברה מיט חסידישן ברען און התלהבות. ביי זיי אויף פאַרזאַמלונגען האָט געשפּריצט מיט פייער, מיט עקסטאַז. ביי זיי האָט זיך דער עולם געקאָנט דערוואַרעמען און זיך אויס־טאָן פון „ביזנעס״.

מיין ערשטער אָוונט איז געווען פון די גאָר געלונגענע. עס זענען אַרויס־געטרעטן אַ ריי אָרטיקע רעדנער, צווישן זיי די פירער פון דער פּאַרטיי: ברוך צוקערמאַן, מאיר ברוין און ה. עהרענרייך. ס׳איז אָבער געווען אויך אַ סענסאַציע (פאַר יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ מער נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און איר געשיכטע), וואָס אויף איין פּלאַטפאָרם האָבן זיך צונויפגעטראָפן פאָרשטייער פון דריי תקופות אין דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס: דער „זיידע״ פון יידישן סאָציאַליזם, מאָריס ווינטשעווסקי, דער „פאָטער״ פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, ד״ר נחמן סירקין און איך, אַלס פאָרשטייער פון דעם יינגסטן צווייג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. דריי לעבעדיקע רינגען אין איין יחוס־קייט פון סאָציאַ־

ליזם. צופּעליק האָט זיך געמאַכט, וואָס אַלע דריי זענען געווען פאַרבונדן מיט צייטשריפטן אין העברעיש. מ. ווינטשעווסקי האָט רעפּרעזענטירט זיין „אספת חכמים“, סירקין — זיין „השחר“ און איך — דעם „האחדות“

ס׳איז געווען אַזוינס, וואָס זאָל אָנצינדן. עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט געשיכטע, און איבער אונזערע קעפּ האָבן געפּאַכטעט פליגל פון אַ גרויסער אידייע פון יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר אַלוועלטלעכקייט און איינהייטלעכקייט, דורך דורות און תקופות, איבער ימים און יבשות.

עלעקטריזירנדיק און עכט־פּאַטעטיש איז געווען דער מאָמענט, ווען דער „זיידע“ ווינטשעווסקי האָט מיך באַגריסט. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט צוגע־שיקט אַ שריפטלעכע באַגריסונג, ווייל ער איז געווען אויסער ניו־יאָרק. דער עולם האָט געפּלאַקערט. איז אַרויס פון די כלים.

נאַטירלעך האָב איך אויסגענוצט אין מיין רעדע אָט די באַגעגעניש פון דריי דורות יידישע סאָציאַליסטן גריילעך אויפן באָדן פונעם כלומרשט אַלץ ניוועלירנדיקן און פאַרשמעלצנדיקן אַמעריקע.

איך בין אַליין געווען גערירט פון דער באַגעגעניש, צו וועלכער כ׳האָט זוכה געווען. האָב איך זיך „צעלאָזט“ און מיט קראַפט פון אינערלעכער איבער־צייגונג מיטגעריסן די צוהערער, זיי זאָלן דערשפּירן דאָס שאַפנדיקע אין אונז, וואָס ווערט אַנטפּלעקט אינעם אַלט־נייעם לאַנד, און כ׳בין אַרויס מיט תביעות־פאָדערונגען צו די יידישע מאַסן אין דער „גאָלדענער מדינה“, זיי זאָלן אַ רגע מפסיק זיין, און, אָנשטאָט „מאַכן אַ לעבן“ אָנהויבן לעבן.

ס׳איז אפשר כדאי דאָ ברענגען אויספירלעכער אָט דעם מאָמענט פון יענעם אַרויסטריט מיינעם, וואָס האָט אויסטערליש „געטראָפן אין פּינטל“ די צוהערער... ס׳איז שוין אַ סאַך וואַסער פאַרלאָפן פאַר די 25 יאָר, אָבער עס געדענקט זיך דער ענטוזיאַזם פון עולם, בעת ער האָט דערפילט אַן אויפגע־העלטן אמת פון אייגענעם לעבן און באַנומען, אַז דאָס מיינט מען טאַקע אים גופא. די ערשטע טעג פון מיין באַזוך אין דער „נייער וועלט“ האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון פּרוגס אַ פּאָעמע „גיהינום“. דאָרט ווערט בערך געשילדערט, ווי אַזוי אַ יונגערמאַן, אַ שאַלטעק אַ הולטאַי, קומט אויף יענער וועלט און די פמליא של מעלה פאַרמשפּט אים צו... גיהינום. דעם ערשטן מאָמענט האָט ער זיך אמתדיק איבערגעשראָקן: הייסט עס דאָך, אַז ס׳איז טאַקע פאַראַן אַ גיהינום, און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך זיכער אַלץ דאָרט, ווי מען האָט וועגן דעם גערעדט ביים לעבן, אַז מ׳פּרעגלט זיך אויפן פייער, מ׳ווערט אַריינ־געשלײדערט אין אַ פעסל דזשעגעכץ און א. וו.

שטייט ער, לא עלינו, אַ פאַרציטערטער און האָט מורא צו עפענען די

אויגן, בעת עס גיבן אים אַ כאַפּ אונטערן אָרעם אַ פּאָר מחבלים און שלעפּן אים אַוועק צו טאָן אים זיין רעכט. אָט האָט מען אים אַ שטעל אַוועק, געגעבן אויף אַן אָרט און געמאָלדן: שוין, דאָ איז דער גיהינום. ציטערט דער שאַלטעק און האָט מורא צו עפענען אַן אויג, נישט צו דערזען די אַלע עקדישן און שלאַנגען, וואָס קריכן מסתמא אַרום און וועלן זיך באַלד נעמען וויקלען אַרום זיין זינדיקן גוף. ערשט זיין אויער כאַפּט־אויף אַ קלאַנג פון מוזיק. טאַקע דאָ, נאָענט. יאָ, עס שפילט מוזיק, אַ באַקאַנטע מעלאָדיע, עפּעס אַ מאַזורקע, צי אַ פּאָלאָנעז. אַמאָליקע טענץ... ער גלויבט נישט זיינע אויערן. אפשר איז עס אַ דמיון, מיטגעבראַכט פון דעם עולם השקר, פון וואַנען ער קומט נאָר־וואָס.... נאָר אָט פאַרבעט אים אַ דאַמע צום טאַנץ. אַ קאַוואַליער איז ער פון תמיד אָן געווען אַן עלעגאַנטער און העפלעכער. ס'איז אים פריקרע, וואָס די דאַמע לאַדט גאָר אים. ער מאַכט פלינק אַ רעווערענס און גיט זיך אַ נעם צו דער מלאָכה. ער טאַנצט, און גלויבט זיך אַליין נישט. אפשר איז די גאַנצע מעשה מיטן טויט נישט מער ווי אַ חלום און איצט איז געקומען די וואָר, זיין גוט באַקאַנטע וואָר. רוקט זיך די צייט און דער טאַנץ גייט־אָן. ער וואָלט, דעם אמת געזאָגט, שוין געוועזן אַ בעלן איבערכאַפּן דעם אָטעם. וואַרפט ער אַ קוק צו דער דאַמע. יענע טאַנצט. ממש ברײַנדעלע קאָזאַק. נישט מיד און נישט אויסגעשעפּט. טאַנצט ער ווייטער. נאָך אַ האַלבע שעה. נאָך אַ שעה... עס ברעכן די קני, עס טוען ווי די פיס. ניין, ער איז מוחל זיין כבוד, חרפּה אָן אַ זייט, ער מוז מפסיק זיין און זיך אָפּרוען. גיט ער זיך אַ קער צו דער דאַמע: אפשר כאַפּט מען אַ קאַלטן טרונק, אַ שפּאַציר אין פּאַרק, פרישע לופט? חלילה. דאָ רוט מען נישט, דאָ טרינקט מען נישט, דאָ איז מען נישט מפסיק... ס'איז גיהינום! וואָס איינער האָט געוואָלט ביים לעבן, האָט ער דאָ, געוואָלט ביים לעבן טאַנצן, כסדר און נאָכאַנאַנד טאַנצן. געמוזט מפסיק זיין, ווייל מען האָט פאָרט געדאַרפט טראַכטן אַמאָל וועגן פרנסה, אַמאָל וועגן ווייב און קינד... דאָ איז דאָס אַלץ נישטאָ. גאָרנישט שטערט נישט. קאָן מען טאַנצן נאָכאַנאַנד. אַי, עס ברעכן די קני? שאַדט נישט. מעגן ברעכן די קני, מעגן ווי טאָן פיס, מעג די נשמה פּלאַצן — טאַנץ, ברודערל און טאַנץ. אין גיהינום האַלט מען רק אין טאַנצן.

האָט מיך דורכגענומען דער איינדרוק, אַז אין אַמעריקע געשיט מיט די יידן דאָס זעלבע, וואָס מיט יענעם שאַלטעק אין גיהינום. אין דער אַלטער היים האָט מען געוועסט דערציילט, אַז אין אַמעריקע וואַלגערן זיך דאָלאַרן אויף די גאַסן און מען שאַרט דאָרט גאָלדענע רענדלעך אויף שריט און טריט. האָט מען זיך געריסן אַהער. געלאָפן הענדום־פּענדום צום „גליק". אַ קלייי־

ניקייט אַמעריטשקע — ווי לייכט איז דאָ צו ווערן אַ מיליאָנער. אַט יענער איז געווען אַ צייטונגס־פאַרקויפער און היינט איז ער אַ מיליאַרדער. אַ צווייטער איז געווען אַ שטיוול־פוצער, — איז ער היינט אַ ראָקעפעלער. און אַ דריטער און אַ פערטער. האָט מען זיך געיאָגט צו דער „גאָלדענער מדינה", צום לאַנד פון דאָלאַרן. געקומען — בנאמנות, עס וואַלגערן זיך דאָלאַרן אויף אַלע ראָגן אונטער די פיס. בלויז איינבויגן זיך און זיי אויפ־הויבן. האָט מען זיך איינגעבויגן און — אויפגעהויבן. אָבער דאָלאַרן זענען דאָ פאַראַן אַ שלל, גאַנצע אוצרות, האָט מען געהאַלטן כסדר אין בויגן זיך. געזשעברעוועט דאָלאַרן פולע הויפנס... אָבער פון נאָכאַנאַנד בויגן זיך האָט גענומען ברעכן דער רוקן. ווי גוט וואָלט געווען איין רגעלע מפסיק זיין און אַ ווײַלינקע אויסגלייכן דעם רוקן. אַ קוק־אַריין געבן אין שטוב, צו ווייב און קינד. אַראָפכאַפּן זיך אין פאַריין, וואַרפן אַ בליק צו דער פאַרטיי. עפּעס איז מען דאָך אַמאָל געווען רעוואָלוציאָנערן און אַ וועלט איבערגע־קערט...

איז ניין, דאָ, אין אַמעריקע, איז מען נישט מפסיק, אַ שאָד איבערצולאָזן דאָלאַרן אויף דער ערד. ס׳קאָן נאָך עמעץ אַן אַנדערער זיך פעדערן און זיי אויפהויבן. איז כל־זמן דאָלאַרן וואַרטן, מוז מען זיך בויגן. איז מען דאָך אַהער געקומען צו אָט דעם צוועק, צו „מאַכן אַ לעבן". אי, ס׳טוט פאַרט וויי דער רוקן, עס וויינט די נשמה, עס בענקט זיך נאָך אַ ביסעלע געלעגנהייט צו הנאה האָבן פון לעבן. חלילה. דאָ איז דערויף נישטאָ קיין צייט. דאָ איז נישטאָ קיין צייט צו לעבן, ווייל מען איז רק פאַרנומען מיט מאַכן אַ לעבן.

ווייל מען תופס זיין דעם עיקר־אונטערשיד צווישן אַמעריקע און ארץ־ישראל פאַרן יידישן אַרבעטס־מענטש, איז עס פאַראַן אין דער פאָרמולע: דאָ אין אַמעריקע „מאַכט מען אַ לעבן", און אין ארץ־ישראל לעבט מען.

כ׳האָב דאָ עטוואָס מאַריך געווען און ציטירט דעם פאַרגלייך אויספיר־לעך, ווייל דענסטמאָל אין קלינטאָן־האָל, אין יאָר 1912 האָט ער גענוי כאַ־ראַקטעריזירט דעם צושטאַנד, ווי ער איז געווען סיי אין א״י און סיי אין אַמע־ריקע. כ׳האָב זיך געווערטלט אין שפּאַס: ס׳איז ממש אַ בזיון, ווי די מענטשן זענען דאָ שטענדיק און נאָכאַנאַנד „ביזי" אין זייערע „ביזנעס". מען האָט זיך איינגעאָרדנט שיינע היימען, פּרעכטיקע דירות מיט מאָדערנע „פוירניטשור" (מעבל) און כל הבאַקוועמלעכקייטן. וויינען די ווענט פון הויז. וואָס קיינער קומט אין זיי נישט אַריין, און דאָס מעבל קלאָגט, הלמאי קיינער זעצט זיך נישט אויף זיי, און די שטוב טרויערט, וואָס זי פילט נישט דעם

אָטעם פון מענטשן. דער באַלעבאָס און די דערוואַרטעטע געסט זענען אַלע תמיד „ביזי", פאַרנומען און האָבן נישט קיין צייט און קיין געלענק צו גיין מיט וויזיטן...

אין אַמעריקע האָבן זיך אַחינו בני ישראל צוגעכאַפּט צו אַ מאַטעריעלן ריוח. האָט מען פאַרנאַכלעסיקט די שטוב, געלאָזן קינדער הפקר אויפן באַראַט פון שול און גאַס און סביבה. פלוצים האָבן זיך די עלטערן אַרומגעזען, אַז ביי זיי זענען אויפגעוואַקסן קינדער, פרעמדע און אַפּט פיינטלעכע צו זיי, צו די עלטערן, און הגם מ'רעדט איין שפּראַך, ענגליש, איז אַ תהום צווישן ביידע, ווייל די קינדער זענען אַמעריקאַניזירט און האָבן נישט קיין שום אינטערעס נישט פאַר יידן און נישט פאַר יידישע אַנגעלעגנהייטן, און פונקט אַזוי — נישט פאַר אַרבעטער־ענינים... מען האָט שוין מער נישט דעם פאַריין, מ'איז ווייט פון דער פאַרטיי, מ'קוויקט זיך מיט זכרונות פון אַמאָל, אין טעאַטער, אין „פייפּער", אין לאַנדסמאַנשאַפט...

פון דער אַלטער היים דערווייטערט, אין דער נייער היים פרעמדע, איז מען געבליבן הענגען אין דער לופטן, אַרויסגעוואָרצלטע פונעם אַלטן, ערגעץ אין נייעם נישט איינגעאַנקערטע, פאַרטון און פאַרשמאַיעט אין מאַכן אַ לעבן.

האָט דער גרוס פון שאַפנדיקן ארץ־ישראל און זיין קאַמף קעגן ווילדער נאַטור און אָפּגעשטאַנענער סביבה, קעגן אייגענע רגילות און פאַר נייע באַגערן, אויפגערודערט דאָס געמיט און אָנגערירט אַ סטרונע אין דער נשמה, וואָס האָט געוועסט איינגעדרימלט. האָט אויפגעפלאַמט אַ חשק צו אַ וועלט, וווּ מען איז אַליין אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון לעבן, וווּ דאָס לעבן ווערט טאַקע דורך דיר געשאַפן און דו האָסט הנאה פון יעדן אויפשפּראָץ זיינעם, ווייל אומעטום און אין אַלץ קומט צום אויסדרוק דיין שאַפנדיקער כוח.

עפּיזאָדן און באַגעגענישן

אבי קאַהאַן, ארץ־ישראל און יידיש

ס'איז געווען אַזאַ מנהג, אַז אַ געזעלשאַפטלעכער גאַסט באַזוכט רעדאַקציעס. אַלע רעדאַקציעס. ס'איז אַ סגולה צו „פּובליסיטי". מוז מען אַלע באַזוכן מאַכן אין איין טאָג, כמעט אין דער זעלבער שעה. ווייל טאָמער האָט זיך אין איין צייטונג באַוויזן אַ ידיעה וועגן דעם באַזוך, אָדער טאַקע דערשינען אַן אינטערוויו, איז שוין דער גאַסט אַ „פאַרטיקער", אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, וואָס קאָן באַין אופן נישט גילטן אַלס „פּיטשור" פאַר אַ צווייטער צייטונג. „נייעס" מוזן זיין פריש־געבאַקן, צאַפּלדיקע, נאָר־וואָס „פון נאָדל" אַרויס.

אויף מיין באַגעגעניש מיט אַב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס" האָט מען גע־לייגט אַ באַזונדער געוויכט. דאָ איז מען אויסן געווען מער ווי איינפאַכע „פּובליסיטי". דער סטימול צו דער באַגעגעניש איז געווען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. איז דאָך דער „פאָרווערטס" די איינציקע יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג און האָט אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף העכער הונדערט טויזנט יידישע אַרבעטער־לייענער. גוט צי שלעכט, אָבער אַרבעטער לייענען זייער „פאָרווערטס" און הערן זיך צו צו זיין וואָרט. איז, אויב אַזוי, פון גרעסטער וויכטיקייט, אַז דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" זאָל זיך פאַרינטערעסירן מיט אונזער אַנגעלעגנהייט און קריגן מער פאַרשטענדעניש פאַר אונזער קאַמף אין ארץ־ישראל.

אַב. קאַהאַן האָט מיך אויפגענומען ביי זיך אין רעדאַקציע־צימער אויפן 10־טן שטאָק. צוערשט האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַרן „סטעף". צווישן זיי האָב איך געטראָפן איינעם, וואָס האָט מיך געקאָנט גוזעלשאַפטלעך פון לאַנג, אַלס פּועלי־ציוניסט — לעאָן גאָטליב פון וואַרשע. מיט אַ טייל פון די איבע־ריקע מיטאַרבעטער האָב איך זיך געהאַט באַקענט גלייך ביי מיין קומען אין לאַנד.

אַב. קאַהאַן האָט זיך צו מיר באַצויגן זייער פריינטלעך. וויזט זיך אַרויס, אַז מיין נאָמען איז אים גוט באַקאַנט. בעת זיין שאַרפער פּאָלעמיק מיט יעקב גאָרדינען וועגן די פּראָבלעמען פון יידישער דראַמע און טעאַטער האָט ער איבערגעדרוקט פון וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג" מיינעם אַ גרויסן אַרטיקל וועגן גאָרדינס אַ פּאָר פּיעסן; איך האָב דעם באַרימטן דראַ־מאַטורג און טעאַטער־טוער שאַרף קריטיקירט. קאַהאַן האָט געוואָלט זיין קעג־נערישע פּאָזיציע צו גאָרדינען באַקרעפטיקן דורך דער שטעלונג פון יידישע שריפטשטעלער אין אייראָפּע, צו וועלכע מ'האָט זיך בדרך כלל אין אַמעריקע באַצויגן מיט רעספּעקט און אַפילו פּיעטעט.

גלייך ביי די ערשטע רייד האָט מיר קאַהאַן דערקלערט, אַז ער קאָן נישט באַגרייפן די טעאָריע פון פּועלי־ציון, דעם צוויי־געשפּאַן פון ציוניזם און סאָציאַליזם. דערביי אָבער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז מיין טרחה אים אויפ־צוקלערן אָט די טעאָריע איז לגמרי איבעריק. אַ שאָד כוחות. ער ווייסט אַפּריער, אַז ס'וועט אים נישט „נעמען". אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. ער האָט באַקומען אַזאַ דערציונג ביי אַלע לערער פון סאָציאַליזם, אַז נאַציאָנאַליזם איז שעדלעך פאַרן אַרבעטער־קלאַס. ער חידושט זיך נאָר, וואָס מיר, אויב מיר ווילן זיין גוטע סאָציאַליסטן, געבן זיך פונדעסטוועגן אָפּ מיט אַן אוטאָפּיסטישער זאַך, ווי דאָס איז, לכל הדעות, דער ציוניזם. ער ווייסט, אַז ביי די ציוניסטן איז פאַראַן אַ סאַך אידעאַליזם. אַז צו זיי געהערן געוויס אינטעליגענטע מענטשן.

אָבער אַ סאָציאַליסט קאָן נישט האָבן קיין שום אינטערעס צום ציוניזם. ער פאַרשטייט נאָך, אַז אין רוסלאַנד, אין לאַנד פון פּאָגראָמען כאַפּט מען זיך אָן אָן ציוניסטישע אוטאָפּיעס. אָבער אין אַמעריקע — „נעווער"! דאָ וועט עס קיינמאָל נישט זיין קיין „סוקצעס". דאָ האָט דערפאָלג נאָר אַ פּ ר אַ ק ט י ש ע זאַך.

כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס מאָל דאַרף מען אויסמיידן די דיסקוסיע וועגן דעם תּוך פון פּועלי־ציוניזם, וועגן ע צ ם פּראָגראַם. כ'האָב געוווסט און געמערקט, אַז אַב. קאַהאַן איז אַן עקשן. אָמער וועל איך פּרוון רעדן מיט אים אויף ז י י ן לשון, פּראַקטיש, „ביזנעסמעסיק".

לאָזן מיר אַ רגע אין אַ זייט דעם וויכוח וועגן ציוניזם אַלס ענטפער אויף דער יידנפראַגע. אָבער אָט איז פאַראַן אַ לאַנד אין דער וועלט — פּאַלעסטינע. דאָרט געפינען זיך יידישע אַרבעטער; זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט און געקומען אַהין, הגם „פאָרווערטס" האָט זיי עס נישט געעצהט. זיי ווילן זיך אָרגאַניזירן און פירן אין פּאַלעסטינע, אינעם געבורטס־אָרט פון דריי רעליגיעס, אַ קאַמף פאַרן ס אָ צ י אַ ל י ז ם. צי דען האָט אַזאַ סאָציאַליסט, ווי אַב. קאַהאַן, נישט קיין אינ־טערעס צו אָט די אַרבעטער נאָר דערפאַר, וואָס זיי געפינען זיך אין פּאַלעסטינע?

דער ענטפער איז געווען; צו די אַ ר ב ע ט ע ר אין פּאַלעסטינע האָט ער אַן אינטערעס, אויב זיי פאַרנעמען זיך דאָרט מיט סאָציאַליזם און פירן שטרייקן. אָט האָט דער „פאָרווערטס" נאָר־וואָס געשיקט שטיצע די אַרבעטער אין ב ע ל ג י ע, וואָס שטייען אין קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע. שטיצן אַרבעטער אין שטרייק — דאָס איז אַ פליכט פון יעדן סאָציאַליסט. דאָס איז פּראָלע־טאַרישע סאָלידאַריטעט.

זאָל קומען פון פּאַלעסטינע אַ רוף צו שטיצן די אַרבעטער אין אַ ש ט ר י י ק, פאַרזיכערט מיך אַב. קאַהאַן, וועט דער „פאָרווערטס" זיי שטיצן גענוי אַזוי ווי די אַרבעטער אין אַן אַנדער לאַנד, הגם ער איז נישט קיין ציו־ניסט און פּאַלעסטינע פאַר זיך, אינטערעסירט אים נישט.

אויב אַזוי, רוף איך זיך אָפּ, זענען מיר באַלד אויף אַ דרך. וויבאַלד מען איז גרייט צו שטיצן די אַרבעטער ב ע ת ן שטרייק, איז מען דאָך פאַרפליכטעט צו שטיצן זיי בשעת זיי אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן ז י ך, פ י ר ן אָ ן א ו י פ ק ל ע ר־א ר ב ע ט און ו ע ר ן צ ו ג ע ג ר י י ט א ו י פ צ ו ט ר ע ט ן אין אַ שטרייק און וויסן, ווי צ ו ה אַ ל ט ן ז י ך דערנאָך, ביים דירעקטן צוזאַמענשטויס מיט די קלאַסן־שונאים. דאָס אַלץ קומט דאָך נישט מעכאַניש, פון זיך אַליין. אין ד ע ם, אייגנטלעך, באַשטייט די ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע: צו מאַכן די אַרבעטער קאַמפּס־פ ע י ק, ווייל נאָר אַזוי אַרום איז געמאַלט אויסצומיידן דעם דורכפאַל.

האַלט אָבער קאַהאַן, אַז אָט די געוויינלעכע, עלעמענטאַרע סאָציאַליסטישע טעטיקייט דאַרף די אַרבעטערשאַפט טאָן מיט אייגענע כוחות. דאָ מוז אָנגעווענדעט ווערן דער פּרינציפּ פון „העלפּ יור סעלף״, פון זעלבסטהילף. נאָר ווען ס׳ברעכט־אויס דער קאָנפליקט און דער שטרייק ווערט פּראָקלאַמירט — דאַן ערשט דאַרף קומען די הילף און שטיצע אויך פון די גענאָסן פון אַנדערע לענדער.

כ׳האָב אַרויסגעלייגט פאַר קאַהאַנען אַ פּעקל פאַקטן פון אַרבעטס־קאָנפליקטן און שטרייקן אין פּאַלעסטינע די לעצטע צייט, סיי אין שטאָט סיי אין דאָרף. ס׳הייסט, אויב איר ברויכט דווקא שטרייקן — האָט איר ביי אונז אויך די דאָזיקע סחורה. אָבער — צי מיינט דען סאָציאַליסטישער קאַמף בלויז שטרייקן? קומט דען פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט צום אויסדרוק נאָר דורך אונטערשטיצן אַ שטרייק? און שיקט זיך עס, אַז די סאָלידאַריטעט צווישן יידישע אַרבעטער אין פאַרשידענע לענדער זאָל זיין גענוי די זעלבע און באַשטיין אינעם זעלבן, וואָס סאָלידאַריטעט צווישן סתם אַרבעטער פון פאַרשידענע פעלקער? האָבן דאָך יידישע אַרבעטער צווישן איינאַנדער מער געמיינזאַמעס, ווי אַרבעטער פון פאַרשידענע פעלקער. איז דאָך זייער גורל איין און דער זעלבער, האָבן זיי דאָך די זעלבע אינטערעסן, דיזעלבע שפּראַך און ד. גל.

מיר האָט זיך געגלוסט אין דעם מאָמענט דערווייזן, ווי פלאַך און אויבנאויפיק ס׳איז אַזאַ אויפפאַסונג פון סאָציאַליסטישע אויפגאַבן און פליכטן, כ׳האָב באַקומען חשק צונאָגלען די דורכגעפוילטע אַסימילאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטישע „פּראַקטישע״ אָנשויונג, וואָס פּטרט אָפּ דעם גאַנצן ענין פון „יידישער פּראַגע״, פון ציוניזם און ארץ־ישראל מיט אַ פּאָר דאָלער פאַר דער שטרייק־קאַסע פון אַרבעטער... אָן אונטערשיד פון נאַציע.

אַב. קאַהאַן האָט אויסגעהערט מיינע איינווענדונגען מיט אַ סקעפּטישער מינע. ער האָט געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן, אַז אַלס סאָציאַליסט האָט ער נישט אָרגאַניש קיין אינטערעס צו פּאַלעסטינע. ס׳איז אַן אוטאָפּיע. דערביי איז ער לאָיאַל צום ציוניזם. ער נעמט זיך נישט צום האַרצן, וואָס יידן פאָרן קיין פּאַלעסטינע. אַז זיי ווילן, — זאָלן זיי! ער טיילט נישט די מיינונג פון „בונד״, אַז מען דאַרף באַקעמפן דעם ציוניזם. ער קען פערזענלעך זייער אינטעליגענטע ציוניסטן, וואָס מאַכן אַ סימפּאַטישן איינדרוק, אַלס געבילדעטע לייט. נאָר וואָס דען? ער אַליין האָט וויכטיקערע זאַכן, מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן.

וואָס שייך דער צייטונג „האַחדות״, וואָס מיר געבן אַרויס אין העב־

ר ע י ש, האַלט ער, אַז סאָציאַליזם מעג מען פּרעדיקן אין אַלע שפּראַכן, אַבּי די אַרבּעטער זאָלן פאַרשטיין און אויפגעקלערט ווערן. ער אַליין לייענט נישט קיין לשון קודש. ער האָט גריילעך געלערנט העברעיש אין דער פריער יוגנט. ער זאָגט אָפנהאַרציק, אַז אים אַרט נישט, וואָס די יידן אין פּאַלעסטינע באַנוצן זיך מיט העברעיש. ער האָט נישט קיין שום פאַרליבע צו יידיש. דער „פאָר־ווערטס" דערשיינט אין יידישער שפּראַך נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט צו באַדינען יידישע „אימיגראַנטן", וואָס האָבן זיך נ אָ ך נ י ש ט אויסגעלערנט די שפּראַך פון לאַנד... זיי זענען „גרינע" און מ'קאָן זיי נישט אָפרייסן מיטאַמאָל אי פון דער אַלטער היים, אי פון דער פריערדיקער שפּראַך. „נעווערמיינד", נישקשה, זיי וועלן זיך „אויסגרינען". ער ברענגט אין צייטונג פיל ווערטער אין ענגליש, אַנשטאָט יידיש, „טייבל" אַנשטאָט טיש און „ווינדאָו" אַנשטאָט פענ־סטער און פּאַטייטע" אַנשטאָט קאַרטאָפל, ווייל אָט די ווערטער „יוזט" (נוצט) מען אין די שטאַטן. דורכדעם וועלן די אימיגראַנטן האָבן אויפגעכאַפּט אַביסל די ענגלישע שפּראַך און ס'וועט פאַר זיי זיין לייכטער זי צו לערנען, יעדנ־פאַלס — צו פאַרשטיין.

ער, אַב. קאַהאַן, איז זיכער, אַז יידיש וועט דאָ אין אַמעריקע לאַנג נישט אָנהאַלטן. ס'איז אויך נישט נויטיק דאָ צו סעפּאַרירן זיך פון די איבעריקע אַמעריקאַנער. זיין 25־יאָריקן יובּיליי וועט דער „פאָרווערטס" פייערן ווי אַן ע נ ג ל י ש ע צייטונג. אין דעם גלויבט זיין יידישער רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן. צו יענער צייט וועט אויפהערן די גרויסע מ אַ ס ן ־ איינוואַנדערונג, וואָס ברענגט מיט זיך יידיש, די פון פריער געקומענע וועלן האָבן זיך געזעגנט מיט דער שפּראַך פון דער אַלטער היים און „פילן גוט" אין ענגליש. יידיש אין אַמעריקע איז אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג, אַן עפּיזאָד און — „דאַט'ס אָלל"!

דער שמועס מיט קאַהאַנען האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. איך האָב, אמת, געהאַט, נאָך אין אויסלאַנד זענענדיק, אַ שטיקל באַגריף וועגן „פאָרווערטס" און זיין אייגנאַרטיקן דרך אין סאָציאַליסטישער זשורנאַליסטיק; איך האָב געוווסט וועגן דעם קאַמף „קעגן עם הארצות", וואָס ספּעציעל ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אונטערגענומען, דער עיקר טאַקע קעגן דעם קאַהאַניזם און זיין באַגאַטעליזירן יעדן ערנסטן ענין לויטן געשמאַק פון זיין ליבלינג „יענטע טעלעבענדע". פאַר די פאָר טעג אין ניו־יאָרק האָב איך באַקומען די געהעריקע אינפאָרמאַציע פון די אָנפירנדיקע חברים און אַליין דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געלייענט טאָג נאָך טאָג דעם באַרימט געוואָרענעם „פּייפּער" און זיך נענטער

באַקענט מיטן מאַטעריאַל, וועלכן מ׳טראָגט אונטער דער מ אַ ס ע, „מ ש ה ן״ אין אַמעריקע, אין נאָמען פון כלומשרטן סאָציאַליסטישן אידעאַל.

פונדעסטוועגן בין איך געווען איבעררא‏שט. אין אייראָפּע האָבן מיר דורכגעמאַכט אַן אַנדער שול. דאָרטן זענען די אַרבעטער־פירער געקנאָטן פון אַן אַנדער טייג. בפרט אין ארץ־ישראל האָב איך זיך צוגעווױנט, יעדע פראַגע אויפנעמען גרינטלעך און פאַרטיפן זיך אין איר. דאָס מאָל האָב איך געטראָפן אַ נייעם טיפּ אַרבעטער־פירער, אַ צענטראַלע פיגור אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם גרעסטן לאַנד פון דער וועלט. אַב. קאַהאַן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. עס האָט פון אים געאָטעמט מיט ענערגיע, מיט קוראַזש. דער מאַן האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט און פּערזענלעך געווען באַקאַנט מיט פירנדיקע גייסטער אין אייראָפּעישן סאָציאַליזם. ער האָט פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט און לעבנס־קענטעניש, גלויבן אין זיך און שטאַלענעם ווילן. איין זאַך האָט געשטערט: ער האָט געהאַט אַן אידייע. זיין קאַהאַנישע אידייע־פיקס, ווי אַזוי צו דערציען גייסטיק די אַרבעטער און אויסבויען פאַר זיי אַ צייטונג, וואָס זאָל גילטן, ווי אַ „דעפּאַרטאַמענט סטאָר״, אַ „כל־בו״־געשעפט, וווּ מען קריגט אַלץ מיטאַנאַנדער לויט יעדערנס געשמאַק. דער „פאָרווערטס״ האָט שוין דאַן געהאַט אַנגעזעענע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט ערנסטע אָפּהאַנדלונגען איבער גרונט־פראַגן פון סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן. אָבער דאָס איז געווען אַ צוקערלעקעכל, אַ ספּעציעל גאָלדן פּוך־פּאַפּירל צו פאַרוויקלען דעם שונד, וואָס האָט זיך געפילט היימיש אין דער צייטונג. נישט דווקא דאָרט, ווו ס׳ווערט דערציילט וועגן שלאָף־צימער; ס׳איז געווען שונד אין דער ביליקער, קיצלדיקער באַהאַנדלונג פון געשעענישן, אין דעם אויסוואַל פון שטאָף צו באַשעפטיקן די פּסיכיק פון לעזער, אינעם סיסטעם, ווי אַזוי און מיט וואָס צו רייצן זיין נייגיריקייט.

אַב. קאַהאַן האָט געהאַט הצלחה און זיין פּאָזיציע ביי די אַרבעטער האָט אויסגעזען צו זיין אומדערשיטערט, כל זמן די אַרבעטער וועלן זיין „פאַרביזנעוועט״ און זיך יאָגן נאָך דעם מאַטעריעלן פּראָפיט בלויז. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויך אַמעריקע וועט נישט אויסמיידן דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאַרישער דערוואַכונג, ווען עס וועלן אויפקומען אַנדערע באַגערן און פאָדערונגען ביי די מאַסן; און אַן אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט, אַז קאַהאַן וועט נישט בלייבן הינטערשטעליק: ער וועט זיך צופּאַסן, ער וועט מיטגיין. זיין „משה״ טאָר נישט בלייבן אַליין. אין יעדער תקופה מוז „משה״ האָבן זיין אייגענעם אב. קאַהאַן.

איך האָב זיך אין שפּעטערע יאָרן, בעת דער וועלט־מלחמה און נאָך איר,

געטראָפן עטלעכע מאָל מיט אַב. קאַהאַנען. ער האָט זיך אין אַ סאַך פּרטים געבּיטן. כ'האָב אים דערמאָנט זיין אַמאָליקע באַציונג צו ארץ־ישראל. זיין פּראָגנאָז וועגן אַריבערפירן „פאָרווערטס" אויף ענגליש, נישט געטראָפן. אָט איז געווען מלחמה. די אימיגראַציע האָט זיך געוועסט איינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און דאָך איז די צאָל לייענער פון יידיש געשטיגן און דער אָנזען פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור איז געוואָרן אַ סאַך גרעסער. דער „פאָר־ווערטס" האָט אַפילו מבטל געמאַכט די ענגלישע „פעידזש" (זייט), וועלכע ער האָט געוועסט איינגעפירט, טריי צו קאַהאַנס שיטה — מיטהעלפן דער „ענגלישיזירונג" פון דעם לייענער. דער „אַרבעטער־רינג" האָט אויסגעבויט אַ גאַנצע נעץ שולן איבערן לאַנד דווקא מיט י י ד י ש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך. נו, און ארץ־ישראל, ציוניזם? זיי זענען זייער אָנגעלייגטע געסט, פעסטע תושבים אין „פאָרווערטס". ס'איז אַ סברא, אַז איצט האָט גאָר דער רעדאַקטאָר, אַב. קאַהאַן, נישט אַזוי גערן ש ט ר ײ ק ן אין ז י י ן ארץ־ישראל.

ווי' צייטן בייטן זיך!

אָבער אין יאָר 1912 האָב איך זיך געפילט זייער געקרענקט פון דעם שמועס מיט אַב. קאַהאַנען, און אַרויסגייענדיק פון זיין צימער, אַראָפּפאָרנדיק מיטן „ליפט" פון 10־טן שטאָק, האָב איך מיר געטראַכט: וויפל שטאָק דאַרפן מיר נאָך גראָבן ד ו ר ך ארץ־ישראל אין יידישן מאַסן־לעבן אין דער ט י ף, כדי מען זאָל אונז אָנערקענען אויך דאָרט, אויפן 10־טן שטאָק פון „פאָר־ווערטס", אין ד ע ר ה ו י ך!

דער „זיידע" ווינטשעווסקי

איך האָב שוין דערמאָנט מאָריס ווינטשעווסקיס אַרויסטריט אויף מיין קבלת פנים אין ניו־יאָרק. אונזער פאַרבינדונג האָט זיך דערמיט נישט אויס־געשעפּט. פאַרקערט. עס האָט מיך צו אים געצויגן. איך האָב געוואָלט אים נענטער דערקענען. אפשר וועט מיר געלינגען צו געפינען אַ שליסל צו זיין דור, דעם דור פון די ערשטע סאָציאַליסטן ביי יידן. ווינטשעווסקיס לידער דורכויס סאָציאַלע קאַמפּס־מאָטיוון, נאָך מער — די „צעשלאָגענע געדאַנקען" פון „משוגענעם פילאָזאָף" האָבן מיך אַריינגעפירט אין דער אינטימער גייסטי־קער אינטערעסן־ספערע פון דעם „זיידע פון יידישן סאָציאַליזם". איך האָב תמיד געשפּירט, אַז ווינטשעווסקי איז אַ סאָציאַליסט נישט בלויז מיטן איינ־טעלעקט, נאָר ער קאָן טאַקע נישט סובל זיין די רשעות פון דער וועלט, און אַז ער איז באמת אַ דם־שונא דעם פּאַראַזיט, דעם מאַכטהאָבער. גלייכצייטיק האָב איך אין אים געפילט אַ י י ד י ש ן מענטש, אין זיין טעמפּעראַמענט און

קאַמפּס־פּאַטאָס, אין זיין אויסטאָן זיך פון יחידישע, סוביעקטיווע אינטערעסן
און אָפּגעבן זיך מיט לייב און לעבן דער העכערער אידייע פון מענטשלעכן
גליק. און דאָך איז ער ווייט פון יידישע אָנגעלעגנהייטן. ווערט זיך מיט הענט
און פיס קעגן ציוניזם: און ווידעראַמאָל — גראָד העברעיש איז אים אייגן.
ער פילט דעם טעם פון לשון פון „גירסא דינקותא”, אַ באַזונדער ראָמאַנטישע
באַציונג צו דער אייגענער אידעאָלאָגישער קינדהייט...

איך פלעג זיך מיט אים טרעפן ביי אים אין דער היים, אין דער רייכער
ביבליאָטעק, ווו עס זענען געהיט געוואָרן אין זעלטענער אָרדנונג און מיט
פּעדאַנטישער זאָרג נישט נאָר ספרים, נאָר זשורנאַלן און צייטונגען פאַר צענד־
ליקער יאָרן. ביי ווינטשעווסקין האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל דעם „האמת”
און דעם „אספת חכמים”, וועלכן ער, אַלס בן־נץ (בענעדיקט נאַכימאָוויץ)
האָט אַרויסגעגעבן שוין נאָכן „האמת”. אָט איז אין מיינע הענט ווינטשעוו־
סקיס בראָשור „יהי אור”, אפשר די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור
אין יידיש דווקא מיט אַ העברעישן קעפּל (אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן). ווינ־
טשעווסקי האָט פּערזענלעך גוט געקענט אַהרן ליבערמאַנען. די פרוי,
צוליב וועמען ליבערמאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַמעריקע, איז געווען
ווינטשעווסקיס אַ קוזינע. ער איז געווען אינטימער באַקאַנט מיט דער טראַגי־
שער פּאַסירונג אין לעבן פונעם פאָטער פון יידישן סאָציאַליזם. מיט אַ באַ־
זונדער נייגיריקייט האָב איך זיך פאַרטיפט אין די עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר
אָנגעפילט מיט קליינינקע אותיותלעך — אַ בריוו פון משה לייב ליליענבלום
וועגן זיין באַציונג צום סאָציאַליזם נאָכדעם, ווי ער איז צוגעשטאַנען צו
דער באַוועגונג פון חובבי ציון. כ׳בין איבערראַשט פון דער גיפטיקייט און
גאַליקייט, מיט וועלכע עס רעדט וועגן סאָציאַליזם דער מחבר פון דער סאָ־
ציאַליסטישער „מסכתא”, פון אלישע בן אבויה... איצט, אויף דער עלטער,
איז ליליענבלום מלא חמה אויף די „ניהיליסטן” און ער בעט ווינטשעווסקין,
זיין אַמאָליקן רעדאַקטאָר און חבר, פאַרגעסן די צייט פון זיין שטרויכלונג...
ער שעמט זיך מיט דער סאָציאַליסטישער „חטאת נעורים” (יוגנט־זינד).

בן־נץ ווינטשעווסקי איז טריי געבליבן זיין יוגנט־אידעאַל. אַ סאָציאַליסט
דורך און דורך. ס׳פעלט דער יוגנטלעכער לייכטזין און געפליגלטער גלויבן.
פאַראַן אָבער דערוואָרבענע דערפאַרונג און איבערצייגונג. איז נאָך דער „זיידע”
פריש אין זיין טעמפּעראַמענט, יונג אין זיין גייסט, אין דורשט נאָך וויסן — פאָלגט
ער נאָך די קאַמפן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און איז אַליין אַ פאַרדונגע־
נער לוין־אַרבעטער, וואָס האָט צו טאָן טאָג און נאַכט מיט ציפערן אין אַ
מלוכה־אַנשטאַלט און אין אייניקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווי אַ גלענצנדיקער

סטאַטיסטיקער און אדיטאָר. זינט דעם „אספּת חכמים״ האָט ווינטשעווסקי געענדערט עטוואָס זיין שטעלונג צו פראַגן פון יידישן לעבן. ביי אים איז סאָציאַליזם אַזאַ אָנשויונג און לעבנס־לערע, וואָס קאָן גיין געפּאָרט אויך מיט נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און קולטור. אָבער לאו דווקא.

מ׳קאָן זיין אַ גלויביקער ייד און אַ סאָציאַליסט — גלייכצייטיק. גלויביק מיט דער נשמה, מיטן גאַנצן וועזן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נאָרנישט צו טאָן מיטן קולט פון רעליגיע, מיטן ריטואַל, מיט די כלערליי מנהגים, דינים און גזירות פון רעליגיעזן אויפפיר. די יידישע אמונה איז אַריין אין בלוט פון מענטשן און אַפילו, אַז מען שמדט זיך, העלפט עס נישט, און מ׳קאָן זיך נישט באַפרייען פון יידישקייט. והראיה — לודוויג בערנע, דער באַליבטעסטער שריפטשטעלער־קעמפער ביי ווינטשעווסקין.

דאָס זעלבע אויך בנוגע שפּראַך. ס׳איז גוט און פיין, אַז מ׳קען די אייגענע שפּראַך און מ׳אַנטוויקלט זי — אַלץ איינס: העברעיש, צי יידיש, אָבער נישט דאָס באַשטימט און דעצידירט וועגן קיום פון נאַציאָנאַלער קולטור. די קינדער אונזערע וועלן שוין נישט זיין אויסגעבונדן מיט די יידישע שפּראַכן. זיי וועלן זייער גאַנצע גייסטיקע יניקה ציען פון דער אַלגעמיינער, אייראָפּעישער אָדער אַמעריקאַנער קולטור אין די פאַרשידענע שבעים לשונות. און דאָך וועלן זיי זיין יידן, נישט ערגערע, ווי יענע, וואָס וועלן בלייבן ביי יידיש אָדער העברעיש. גרעטץ און דובנאָוו אין דייטש און אין רוסיש האָבן אויפגעטאָן פאַר יידישער היסטאָריע מער, ווי אַ וועלכער עס איז געשיכטס־שרייבער אין יידיש.

און וואָס שייך אַן אייגן לאַנד — איז אַוודאי גוט, אַז מ׳האָט אַן אייגן שטיקל טעריטאָריע, איש תחת גפנו ותאנתו. אָבער דאָס איז נישט קיין מוז. ס׳גייט דערצו, אַז פעלקער זאָלן בכלל ווערן עקסטעריטאָריאַל, עס זאָלן זיך צונויפמישן אַ סאַך פעלקער אויף איין טעריטאָריע, ווי אַ שטייגער אין אַמעריקע. אויב איר ווילט, זענען מיר יידן פּיאָנערן אויפן וועג צו אַן אויסטעריטאָריאַלער מענטשהייט. תשעה באָב וואָלט געדאַרפט געפייערט ווערן ווי אַ יום־טוב, וואָס מיר האָבן אָנגעוואָרן אונזער אייגן לאַנד און אַרויס אין דער גרויסער וועלט, און דאָך געבליבן אַ פאָלק, וואָס מיר קאָנען זיין יידן אויך אין פרעמדע שפּראַכן.

אַוודאי דאַרף מען קעמפן קעגן די אַלע אומנאָרמאַלקייטן אין יידישן לעבן, קעגן אַסימילאַציע און פאַר אויפהיטן, טאַקע דורכן סאָציאַליזם אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אונזער געשיכטע און טראַדיציע. פּונקט ווי דער סאָציאַליזם

פאָדערט נישט צו פּאַרטיקולערע דייטשישקייט און פראַנצויזישקייט, קאָן ער אויך נישט פאָדערן דעם אומקום פון יידישקייט.

אָבער ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז אַן די אַלע געוויינלעכע אַטריבוטן פון אַ נאַציע קאָנען מיר נישט אויפהיטן אונזער נאַציאָנאַליטעט. דאָס איז דער פעלער און גרייז פונעם ציוניזם, וועלכן ווינטשעווסקי האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַקעמפן. „דאָס יאָר תרע״ד, ווען עס ווערט 2500 יאָר זינט דער חורבן בית ראשון, וועט אונז טרעפן נישט נאָר סתם, ווי אַ פאָלק, וואָס עקזיסטירט נאָך, נאָר ווי אַ פיאָנער פאָלק, וואָס שפּאַנט פאָרויס פאַר אַלע פעלקער אין זייער מאַרש צום פּראָגרעס״. ווינטשעווסקי האָט נישט געקאָנט שלים מאַכן מיט דער עם־הארצות און ביליקן, אויבערפלעכלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם פון די סאָציאַליסטישע „געגנאָסן״ פון „פאָרווערטס״־חדר. ער האָט אָבער נישט געדולדעט אויך די ציוניסטן, וואָס האָבן געפּריידיקט רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטישקייט...

ווינטשעווסקי האָט זיך דערפרייט מיט מיין גרוס פון „האחדות״. מער ווי דער גאַנצער ענין ארץ־ישראל, האָט דעם אַמאָליקן העברעישן שריפטשטעלער בן־נץ איבערראַשט דער פאַקט, וואָס אין ארץ־ישראל דערשיינט איצט אַ העברעישע צייטונג, וואָס קעמפט אין יאָר 1912 פאַרן סאָציאַליזם, פונקט ווי אַמאָלטן, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק ער און די אַנדערע סאָציאַליסטן־פיאָנערן אויף דער יידישער גאַס. זינט 1886 האָט ווינטשעווסקי נישט געשריבן קיין העברעיש. כמעט נישט געלייענט גאָרנישט אין העברעיש. די באַגעגעניש מיט מיר האָט ביי אים אויפגעעפנט אַ קוואַל, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו ריזלען טיף אין נשמה. הגם ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיין ניגון. ער האָט, אויף מיין ווענדונג, אָנגעשריבן „אַ מין בריוול צום „האַחדות (״מעין אגרת ל״האחדות״ — געדרוקט אין נומ. 8 „האחדות״, כ״ט כסלו תרע״ג מיט אַ באַמערקונג פון רעדאַקציע, געשריבן פון מיר. דער העברעישער מאַנוסקריפּט, מיט ווינטשעווסקיס כתב געפינט זיך אין אַרכיון העבודה פון הסתדרות אין תל־אביב). ער האָט אין דעם בריוו געשילדערט זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג ספּעציעל בנוגע דעם סאָציאַליזם אין יידישן לעבן. פאַרענדיקט האָט ער: „און ווער ווייסט — מעגלעך, אַז דורך מיין באַטייליקונג אין אייער אַרבעט וועל איך אויף דער עלטער זיך אומקערן צו מיין יוגנט־ליבע און וועל ווידער רעדן העברעיש צו די יידישע אַרבעטער, וואָס פאַרשטייען העברעיש, ווי עס פלעגט רעדן צו די „שלומי בחורי ישראל״ זיינער־צייט אהרן ליבערמאַן און זיינע חברים, און צווישן זיי אויך איך, דער יינגסטער אין יענער חבריא״.

מיר האָבן אין „האחדות" אָפּגעדרוקט חוץ זיין „ברייוול", אויך זיין „אַני מאַמין" דעם סאָציאַלן פון אַמאָל און דעם נאַציאָנאַלן — פון די לעצטע יאָרן. די איבערזעצונג האָט געמאַכט י. ח. ברענער.

די באַוועגונג אין אַמעריקע האָט אים אָבער נישט געוווּנען.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און די פּאַרטיי

אַ גרויסער גייסטיקער געניוס איז פאַר מיר געווען די באַגעגעניש מיט זשיטלאָווסקין. מיר האָבן זיך שנעל באַפריינדעט, נישט געקוקט אויף דעם אונטערשיד פון אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט אין אונזער עלטער. זשיטלאָווסקי איז געווען אין בלי פון זיין השפּעה. ער איז געווען נאָענט צו דער פּאַרטיי און דאָך עפּעס נישט אינגאַנצן שווה בשווה מיט איר. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין דינגען. זיינע אַזוי לאָגיש געקניפּטע אידייען־פאַרבינדונגען האָבן זיך אין דער פּאָליטיק אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס אים איז שווער געווען עפּעס צו פאַרענדיקן און פעסטשטעלן „איינמאָל פאַר אַלעמאָל", ווייל שטענדיק האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ נייע פאַרבינדונג... מ'האָט דעם זעלבן ענין געקאָנט טייטשן אַנדערש, על פּי לאָגיק. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, אַפילו בעת ער איז געשטאַנען מחוץ אירע אָרגאַניזאַציאָנס־ראַמען. זיין פּעולה איז געווען קענטיק אומעטום, ממש אַנצוטאַפּן, ווו ס'איז נויטיק געווען אַן אָנשפּאַר, אַ גייסטיקער שטיצער. זשיטלאָווסקי יתרץ: ווו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן „גלות־אַרבעט", וועגן יידישער וועלטלעכער קולטור, וועגן קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קעגן עם־הארצות, האָט מען זיך אינסטינקטיוו געזוכט אָנצוהאַלטן אינעם ר י ז, וואָס האָט מיט קראַפט און שווונג געפירט אַ פּלאַנמעסיקן קאַמף אויף דער זעלבער ליניע, וואָס די פּאַרטיי. ווען נישט ער, וואָלטן אַ סאַך פון זיינע תלמידים און אָנהענגער שוין לאַנג געווען אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון; דאָס איז געווען דער איינציקער אָרט, ווו די „זשיטלאָווסקיאַנער" האָבן זיך געקאָנט אויסלעבן און געפינען פאַרווענדונג פאַר זייער ענערגיע און באַפרידיקן זייער אַרבעטס־פאַרלאַנג. אָבער דער רבי אַליין, זשיטלאָווסקי, איז כסדר געשטאַנען ביי דער טיר און זיך געהאַלטן פאַר דער קליאַמקע: עפענען און אַ ר י ַנ גיין, אָדער עפענען און אַ ר ו י ס גיין. ער האָט אַלץ געהאַפט און געוואַרט, אַז די פּאַרטיי וועט צו אים קומען. אייגנטלעך, נישט נאָר די פּאַרטיי פּועלי־ציון, נאָר בכלל די ג אַ נ צ ע אַרבעטערשאַפט. אַזאַ איז דאָך די לאָגיק פון אַנטוויקלונג. ווער עס האָט געזאָגט אלף, מוז זאָגן בית. וועט מען מוזן איינזען, אַז ער, זשיטלאָווסקי איז גערעכט בנוגע דער גלות־אַרבעט, בנוגע יידיש... בלייבט

ארץ־ישראל. איז ער נישט קעגן ארץ־ישראל. ער איז נאָר קעגן בלויז ארץ־ישראל. ער איז פאַר אויך ארץ־ישראל. אָדער לאָמיר עטוואָס נאָכגעבן: פאַר ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער, ווו ס׳וועלן זיך אויסבילדן יידישע טעריטאָריאַלע ישובים. זשיטלאָווסקי איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די יידישע מאַסן. מען האָט אים געהערט גערן. אַפילו ווען מ׳איז נישט מסכים געווען מיט זיינע אויספירן. ער איז אָבער אַזוי מסביר דעם ענין, אַז עס פילט זיך אַ מתיקות אין די גלידער. ער מאַכט קלאָר אין מוח. ער עפנט כסדר טירן אין דער וועלט. אַ סאַך טירן. קאָנסט גיין ווו דו ווילסט. אָבער גיין מוז מען. נישט שטיין אויף איין אָרט.

פּאַרטייען און גרופּן האָבן זיך געשדכנט צו זשיטלאָווסקין. קיינער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אים ענדגילטיק. ער איז שוין לאַנג נישט געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, ווו ער האָט געהאַט אומגעהויערע פאַרדינסטן. אָבער ער האָט געהאַט פאַרבינדונג מיט אירע גרופּן. אַזוי האָט דער גריגאָרי גערשוני־ברענטש פון „אַרבעטער־רינג" באַשלאָסן פייערן זשיטלאָווסקיס 25־יאָריקן יובילײ. געקומען צום באַנקעט איז אַן עולם אַ פּיל קאָלירטער, אָנגעהעריקע פון כל המינים פּאַרטייען, וואָס יעדע האָט זיך געהאַלטן אידעיש נאָענט צום יובילאַר; האָט עפּעס געגרילצט משונה־מאָדנע דער טאָן פון אַלע באַגריסונגען. יעדער באַגריסער האָט געמאַכט דעם אויספיר, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי שטייט אויף דער זעלבער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם, וואָס ער. נישט מער, איין קליינקייט שטערט. וואָס דער יובילאַר איז זיך מתעסק מיט אַזאַ יוצא־דופנדיקן ענין... ער האָפט אָבער, אַז סוף כל סוף וועט זיך דער יובילאַר איבערציגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, און דאַן...

אין דעם זעלבן נוסח האָבן גערעדט אי די פאָרשטייער פון די הויפּט־מחותנים, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אי די פאָרשטייער פון די אַמאָליקע סיימיסטן, אַ שני שבשלישי מיטן יובילאַר, אי אַ חבר פון ס. ס. צוליב טעריטאָריאַליזם, אי אַ חבר פון פּועלי־ציון, ווייל זשיטלאָווסקי אָנערקענט דאָך שוין פּאַלעסטינע, ווען אַפילו מיט אַ צוגאָב פון נאָך לענדער.

האָט זשיטלאָווסקי אין זיין שלוס־רעדע געבראַכט די מעשה מיטן ציגנבאָק, וועלכע איז שפּעטער געווען זייער אָנגענומען אין אַמעריקע.

אין אַ שטעטל איז געקומען אַ מגיד. איז ער, בין מנחה למעריב, געשטאַנען אויפן באַלעמער אין בית־מדרש און געדרשנט. יידן, פאַרהאָוועטע, פאַרשמאַיעטע, זענען אַריין אין בית מדרש, אָפּגעכאַפּט מנחה, אויסגעשפּיגן צו „עלינו" און צוריק אין גאַס. באַמערקט דער מגיד, ווי איינער שטייט אַ צו־

געשמידטער צום אָרט אַקעגנאיבער און עסט זיך ממש איין אין אים מיט די אויגן, נישט אָפּצורייסן אויף אַ רגע. יעדע ווײַלע שאָקלט ער מיטן קאָפּ אויף יאָ, נאָר מיטן דערינען גיט ער אַ צוק מיט די אַקסלען אויף ניין. אַטאָ — יאָ, און אָט — ניין. איז דער בעל־דרשער געוועזן זייער טשיקאַווע אויפֿן דאָזיקן פּאַרשוין, און ווי נאָר ער האָט געענדיקט די דרשה, איז ער אַראָפּגעלאָפֿן צו יענעם ייד: זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואָס אַזוינס האָט איר נישט געקאָנט פֿאַרדייען אין מיין דרשה, וואָס איר האָט זיך אָפּגעטרייסלט און געצוקט מיט די אַקסלען, ווי איר זענט זיך מתיאש איינגאַנצן. איך האָב דאָך געזען, אַז איר האָט זיך באמת איינגעהערט און סרוב אַפילו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, משמעות איר זענט מסכים. טאָ זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, מיט וואָס זענט איר נישט מסכים. כ׳בין מוכן ומזומן אייך מסביר זיין די שטעל. אַדרבא!...

רופט זיך אָפּ יענער: מיסטער מגיד, איר זענט, נעבעך, אין אַ גרויסן טעות. איך האָב נישט אָנגעהויבן צו הערן אייער דרשה. ס׳קריכן מיר איצט נישט אין קאָפּ קיין דרשות. אַ גרויס אומגליק, לא עליכם, האָט מיך גע־טראָפֿן — מ׳האָט ביי מיר צוגעגנבעט מיין ציגנבאָק. לויף איך אַרום אַ גאַנצן טאָג, ווו די שטאָט האָט אַן עק און זוך מיין תכשיט. נישטאָ — ווי אין וואַסער אַריין. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט מנחה־צייט — בין איך אַריין אין בית מדרש. פֿון דאַווענען איז מען דאָך נישט פּטור. שטיי איך אַזוי און דאַוון אין געהאַקטע צרות. כ׳הער, איר דברט. הויב איך אויף דעם קאָפּ, גלאָט אַזוי, אַ קוק טאָן, ווער דרשנט דאָרטן, ערשט: טאַטעניו, פֿאָטער אין הימל: ס׳איז דאָך ער, מיין ציגנבאָק. אַ האָר זאָל עס פֿעלן. ווי אַ טראָפּן וואַסער. דאָס בערדל, דאָס קולכעלע... שאָקל איך מיטן קאָפּ: יאָ, ס׳איז מיינער. גיט איר זיך פּלוצים אַ דריי־אויס מיטן פּראָפֿיל צו מיר — ניין, זאָג איך מיר, ס׳איז נישט מיין ציגנבאָק. אַ טעות. גיט איר זיך אַ כאַפּ צוריק און שטעלט זיך ווידער אַן־פֿאַס, — בין איך קאַפּאַבל צו שווערן ביים אָרון קודש, אַז ס׳איז פּאַרט מיינער. פֿאַלט אייך איין אַ דריי־טאָן זיך אין פּראָפֿיל, און כ׳בין ווידער אַ דערשלאָגענער: כ׳צוק מיט די אַקסלען — ס׳הויבט זיך נישט אָן, קיין דמיון, ס׳איז נישט מיין ציגנבאָק...

דער נמשל איז געווען קלאָר. רבותי, האָט זשיטלאָווסקי אויסגעפֿירט, איר האָט געהאַט אַ טעות אין פּשט. יעדער איינער פֿון אייך האָט מיך אָנגענומען פֿאַר זיין ציגנבאָק, נאָר דער פּראָפֿיל מיינער טויג נישט. דערקלער איך אייך בפֿני כל עם ועדה, אַז ניין, איך בין נישט אייער ציגנבאָק, קיינעמס נישט. דער עולם האָט געקייכט פֿון געלעכטער. דער משל — אַ פֿיינער! דער נמשל — אַ געלונגענער. אָבער פֿאַר זיך האָבן פּועלי־ציון געטראַכט:

ביזט פאַרט אונזערער, זאָלסט נאָר שטיין אַ ן ־ פּ אַ ס, און נישט „מיטן פּראָ־פיל", צום יידישן לעבן.

אונז איז יאָ געלונגען טיפער פאַרינטערעסירן זשיטלאָווסקין מיטן לעבע־דיקן ארץ־ישראל און ער האָט אינגיכן באַזוכט דאָס לאַנד. זשיטלאָווסקי איז ארץ־ישראל איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין אונזער קולטור־געשיכטע. אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ שפּעטערער צייט.

נאָכן באַזוך אין ארץ־ישראל, שוין אין אָנהויב פון דער מלחמה, האָט זיך זשיטלאָווסקי אָנגעשלאָסן אין דער פאַרטיי. צופעליק איז מיר אויסגעקומען אויפצונעמען אים פייערלעך אין נאָמען פון צ. ק. און מעלדן דער פאַרטיי וועגן דעם יונגסטן מיטגליד אין ברענטש 1 פון פאַרטיי פועלי־ציון אין אַמעריקע — ד"ר ח י י ם ז ש י ט ל אָ וו ס ק י.

איך באַגרים אַ שטרייק פאַרזאַמלונג

אַ שטרייק ביי די שניידער־אַרבעטער, די „קלאָוקמייקערס" אין ניו־יאָרק האָט אויפגערודערט די אַרבעטערשאַפט אויך אין דער „קאַונטרי", אין יענער פּראָווינץ, ווו עס זענען געווען גרויסע שניידער־שעפּער. די אָנגעגריפענע ניו־יאָרקער באַלעבאַטים האָבן גענומען אַרויספירן די אַרבעט אין פּראָווינץ, כדי זי דאָרט אויספאַרטיקן. דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן דעם שטרייק אין ניו־יאָרק. האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע: אַריינציען אויך די פּראָווינץ אין דער שטרייק־אַקציע. איז די פּראָווינץ נישט געווען אָרגאַניזירט. בפרט האָט געפעלט די פאַרשטענדעניש פאַר אַזאַ סאָלידאַריטעט־אַקציע. בעת אין פלוג האָט זיך געשאַפן אַ געלעגנהייט צו קריגן אַ סאַך אַרבעט אויף אַ לענגערער צייט. האָט מען פון ניו־יאָרק אַראָפּגעשיקט שליחים אין דער פּראָווינץ, זיי זאָלן דאָרט שאַפן די געהעריקע סאָלידאַריטעט־שטימונג ביי די אַרבעטער און אויספועלן, אַז די אַרבעטער אַליין זאָלן זיך אָפּזאָגן פון צו אַר־בעטן פאַר ניו־יאָרק.

איך בין געווען אונטערוועגס, אין ר אָ ט ש ע ס ט ע ר, אַ וויכטיקער צענטער פון דער שניידער־אינדוסטריע. אַהין זענען געקומען אָרגאַניזאַטאָרן פון ניו־יאָרק פאַרדופן אַ גרויסן מאַסן־מיטינג, צו וועלכן מען האָט דערוואַרט גרויסן עולם.

כ'האָב זיך אָריענטירט אין דער סיטואַציע און פאַרעלייגט די פאַרטיי־חברים, אַגב, שניידער־אַרבעטער, זיי זאָלן אָנבאָטן די אָרגאַניזאַטאָרן פון מיי־טינג איינצולאַדן מיך אַלס גאַסט פון פּאַלעסטינע, צו אַדרעסירן די פאַרזאַמלונג. אַן אַרויסטריט פון אַ גאַסט, בפרט נאָך פון פּאַלעסטינע, קאָן אָן ספק צוגעבן אַ באַזונדער רייץ דער פאַרזאַמלונג. אין געוויינלעכע צייטן וואָלט מען, נאַטיר־

לעד, אַזאַ אַנבאַט אָפּגעוואָרפן. צו וואָס מאַכן „פּובליסיטי" אַ פּועלי־ציוניסט און געבן אים אַ שאַנס אַרויסצוטרעטן פאַר אַ טויזנט־קעפּיקן אַרבעטער־עולם? איז אָבער געווען אַ קאַמפּס־סיטואַציע, ווען מ'איז פאַרינטערעסירט אין וואָס מער מיטגייער. אַגב, מען האָט זיך מיט פּועלי־ציון נישט גערעכנט, ווי מיט אַ קעגנער, וואָס איז מסוגל און קאָן חלומען וועגן אויסנוצן אַזאַ אַרויסטריט פּאַרטייאיש. האָט מען אונזער אַנבאַט אָנגענומען. ס'זענען טאַקע געקומען ריזיקע מאַסן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. די אַטמאָספער איז געווען אַ אָנגעגליטע. מען האָט מיך, אַלס גאַסט, פאַרבעטן אין פּרעזידיום. ס'האָבן גע־רעדט עטלעכע רעדנער. דער עולם איז אין זיין גרויסער מערהייט באַשטאַנען פון ייִדן, און כ'האָב געזען לויט זייערע פּנימער, אַז זיי באַנעמען נישט אינגאַנצן גוט די רייד פון די רעדנער; זיי אַפּלאָדירן טאַקע הילכיק, אָבער זיי כאַפּן בלויז דעם אויבנאויפיקן מיין פון די ווערטער אין ענגליש.

ס'איז געקומען מיין ריי. דער פאָרזיצער, אַן „איירישמען" (אירלענדער), האָט שוין דאַן, נאָך פאַר מתן באַלפור־דעקלאַראַציע, געהאַט אַ וואַרעמע באַ־ציונג צו דער ביבל און ס'האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט, וואָס איך קום פון הייליקן לאַנד. האָט ער מיך טאַקע פאָרגעשטעלט מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט. און באַטאָנט, אַז איצט וועט רעדן אַ מאַן, אַ „קאַמעראַד", וואָס קומט פון „האָלי לענד", „פונעם לאַנד, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן דער זון פונעם סטאָלער". אַזוי האָט ער יוצא געווען פאַר זיין פּראָלעטאַרישן געוויסן: פאַררופן זיך אויף יעזוסן, אָבער אונטערגעשטראָכן זיין פּראָלעטאַרישן יחוס. די אויפנאַמע איז געווען אַ האַרציקע. די ייִדן האָבן אַפּלאָדירט, אַלס אַדערויף, וויסנדיק, אַז באַלד וועלן זיי הערן אַן אייגן, היימיש ייִדיש וואָרט. די גישט־ייִדן האָט אימפּאָנירט דאָס לאַנד, פון וואַנען איך קום. און אפשר איז מיר אַביסל ביי־געשטאַנען דער זכות פונעם „זון פונעם סטאָלער"... ווי דער פּראָלעטאַרי־שער פאָרזיצער האָט כאַראַקטעריזירט גאָטס קריסטלעכן זון.

אין אַמעריקע איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך רעד צו אַן עולם פון עטלעכע טויזנט אַרבעטער. כ'האָב רעפּרעזענטירט פּאַלעסטינע, די סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט אין לאַנד פון כולו טראַדיציע און גליווער — האָט אָט דאָס באַוווסטזיין געשפּאַנט אַלע גייסטיקע כוחות. איך בין באַ־צווינגען געוואָרן פון איין אימפּעראַטיוון באַגער: איך מוז באַהערשן די אוידיטאָריע. שוין ביי די ערשטע עטלעכע ווערטער האָב איך דער־שפּירט יענעם קאָנטאַקט מיט די צוהערער, וואָס דריקט זיך אויס אינעם צוטרוי־בליק, אין דער עלעקטריזירטער אַטמאָספער, וואָס איז פול מיט שוויי־געניש, דערוואַרטונג און האָפנונג. דאָס האָט מיך דערמונטערט און סטימו־

לירט. ס'האָט זיך גענעפנט אַ קוואַל קוראַזש... ס'האָט זיך מיר דערמאָנט מאַקסים גאָרקיס אַ שילדערונג, ווי אַזוי אַרבעטער האָבן געבויט אַ טונעל אין די אַלפּן. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען גלייכצייטיק פון צוויי זייטן: פון איטאַליע און פון שווייץ. די אַרבעטער־מאַסן, באַשעפטיקטע אין טונעל, האָבן נישט געוווּסט איינער פון צווייטן. צווישן זיי איז געווען די בערגיקייט, אַ מחיצה פון בראשית־צייטן. יעדע מחנה האָט זיך געגראָבן טיפער אין באַרג אַריין און געריסן פון אים שטיקער. אָבער יעדע מחנה פאַר זיך. און ס'האָט זיך געדוכט אָפּט, אַז אַזוי וועט מען זיך גראָבן דורות און ס'וועט קיין סוף נישט נעמען. יאָרן זענען אַוועק. זיבן יאָר. האָבן די אַרבעטער פון איין זייט איינמאָל, בשעת אַ הפסקה, פאַרנומען טעמפּע פאַרשטיקטע קלעפּ פון ערגעץ ווייט. די קלעפּ זענען געוואָרן דייטלעכער און הילכיקער. זיי זענען געקומען, ווי פון דער צווייטער זייט, פון אַנטקעגן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט די אַרבעטער פון דער אַנדער מחנה. האָט זיך ביי יעדער איינער פון די מחנות דערי'ועקט דער פאַרלאַנג צוקומען וואָס גיכער צום אָרט, פון וואַנען עס טראָגן זיך די אַנטקעגנדיקע קלעפּ. דערקענען די, וואָס געבן קלעפּ. די אַרבעט איז געוואָרן אימפּעטיקער. מ'האָט זיך אָנגעשטויסן, דערוווּסט, אַז דאָס זענען אַרבעטער־מחנות, וואָס גראָבן פון ביידע זייטן באַרג מיטן זעלבן צוועק — דורכצוקעבערן אַ טונעל און פאַרייניקן דאָס לעבן, וואָס שטראָמט פון ביידע זייטן. אונטער אַרבעטער־קלעפּ פאַלט ענדלעך די לעצטע מחיצה. שטראָמען ליכט צוקן דורך דעם שטח פון ביידע זייטן און פאַרייניקן זיך. צוויי אַרבעטער־מחנות האָבן זיך באַגעגנט און אין ליכט פון דערקענטעניש פון זייער שותפות־דיקייט אין אַרבעט און אין לעבן זיך פאַרברידערט.

די אַלטע וועלט, פון וואַנען איך קום, די נייע וועלט פון אַמעריקע — אַרבעטער־מחנות גראָבן זיך אין דעם קאַפּיטאַליסטישן באַרג און זייער אַרבעט באַשטייט אין דורכשניידן דעם טונעל און זיך אומעטום פאַרייניקן צו איין ציל. גראָבן זיך מחנות אָפּגעשיידטע איינע פון דער צווייטער, הגם זיי טוען די זעלבער אַרבעט און דורכדעם רוקן זיי זיך פאָרויס צום זעלבן ציל. פון צייט צו צייט דערהערן זיך קלעפּ, וואָס הילכן־אָפּ אין דער פינסטערניש פון טונעל און דאַן דערוויסט זיך איין מחנה, אַז אויך די צווייטע טוט איר אַרבעט און דאָס סטימולירט דעם פרישן אימפּעט ביי אַלע מחנות צוצואיילן דאָס פאַלן פון דער לעצטער מחיצה, עס זאָל זיך אויסגעשטאַלטן די איין איינהייטלעכע אַלוועלטלעכע אַרבעטער מענטשהייט.

איך האָב זיי, די אַרבעטער אין אַמעריקע, געבראַכט אַ גרוס פון פּאַלע־סטינע, אַז אַפילו ביים קבר פון נוצרי גראָבן איצט יידישע אַרבעטער דעם

טונעל דורכן באַרג פון רעליגיעזע פאַראורטיילן, טראַדיציע און דאָגמעס, גלויביקן ראַסן־האַס און פינסטערער פעלקער־שנאה אַ וועג צום אַלמענטשלעך־געמיינזאַמען סאָציאַליסטישן ציל. ס'איז אַ בלבול, אַז אַמעריקע איז כלומרשט בו"ה „ביזנעס״, אינגאַנצן פאַרמאַטעריאַליזירט. קומט אַ שטרייק — דערהערן זיך קלעפּ פון אַרבעטער: אַ סימן, אַז אויך דאָ גראָבן אַרבעטער אַ טונעל דורכן באַרג פון גאָלד צום זעלבן פּראָלעטאַרישן ציל. אין דעם איז אונזער פרייד און זיכערקייט, אַז דער ציל וועט דערגרייכט ווערן מיט סאָלידאַרע געמיינזאַמע כוחות. די סאָלידאַריטעט אינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף, די אָפּשאַפונג פונעם ענגען, לאָקאַליסטישן בליק און די דערקענטעניש פון איין היסטאָריש־פאַראייניהייטלעכטן קאַמף פון אַלע אַרבעטער — דאָס איז די גאַראַנטיע פאַרן ניצחון.

די יידישע אַרבעטער האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט. זיי האָבן נישט נאָר פאַרשטאַנען מיטן מוח, נאָר געפילט בחוש, אַדורכגעלעבט דעם פּסוק און אָנגעקוואָלן פון יעדן קנייטש און ניואַנס אינעם אַזוי היימישן אויסדרוק. די נישט־יידישע אַרבעטער האָבן זיך דורכגענומען מיט דער אַלגעמיינער שטימונג און מיטגעריסן געוואָרן, עלעהיי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען יידיש. סיי־ווי — זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס רעדט אַן אייגענער: ער מיינט גוט. אייניקע ווערטער האָבן זיי אויפגעכאַפּט: קאַפּיטאַליזם און עקספּלואַטאַציע, פּאַלעסטינע און סאָציאַליזם, שטרייק, פּראָלעטאַריאַט און דיסציפּלין; — דאָס איבעריקע האָבן זיי אַרויסגעלייענט איילי, אינסטינקטיוו פון דער גאַנצער האַלטונג און אויפפירונג פון די שכנים יידישע צוהערער, און דער זאַל האָט געשטורעמט מיט ענטוזיאַזם.

אין פאָרווערטס״ איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ גרויסער באַריכט פון ראָטשעסטער אין דער רובריק פון אַרבעטער־קאַמפּף. דאָרט האָט מען זיך אָפּגערופן זייער סימפּאַטיש וועגן דער רעדע פון דעם „אַרבעטער־גאַסט פון פּאַלעסטינע, זרבבל״. דערמיט האָט מען מיך „ג ע כ ש ר ט״ פאַר צענדליקער טויזנטער „פאָרווערטס״־לייענער: מ'מעג מיך גיין הערן, ווייל איך העלף מיט דער אַרבעטער־זאַך — די שטרייקנדיקע אַרבעטער אין אַמעריקע.

הפנים, דער „פאָרווערטס״ האָט, אין גייסט פונעם קאַהאַניזם, זיך איבערצייגט, אַז איך טו גוטע „סאָציאַליסטישע״ אַרבעט, באַגריסנדיק ש ט ר ײ ק ע ר, דערמונטערנדיק אַרבעטער צו ש ט ר ײ ק ן. מיין סימפּאַטיע צום ש ט ר ײ ק ־ סאָציאַליזם אין אַמעריקע, האָט בייגעקומען די קעגנערשאַפט פון די „גענאָסן״ צום ציוניזם און פּאַלעסטינע, אַזוי האָט זיך איינגעשטעלט מיין גוטע „פּראָלעטאַרישע רעפּוטאַציע״ אין אַמעריקע.

ד״ר נחמן סירקינס השפעה

מיטן ד״ר נחמן סירקין האָב איך זיך אַנומלטן געטראָפן אין ווילנע, בעת ער איז נאָך געווען דער פירער פון די ציוניסטן סאָציאַליסטן (ס.ס.) און געשריבן, אַגב, זיין באַרימטן פּאַמפלעט „ציונים, אין האַג אַריין”. זעלטן ווער נאָך ווי ער האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן דאָס באַלעבאַטישע און מענטשלעך־נייטיקע אינעם דענסטמאָלדיקן „קליין־ציוניזם”, ווען ס׳האָט געפעלט שווונג און היסטאָרישער אויסבליק. סירקין האָט אויך אין זיין ס.ס.ישן גלגול פאַרמאָגט דעם ליידנשאַפטלעכן פּאַטאָס פאַר געשיכטלעכער רעוואָלוציע אינעם יידישן מענטשן־טיפּ. אָט דער דראַנג צו אינערלעכער באַפרייונג און דערהייבנקייט פון יידישן כלל און יחיד האָט סירקינען באַשטימט אין זיין יוגנט צו ווערן דער התלהבותדיקער פריידיקער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. דאָס זעלבע געפיל האָט אים געטריבן אַוועק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו די ס.ס. ער האָט געוואָלט פאַרוועבן געמיינזאַם די באַפרייונגס־רעוואָלוציע פון דער מענשהייט מיט דער באַפרייונגס־באַוועגונג פונם נביאים־פאָלק, וועלכער האָט אַנטפּלעקט פאַר דער מענטשהייט די העכסטע הויכן פון מאָראַלישער שענקייט, די באַרג־שפּיצן פון אמת און צדק און אַליין פאַרמשפּט געוואָרן אין לויף פון דורות צו זיין דער מוסטער פון געפאַלנקייט און אונטערטעניקייט צווישן די פעלקער אויף דער ערד. אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט סירקין אָנגעטראָפן דעם „בונד”, וואָס האָט זיך אויפגעפירט ווי דער „עם הארץ פון דער יידישער גאַס”, איבערגענומען זיך מיט דער תקיפות פון זיין עם הארצות: מיר ווייסן נישט און מיר ווילן נישט ווייסן פון קיין גורל־פראַגן פאַרן יידישן פאָלק; מיר ווייסן נישט און ווילן נישט ווייסן פון קיין אייגנאַרטיקער באַפרייונגס־באַוועגונג פון יידישער נאַציע; מיר זענען אין בעסטן פאַל נייטראַל צום ווייטערדיקן קיום און צוקונפט פון יידישן פאָלק. מיר ווייסן בלויז איין זאַך — נידער מיט דער צאַרישער זעלבסט־הערשאַפט! סירקין האָט אין דער רעוואָלוציע געזען נישט די ווירקונג פון „בלינדע סטיכישע” כוחות, וועלכע טוען מיטן מענטשן וואָס זיי געפעלט, נישט פרעגנדיק זיין מיינונג און נישט רעכענענדיק זיך כלל וכלל מיט זיינע פאַרלאַנגען און סימפּאַטיעס. דער מענטש איז פאַר סירקינען געווען די אויסדערוויילטע באַשעפעניש, דער „בחיר כל היצורים”, וואָס קאָן און דאַרף דיקטירן דער געשיכטע איר גאַנג. דער ווילן פון דעם מענטשלעכן כלל — דאָס איז די עיקרדיקע באַוועג־קראַפט אין לעבן.

דער וואָלונטאַריזם אין דער געשיכטע, די אַנטשיידנדיקע פּעולה פון ווילן — **דאָס איז אין יענע יאָרן געוואָרן די קווינט־עסענץ פון סירקינס**

פראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. דערפאַר איז ער אויך אַוועק סוף כל סוף פון די סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן; אַדרבא, זיי אַ בריה און ווייז אַרויס דיין ווילנס־ענערגיע, דיין באַוווסטזיניקע טאַט, בעת דו געפינסט זיך אין אַ פוסטן חלל און האָסט פאַר זיך אַן אַבסטראַקטע טעריטאָריע. איז סירקין געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט צוריק מיט די פועלי־ציון פּאַלעסטינצעס אין אַמעריקע. אויך זיי האָבן, מעשה אַמעריקאַנער, גע־האַלטן דער עיקר פונעם ווילנס־מאָמענט. ער איז געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב אָבער אין יענער צייט נישט געפילט זיין השפעה נישט אין צ. ק., און אויך נישט אין דער פּאַרטיי. סירקין האָט זיך קנאָפּ־וואָס געמישט אין פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגן; טאַקע נישט געהאַט קיין נטיה צו אַזעלכע ענינים. ס׳האָט אים תמיד געטראָגן אין די ווייטע עולמות. האָט ער געגעבן די פועלי־ציון אין אַמעריקע דעם שבת־קודש, די נשמה יתירה.

געווען אַ צייט, נאָך די פאַרייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען, ווען אין צענט־ראַל־קאָמיטעט זענען געזעסן צוזאַמען אי זשיטלאָווסקי, אי סירקין, און ביידע האָבן געקאָנט ווירקן אין דער פּאַרטיי, אָבער ביידע האָבן נישט געווירקט, סיידן אין די אויסעראָרדנטלעכע מינוטן, ווען מ׳איז אַרויס צו דער ברייטער גאַס, בעת אַ צוזאַמענפאָר אָדער בשעת אַן עפנטלעכן אַרויסטריט אין צוזאַ־מענהאַנג מיט אַ גרויסער פּאַסירונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זשיטלאָווסקי האָט געווירקט מיט דער קראַפט פון לאָגיק, סירקין האָט גענומען, ניין, מיטגעריסן מיטן פלי פון זיין דמיון. אָבער ביידע זענען געווען אַנדערש געוואַקסן און נישט געקאָנט „האַלטן פוס״ מיטן צ. ק. געוויינלעך האָבן די חברים אין צ. ק. צווישן זיך, געהאַלטן סירקינען, צוליב זיין פיבערדיקן ליידנשאַפטלעכן דמיון און „ווייטן קוק״, פאַר אַ בטלן, אַ פאַנטאַזיאָר, אַ בעל חלומות, וואָס האָט נישט קיין אַנונג וועגן דער פּראָזע פון רעאַלן לעבן.

כ׳האָב באַמערקט, אַז סירקין האָט עס געפילט און באַנומען און... גע־שוויגן. געליטן פאַר זיך, שעמעדיק, און געשוויגן. די חברים פון צ. ק. האָבן זיכער אַליין אָנערקענט און צוגעגעבן, אַז ער איז מיט עטלעכע קעפּ געוואַקסן העכער פון זיי. אָבער אַמעריקע נויטיקט זיך נישט אין קאָפּ, נאָר אין הענט. דאָ, אין דער מדינה פון פּראַקטישע ביזנעס, איז דעצידירנדיק דער חוש פאַר רעאַליטעט. אין אַ יום־טוב, אַז מ׳איז אויפגעלייגט, אַז מ׳האָט צייט, אַז עולם קומט לכתחילה מיטן פאַרלאַנג אַוועקצושווימען פון די „ביזנעס און אַריינקריגן זיך אין דער קונסט־גאַלעריע פון גרויסע אידייען, — דענסטמאָל, „פליעז״, מהיכי־תיתי, דענסטמאָל ווערט אַרויסגעשיקט אויפן ערשטן פייער ד״ר סירקין. דאָרט

טויג ער זיך אויס. אָבער בעת מ׳האָט צו באַטראַכטן די לויפנדיקע פּראַזאַישע ענינים, מערסטנטיילס פון געלט־אַקציעס, פון זאַמלונגען פאַר פאַרשידענע פאָנדן, דאַן איז סירקין אַ באַלאַסט, אַן איבעריקע משא, וועלכע שטערט. ער איז דאָך ריין ווי אַ טויב; אויפן פשוטן לשון מיינט עס — נאַיוו, מלמדיש, און ס׳איז געזונטער אי פאַר אים, אי פאַר דער באַוועגונג, אַז ער וועט זיך מישן וואָס ווינציקער.

סירקין האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער אָנפיר־אַרבעט פון דער פּאַרטיי. זיין השפּעה בעת מיין באַזוך איז געווען אַ מינימאַלע. אין דער פּאַרטיי גופא האָט מען אים אויסגענוצט, ווען ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ כוח, אַן אויטאָריטעט קעגן דער אויטאָריטעט פון בּאָראָכאָוו, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שיטה אינעם פּועלי־ציוניזם. אָ, דערויף איז סירקין געווען אַ מאַדים; דאָ האָט ער געקאָנט „פּאַנאַנדערפירן די הענט״. קיינער, אַ חוץ סירקינען, האָט נישט געוואַגט צו רעדן אין אַזאַ טאָן פון ביטול פון חוזקן און אויסלאַכן באָראָכאָווס „גימנאַזיסטישע״ טעאָריעס, וואָס אַ משוגענער האָט „אויסגעקוועטשט פון גראָבן פינגער״. עלטערע חברים, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן די גאַנצע צייט אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן זיך געשעמט פאַר אַזעלכע אַרויסטרעטונגען סירקינס, אַפילו ווען די דאָזיקע חברים האָבן נישט איינגעשטימט מיט באָראָכאָוון און זיך אָפּגעשאָקלט פונעם מאַרקסיזם, וועלכער האָט זיי אויסגעזען דאָ אין אַמעריקע אַזוי דאָגמאַטיש. ס׳איז דאָך אָבער פאָרט באָראָכאָוו, ס׳איז דאָך פאָרט דער קאָפּ פון די רוסישע פּועלי־ציון, מיט וועמען די גאַנצע וועלט־באַוועגונג האָט זיך געגרויסט און געשטאָלצירט.

אָבער אין שפּיץ פון דער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָבן זיך אַרויסגערוקט מענטשן, וואָס האָבן נישט דורכגעמאַכט די חבלי־לידה פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און נישט באַנומען די רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָל, וואָס באָראָכאָוו האָט געהאַט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס דווקא דערמיט, וואָס ער האָט געזוכט און געפונען דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פונעם פּועלי־ציוניזם נישט אַזוי אין די הויכע ספערן פון געדאַנק, נאָר אין דער „פּראָזע״ פון טאָג־טעגלעכן קלאַסן־קאַמף, אין דעם, וואָס דווקא די אויסגעלאַכטע „סטיכישע פּראָצעסן״ גאַראַנטירן די אָביעקטיווע מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם אויפגעבּרויזטן ווילן אונזערן צו פּריוואַטע־טאַט. אפשר אומגערן, אָבער איגסטינקטיוו, אין זעלבסטפאַרטיידיקונג, האָט דער צ.־ק. געזוכט צו מינימיזירן די באַדייטונג פון באָראָכאָוון און דעם ווערט פונעם באָראָכאָוויזם. ער

האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אויף ס י ר ק י נ ע ן, און פאַמעלעכערהייט איבער־נעמען אינגאַנצן דעם ס י ר ק י נ י ז ם.

מיט דער צייט האָט סירקין געפונען זיין עפּנטלעכע אויפגאַבע אויך ביי דער פּאַרטיי אין אַמעריקע: זעלטן ווו אין אַן אַנדער יידישן מאַסן־ישוב האָט זיך אַזוי איינגעניסטיקט און איינגעפעסטיקט די יידישע פּלוטאָקראַטיע און פאַרכאַפּט די גאַנצע השפּעה אויף דעם יידישן לעבן, זיין אַלס שליח ציבור ווי דאָ אין אַמעריקע. די יידישע בורזשואַזיע, אין דער געשטאַלט פון די „יאַהודים” מיט זייער פרעמדקייט צו די יידישע מאַסן, די „אָרעמע ברידער”, האָבן געשאַלטעט און געוואַלטעט אין אַמעריקע. מ׳האָט זיך מיט זיי גערעכנט, ווייל זיי האָבן געגעבן אַ סאַך געלט אויף „טשאַריטי”, אויף צדקה און ווייל זיי האָבן געקאָנט אָנשפּאַרן אין די „הויכע פענסטער” און זיך משתדל זיין אין אַן עת־צרה פאַר יידן. אָבער אין נאָמען פון אָט דער שתדלנות און מיטן כוח פון זייער צדקה האָבן זיי געפאָדערט פון די יידישע מ אַ ס ן, יענע זאָלן בלייבן אין הינטער־גרונט, זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן און נישט אַרויסקומען מיט זייער מ אַ ס ן ־ י י ד י ש ק י י ט, כדי מ׳זאָל נישט פוגם זיין דעם אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ם פּרצוף פון די רייכערע ברידער, כדי מען זאָל זיך נישט אַרויסשטעלן פאַר די גויים ווי אַ פרעמדער קערפּער, וואָס גלוסט זיך נישט אויסמישן און אַסימילירן מיטן גאַנצן קאָסמאָפּאָליטישן אַרום. די יידישקייט פון דער בורזשואַזיע איז געווען אַ דורכויס נעגאַטיווע; זי האָט זיך גענערט פון יידישע צרות, פּאָגראָמען און סתם רדיפות. אָבער די אַלע פורעניותן זענען געווען דאָרט ווייט, ערגעץ אין אַ העק, ביי די פינסטערע באַיאַרן אין רומעניע און ביי די אָפּגעשטאַנענע פויערים אין רוסלאַנד. נישט אין אַמעריקע, נישט ביים „אַנקל סעם”, וואָס ווייסט נישט און וועט נישט וויסן פון יידן־פאַר־פאָלגונגען און אַנטיסעמיטיזם. דערפאַר דאַרף מען דאָ אויפן אָרט נישט וויסן אויך פון יידישן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם, פון אייגענע דרכים אין יידישן לעבן.

אויפן שטח פון באַוווסטזיניקער אַסימילאַציע האָט זיך די יידישע פּלוּ־טאָקראַטיע אין אַמעריקע צונויפגעטראָפן מיט דער יידישער... ס אָ צ י אַ ל י ס ־ ט י ש ע ר באַוועגונג. ריכטיקער — מיט דער דענסטמאָלדיקער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער אַרבעטער־גאַס — מיט די „ג ע נ אָ ס ן”. אין דעם עצם וואָרט „ג ע נ אָ ס ן” איז פאַר זיך נישט געווען קיין שום אַנדער טייטש, ווי אַן אָנווייז אויף סאָציאַליסטישער געזינונג. אין אַמעריקע האָט אָבער דאָס וואָרט באַקומען אַ ספּעציפישן אינהאַלט, באַצייכנט אַ גאַנצע לעבנס־באַנעמונג, אַ שיטה אין יידישן אַרבעטער־לעבן, וואָס האָט געפּרעדיקט אַ ס י מ י ל אַ צ י ע און באַ־קעמפט ביטער און מיאוס יעדע דערשיינונג, ווו ס׳איז געקומען צום אויסדרוק

דער אויפגעוואַכטער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ב אַ וו ו ס ט ז יי ן, דער ווילן צו נ אַ־צ י אָ נ אַ ל ע ר אַנטוויקלונג.

אויך דער „גענאָסע״ האָט נישט געוואָלט הערן פון יידישע פּראָבלעמען, פון אייגנאַרטיקע יידישע באַדערפעניש און פאָדערונגען אין אַמעריקע גופא. אויך דער „געגאָסע״ האָט זיך אינטערעסירט מיט די יידן פון מעבר לים נאָר פון שטאַנדפּונקט פון מ י ט ג ע פ י ל א י ן אַ נ ו י ט, און געטראַכט, ווי צו זאַמלען געלט און שטיצן די אָרעמע „געגאָסן״ פון „יוראָפּ״.

פועלי־ציון האָבן געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין אַמעריקע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג דעם באַגריף ח ב ר. ס׳איז געווען אַ קאַמף צווישן צוויי באַגריפן, צווישן ג ע נ אָ ס ע און ח ב ר. חבר איז געווען היימישער, אייגענער, ס׳האָט געאָטעמט פון דעם וואָרט אַליין מיט נאַטירלעכקייט און פּשטות, מיט צוגעלאָזנקייט, פריינטשאַפטלעכקייט און וואַרעמקייט. דער ג ע־נ אָ ס ע איז געווען טרוקן, מתנגדיש, פרעמד און קאַלט, פּונקט אַזוי ווי די פועלי־ציון האָבן נישט געהאַט קיין ערגערן זידל־וואָרט פאַר די קעגנער אינעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער, ווי „געגאָסן, באמת״, אַזוי האָבן אויך די לייט פון „פאָרווערטס״ אויסגעדריקט זייער גאַנצן ביטול און פאַראַכטונג צום נאַציאָ־נאַליזם אין דעם וואָרט „ח ב ר י ם״.

סירקין האָט דאָ געהאַט פאַר זיך די פּאַסיקע סביבה און די דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו שטעמפּלען דעם ג ע נ אָ ס י ז ם אַלס ל ע ב נ ס ־ פ י ל אָ ז אָ פ י ע סיי פון די ר ע ל י ג י אָ נ ס ־געגאָסן אין דעם לאַגער פון דער פּלוטאָקראַטיע, סיי פון די סאָציאַליסטישע א י ד יי ע ן ־געגאָסן אין דער אַרבעטער־מחנה.

זיין שאַרפע פעדער און בייסיקע צונג האָבן אויסגעפירט אַ וויכטיקע, היסטאָרישע שליחות פאַר פועלי־ציון. דאָ איז שווער געווען צו געפינען אַ צווייטן, וואָס זאָל פעיק זיין שיקן אַזעלכע פאַרגאַלטע פיילן און טרעפן אַזוי פּינקטלעך אין האַרץ פון געגאָסיזם, ווי דאָס האָט געטאָן מיט טעמפּעראַמענט און טאַלאַנט ד״ר נחמן סירקין.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון

אַ חוץ דעם אָפיציעלן קבלת־פּנים, וואָס דער צ. ק. האָט מיר איינגעאָרדנט, און דעם באַנקעט, וווּ מען האָט זיך פאַר איין וועג געזעגנט מיטן ד״ר א. ש. וואַלדשטיין, דעם פריערדיקן רעדאַקטאָר פון „יידישן קעמפער״, וועלכער איז געווען ערב אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל, האָב איך געהאַט נ אָ ך אַ קבלת־פּנים פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. עס האָבן מיך אויפגענומען חברים פון אַ באַ־

זונדערן ברענטש אין דער פּאַרטיי — דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַריין פּועלי־ציון.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער אָפּאָזיציע אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי; זי האָט זיך מיט דער צייט אויסקריסטאַליזירט און פּאַרפּעסטיקט און בעת דער שפּאַלטונג אין דער וועלט־באַוועגונג געבילדעט דעם יסוד פאַר דער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין אַמעריקע.

דאָן זענען עס געווען כמעט דורכויס חברים פון רוסלאַנד. אַ פּאָר אויך פון גאַליציע. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מאַרקסיסטן. זיי זענען געווען אומצופרידן מיטן גאַנצן גייסט פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי און האָבן זיך באַטראַכט פאַר רוסלענדישע פּועלי־ציון. כמעט ווי אַמבאַסאַדאָרן פון אָרטאָדאָקסאַלן באָראָכאָוויזם.

געוויס האָבן זיי נישט צוגעטראַכט קיין נייע טעאָריע פאַר אַמעריקע. פאַרקערט, זייער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז אויך אַמעריקע וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון די פעסטגעשטעלטע געזעצן פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און דעריבער וועט די אַרבעטער־באַוועגונג דאָ האָבן די זעלבע קאַמפּס־אויפגאַבן, וואָס אין אייראָפּע. מ׳טאָר נישט מאַכן קיין שייד־ליניע צווישן אייראָפּעישן און אַמעריקאַנעם פּועלי־ציוניזם. עס שאַדט נישט, וואָס דאָ האָבן זיך ייִדישע אַרבעטער צוגעכאַפּט צום דאָלער און „מאַכן אַ לעבן״, וואָס כמעט יעדער „אָרעמער פּראָלעטאַריער״ האָט אין טאַש אַ באַנק־ביכל —דעם סימן פון זיינע אָפּשפּאָרענישן. עס וועט קומען, פריער אָדער שפּעטער, אויך אַהער דער כוח, וואָס וועט צווינגען די מאַסן פּראָלעטאַריער צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זייער לאַגע אַלס פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר און דאַן וועט אויך קומען די צייט פאַר פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

די ס. ד. פּועלי־ציון האָבן געקוקט קרום אויף דעם, וואָס די פּאַרטיי איז בסדר פאַרטון אין ג ע ל ט ־ קאַמפּאַניעס. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַ נייער „קאַמפּיין״, שטענדיק מוז יעדער חבר האָבן גרייט זיין רויטע פּאַטשיילע צו זאַמלען געלט. אַ סברא, אַז גאַנץ אָפּט זינדיקט מען אַ קאַפּיטשקע אונטער און אַבי צונויפצוברענגען אַ גרעסערע סומע, אָדער גאָר שלאָגן רעקאָרד, פאַרבויגט מען דעם אמת אַן אַ זייט און מ׳גיט נישט אַן דעם אייגנטלעכן צוועק פון דער געלט־זאַמלונג. בלית ברירה, אָריענטירט מען זיך ביים קאָנקרעטן פאַל אין דער סיטואַציע און מען ווענדעט זיך וועגן אַ קראַנקער משפּחה צי וועגן הכנסת כלה, צי עפּעס ענלעכס. די ס.־ד. פּועלי־ציון האָבן געפאָדערט אַן אינטערעס און אַן אינטענסיווע טעטיקייט אין די יוניאָנס, האָבנדיק אין זינען דעם דירעקטן קלאַסן־קאַמף פון די אַרבעטער דאָ אויפן אָרט. זיי האָבן

נישט געוואָלט אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, ווייל ס׳איז אַ בורזשואַזע אינ־סטיטוציע. אָפּגערעדט שוין, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט קויפן קיין שקל און גיין צום קאָנגרעס. זיי איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס די פּאַרטיי שדכנט זיך שטאַרק צו די אַלגעמיינע ציוניסטן און איז מיט זיי שמעלקע שבשמעלקע, גאָר־נישט ווי אין אייראָפּע. דאָ איז מען געווען אַפילו אין געמיינזאַמע „ציוניסטישע ראַטן״ אין יעדער שטאָט, און צוזאַמען אָרגאַניזירט און דורכגעפירט די גאַנצע טעטיקייט פאַר די פאַרשידענע ציוניסטישע פאָנדן.

די ס.־ד. פאַריינען זענען געווען אויפגעבראַכט, הלמאי דער אינטערעס פון דער פּאַרטיי־אַגיטאַציע איז געווענדעט און קאָנצענטרירט אויף דעם איין פּונקט פּאַלעסטינע און ס׳ווערט אינגאַנצן איגנאָרירט דער פּונקט פון „קעגנ־וואַרטס־אַרבעט״, וועלכער איז אין אייראָפּע שוין לאַנג אויפגענומען געוואָרן אויך פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

די פּאַרטיי האָט זיך זייער לאַיאַל פאַרהאַלטן צו דער אָפּאָזיציע פון די ס.־ד.־פאַריינען, יעדנפאַלס די ערשטע צייט, כל־זמן דאָס איז געווען אַן אינערלעכע אָפּאָזיציע און כלפּי חוץ איז געווען אַן איינהייטלעכער אַרויס־טריט פון דער גאַנצער פּאַרטיי. ס׳איז אָבער נאַטירלעכערהייט געקומען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון ס.־ד.־אָפּאָזיציע. זיי האָבן געמוזט זוכן פאַר זיך אַרבעט און דווקא אַזאַ, ווו זיי זאָלן קאָנען אונטערשטרייכן מער און שאַרפער זייער ספּעציפישן נוסח, זייער אייגענעם געזיכט. האָט זיך געשאַפן איין פאַריין אַזאַ און דערנאָך אַ צווייטער און דערנאָך האָט זיך פאַרגלוסט די צוויי פאַריינען צו שטיין צווישן זיך אין ענגערן און שטענדיקן קאָנטאַקט. און אַז מ׳איז שוין פאַרבונדן אַ פּאָר גרופּן און פון אַ פּאָר ערטער, ווילט זיך דורכוויס אויך אַ גרעסערע אַרבעט פון אַ ברייטערן מאַסשטאַב, כדי צו קומען מיטן אייגענעם וואָרט אויך אין דער עפנטלעכקייט. ס׳איז דערנאָך אויפגעקומען דער פּראָפּאַ־גאַנדע־קאָמיטעט פון די ס.־ד.־פאַריינען, ס׳זענען געקומען צו דער פּאַרטיי פאָדערונגען אויף אַן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוון אופן. דאָס אַלץ איז געשען שפּעטער, מיט דער צייט, אַלס רעזולטאַט פון וווקס און אַנטוויקלונג.

בעת איך בין געקומען קיין אַמעריקע זענען נאָך די באַציונגען געווען זייער קאָרעקטע. דער צ.־ק. האָט געדולדעט און נישט געוואָלט אונטערדריקן אַ מיינונג, וועלכע הערשט ביי חברים, בפרט, אַז די דאָזיקע מיינונג און איינ־שטעלונג זענען דערלויבט אין די ראַמען פון דער וועלט־באַוועגונג. נו, און אַז די חברים וואָלטן געווען אין רוסלאַנד — וואָלטן זיי יאָ געקאָנט געהערן צו דער פּאַרטיי דאָרט? מעגן זיי אויך דאָ געהערן. אָבער פּונקט אַזוי ווי אַמע־ריקאַנער פּועלי־ציון פון דער מערהייטס־ריכטונג וואָלטן נישט געקאָנט מאַכן

שבת פאַר זיך אין רוסלאַנד, נאָר געמוזט אונטערוואַרפן זיך דער אַלגעמיינער ליניע פון דער דאָרטיקער פּאַרטיי, פּונקט אַזוי איז אויך דער ס.־ד.־חבר אין ניו־יאָרק באַרעכטיקט צו האָבן זיין אייגענע מיינונג, אַפילו זי אַרויסזאָגן פאַר אייגענע חברים, אָבער האַנדלען און דערשיינען אין דער עפנטלעכקייט איז ער מחויב אויסשליסלעך מיט די פּרינציפּן, וואָס גילטן און זענען אָנגענומען ביי דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי.

אויף מיין קבלת־פּנים האָב איך געהאַט אויסצוהערן נישט נאָר גוטע רייד און אָנערקענונג פון חברים. מ'האָט מיר געגעבן אַן אָדערויף פאַר דעם, וואָס איך קלייב זיך גיין אין שפּאַן ביי דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אָפּאָרטוניסטישער פּאַרטיי. אייגנטלעך וואָלט איך דאָך געדאַרפט זיין זייער גאַסט, ווייל זיי דאָ אַגיטירן דאָך פאַר די פּרינציפּן, פאַר וועלכע איך אַליין האָט אומעטום געקעמפט אין דער וועלט־באַוועגונג. פאַרוואָס־זשע מערקן זיי אַ געוויסע צוריקגעהאַלטנקייט ביי מיר לגבי זיי, ווי איך וואָלט נישט געוואָלט זיך אידענטיפיצירן מיט דער אָפּאָזיציע? צי איז עס נישט אַמאָל, ווייל מיר גע־פעלט נישט צו זיין אין אָפּאָזיציע און ס'איז גלייכער צו גיין מיט דער מערהייט און שווערן טרייהייט דעם רעגירנדיקן קורס?!

דער ראש־המדברים, דער פאַקטישער אָנפירער פון ס.־ד. איז צו יענער צייט געווען דער חבר ראובן קענדזשערסקי. ער איז געווען איינער פון די זיילן פונעם פּועלי־ציוניזם אין ענגלאַנד. אַ גוטער רעדנער, אַ מענטש מיט טעאָרעטישע פעיקייטן, האָט פאַרמאָגט די מעלה פון קענען ענגליש, מיט וואָס עס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט די פירנדיקע חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט. זיי זענען דעריבער געווען אָפּגעריסן פון דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד און זיך געבאָברעט אין דער יידישער סביבה, נישט וויסנדיק לגמרי, וואָס קומט פאָר ביי די „גוים". די ס.־ד. האָבן געהאַט תרעומות אויף דער פּאַרטיי, הלמאַי זי פירט נישט קיין שום פּאָליטישע אַרבעט אויפן יסוד פון די אָרטיקע געשעענישן און דערשיינונגען.

איך האָב אויסגעדריקט מיין צופרידנקייט, וואָס אויך אויפן אַמעריקאַנער באָדן זענען פאַראַן חברים, וועמען עס איז נאָענט אונזער מאַרקסיסטישע אויפ־פאַסונג פונעם פּועלי־ציוניזם אַלס די קלאַסן־באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַ־ריאַט. איך האָב אָבער גלייכצייטיק מיט דער גאַנצער שאַרפקייט באַטאָנט, אַז איך בין אַנטשידן קעגן יעטוועדער אָפּזונדערונג און סעפּאַרירן זיך אין דער פּאַרטיי. איך האַלט נישט פון קיין באַזונדערע קלייזלעך און מנינים, בפרט בעת די פּאַרטיי לאָזט חברים פריי קעמפן און אַגיטירן די אַזוי גערופענע „אַפּיקור־סישע" געדאַנקען. מיין אָרט וועט תמיד זיין אין דער פּאַרטיי און כ'וועל קיינ־

מאָל נישט געהערן צו קיין שום פראַקציע אין איר, ווי נאָענט מיר זאָלן נישט זיין די לאָזונגען, די פּרינציפּיעלע און טאַקטישע, פון דער פראַקציע, ווייל די עצם עקזיסטענץ פון פראַקציע איז סם המות פאַר אַ פאַרטיי. די פראַקציע מוז לאַגישערווייז שטרעבן צו מאָביליזירן אַרום זיך גרעסערע מאַסן, זי מוז באַשטיין אויף אַלץ מער אויטאָנאָמישקייט, ביז זי וועט צוקומען צו דער לאַגע, ווען זי וועט נישט האָבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי פולשטענדיקע אומאָפּהענ־גיקייט, ביז זעלבשטענדיקייט, ביז שאַפן אַ צווייטע פאַרטיי.

נישט איינמאָל האָב איך זיך איבערצייגט, בעת מיין אַרבעט אין אַמעריקע, אַז די טענות פון דער אָפּאָזיציע זענען גערעכטע ,אַז די פאַרטיי פירט אַ ליניע, וואָס מוז פאַטאַל ווירקן אויף דער פּאָליטישער דערציונג פון דער מאַסע און זי פאַרטרייבן אין די אָרעמס פון כלל־ישראל ביז צו אַנווערן דעם אייגענעם פּראָלעטאַרישן רוקן־ביין. און דאָך בין איך געווען קעגן דער טאַקטיק פון דער אָפּאָזיציע. אַ טאַקטיק, וואָס האָט געקענט בלויז פאַרמיאוסן די פאַרטיי און דעם פועלי־ציוניזם אין די אויגן פון דער מאַסע און געבן שטאָף די קעגנער. האָבן אָבער קענדזשערסקי, מענדלסאָן און באַרלאַס געטענהט, אַז מיין האַלטונג גיסט אייל אויף די רעדער פון דער הערשנדיקער גרופּע. זי נוצט דאָך אויס דעם אַרגומענט פון „נישט אַרויסטראָגן אין גאַס" די אינערלעכע מחלוקות, כדי צו דערשטיקן פאַקטיש די מיינונגען פון דער אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע מוז זיך באַנוגענען מיט רעדן און מוז טאָן דאָס, וואָס די פאַרטיי הייסט. דערנאָך באַשולדיקט מען די אָפּאָזיציע, אַז זי קומט אָפּ מיט רעדעניש און פּרוּבירט אַליין נישט דורכצוזעצן אין לעבן די אייגענע לאָזונגען און אויף אַזאַ פּראַקטישן אופן דערוויזן זייער ריכטיקייט.

די ס.־ד. פאַריינען האָבן געפירט זייער אַגיטאַציע אומאונטערבראָכן, נישט געקוקט אויף פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע שיקאַנעס מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט. בעת דער וועלט־מלחמה האָבן זיי זיך פאַרשטאַרקט אַ דאַנק דעם, וואָס קיין אַמעריקע איז געקומען צו פאָרן באָראָכאָוו. די ס.־ד. פאַריינען האָבן געהאָט די אויסזיכט אויף דערפאָלג און זיך פאַרמאָסטן אויף אַן ערנסטן קאַמף. באָראָכאָוו האָט די ערשטע צייט דערפילט די קעגנערישקייט צו זיך מצד דעם צ.־ק. און נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זיינע מיינונגען אין דער פאַרטיי־פּרעסע, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער־שטימע" אַ פּאָר שאַרפע אַרטיקלען קעגן דעם גייסט און ריכ־טונג פון דער אַמעריקאַנער פאַרטיי; ער האָט געמאַכט אַ גענעראַלע אָפּרעכ־נונג מיטן וואָלונטאַריסטישן און ספּעציפיש אַמעריקאַנישן פועלי־ציוניזם. יענע אַרטיקלען זענען געבליבן ביז אויפן היי־יקן טאָג אין די וויכטיקסטע

פונקטן אַ מוסטער פון ק ל אַ ס י ש ע ר קריטיק איבער דער פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרמאָגט „85 פּראָצענט ציוניזם און 15 פּראָצענט סאָציאַליזם".

ס'וועט מיר נאָך אויסקומען אַמאָל ברייטער שרייבן וועגן יענעם סכסוך צווישן באָראָכאָוון מיט דער פּאַרטיי און דעם שלום, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן. ביי באָראָכאָוון האָט גענומען די אויבערהאַנט דאָס געפיל פון אַחריות פאַר דער באַוועגונג און ער האָט געפונען דעם וועג צו דער פּאַרטיי, טראָץ די אַלע שווערע פעלערן און גרייזן אין איר אַרבעט און אין איר האַנדלונג. נישטאָ פּאָרט קיין אַנדער אָרט צו קעמפן פאַר פּועלי־ציוניזם, ווי נאָר אין די רייען פון פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטייען. אַ יחיד, מעג ער זיין אַפילו די גרויס פון בער באָראָכאָוו, קאָן און טאָר זיך נישט שטעלן ק ע ג ן דעם פּאַרטייאישן קאָ־לעקטיוו. אויב ער איז דאָך אומצופרידן מיט דער פּאַרטיי און איז איבערציינגט, אַז מ'קאָן זי פון אינעווייניק בשום אופן נישט ענדערן, דאַן בלייבט איין וועג — איבעררייסן מיט די פיינטלעכע עלעמענטן און אויסבילדן אַ פּאַרטיי אַ זעלב־שטענדיקע. נישט קיין אינערלעכע רייסענישן און קעגנזייטיקע הינטער־פּיסלעך, נאָר אַן אָפענער פּאָליטישער קאַמף פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער.

אויפן דאָזיקן וועג האָט די ס.־ד.־אָפּאָזיציע געמוזט סוף כל סוף אַרויסגיין צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג אין יאָר 1920.

זיי וועלן נאָך קומען

מיין טור אין אַמעריקע איז געווען פון די געלונגענע. פאַר דעם „האַחדות" איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד פון ריינע 1200 דאָלער. פאַר יענער צייט אַ קאָ־לאָסאַלע סומע. אָבער אַ סאַך וויכטיקער איז געווען דער מאָראַלישער און פּאָליטישער רעזולטאַט פון מיין נסיעה. די פּאַרטיי האָט באַקומען אַ צוטריט צו גרעסערע מאַסן. די „פּובליסיטי" פון „פאָרווערטס" איז מיר אַ היבש ביסל צו נוץ געקומען. ס'האָבן זיך אויף מיינע פאַרזאַמלונגען באַוויזן נייע פּנימער, ס'זענען געקומען הערן אַ גרויס פון פּאַלעסטינע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַזוכט קיין „ציוניסטישע" מיטינגען. זיי האָבן געהערט דאָס ערשטע מאָל אַ וואָרט וועגן אַ ר ב ע ט ע ר ־ פּאַלעסטינע דירעקט פון אַ דאָרטיקן, און ס'האָט זיך „געלאָזט" הערן...

איך האָב באַזוכט איבער 30 שטעט, אָפּגעהאַלטן 50 עפנטלעכע פאַרזאַמ־לונגען, 25 אינערלעכע פּאַרטיי־מיטינגען, זעלבסטפאַרשטענדלעך מיטן צוגאָב פון צענדליקער באַנקעטן.

דער ווינער סעקרעטאַריאַט פונעם פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט אין זיין באַריכט צו די לאַנד־פּאַרטייען אין מאַי 1913 געשריבן:

„אונזערע אַמעריקאַנער חברים האָבן אין דער צייט דורכגעפירט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע פאַרן „האחדות". דער חבר זרבבל האָט באַזוכט פיל שטעט אין אַמעריקע און זיינע רעפעראַטן וועגן דעם נייע פּאַלעסטינע און דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דעם לאַנד, האָבן געהאַט אין אַמע־ריקע אַ גוואַלדיקן דערפאָלג און געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, דאָס זאָגאַר די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע קרייזן האָבן געפונען פאַר נויטיק איינצולאַדן דעם ח' זרבבל אויף אַ מיטינג פון די שטרייקנדיקע שניידער אין ניו־יאָרק און מיט אַ גאַנצער פּאָמפּע האָבן זיי פאַרגעשטעלט דעם פיל טויזנט־קעפּיקן המון דעם חבר זרבבל. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דער אַגיטאַציאָנס־טור האָט געשאַפן אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון „האחדות" און אַריינגעבראַכט איפן „אַחדות"־פאָנד קרוב 1500 דאָלאַר, האָט ער אויך געשאַפן אַ זייער גוטע שטימונג פאַר אונזער אידייען־פאַרשפּרייטונג".

אינעם נומ. 9 פון „פועלי־ציון־ביולעטין", וואָס איז דערשינען אַנשטאָט דעם „יידישן קעמפער", וועלכער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן צוליב פינאַנציעלע טעמים, שרייבט די רעדאַקציע: „דער רושם פון ח' זרבבלס אַרויסטרעטונגען און רעפעראַטן איז אַ זייער שטאַרקער... באַזונדערס שטאַרק איז געווען דער איינדרוק צוליב דעם, וואָס דער רעפערענט האָט נישט געקווינקלט אַרויסצוקומען מיטן אמת. מיר זענען תמיד געוווינט צו הערן באַריכטן פון ארץ־ישראל פון פאַרשידענע רעפערענטן אָדער איינגאַנצן דורך אַ ראָזער שפּאַקטיוו אָדער איינגאַנצן דורך אַ שוואַרצער, אַלץ — אָפּהענגיק פון דער באַציונג, פּאָזיטיווער אָדער נעגאַטיווער, פון דעם רעדנער גופא צום ציוניזם. די ידיעות און די זאַכן, וואָס מיר האָבן דאָס מאָל געהערט, זענען געווען ווייט פון איבערטרייבונגען און ס'האָט אונז אויסגעזען, ווי אַן אמתער שפּיגל פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט. לאַנג לאַנג וועט נישט אָפּגעמעקט ווערן דער דאָזיקער איינדרוק פון האַרצן ביי אַלע יענע, וואָס האָבן באַזוכט די פאַרזאַמלונגען און געהערט די רעפעראַטן. ס'איז קיין ספק נישט, אַז פון איצט אָן וועט שטייגן דער אינטערעס צום נייעם לעבן, וואָס וועבט זיך אין ארץ־ישראל, און פריער אָדער שפּעטער וועט מען קומען צו אונז, צו באַטייליקן זיך מיט אונז אין דער אַרבעט, און די אַרמיי פון יידישע רעוואָלוציאָנערן וועט זיך פאַרמערן אַ דאַנק דער גוטער אַרבעט פון ח' זרבבל... מיר זעגענען דעם ח' זרבבל אין נאָמען פון דער גאַנצער פּאַרטיי און מיר ווילן פון אים איינס, ער זאָל עס געדענקען און אויך איבערגעבן די חברים אין ארץ־ישראל, אַז ס'וועט נישט לאַנג דויערן און די אַמעריקאַנער חברים וועלן אַנהויבן צושטעלן פאַר ארץ־ישראל מענטשן־מאַטעריאַל, און דורכדעם

רעגולירן זייער חוב פאַר זייער געדאַנק, דעם געדאַנק פון דער פאָלקס־באַ־פרייונג". (ציטירט לויטן „האַחדות", נומ. 23, תרע"ג).

די חברים פון אַמעריקע האָבן לאַנג זייער וואָרט נישט געהאַלטן. עס האָט גע־דויערט אַ סאַך לענגער, ווי דאָס איז נויטיק געווען. אָבער אַן אָנהויב איז אויך אין דעם פּרט געמאַכט געוואָרן. איינצלנע האָבן אָנגעהויבן קומען. פון די בעסטע.

אין 1913 איז געקומען איינער פון די ערשטע אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־פּיאָנערן, בערל קליי. מיט זיין אַרבעט, מיט זיין לעבן און מיט זיין טויט האָט ער געשאַפן אין ארץ־ישראל אַ נייע פאָרשטעלונג וועגן די אַמעריקאַנער, ווי וועגן אַ נייעם טיפּ מענטש, וואָס פאַרייניקט טיפן אידעאַליזם מיט פּראַקטישער אונטערנעמערישקייט, קוראַזש מיט תכלית, איז גרייט אויף קרבנות און שטרעבט צו לעבנס־באַרייכערונג.

קליי איז געווען פון די ערשטע. שפּעטער זענען שוין אַ סאַך געקומען. און זיי וועלן נאָך קומען.